STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04229

VIDERVUKS

Der Nister

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דער ניסטער

װידערװוקס

דערציילונגען
נאָװעלן

„סאָװעטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקװע
1969

דער ניסטער איז איינער פון די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער פּראָזע. זײַן הויכע דערציילערישע קונסט האָט געקראָגן איר שליימעס אין די ווערק, וועלכע זײַנען אײַנגעשלאָסן אין דעם דאָזיקן בוך. פאַרפאַסטע אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אַזוי צו זאָגן, אויף די שפּורן פון די בעסטיאַלישע היטלעריסטישע פאַרברעכנס, באַווײַזן זיי דעם מיִעסן פּאַרצעף פון די ברוטאַלע מענוואָלים און הענקער פון דער מענטשלעכער קולטור.

אין „מיילעך מאגנוס“, „פלאָרא“, „ווידערוווקס“, „מײַן באַקאַנטער“ דעקט אויף דער שרײַבער די כאַיִשע נאַטור פונעם פאַשיזם און מאָלט מיט עכטער קינסטלערישער בקיִעס די אינערלעכע וועלט פון די נאַציסטישע קאָרבאָנעס און קעמפער פאַר די שענסטע אידעאַלן פון דער הײַנטצײַטיקייט.

אַפן ניט־אײַלנדיקן דערציילערישן פאָן פאַררײַניקן אין זיך ניסטערס אַנטיפאַשיסטישע שאַפונגען עמאָציאָנעלע אויסדריקלעכקייט און סיפּערהאַמײַסעדיקייט פונעם סוזשעט מיט פילאָסאָפישער פּערספּעקטיװ פון דער פּראָבלעמאַטיק.

א וואָרט וועגן דעם ניסטער

לויטן וואָרצל פון בוים איז די לענג פון זײַן צווײַג,
לויטן סייכל פון מענטשן אזוי איז זײַן וואָרט.

שלוימע איבן גווירל

1

דעם ניסטערס לעבן און שאַפן ברענגען אַפן זיכּאָרן שלוימע איבן גווירלס פּרעכטיקע שורעס; דערבײַ אַסאָציִירן זיי ניט נאָר דעם איקער פּונעם יאָכיד, פּונעם כאַכעם און קינסטלער דעם ניסטער, נאָר אויך דעם מעהוס פון זײַן שאַפונג, די פאַרקערפּערונג פון די אײַנוויייניקסטע געדאַנקען פון א דאָר, זײַנע „אופּרירס און אופּברויזן", זײַן רעאַליזירנדיקע טעטיקײַט און גאַנצקײַט.

דער ניסטער איז פול מיט זין און באַדײַט, אַן אַקטיווער לעבעדיקער גײַסט, וואָס בא זײַן אומבאַגרענעצטער פאַרשיידנאַרטיקײַט איז געווען און פאַרבליבן דער „אליין אין זיך", דער שעפערישער אומרו פון פאָלק, וואָס זײַן קיִעם ווערט דערנערט מיט דער טיפער איבערצײַגונג, אַז די „וועלט־פאַרבעסערונג" מוז און וועט קומען

און ברענגען מיט זיך די פארקערפּערונג פון די שענסטע אידעאַלן פון דער פּראָגרע־סיווער מענטשהײַט.

דער ניסטער דערציילט:

„ס׳זיצט פאר מיר שלוימקע אַליצקי, א באָכערל פון א יאָר זעכצן, אין א פּאַפּאַכע מיט א רויט סטערנגעלע — א צייכן פון א פּארטיזאַנער, מיט אַלע כיינען און פּאָסטעמקעס נאָך פון א קינד, וואָס מ׳האָט פאר דער צײַט אָפּגעריסן פון עלטערן, פון שולבאנק און ארײַנגעוואָרפן אין געווירבל פון אזעלכע געשעענישן, וואָס נאָר אַלפי־נעס איז דאָס געבליבן מיטן קאָפּ אױף די אקסל“.

און ווײַטער: „מע האָט פאר אים אין די אויגן אויסגעקוילעט דאָס גאנצע שטעטל ייִדן, בעסויכעם אויך זײַן טאטן...“ דער בראָך און דער צאר פונעם קינד איז איין לעשאער. אָבער דאָך הערט, ווי דער ניסטער גלייבט און טרייסט:

„והיה ביום ההוא — ווילט זיך נוצן דאָס פײַערלעכע נעוויִים־וואָרט; ס׳וועט זײַן אין יענעם טאָג, ווען דאָס מאלכעס פון שלעכטס וועט אויסריינען, און ווען די קוואָרים פון די קעמפער פאר ווויל און גוטס פון אלעמען וועלן שוין באוואקסן ווערן מיט גראָז — א הייליק לעבעדיק געדעכעניש פאר זייער פארגאָסן בלוט; אָט דעמלט, ווען דו, שלוימקע, דו, צעשעדיקט קינד פון פאָלק, וועסט צוריק יונג ווערן...

אָט דעמלט (אזוי האָפן מיר, און מיט דער האָפענונג לעבן מיר) וועלן מיר דיך זען צווישן די בויער און אופריכטער פון יענע כורוועס אױף אונדזער בארג, ווו פריִער, ערשט־אָ, האָבן אומשפּאצירט שאקאלן; מירן דיך זען טראָגן ליים און ציגל פארן פאָלקס־ביניען, מיט וועלכן מיר וועלן זיך גרויסן, ווי מיט אלע אופגעריכטע ביניאָנים...

והיה ביום ההוא, ס׳וועט זײַן אין יענעם טאָג, דער טאָג פון אופריכטונג, פון וועלט־פרידן און פעלקער־פארשטענדיקונג“.

דער פּאָעטיש־קינסטלערישער אײַנשניט און די ביטאָכנדיקע דערהויבנקײַט פון די געבראכטע ניסטערס שורעס האָבן געפונען זייער פארקערפּערונג אין די אנטי־פאשיסטישע דערציילונגען און נאָוועלן, וואָס זײַנען אײַנגעשלאָסן אין דעם דאָזיקן בוך. און כאָטש אין אייניקע פון זיי זעט זיך בוילעט אָן מער דער טרויער און דער בראָך, דאָך וועט דער אופמערקזאמער לייענער דערפילן דעם שרײַבערס אופלײַטערונג און אופלויכטונג, זײַן טיפן גלויבן אין דעם טאָג פון אופריכטונג. באזונדערס גיט עס זיך שטארק צו פילן אין די ווערק „פלאָרא“, „ווידערוויקס“ און „מיילעך מאגנוס“.

צו וואָס פארא טיפקײַטן פון דער מענטשלעכער נעשאָמע האָט זיך דער ניס־טער דאָ דערקליבן, וועלכע מענטשלעכע הייכקײַטן האָט דער ניסטער דאָ געשיל־דערט, קעגנשטעלנדיק זיי ברוטאלישקײַט און כײַעראָעדיקײַט, קעדיי צו דערווײַזן, אז סאָפּקאָלסאָף זיגט ניט די האק, נאָר דאָס פײַער פון האס, אָט יענץ פײַער, וואָס געבוירט די שטארקסטע ליבע צו שיינקײַט און גוטסקײַט — די גרונט־סימאָנים פון לעבן און לעבעדיקײַט, — צו דעם וועלן מיר זיך אומקערן, ווײַל פריִער מוז מען אייניקע ווערטער זאָגן וועגן דעם קינסטלער און זײַן וועג אין דער ייִדישער ליטע־ראטור.

דער ניסטער איז א פסעוודאָנים. זײַן נאָמען איז פּינכעס קאַהאַנאָוויטש. געבוירן דעם 1 נאָיאַבער 1884 יאָר אין דער שטאָט בערדיטשעוו, האָט דער קומענדיקער שרײַבער זײַן קינדהײַט און יוגנט פאַרבראַכט אין א סוויווע, וווּ די ייִדישע קולטור האָט געשפּילט אַן איבערוועגנדיקע ראָליע אין דער פאָרמירונג פון זײַן אינערלעכער וועלט. אָבער דער יונגער ניסטער האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט נאַציאָנאַל-עטנאָגראַפישע ראַמען, אים האָט אויך געצויגן צו יענע גרויסע גײַסטיקע ווערטן, וואָס די שענסטע קעפּ פון דער מענטשהײַט האָבן געשאַפן. און מיט וואָס פאַר א ייִרעס-האַקאָוועד ער האָט זיך צו זיי באַצויגן, קאָן דינען די כאַראַקטעריסטיק פון דער אַלט-גריכישער קולטור, וואָס עס גיט זײַנער א פּערסאָנאַזש אין דער דערציילונג „מײַן באַקאַנטער": „...פלעגט ער זיך דעמלט אָפּט פאַרנעמען מיט דער גריכיש-רוימישער קלאַסיק, דערהויפּט מיט פילאָסאָפן, וועלכע ער פלעגט קעסיידער אַרומ-טראָגן אין קעשענע, און קומענדיק צו מיר, פאַר מיר זיי פאָרלייענען: ווי, לעמאָשל, פלאַטאָנס „די סודע" אָדער „פעדאָן", וועלכע ער האָט שטאַרק באַליבט, און לייענענדיק, מיר באַווײַזן צוערשט, וואָס ס'הייסט אזוינס די גאָלדענע לאָגיק, אויב מ'קאָן אזוי זאָגן, און זאָגנדיק דערבײַ, אז יעדעס מאָל, ווען ער שטייט פאַר יענע קוואַלן, דאַכט זיך אים, אז ער געפינט זיך א שטילבאַגליקטער צושויער בא א זילבער-פליסנדיקן וואַסער פון א פלאַכן טײַכל, שטיל און גרין באַהאַלטן צווישן בוים און גראָזן, און ער קוקט צו, ווי אַלטע כאַכאָמים און באָרוטע לײַט פאַנגען גאָלדענע פיש אין גרויס באָרוטקײַט".

און צוליב וואָס איז נייטיק דערמאָנען דאָס אַלץ? פאַרשטייט זיך, אונדז, לייענער פון ווערק, וואָס זײַנען אָרגאַניש פאַר דער קולטור פון פאָלק, וואָס פאַרבלײַבן אף אייביק אין די געדעכענישן פונעם פאָלקס-זיקאָרן, ווילט זיך וויסן די גײַסטיקע אַטמאָספער, וואָס האָט געדינט אַלס קוואַל פאַר דעם שעפער פון די דאָזיקע ווערק. דערגרייכנדיק די דאָזיקע קוואַלן, הייבן מיר אָן צו פאַרשטיין, אז אזא קינסטלער, ווי דער ניסטער, איז ניט נאָר געווען באַווירקט, נאָר האָט אויך געווירקט, אז זײַן שאַפן איז ניט בלויז רעזולטאַט, נאָר אויך אָנהייב. פון וואָס? פון וועלן דערהייבן די געשטאַלטיקונג פון דער נאַציאָנאַלער טעמע ביז דעם ניוואָ פון אַלמענטשלעכקײַט. בא זײַן גאַנצער פאָלקס-אָרגאַנישקײַט, בא זײַן אומדערמידלעכער שטרעבונג אויפצודעקן די אינערלעכע וועלט פון דעם מענטשן מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, דערלאַנגט דער ניסטער זײַנע העלדן אין אזא פאַרטיפטער אייגנטימלעכקײַט, אז זיי ווערן די אויסדריקער פון פאַראַלגעמיינערטע מענטשלעכע אייגנשאַפטן. טאַקע דערפאַר האָט דער ניסטער אין איינער פון זײַנע ערשטע פּאָעמעס „מיר" געשטעלט די פראַגע:

אוי, ווער ווייסט אונדז,
ווער זשע ווייסט אונדז?
אונדז, די קינדער
נאָך פון אַן אַלט פאָלק.

זעט מען דען ניט, ענטפערט דער דיכטער, „אונדז אַף רוקן רײַט די צײַט", וואָס „טרײַבט אונדז, טרײַבט און פירט צו עפּעס". דעם ניסטערס „עפּעס" האָט אַן אַלגעמיין געזעלשאַפטלעכן באַדײַט, ס'מיינט, אַז אויך זײַנע העלדן וועלן, פאַרענ־דערנדיק זייער סוגעסטיע, צוזאַמען מיט אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן קעמפן פאַר אַ וועלט, וווּ ס'הערשט סאָציאַלער יוישער און גערעכטיקײַט.

אין זײַנס „אַ מײַסעלע מיט אַ נאָזיר און מיט אַ ציגעלע" באַגעגנט אַ וואַנדער־מענטש אַ קאַרליק, פון וועמען ער דערוויסט זיך, אַז אין איינער אַ מעגילע שטייט געשריבן: „אַז פרייד אין די פליגלען און אָדלער אין וואָלקן, אויגן אין קאָפּ און ווײַטקײַט פאַר אויגן, און עמעס ניט הויך און ניט ווײַט". וווּ זשע איז דער עמעס, וויל וויסן דער אייביקער זוכער. ניט אין די וואָלקנס, ניט אין די הימלען. „דער עמעס, — זאָגט דער קאַרליק, — איז אין דער ערד... יאָ, עמעס איז דאָס קערנדל..." אין דער רעאַלער ווירקלעכקײַט איז ער פאַרבאָרגן, אין דער דאָיִקער וועלט געפינט ער זיך, דאָ דאַרף מען אים זוכן.

דעם ניסטערס שאַפן איז אייגנטימלעך דער אומופהערלעכער ווילן אויסצוגעפינען און צו דערלאַנגען אין קינסטלערישע אויסדריקלעכע בילדער אָט „דאָס קערנדל".

3

און פונקט אַזוי ווי יענער קאַרליק, וואָס דערציילט דעם מענטשן וויכטיקע זאַכן, איז אַ וועזן אַ פאַרבאָרגענער, אַזוי האָט זיך אויך, ווי געזאָגט, פאַרהוילט אין אַ פּסעוודאָנים פּינכעס קאַהאַנאָוויטש. אָבער פאַרוואָס?

די גרויסע אָוועס פון אונדזער גײַסטיקער קולטור האָבן ניט געהאַט די פּניִע אַרויסצושטעלן זייערע אייגענע נעמען אַף זייערע אייגענע שאַפונגען. אין העסקעם מיט דער דאָזיקער פײַנער טראַדיציע האָט פּינכעס קאַהאַנאָוויטש אַרויסגעשטעלט אַף זײַן ערשטן ווערק (און נאָכדעם אַף אַלע איבעריקע) ניט זיך, נאָר זײַן „דער ניס־טער". אין דער פאַרהילונג האָט אויך געשפּילט אַ ראָליע דעם שרײַבערס באַשיידנ־קײַט, זײַן מענטשלעכע אַניוועס, וואָס איז געווען אַ שעם־דאָווער.

אָבער אינעם פּראָצעס פון דער אַנטפּלעקונג פון זײַן קינסטלערישן מעהוס איז דער ניסטער געוואָרן איינער פון אונדזערע לערער. אַזוי־אַרום האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז זײַן אָנקניפּן זיך אין דער טראַדיציע איז ניט קיין צופעליקײַט און אַז באַשיידנקײַט איז מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע ציכטיקײַט.

געקניפּט און געבונדן מיט מענדעלען, שאָלעם־אַלייכעמען און פּערעצן, האָט דער ניסטער געהאַט זײַן פּראָבלעמאַטיק. ער האָט זי דורכגעטראָגן קימאַט דורך אַלע זײַנע ווערק. די דאָזיקע ניסטער־פּראָבלעמאַטיק הייסט: די שטרעבונג פונעם מענטשן צו האַרמאָניע און די סטירעס, וואָס ליגן אַפן וועג צו דערגרייכן איינהײַט און שליימעס צווישן מענטש און נאַטור, צווישן מענטש און מענטש.

פאַר זײַן טעמע האָט ער שטענדיק געזוכט אַזוינע קינסטלערישע מיטלען, וועלכע זאָלן איר פולקאָם אַנטשפּרעכן. דער ניסטער איז אַזוי־אַרום געקומען ניט נאָר מיט אַן אייגן וואָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר אויך מיט אייגנאַרטיקע קונסט־מיטלען. דעריבער איז ער געוואָרן און פאַרבליבן גוסעך.

דער ניסטער האָט זיך געהאַלטן בא מענדעלעס געבאָט: „איר ווילט עפּעס טאָן פֿאַרן פֿאָלק, מעהייכעטייסע, צו וואָס געפּילדער און געשריי?"

אַרײַנגעגאַנגען איז פּינכעס קאַהאַנאָוויטש אין דער ייִדישער ליטעראַטור שטיל, אָן ראַש, אָן טומל, אָבער גלײַך אַ באַמערקטער, ווײַל אייגנאַרטיק איז געווען דער קינסטלערישער שטאָף, די וויזיע און דער באַדײַט פֿונעם זאָגער און געזאָגטן.

אין דעם ניסטערס „פּערעץ האָט גערעדט, און איך האָב געהערט" איז פֿאַראַן אַזאַ שטעל: „אַז איך פֿלעג אים פֿאַרגלײַכן מיט זײַנע מיטצײַטלער, מיט די גרונט־לייגער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פֿלעגט ער מיר קעסיידער אויסזען ווי די זון איבער זיי: מענדעלע — דער שוואַרץ־אויפֿגעאַקערטער באָדן, שאָלעם־אַלייכעם — די אַרויסגעוואָקסענע זאַנגען־שעפֿע, און ער — די זון, וואָס וואַרעמט, ליכט־בענטשט און מאַכט וואַקסן".

פּערעץ האָט געמאַכט וואַקסן אַ גרויסע פּלעיאַדע ייִדישע דיכטער און שריפֿט־שטעלער אין דער ערשטער העלפֿט פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, צווישן וועלכע דער ניסטער פֿאַרנעמט דעם אויבנאָן.

דער ניסטער איז באַוווּסטזיניקע קינסטלערישע אַוואַנגאַרד, ער איז איין גוס, פֿון איין שטיק זײַנען אויסגעשמידט אַלע זײַנע ווערק, זײַן גאַנצער באַשאַף, אין זיי זײַנען פֿאַרקערפּערט זײַן פֿאָליפֿאָנישע שטים, זײַן רײַכע נאַטור און שעפֿע, זײַנע גרויסע קינסטלערישע מעגלעכקײַטן און זײַן שטענדיקע שטרעבונג מיט וואָרט און קלאַנג, מיט דיכטערישן קישעף, מיט קינסטלערישן שטאָף דינען זײַן פֿאָלק.

אַמאָל, אין מײַן אָנוועזנהײַט, האָט פּערעץ מאַרקיש געפֿרעגט בא ניסטערן: ווי, מיינט ער, דאַרף מען דינען דעם פֿאָלק? דערויף האָט אים דער ניסטער געענטפֿערט מיט אַ מײַסע, וואָס ער האָט נאָרוואָס אויסגעטראַכט. אין איינער אַ מעדינע, האָט דערציילט ניסטער, האָט געלעבט אַ פּירשט. אין זײַן מעמשאָלע האָבן זיך געפֿונען אַ סאַך ייִדן. און דער פּירשט איז געווען אַ בייזער און אַ גרויזאַמער. נאָר איין מענטש, מענאַכעם, האָט צוטרוי געהאַט באַם פּירשט. זײַנע באַקאָשעס פֿלעגט דער פּירשט באַווייליקן. איינמאָל, ווען דער פּירשט איז אין גרימצאָרן אַרײַן, האָט ער באַפֿוילן איינעם אַ ייִדן צוליב אַ קלייניקײַט אויפֿהענגען. דערבײַ האָט ער מוידיע געווען, אַז די, וואָס וועלן קומען מישטאַדל זײַן זיך פֿאַר דעם דאָזיקן אומגליקלעכן, וועט ער אויך אויפֿהענגען. די זאַך איז דערגאַנגען צו מענאַכעמען, האָט ער אָף זיך אָנגעטאָן טאַכריכים און איז געקומען צום פּירשט בעטן, ער זאָל אָפּשאַפֿן זײַן גזאַר. דאָס לעבן דאַרף מען זײַן גרייט אָפּגעבן דעם פֿאָלק, — האָט פֿאַרענדיקט דער ניסטער...

דער גוירל און די געשיכטע פֿון די ברייטסטע ייִדישע פֿאָלקסמאַסן איז קאָמ־פּליצירט ביז גאָר, ביז דער העכסטער מאַדרייגע. באַזונדערס אין די אומשטענדן צווישן די ביידע רוסלענדישע רעוואָליוציעס, אין די וווּנדערבאַרע יאָרן פֿון דער סאָציאַליסטישער בויונג און אין די גרויזאַמע טעג פֿון דעם פֿאַרביטערטן קאַמף קעגן דער היטלעריסטישער ברוינער פּעסט.

דער צײַט־אָפּשניט פֿון ניסטערס שאַפֿונג, די טקופֿע פֿון זײַן טעטיקײַט איז געווען אָנגעזעטיקט מיט רעוואָליוציאָנערן פּאַטאָס און פֿאַרצווייפֿלונג, מיט ענטו־

זיִאַסטישער האָרעוואַניע און בלוטיקן קאַמף פאַרן קיום פון פאָלק. דאָס לעבן פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין דער דאָזיקער טקופע איז געווען דער אויסגאַנגס־פונקט און דער סאַכאַקל פון ניסטערס שאַפונג.

4

אין זײַן ערשטן ביכעלע „געדאַנקען און מאָטיוון“, וואָס איז דערשינען אין 1907 יאָר, האָט זיך שוין אָנגעמערקט איינע פון זײַנע גרונט־טעמעס: האַלעמײַ דאָס, וואָס ווערט געבוירן, מוז אומקומען, ווי פּאַסט זיך אײַן סטירע און איינהײַט אין איין נעפעש? דער שרײַבער איז פאַר דויער און אויסדויער, פאַר אומקום, וואָס געבוירט נײַעס, דעריבער שיקט ער דער אייביקער שעפערישקײַט פון דער נאַטור זײַנע הייסע בראָכעס.

מענדעלע האָט דער ערשטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור פאַרברידערט די נאַטור מיט די געפילן און געדאַנקען פון זײַנע פאַרשוינען, זי געמאַכט פאַר א שוטעף און באַגלייטער פון פיל מענטשלעכע גורלעס. שאָלעם־אַלייכעמס העלדן האָבן קיין צײַט ניט געהאַט אפילע אַף א רעגעלע פאַרקוקן זיך אַף א בלויען הימל, אַף א לעוואָנע־אויפגאַנג, אַף א זונען־שטראַל. ראַק זיי האָוועז, זוכן, נישטערן פאַרנאָסע. אַלס דיכטערישן אָביעקט האָט נאַטור איר געזעצלעכע רעכט געקראָגן אין אונדזער ליטעראַטור אַדאַנק פּערעצן. און פּאָרזעצנדיק זײַן דערפאַרונג, האָט דער ניסטער באַזעצט זײַנע ערשטע דיכטערישע ווערק, זײַנע מײַסעלעך אין פּערזן, מיט פרילינגס און האַרבסטן, מיט מײַזעלעך און מיזעלעך, מיט הינטעלעך און קעצעלעך, מיט בערן און וועלף. דער ניסטער האָט אין זײַן ליבע צו דער נאַטור סינטעזירט פּאָעטישע וויזיע פון א העלעניסט און עכטן עקסטאַז פון א נאָווי. ניט צופעליק באַטראַכט מען ניסטערן אַלס דירעקטן פאָרגייער פון דער קינדער־דיכטונג פון יענע סאָוועטיש־ייִדישע פּאָעטן, וואָס האָבן מיט היסלײַוועס באַזונגען די נעשאָמע פונעם קינד און געעפנט פאַר איר די נאַטור מיט אירע אײַנוווינער מאָלע־כײַן.

אין די שוואַרצע יאָרן פון דער סטאָליפּין־רעאַקציע איז דער ניסטער געבליבן זיך טרײַ, ניט פאַרלאָזן די האָפענונג, אַז די גערעכטיקײַט וועט דאָך קומען און זיגן, און פרייד וועט זײַן, און געזאַנג וועט זײַן. אין דעם „ייִדישן אַלמאַנאַך“ (קיִעוו, 1910) דרוקט זיך דעם ניסטערס „פרילינג“, ווו צווישן אַנדערע לייענען מיר: אַלץ ווערט נײַ, ווערט נײַ און פריש און לעבעדיק, ווײַל האָפן און האָפט, ווײַל גלייבן און גלייבט... דער דיכטער זאָגט אָן: וואָלקנס פאַרשווינדן און עס באַווײַזט זיך א ברייטער, בלויער, פרײַער, נײַער הימל. „און ווינטל־פריש, און פויגל־קיל און פרילינג־באַלד“.

שוין אין „פרילינג“ איז אײַנצוזען, אַז דער יונגער שרײַבער האָט א שטאַרקן כוש פאַר פילאָסאָפיש־עטישע פּראָבלעמען. באַזונדערס בולעט אַנטפּלעקט זיך די דאָזיקע אייגנאַרטיקײַט אין זײַנע שאַפונגען, וואָס זײַנען אַרײַן אין זײַן צווייטן און דריטן בוך „העכער פון דער ערד“ (וואַרשע, 1910) און „געזאַנג און געבעט“ (קיִעוו, 1912). די שטרעבונג צו מאָראַלישער פאַרטיפערונג האָט באַדינגט ניסטערט קינסטלערישע מאַניר: די נעטיִע צו דעם קינסטלערישן סימבאָל. און לאָמיר גלײַך באַטאָנען: אין אַלע ווערק פאַרבלײַבט ער געטרײַ זײַן נוסעך, ווו דער סימבאָל איז איינער פון

זײַנע גרונט־עלעמענטן. ווײַל סימבאָלישקײַט האָט פאַרן שרײַבער א פּרינציפּיעל וויכטיקע קינסטלערישע פונקציע, ווײַל סימבאָלישקײַט האָט אים געדינט אלס מיטל רעאַליסטיש צו פּאַראַלגעמײנערן, אָפּצושפּיגלען די ווידעראַנאַנדן און די טיפענישן פון דערווירקלעכקײַט, דערלאַנגען זיי אין דער העכסטער פאָרם פון דיכטערישער אויסגעקנאָטנקײַט. מע טאָר ניט פאַרזען דאָס אָריגינעל ניסטערישע, זײַן שעפערישע פערזענלעכקײַט, וואָרעם אין זין פון באַהערשן די סימבאָליש־קינסטלערישע סיסטעם איז דער ניסטער א „חד במינו" אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אָבער אין די יאָרן, ווען דער ניסטער האָט געאַרבעט אף זײַנע צוויי בענדער „געדאַכט" (בערלין, 1922 און 1923) און „פון מײַנע גיטער" (כאַרקאָוו, 1928) האָט די סימבאָלישקײַט פון די פּערסאָנאַזשן און זייערע מײַסים געטראָגן א כאַראַקטער פון דעם, וואָס דאָסטאָיעווסקי פלעגט באַצייכענען אלס „דאָס פאַנטאַסטישע" אין דער רעאַליסטישער ליטעראַטור. אין ניסטערס „גיטער" און „געדאַכט" פּרעוואַלירט דאָס באַדינגלעך־פאַנטאַסטישע, וואָס דערלאָזט אומדערוואַרטע סיטואַציעס.

5

א וויכטיקער טראָפּ אין דעם ניסטערס שאַפונג זײַנען זײַנע „דרײַ הויפּטשטעט" (כאַרקאָוו, 1934), וווּ דער שרײַבער האָט פאַרגאַפּט באַשרײַבן די גרויסע, מאַמעש היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין די יאָרן פון דער אלץ פאַרענ־דערנדיקער פאָלקס־מי. וועגן דער קרעמל־וואַנט, וואָס סימבאָליזירט בא אים דעם רעוואָליוציאָנערן ווילן פונעם אַרבעטער־קלאַס, שרײַבט דער ניסטער, אז ער זעט איר טרוים אויסצולייזן פון נויט און שקלאַפערײַ. אין „פון פינפטן יאָר" האָט דער ניסטער מיט א דערהויבענער קינסטלערישער קראַפט באַוויזן די קויכעס, וואָס האָבן מיט לײַב־און־לעבן זיך אָפּגעגעבן דער פאַרווירקלעכונג פון דעם טרוים, וועגן וועלכן ס'גייט א רייד אין „דרײַ הויפּטשטעט".

מיט נעוויינשן פּאַטאָס רעדט דער ניסטער אין זײַנע „דרײַ הויפּטשטעט" וועגן לענינען, זײַן גראַנדיעז־היסטאָרישן אופטו און אומשטערבלעכע מײַסים: „זי זעט אויס ווי פאַרטײַעט, די וואַנט... זי קוקט און טראַכט פונעם מאַוזאָליי בא איר צופוסנס און פונעם רויטאַרמייער מיט דער ביקס פון אויבן. ס'דוכט זיך איר, אז דאָס איז ער אליין דאָרט, דער פון מאַוזאָליי, איצט אף דער וואַך.

ער האָט דאָ פריִער געטראָטן, און פונדאַנען האָט זיך נאָך זײַן לעבעדיק קאָל צו די מאַסן, וואָס זײַנען אין שלאַכט געגאַנגען, געהערט, און אויך איצט טרעט ער. און — ווער ס'האָט אן אויער, דער הערט, ווי ער רופט אויך איצט די מאַסן: פריִער צו די זין פון זײַן אייגן לאַנד צו קאַמף און זיג, און איצט — צו קאַמף און זיג אויך פון אַנדערע לענדער".

די „דרײַ הויפּטשטעט" איז דער בעסטער באַווײַז, אז אן עכטער קינסטלער מוז אַרויסהייבן אין זײַנע ווערק אָט יענע פּראָבלעמאַטיק, וועלכע האָט צו טאָן מיט היסטאָריש־אָנגעצייכנטע און סאָציאַל־אומפאַרמײַדלעכע געשעענישן, וואָס זײַנען פאַר־בונדן מיטן גורל פון פאָלק און דער וועלט. דערבײַ איז וויכטיק צו באַטאָנען דעם ניסטערס קינסטלערישע פּאָזיציעס: איך טרוים, זאָגט דער שרײַבער, מיט איר וואָר, אפן באָדן פון וואָר — איר גרויסן און ליכטיקן, שוין נאָענטן צוקונפט־טרוים.

די קינסטלערישע פּאַרווירקלעכונג פון דעם טרוים „אפן באָדן פון וואָר“ איז פּאַר ניסטערן סוביעקטיוו און פּאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אָביעקטיוו געווען זײַן ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער“ (מאָסקווע, 1939). ס׳איז א גראַנדיִעז ווערק, וואָס האָט אַף א וואָרטפולן אויפן אַרויסגעבראַכט דעם קויעך־האַפּויעל פון זײַנע וווּנדערבאַרע, כ׳וואָלט געזאָגט, איינסאָפּעדיקע שעפערישע פּאָטענצן. דאָס איז א ווערק פון ברייטן פאַרנעם און גרויסן, רעאַליסטישן, סטיל. וועגן דעם דאָזיקן ווערק האָט מען בא אונדז א סאַך געשריבן, דעריבער וועל איך זאָגן בלויז עטלעכע ווערטער.

„די מישפּאָכע מאַשבער“ איז א סאָציִאַל־פילאָסאָפישער ראָמאַן. און די דאָזיקע שרײַבערישע אויסגעוויילטע זשאַנער־פאָרם לאָזט צו דערציילן קימאַט אַף א כראָניקאַלן אויפן דעם גוירל פון א מישפּאָכע, דורך וועלכער עס זעט זיך אָן דער גאַנג פון דוירעס, דער אינערלעכער היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס קלײַבט אָפּ, ס׳הייסט וואַרפט אָפּ דאָס פאַרעלטערטע און באַזאָרגט דעם אופגאַנג פון די נײַע, שעפערישע, צוקינפטיקע לעבנס־קויכעס פונעם פאָלק.

אין דעם בוך שטעלט אוף דער קינסטלער „דרײַ רינגען“, דרײַ סאָציִאַלע שיכטן, וועלכע זײַנען געקניפּט און געבונדן צווישן זיך, כאָטש זיי זײַנען פאַרשיידן און געפינען זיך אין סטירעס און ווידעראַנאַנדן. ניסטערס געבענטשטע פּען מאָלט דעם קנופּ און געווירבל פון די באַזיצער פון די דרײַ רינגען: פון די מוישעס און לוזיס מאַשבער, פון די סרולי גאָלס און מיכל בוקיערס, פון גיטעלען און אירע טעכטער, פון מײַערלען און פון יענע, וואָס שטעלן פאָר די אָרעמע מאַסע. אופשטעלנדיק זייער אינערלעכע וועלט אַף די אָנגעזעטיקטע מיט לעבן זײַטלעך פון זײַן ראָמאַן, באַווײַזט דער ניסטער די פאַרשיידענע אַספּעקטן פונעם פאָלקס כאַראַקטער.

דער ניסטער איז בא אונדז עפּשער דער טענדענציִעזסטער שרײַבער. און דאָס איז איינע פון זײַנע העכסטע מײַלעס. טענדענציִעז זײַן מיינט ניט אָנבינדן א לונג־און־לעבער, ניט אויסטראַכטן עפּעס אַזוינס, וואָס מוז ווערן צוליב טאָן, געפעלן ווערן. ניין, טענדענציִעזקײַט הייסט פאַרקאָכט זוכן „דאָס קערנדל“, באַזיניקן היסטאָרישן גוירל און געפינען דעם ציל, דעם, צוליב וואָס און וווּהין עס באַוועגט זיך די ראָד פון דער געשיכטע. יאָ, ניסטער איז טענדענציִעז, ווײַל אַלץ, וואָס ער בויט אויס, דיכטעט אויס „אפן באָדן פון וואָר“, זעט פאָר א מאָראַלישע סענטענץ, איז מיט א פילאָסאָפישן רעמעז, און דער ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער“ איז אין דעם זין דער טענדענציִעזסטער ייִדישער ראָמאַן. און כאָטש דער ניסטער זאָגט אין זײַן פאָרוואָרט: „כ׳האָב, שרײַבנדיק דאָס בוך, זיך געהאַלטן בא יענעם מעטאָד פון קינסטלערישן רעאַליזם, וואָס באַטײַט דאָס זעלבע, וואָס געטעס באַוווּסטער געבאָט: „מאָל, מאָלער, און שווײַג“, — דאָך שטרײַכט ער אונטער, אַז ער האָט עס געטאָן „מיט דער זיכערקײַט, אַז דאָס געדאַרפטע, דאָס פאַר אונדז געוווּנטשענע וועט קומען בעמײַלע, אליין פונעם עצעם געטרײַען מאָלן...“ און דער איקער־ציל פון זײַן אַרבעט, זאָגט אָפּנהאַרציק דער מעכאַבער, איז געווען „יענע בונטאַרישע ערשטלינגען, וואָס מיט זייער דערווײַל נאָך שוואַכן, אָבער פון צײַט צו צײַט שוין אופקנאַלנדיקן פּאַרטויבטן אומרו קומען זיי באַווײַזן, אַז עפּעס קלײַבט זיך דאָרט הינטער יענעם האָריזאָנט, אויב ניט אַף הײַנט, איז אַף מאָרגן, אַף איבערמאָרגן... איז אָט, צו דעם

באהאלטענעם פײַער, וואָס אין די פּאָלעס פון יענעם יונגן דאָר, איז דעריקער מײַן אויג געווענדט".

„די מישפּאָכע מאשבער" איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר ניסטערן סײַ מיט אירע פּראָטים און קינסטלערישע דעטאַלן, סײַ מיט איר פילאָסאָפישער טענדענץ: אינעם פארוואָרצלטן אָווער דערזען דאָס צווײַגל פונעם אופלויכטנדיקן אָסיד, דעם אופבליץ און די אנטשטייונג פון יענע אידעאַלן, נאָך וועלכע עס בענקט און גלוסט און פאַר וועלכע עס שלאָגט זיך די יונגע, די נײַע וועלט.

דער ניסטער שטייט אין איין ריי מיט די גרעסטע פּראָזע־מײַסטער פון דער אַל־סאָוועטישער ליטעראַטור. און ס'איז בעפּיירעש א פאַרדראָס, וואָס זײַנע ווערק זײַנען נאָך אַלץ ניט איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש און דעריבער נאָך ניט אָנגעקומען צו די ברייטסטע שיכטן לייענער פון אונדזער לאַנד.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ווילט זיך דערמאָנען וועגן דעם שמועס, וואָס דער פּראָפעסאָר זאָרעך גרינבערג האָט בעשײַטע געהאַט מיט מאַקסים גאָרקי. „איך האָב גאָרקין דערציילט, — שרײַבט גרינבערג, — וועגן דער פּלעיאַדע טאַלאַנטפולע יידישע שרײַבער און פּאָעטן.

— מע האָט מיר טאַקע דערציילט, — האָט גאָרקי ווי זיך דערמאָנט, — וועגן נאָך א טאַלאַנטפולן יידישן שרײַבער, וועגן ניסטערן. לײדער, איז מיר ניט אויסגעקומען צו לייענען עפּעס פון זײַנע ווערק. — און ער האָט צוגעגעבן:

— מ'דאַרף די יידישע שרײַבער איבערזעצן. זייער ווייניק האָט מען זיי איבערזעצט".

6

און אַחרון, אַחרון חביב: דעם ניסטערס שאַפונגען פון זײַנע לעצטע יאָרן, ווערק, וואָס זײַנען אײַנגעשלאָסן אין דעם דאָזיקן בוך און וועלן, האָפן מיר, דערשײַנען צום 85־טן יאָרטאָג פון זײַן געבוירן.

פאַרייניקט זײַנען זיי מיט איין טעמע: גײַסטיקע גוורע איז ניט בײַצוקומען, און דער פאַשיזם מיינט פאַרניכטונג און צעשטערונג, אומקום פון דער וועלטס שענסטע און בעסטע ווערטן, פון איר כּיעס, פון אירע קיִעמדיקע ווינקלשטיינער. גראָד אין די דאָזיקע דערציילונגען, כאָטש ס'וועט זיך ווען־עס־איז אויסווײַזן, אַז דאָרטן פיגורירן בלויז קאָרבאָנעס, פּאַסיווע נאַטורן, האַנדלען, פאַרקערט, ס'ראָוו מענטשן, וואָס זײַנען אָנגעלאָדן מיט קאָנצענטרירטער ענערגיע און האַלטן אויס דעם אָנגריף פון ברוטאַלער קראַפט. וואָס לערנט אונדז אזא, צום בײַשפּיל, נאָוועלע, ווי „העשל אַנשעלעס"? ווער איז ער, דער העשל? ער איז אַלט פינף־זעקס און צוואַנציק יאָר, דאָך איז ער שוין באַלאָדן מיט וויסן, קעמוי אַן ענציקלאָפּעדיע, און איז דעריבער גרויס באַוווסט צווישן דער אינטעליגענץ. פיזיש, עמעס, איז ער שוואַך, מיט א בלאַס פּאָנעם און מיט אײַנגעפאַלענע שלייפן. ווען אַף דער פּוילישער שטאָט, ווו ס'האָט געלעבט העשל, פאַלן אָן די היטלער־האָרדעס און פאַרכאַפּן זי, פאַרשפּאַרן זיי די יידן אין געטאָ... זעען מיר העשלען פריִער א געצוווּנגענעם מיט א טשעמאָדאַן אין די ציין, וואָס א פאַשיסטישער מענוויל הייסט אים טראָגן, און שפּע־

טער מיט א פינגער אין מויל, וואָס העשל האָט שוין אליין, עמעס א דולער, אָבער א פרײַער, פון קיינעם ניט געצווונגענער, אָפּגעביסן בא א נאציסט, ווען יענער האָט זיך אין געטאָ באוויזן... העשלען ברענגט מען אום. דער לייענער אָבער באקומט דעם אײַנדרוק, אז העשל האָט געזיגט. און אפילע פיזיש. ווײַל, ווי דער ניסטער גיט צו, ווען מע וואָלט העשלען געלאָזט לעבן נאָך „אָט דער באוווסטזיניק־אָפּגענומענער נעקאָמע", וואָלט ער זיך צוריק אף די פיס געשטעלט, באפרײַט זיך פון זײַן דולקײַט און ווידער מענטש געוואָרן.

„העשל אנשעלעס" איז א בלוטיקע טראגעדיע. דאָס איז די טראגעדיע פון טראכטן. בלויז קאָנען טראכטן איז ניט גענוג. לערנט אונדז די געשיכטע, אז די פארברידערונג פון קאָנען טראכטן מיט קאָנען קעמפן און שלאָגן זיך איז זיגרײַך, איז דערלייזנדיק. העשל קומט אום, אָבער וויאזוי? א צופרידענער און אן אויסגעלאָדענער אין זײַן נעקאָמע־נעמען. העשל איז אין זײַן האס שטארקער פון דעם פינצטערלינג, וואָס האָט באגנעטן און באָמבעס, וואָס הערשט מיט דער הילף פון אכזאָריעס און „אקציעס".

ווי אין „העשל אנשעלעס", אזוי אויך אין די דערציילונגען „מייער לאנדשאפט", „מײַן באקאנטער" און אנד. דריקן אויס זייערע פערסאָנאזשן אין זייער געשטאלטלעכער קאָנקרעטקײַט די טיפסטע טיפענישן פון דער מענטשלעכער נעשאָמע אין דעם אכרײַעסדיקן מאָמענט פון איר עקזיסטענץ. דורך פײַן און צאר זעט זיך בוילעטער אָן איר עכטקײַט און שליימעס.

דער ניסטער האָט דאָ פאר זײַנע ווערק בעקיוון אויסגעקליבן דעם דערציילערישן נוסעך פון א כראָניקער, קעדיי מיט דער הילף פון דער פּאָשעטקײַט און וואָרהאפטיקײַט פונעם סוזשעט אופדעקן, ווי מע זאָגט, די נעשאָמעס פון זײַנע באליבטע העלדן.

די נעשאָמע־אופטרייסלונגען און די איבערלעבונגען פון א העשל, מייער לאנדשאפט אָדער פונעם באקאנטן ווערן אופגעדעקט מיט אזא קינסטלערישער מאָס און שעפערישער בכינע, אז זיי קניפן אָן די אנטיפאשיסטישע שאפונגען פון אונדזער מעכאבער צו די הייכן פון די אייראָפּעישע ליטעראטורן אף דער זעלבער טעמע.

א באזונדער אָרט אינעם בוך פארנעמט „פלאָרא". אין דער דאָזיקער דערציילונג איז פארפיקסירט דער גרויל פון יענער צײַט, דער שווערער געמיט פון די מילכאָמע־אומשטענדן. און דאָך איז זי א ליריש־לויטערע קאָנסטרוקציע פון קליינע נאָוועלן אין א פאָרם פון א טאָג־בוך, ווו סע שטראָמען אורקוואלן און קוואלן פאר אָרגאנישער און סינטעטישער וויזיע און פארקערפערונג פון דער פסיכאָלאָגיע פון דער הײַנטצײַטיקער יידישער יונגער פרוי. דער ניסטער האָט זײַן פלאָרא באהעלט מיט דעם פלאם־פײַער פון זײַן דיכטערישער פאנטאזיע, געמאָלט איר טמימעסדיקײַט און שטאָלץ, איר גוורע און ווירדע, איר גרייטקײַט זיך שלאָגן פארן קיעם פון פאָלק. פלאָרא איז א נײַער טיפּ אין דער יידישער ליטעראטור, א נײַע קינסטלערישע קאטעגאָריע, א נײַ פּאָזיטיוו געשטאלט פון א יידישער פרוי. איר מעכאבער האָט זי באשאפן בלוטפול און וואָרהאפטיק, אין העסקעם מיט די סאָציאלע און נאציאָנאלע אומשטענדן פון איר לעבן און זײַן.

7

דער ניסטער איז געווען איינער פון די פּאַטריאַרכן פון דער סאָוועטישער יִדישער ליטעראַטור. טאַקע דערפאַר האָט זיך צו אים געצויגן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, די נאָבלסטע שעפער פון דער יִדישער סאָוועטישער קולטור. זיי פלעגט שטאַרק אײַנגיין צו וויסן „און וואָס טראַכט דער ניסטער" וועגן זייערער א זאַך אָדער וועגן א וויכטיקער אַלפאַלקישער געשעעניש.

אויסערלעך א רויִקער, שטענדיק, דוכט זיך, א פאַרנומענער מיט זיך, מיט זײַנע געדאַנקען, איז דער ניסטער אין טאָג געווען אָפענע אויגן און אָנגעשפּיצטע אויערן. האָט נאָך ווער געקאָנט אזוי טיף ארײַנקוקן און אזוי שאַרף הערן, ווי ער?

א הויכער קלאָרער שטערן, טיפע ווארעמע אויגן, באַכיינטע, מיט א קלוגן אינערלעכן פײַערל. אַן אָפּשײַן פון א שטילן איראָנישן שמייכל שלענגלט זיך ערגעץ אין די ווינקלען פון זײַנע ליפּן און באַצירט אזוי פײַן זײַן פּאָנעם — א פּאָנעם פון א כאָכעם. אזוי האָט אויסגעזען ניסטער — אונדזער ליבלינג.

ער האָט געהאַט א האַרץ, וואָס האָט געוויטעקט פאַר יענעם און איז שטענדיק געווען אָפן פאַר פרעמדע ליידן. צו דעם ניסטער האָט מען זיך געצויגן. יעדן מענטשן האָט ער געריכט אהין, ווו ער קאָן אויסגעפינען אין זיך דאָס עכט מענטשלעכע, יעדן מענטשן האָט ער געפירט אפן וועג פון ליכט און זונענשײַן. דער ניסטער האָט געהאַט א סאַך פרײַנט, צווישן זיי שלוימע מיכאָעלס און פּערעץ מאַרקיש, יעכעזקל דאָברושין און שמועל האַלקין, ביניאָמין זוסקין און מוישע בראָדערזאָן...

די אינדערפריִען פלעגן געהערן נאָר דעם שרײַבטיש. קיינער טאָר ניט קומען, קיינער טאָר ניט שטערן. און ער אליין איז אזוי פאַרטאָן, אז ווען עמעצער זאָל זיך יאָ ארײַנרײַסן אומדערוואַרט, וואָלט ער אַלציינס מוזן פאַרלאָזן דעם צימער אָן אומבאַמערקטער. די אינדערפריִקע שאָען זײַנען שאָען פון דיכטערישער האָרעוואַניע, אין וועלכע עס ווערן פאַרגעשטאַלטיקט, אָנגעטאָן אין הויט און ביין דיכטערישע וויזיעס, וואָס זײַנען אָנגערעגט פון דער ווירקלעכקײַט, פונעם גרויסן ווונדער, וואָס הייסט לעבן. דער ניסטער שניצט אויס, קישעפט אויס זײַנע לוזיס און העשלס, לייבלס און מייערלעך, זײַנע מיליעס און פלאָרעס, מוישקעס און עלקעס... אין די אינדערפריִקע שאָען דעקט ער דעם כויוו פאַר דוירעס. אַף אים איז אין די דאָזיקע שאָען כאַל די כאַראַקטעריסטיק, וואָס ער אליין גיט זײַן גרונט־געשטאַלט, לייבלען, אין זײַן לעצטנס פאַרעפנטלעכטן ווערק „פון פינפטן יאָר" (זע „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 1, 1964). „יאָ, ריכטיק, — שרײַבט דער ניסטער, — ער, לייבל, איז שוין דעמלט ווילד פאַרקאָכט און איבערן קאָפּ פאַרטאָן געווען אין יענער ארבעט, צו וועלכער ער האָט זיך מיט גרויס ברען איבערגעגעבן, שעפנדיק פון איר גרויסע מאָראַלישע באַפרידיקונג".

דעם ניסטער פלעגט מען קאָנען זען אין די אָוונטן, דאַן איז די טיר פון זײַן צימער געווען ברייט צעעפנט... א נאָבעלער, א שמייכלענדיקער, א גאַסטפרײַנטלעכער באַגעגנט דער ניסטער זײַנע געסט, פאַר יעדן פון זיי געפינט ער אַן איבערצײַגעוודיק וואָרט, א קלוגע אייצע, א באַרויִקנדיקע שטימונג.

דער ניסטער האָט ניט געדולדעט קיין שום סימען פון עגאָיִזם, פון אייגנליבע, אַן ערלעכער און פרינציפּיִעלער, פלעגט ער ניט לײַדן קיין שום פאלשקײַט. ער האָט אָפן און לײַדנשאפטלעך געליבט און אויך אָפן ארויסגעוויזן זײַן סינע. געמיינ־הײַט און ברוטאלקײַט פלעגט ער אמשארפסטן פארורטיילן, נעגירן מיט יענער מאָס פאראכטונג, וואָס איז געווען אייגנטימלעך אים, דעם גרויסן שרײַבער און מענטשן, וועלכער האָט הויך געשעצט און מיט אלע קויכעס פארטיידיקט „דאָס קערנדל", דעם גרויסן עמעס פון אונדזער צײַט...

דעם ניסטערס לעצטער טאָג איז געווען דער 4־טער יון 1950. אָבער ער לעבט און וועט אייביק לעבן אין זײַן דיכטונג און פּראָזע.

„די בכירע פונעם מענטשן, — שרײַבט מוישע איבן עזרע, — זאָגט איידעס פון זײַן סייכל, אָבער שאפן א ליטעראריש ווערק איז מער ווי פארשטיין און קע־נען". דעם ניסטערס בכירע און הויך־קולעלדיקער באשאף האָט פארייביקט זײַן אויסטערלישן און וואונדערבארן גײַסט. דערקענען ניסטערן הייסט לייענען, לערנען, מאָרשן און פארשטיין זײַנע ווערק.

מ. בעלענקי

מײַלעך מאַגנוס

(בלעטער ביִאָגראַפיע)

קאַפּיטל אײנס

הא, װען איז דאָס געװען?!..

אָן ערעך דעם זעקסטן, זיבעטן יאָר, װען מײלעכקע מאַגנוס (װי מ׳האָט אים נאָך דעמלט גערופן פאַרצװיגן) האָט גענומען װערן אָן אײַנגײער בא פײגעלען... בא דער, װאָס כאָטש זי האָט געהאַט קרענקלעך רױטס אין די באַקן, װײַל אירע לונגען זײַנען ניט געװען אין אָרדענונג און דערפאַר פלעגט זי זיך אָפּט װיצלען פאַר אירע פיל באָכערים נאָכפאָלגער און פאַרערער, זיך אָנפּרעגנדיק אַף אַ װערטל: הא, װי מײנט מען, װיפל האָט זי נאָך דאָ צו זיפּען און בא װיפל מײדלעך קומט זי נאָך זײערע באַשערטע אָפּשלאָגן? — כאָטש מ׳האָט זי אַלעמאָל געטראָפן אין איר באַזונדערן מײדלשן צימער, אַף דער װײכער אַטאַמאַנע, מיט די פיס אונטער זיך, דאָס

קלייד איבער די קני און באַשטענדיק אין אַ ווייכער שאַל אײַנגעהילט, ווײַל ס'האָט זי געפּרעסטלט, ניט געקוקט אַף דעם, איז דער באָכערים־באַזוך באַ איר געווען אַ פֿיל־פֿיל גרעסערער, ווי באַ אַנדערע. פֿאַרוואָס? ווײַל עפּעס האָט אַראָפּגעקוקט פֿון אירע שוואַרצע, קלוג־געשאָרענע לעקעלעך איבער איר קורץ־האַרטלעכן יינגלשן שטערן אַזוינס, וואָס האָט איר געגעבן דעם רייץ פֿון צוויי געשלעכטן מיטאַמאָל. און ווען זי פֿלעגט זיך דערצו נאָך אַמאָל שמײַדיקקעצלדיק אַ שאַר טאָן, אַפֿילע בלויז נאָר מיט אַ בליק צו איינעם פֿון אירע נאָכפֿאָלגער און פֿאַרערער, אַזוי גלײַך פֿלעגט יענעם נעמען אַ קילן, אַ ברִיען אין האַרצן. דערצו, ווידער, האָט זי געהאַט אַ געשליפֿן צינגל אַף קאָנען אָפּצוענטפֿערן אַ כאָכמע אַף אַ כאָכמע, אַ וויץ אַף אַ וויץ, און קלאָל ניט בלײַבן הינטערשטעליק בענעגייע קיינעם...

— אָ, אָ, — האָבן אירע פֿאַרערער שטילערהייט געטראַכט וועגן איר מיט גרויס באַוווּנדערונג און האָבן פֿאַרליבט־אונטערזיפֿצנדיק איר נאָענטקײַט באַגערט.

און ס'איז טאַקע געווען, ווען צו באַגערן... און נו, איז הײַנט ווער האָט זיך גערעכנט, אַז דער סאַמע גליקלעכער, וואָס וועט באַ איר אַמערסט אויסנעמען, וועט גאָר זײַן דער, וואָס איז ביז אַהער קיינמאָל איר שוועל ניט אַריבערגעקומען און וואָס, ווי ס'וואָלט געדאַכט, האָט אויך ניט געהאַט צוליב וואָס צו קומען, ער, דער ביכער־פֿאַרשוין, וואָס האַלט זיך ווײַט פֿון פֿרויען, מאַכמעס שעמעוודיקײַט, און וואָס אַלע זײַנע כאַווײרים פֿון דער קאַרליקאָווער סאָציִאַליסטישער פּאַרטיי, צו וועלכער ער האָט געהערט, האָבן וועגן אים זיך געוויצלט, ווי שוין פֿון אַ פֿאַרזעסענעם, כאָטש אינדערעמעסן איז ער נאָך גאָר ניט אַלט געווען, נאָר פֿאַרקערט, יונג און אין דער יוגנטלעכער מײַלע: שטענדיק ציכטיק געקליידט, שטענדיק אַקוראַט די האָר אַף אַ שרונט פֿאַרקעמט, און שטענדיק אַזוי גלאַט ראַזירט, אַז אַנדערע האָבן אַפֿילע געקאָנט מיינען, אַז ער האָט ניט וואָס צו ראַזירן...

יאָ, און דאָך אַ שטיק באָדול, דאָס הייסט אַן אַרויסגענומענער און אין דער זײַט־זיך־האַלטנדיקער פֿון אַלע געזעלשאַפֿטן, אויסער דער, צו וועלכער ער האָט, זײַענדיק אַ פּאַרטייִשער, געהערט, און פֿאַר וועלכער ער האָט אויסגעפֿירט די אַרבעט פֿון רעדאַקטירן, קאָרעגירן און אויסבעסערן די מאַטעריאַלן פֿאַר דער טאָג־פּרעסע, אָדער פֿאַר מער ערנסטע דרוק־זאַכן, צו וועלכער מ'האָט אים צוגעצויגן, ווי אַ באַלאָדענעם מיט פֿיל וויסן אַף פֿאַרשיידענע געביטן.

אויסער אָבער אָט די פֿליכטן האָט ער זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט אַפֿילע פֿון די אייגענע, און אַזוי ווײַט, אַז קיינער האָט אַפֿילע ניט געוווּסט — ווו ער וווינט, ווי ער לעבט און מיט וועמען ער כאַוועֶרט זיך...

מ׳האָט נאָר געוווּסט, אַז ער איז שטאַרק מוזיקאַל, אַז ער קאָן, אָן אַ שטים, אויסזינגען גאַנצע אָפּערעס, גלײַך ער וואָלט געהאַט ליגן פאַר זיך זייערע פּאַרטיטורעס. מ׳האָט ווײַטער געוווּסט, אַז אָט די קאָנצערטן מאַכט ער דורך מיט זיך אַליין, ניט פאַר קיינעם, שטייענדיק אַמאָל לעם אַ פענצטער, אָדער אין אַנדערס מאָל גאָר מיטן פּאָנעם צו אַ וואַנט געווענדט. מאָדנע!..

און נאָך מער מאָדנע, וואָס ווי אָנשטענדיק, העפלעך ער האָט זיך ניט אויפגעפירט מיט די, וואָס פון איין לאַגער מיט אים, אַזוי אויך אומאָנשטענדיק און קלאַל ניט העפלעך פלעגט ער זיך באַגיין מיט מענטשן פון אַנדערע לאַגערן — אַפילו מיט אַזוינע, מיט וועלכע ער איז אָקאָרשט ערשט געווען כאַווײרים, נאָר וועלכע האָבן זיך אַ ליכטן קער געטאָן אין אַן אַנדער זײַט, ווי ער, צושטייענדיק, לאָמיר זאָגן, צו אַן אַנדער קאַרליקאָווער פּאַרטיי, וואָס אין טאָך איז צווישן זײַנער און יענער גאָרניט אַזאַ גרויסער כילעק געווען.

אַזוי האָט מען דערציילט, ווי ער האָט איינמאָל, אין 5־טן יאָר, ווען ער האָט געדאַרפט אויסבאַהאַלטן בײַ זיך אויף איינער אַ נאַכט איינעם אַ פאַרקאָנספּירירטן כאַווער, וואָס האָט ערשט מיט אַ קליין שטיקל צײַט צוריק אַריבערגעוואַנדערט פון זײַן פּאַרטיי אין אַן אַנדערער, איז ווען ער איז געבליבן מיט יענעם אין זײַן קליין צימערל, וואָס מיטן איינעם טישל, איינעם בענקל און איינעם בעטל, און ס׳איז געקומען די צײַט פון שלאָפן גיין, האָט ער יענעם, דעם געוועזענעם כאַווער, אָפּן בעטל אַוועקגעלייגט, און אַליין איז ער די גאַנצע נאַכט וואַך געזעסן, ניט וועלנדיק זיך צושפּאַרן צוזאַמען און זײַן מיט יענעם אַ נאָענטער שאָכן אין שלאָף, אַכוץ דעם, וואָס ער האָט אויך פאַרן שלאָף קימאַט מיט יענעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, מאַכמעס ווידערווילן און אָפּגעפרעמדטקײַט.

יאָ, אַזאַ אָפּגעשלאָסענער סעקטאַנט האָט ער אַמאָל זיך געקענט אַרויסווײַזן אַפילו בענעגייע מאַנצבלען, הײַנט, פאַרשטענדלעך, אַז אויב ער האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט אין באַציִונג צו פרויען, האָט מען דאָס אַוואַדע געהאַלטן פאַר נאַטירלעך, צושרײַבנדיק דאָס זײַן טרוקענער טעווע, וועגן וועלכער מ׳האָט זיך דערלויבט, ווען־ניט־ווען, נאָר גוטמוטיק זיך אַ וויצל טאָן, אָבער ניט מער.

מ׳האָט שאָלעם געמאַכט מיט זײַן געשלאָסנקײַט און מ׳איז צו אים ניט צוגעשטאַנען, ניט געוואָלט אים איבערמאַכן און אים אָנבינדן אַן אַנדער אויפירונג, ווי די, וואָס איז אים אייגנטלעך געגעבן. מ׳האָט אים אָנגענומען, ווי ער איז, אים גרויס אַכטנדיק אַליין פאַר זײַן געווויסנהאַפטיקײַט און פאַר די פיל קענטעניש, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן באַם אויספילן זײַנע פּאַרטיי־אויפגאַבן און פליכטן.

און נאָר אַמאָל, אונטער אַ יאָמטעוו, אויף אַ כאַווערשער ליאַמע, ווען מ׳איז זיך פריילעך צעגאַנגען, און ווען דער אוילעם האָט

אַרײַנגעכאַפּט פֿון מאַשקע איבעריקס, האָט מען געזען אויך אים צו דערוואַרעמען און אַרײַנצוציִען אין דער סימכע צוגלײַך מיט אַלע. מ'האָט אים אונטערגעטראָגן אַ קאָס נאָך אַ קאָס: „טרינק, טרינק, מײַלעכקע!"... און דעמלט, ווען אויך ער האָט זיך אַ ביסל צעהיצט און ווען אין זײַן אַלעמאָל בלאַסלעכן פּנים האָט זיך פֿאַרב באַוויזן, און זײַנע גרויליכע אויגן האָבן גענומען שאַרפֿלעך אונטערגלאַנצן, און ווען זײַן שטענדיק שווײַגנדיק־געשלאָסן מויל האָט שוין גענומען עטוואָס אָפּגעריסענע אויסגעשרייען אַרויסגעבן, האָט מען זיך אויך דעמלט מער בײַ אים ניט געקאָנט דערשלאָגן, ווי נאָר ער זאָל אַרויס מיט זײַן שטענדיקן „שלאָגער", וואָס ער האָט געהאַט אויסבאַהאַלטן אויף אַזוינע פֿאַלן — מיטן באַוווּסטן פֿאָלקס־לידל „האָב איך מיר אַ מיכעלקע", וואָס ער פֿלעגט דאָס אויסזינגען מיט גרויס היסלײַוועס און אַפֿילע מיט אַ גוטער, געשולטער שטים, וועלכע האָט זיך בײַ אים, בײַ אָט דער געלעגנהײַט, באַוויזן...

„האָב איך מיר אַ מיכעלקע, אַ מיכעלקע, וווינט ער אויף דער לאַנגער גאַס..." דערבײַ פֿלעגט ער זיך פֿײַערלעך פֿון אָרט אופֿשטעלן, און אַז מ'איז געקומען צו די רעפֿרענען, ווי „מאַכט ער מיר, מאַכט ער מיר אַ פֿײַפֿעליו", אַזוי פֿלעגט ער קונציק באַווײַזן מיט די ליפּן און לערנען דעם אוילעם, וואָס האָט אים אונטערגעהאַלטן, מאָס און טאַקט, וויִאַזוי שטיל און אויף וואָס פֿאַר אַ בעסטן מוזיקאַלן אויפֿן מ'פֿײַפֿט אויס דאָס „פֿײַפֿעליו"...

און שוין. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן „שלאָגער", פֿאַרענדיקט מיט „מיכעלקען", האָט מען אים ווידער דערזען אין אויסגעשלאָסענעם, מיט שטאַרק צוגעמאַכטע דינע ליפּן אין זײַן ווידער בלאַס־געוואָרע־נעם פּנים, ניט געקוקט אויפֿן טרונק, וואָס ער האָט אַרײַנבאַקומען און וואָס האָט אים אויף אַ ווײַלע, פֿאַרן זינגען און בײַסן זינגען, דערוואַרעמט, און אויך דעם גאַנצן אָוונט דערנאָך, ווען דער אוילעם האָט פֿאַרבראַכט, צוערשט בײַ ברענענדיקע לאָמפּן, און אַמאָל שוין בײַ אויסגעלאָשענע, ווי ס'פּירט זיך, ווען יעדער איינער געפֿינט זיך אין דער פֿינצטער זײַן פּאָר, מיט וועלכער ער האָט גערן אין געהיים און אין גאָר נאָענטקײַט צו פֿאַרברענגען, — אָט דעמלט איז ער, מײַלעכקע, געבליבן ערגעץ אין אַ ווינקל אָן אַ פּאָר, אין איינצל־פּערזאָן, און — צי מיט באַדויערונג אויף זײַן אַליין־געבליבנקײַט, צי ניט, איז אין דער פֿינצטער ניט געווען אַרויסצוזען...

און דאָ, נאַ דיר גאָר מיטאַמאָל ער, מײַלעכקע, בײַ פֿייגעלען — בײַ דער, וואָס פֿיל היגע און אויך פֿרעמדע באָכערים האָבן ניט אויפֿגעהערט זי צו באַזוכן, האָבנדיק אַ גוטן אופּנעם בײַ אירע עלטערן און ביפֿראַט בײַ איר אַליין, וועלכע האָט זיך געפֿילט בײַ זיך אין צימער, זיצנדיק אויף דער אַטאַמאַנע, ווי אַזאַ, וואָס איעדער פּאָר באָכערשע פּיס, וואָס גייען איר שטוב פֿאַרבײַ, זײַנען ניט

אימשטאנד זי אויסמײַדן, און צי מ׳האָט ערנסטע מײנען מיטן באַזוך, צי נישט, אָבער באַזוכן מוז מען זי...

זי איז געווען באַוווּסט אין די פּאַרטײ־קרײַזן בלויז ווי א מיטפילנדיק באַלעבאַטיש טעכטערל, פון וועלכער מ׳האָט ניט איבעריקס געפאָדערט, פּונקט אַזוי, ווי פון אירע עלטערן, וועלכע האָבן אַליין ניט אָנטײלגענומען אין דער באַוועגונג, נאָר האָבן זיך דאָך דערלויבט ניט צו פאַרהאַקן די טיר פאַר אַזוינע, וועלכע האָבן געהאַט גאָר ניט קיין געהויבענעם קרעדיט בא דער דעמאָלטיקער מאַכט און וואָס די דינער פון יענער מאַכט — די פּאָליציי און זשאַנדאַר־מען — האָבן געהאַלטן אין אָנגעצילט־געווענדט אויג אױף זיי.

אַגעוו, זיי, די עלטערן, האָבן דאָס געטאָן, ערשטנס, צוליב זייער טעכטערל, וועלכע האָט דאָס באַגערט, ווײַל דאָס האָט איר געשאַפן מײדלשן נאַכעס־רועך; און צווייטנס, אויך צוליב מאָראַלישע ליבעראַלע טײַמים, וויסנדיק, אַז אַזויווי זייער שטוב, ווי א שטוב פון היפּש־פאַרמעגלעכע, געפינט זיך אויסער פאַרדאַכט, קאָן זי דערום דינען פאַר א שמירע און שוצמיטל פאַר יענע, וואָס זײַנען יאָ פאַרדעכטיק, אַז מע זאָל אויף זיי בעסער נעמען קוקן, אויב זיי האָבן א צוטריט אין אַזא הויז, ווי זייערס.

יאָ, דאָס אַלץ איז ריכטיק, אָבער פאַרט ווי קומט אָט דער מײלעכקע אַהין צו פייגעלען?

אָט ווי:

ס׳איז שוין געווען נאָכן פינפטן יאָר, נאָך דעם ווי די רעוואָ־ליוציע האָט אָפּגעפלאַקערט; נאָך דעם ווי פיל קאַרליקאָווע פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך זײַנען אויס געוואָרן און צערונען, און נאָכן אָפּשטראָם פון די מאַסן, וועלכע האָבן זיך אין זיי אַנטוישט, איז זייער טײַך־בעט אויף אַזויפיל אויסגעטריקנט געבליבן, אַז זיי האָבן קיין שום סימען־פּלוס נאָך זיך ניט געלאָזט... ס׳איז געווען נאָך דעם, ווי דער גרעסטער טייל פון די פריִערדיקע אינטעליגענטן אָנטײלנעמער און טוער אין דער באַוועגונג, וועלכע האָבן אינדערעמעסן גאָר ווייניק וואָרצלען געהאַט צווישן יענע מאַסן, צו וועמעס טויווע, קלוימערשט, זיי האָבן זיך אין די רעוואָליוציע־יאָרן געטומלט, — האָבן איצט, ניט האָבנדיק מער צו טאָן צווישן יענע מאַסן, זיך אומגעקערט צוריק צו די פּראָפעסיעס פון זייער טאַטנס שווערעש, פון וועלכן זיי האָבן געשטאַמט, — ווער צו מיסכער און פינאַנסן, אַלס אָנגעשטעלטע אין קאָנטאָרן און אין בענק, און ווער צוריק צו זייער לערן־שטודיום, וועלכע זיי האָבן, פאַרכאַפּט פון דער באַוועגונג, פריִער געהאַט איבערגעריסן.

אָט דעמלט איז אויך אַזא ווי מײלעכקע מאַגנוס, א פון זאָטל אַרויסגעשלאָגענער, ניט האָבנדיק, ווו זיך אַהינטאָן, מאַכמעס זײַן פריִערדיקע פּאַרטײ־באַשעפטיקונג איז באָטל געוואָרן — זיך געווען געצוווּנגען מיט עפּעס וואָס כאָטש זײַן פּוסטקײַט פון נאָכן ראש צו

דערפֿילן, און זאָל זײַן אַפֿילע אַף אַן אויפֿן, ווי אַרום אַ פֿרויען־צימער אַרומגיין...

צי ער האָט דאָ אײגענע איניציאַטיוו אַרויסגעוויזן, ווען ער האָט איינמאָל, אין איינעם אַן אָוונט, צו אָט דער פֿייגעלע אין צימער זיך אַרײַנגעשטעלט; צי ניט קיין אײגענע, נאָר ער איז פֿון אַ כאַווער, אַ באַקאַנטן אַהין פֿאַרשלעפּט געוואָרן — אויך אַ זאַך, וואָס פֿריִער וואָלט דאָס בעשום־אויפֿן ניט געקאָנט געשען; אַזוי צי אַזוי, נאָר אַז ס'איז שוין יאָ געשען, דאָס הייסט, אַז מײלעכקע האָט אַרײַנגעטראָפֿן אין יענעם צימער צו פֿייגעלען, אומגעריכט קימאַט אי פֿאַר זיך אַליין, אי אַוואַדע פֿאַר אָט דער פֿייגעלע, וועלכע האָט פֿון אים פֿיל געהערט, סײַ ווי ביכלאַל וועגן אַ זייער ערנסטן, און דערצו נאָך ווי פֿון איינעם מיט גרויס וויסן, און וועאַל־קולאָם נאָך מיט אַ סטאַזש פֿון אַזאַ אָפּגעזונדערטקײַט און פֿון פֿרויען זיך ווײַט האַלטנדיקן, אַז מענטשן האָבן אים אין מויל געהאַט, רײדנדיק וועגן אים ווי פֿון גאָר־גאָר אַ מאָדנעם אויסנאַם; — אַז דאָס האָט יאָ געטראָפֿן, איז וואָס געהער איר, פֿייגעלען, אַליין, האָט איר אַוואַדע געשמייכלט אָט דער באַזוך, וועלכער האָט זי געמאַכט זיך איבערנעמען, האַלטנדיק זיך אַליין אויך פֿאַר אַן אויסנאַם, אויב אַזאַ, הייסט עס, ווי ער, מײלעכקע, איז, סאָפּקאָלסאָף, אויך ניט געבליבן אויסער איר פֿרויען־ווירקונג און האָט אויך געוואָלט, צי ניט געוואָלט — איר שוועל געמוזט אַריבערשפּאַנען...

אַזוי פֿייגעלע, אָפּגערעדט שוין פֿון אים, מײלעכקען, וואָס אַליין דער פֿאַקט, וואָס ער האָט זיך דערזען אין אַ מיידלש געמיטלעכער סוויווע, אין אַ מיידלשן צימער, די ווענט מיט טעפּיכער באַהאַנגען, און דאָס מיידל אַליין זיצן אַף אַטאַמאַנע, באַלויכטן פֿון אַ לאָמפּ פֿון אונטער אַ ראָז־רויטלעכן אַבאַזשור, וואָס אַף אַ לעבן־שטייענדיקן טואַלעט־טישל, אָפּגערעדט שוין פֿון אים, אַז ער האָט זיך דערזען דאָרט, ווו קיינמאָל ביז אַהער ניט, איז פֿאַרשטענדלעך, וואָס דאָס פּאָנעם האָט זיך אים גענומען מינען און בײַטן פֿון בלאַס אַף רויט און פֿאַרקערט, און דאָס מויל איז אים אָט אַמאָל געבליבן געשלאָסן אַף די שטאַרק־צוגעמאַכטע דינע ליפּן, און אָט האָט עס זיך געעפֿנט און ער האָט געלאָזט אַרויסהערן עפּעס אַ הייזעריקלעך־באַסאָווע, היקענדיקע שטים, אַ ניט גלײַכמעסיקע, ווי בײַ אַ יינגל, בײַ וועמען דאָס קאָל ברעכט זיך, אָדער ווי בײַ איינעם, וואָס דער האַלדז איז בײַ אים ניט גוט דורכגערייניקט.

ער האָט זיך געפֿילט שרעקלעך פֿאַרלוירן דעם גאַנצן ערשטן אָפּדערנאַכט, און ווען זי, פֿייגעלע, וואָלט ניט געוועזן וויסן, ווער דאָס איז און ווער ס'זיצט פֿאַר איר, וואָלט זי דערנאָך, נאָך זײַן אַוועקגיין, אויסהערנדיק, וואָס ער האָט יענעם אָפּדערנאַכט פֿאַר איר גערעדט, ניט גערעדט, נאָר עפּעס האַלב געמרוקעט, האַלב געבעבעט, —

געקאָנט פון אים רעכט כויזעק מאכן און אף איר קלוגיטשקן אויפן אפילע אים מיט פעדערן באשטעקן...

זי האָט דאָס אָבער ניט געטאָן: זי האָט געזען, אז זײַן פארלוירנ־קײַט און האלב־שטומע בעבערײַ איז ניט פון אומקענטעניש און פון דעם, וואָס אָט דער מענטש האָט ביכלאל ניט וואָס צו זאָגן, נײן, נאָר פון דעם, וואָס זי, ווי א פרוי, האָט אף אים, אפן ניט־באהאוונטן און מיט פרויען ניט־געוווינטן מאנצבל, געמאכט אזא פלעטנדיקן אײַנדרוק, ביז אים צו ברענגען אָדער צו שטומעניש, אָדער צום הייפעך — צו ריידן קימאט ניט צו דער זאך...

און ס'איז אוועק... ער, מיילעכקע, איז שוין פון ערשטן באזוך בא פייגעלען געווען א פארקאָכטער, ווי מע זאָגט, ניט־נישט: האָט ער זיך געהאלטן ווײַט פון פרויען — איז ווײַט; אָבער ווי נאָר ער האָט דעם ערשטן טראָט געמאכט אף זיך צו דערנעענטערן, האָט ער שוין פון קיין אָפשטעל ניט געוווּסט, האָט ער זיך דערפילט א צוגעבונדענער, אף אים ניט אָפצורײַסן, און אף וויפל ער האָט פריִער פארמאָגט סעקטאנטישע ליבע און איבערגעגעבנקײַט אף זיך אָפצו־געבן זײַן פארטיי־זאך, אף אזויפיל האָט ער זיך איצט, מיט דעם זעלבן, איבערגעטראָגן אף אן אנדער געביט, ער זאָל איצט מער ניט האָבן אף זײַן וועלט געזען, אויסער איר, אויסער אָט דער פייגעלען אף דער אטאמאנע, טאָמיד אין א שאל אײַנגעהילט, ווײַל ס'האָט זי עפעס קרענקלעך געפרעסטלט.

ער איז געוואָרן שטענדיקער באזוכער בא איר... צי ער האָט עפעס גערעדט, דערציילט, זיצנדיק פאר פייגעלען, צי ניט, צי געשוויגן — איז אלציינס; אָבער די אויגן פון איר האָט ער ניט געקאָנט אָפרײַסן, ווי א גלויביקער פון אן אָפגאָט, צו וועמען זײַנע בליקן זײַנען געווענדט מיט שטום־אכטנדיקער באוווּנדערונג אזוי, אז ס'האָט געדאכט, אז אָט באלד וועט ער דאָס מויל עפענען און ארויס מיט א געבעט פאר איר.

פייגעלע האָט אים ניט אָפגעשטויסן. פארקערט: זי האָט פון אלע באָכערישע באזוכן אויסגעטיילט די זײַניקע צום מער בעסערן און זיי ארומגעשטעלט מער פײַערלעך דערמיט, וואָס ווען ער איז פאר איר געזעסן, האָט זי זיך ניט דערלויבט קיין פרײַ־שפאסנדיקע און אופגעבונדענע האלטונג, ווי מיט אנדערע, נאָר האָט, פארקערט, געשאפן א מין דערעכערעצדיקע צוים פאר זיך, פון וועלכער זי האָט ניט געוואגט ארויסגיין און א ליאדע שפאן טאָן, ניט ביים ער האָט איר עפעס אין אויער ארײַנגערעדט, און אויך ניט אפילע, ווען ער איז געבליבן א שווײַגנדיק־פארליבטער און אין זיך פארשלאָסענער.

אלע אירע ביזאהעריקע אָנהענגער און נאָכפאָלגער האָבן באמערקט איר אנדערשדיקע באציִונג צו אָט דעם פרעמדלינג, פון וועלכן זיי האָבן די ערשטע צײַט, ביים זײַנע ערשטע באזוכן, אפילע פון אים אָפגעלאכט, אים ניט האלטנדיק פאר קיין קאָנקורענט...

איצט אָבער זײַנען זיי, מיט באַדויערן, געקומען צום אויספּיר, אַז זייערע אייגענע באַמיִונגען און זייער גרויס היימיש־זײַן מיט אָט דער פייגעלען בלײַבן אָן דערפאָלג, און אַז פאַרקערט: דאַפּקע דעם, וואָס, לויט זיי, האָט ער גאָר קיינע אויסזיכטן ניט געהאַט בײַ איר אויסצונעמען און געפעלן, איז, לויט עפּעס א מיספאַרשטייעניש אָדער איבער א פרויען־קאַפּריז, פון איר אויסדערוויילט אַף סאָפּקאָלסאָף אים צו זאָגן, אין איינעם א שיינעם טאָג, דאָס, וואָס אַלע אַנדערע האָבן שוין דערוף לאַנג אויסזיכטלאָז אַרויסגעקוקט, אַז יאָ, זי איז זײַנע...

און ס'האָט שוין טאַקע דערבײַ געהאַלטן, סײַ אירע נאָכפאָלגער האָבן דאָס געזען, סײַ אויך אירע עלטערן, וועלכע האָבן געוויס ניט געהאַט קעגן, זעענדיק אין אים, אין אָט דעם מייִלעכקען, אַ זייער אַ סאָלידן, אַ זייער־זייער אַ פאַרליבטן, אַ א מענטש מיט א שטאַרקער זויבערער פאַרגאַנגענהײַט, וואָס וועט, געוויס, וויסן ערלעך צו האַלטן און שעצן זייער איינציק־געצערטלט טעכטערל, אַזוי ווי ס'איז אייגנטימלעך פאַר אַזעלכן, ווען ער פאַרקאָכט זיך און גיט זיך אָפּ א ליבע, וועלכע ווייסט ניט פון אין קיין שום אַנדער זײַט אָוועקצוקוקן... ס'האָט שוין דערבײַ געהאַלטן: איין וואָרט פון איר זײַט, אָדער איין ווונק פון זײַנער, און די עפנטלעכע דערקלערונג פון וועגן זייער פאַרקנאַסונג וואָלט צו שטאַנד געקומען, אייגנטלעך אָבער האָט מען שוין דאָס פאַרשפּאָרט צו דערקלערן: ס'איז אויך קלאָר געווען, אַז הײַנט־מאָרגן וועט מען דיביידע צוויי, מייִלעכקען מיט פייגעלען, טרעפן האַנט בײַ האַנט נאָענט צוזאַמען זיצן אין כאָסן־קאַלעשער קרויוועשאַפט.

אָבער דאָ פּלוצלינג האָט געטראָפן א זאַך, וואָס האָט צעשטערט די פאַריייניקונג פון אָט דער פּאָר.

ס'האָט געטראָפן, אַז איינמאָל, ווען מייִלעכקע איז געקומען צו פייגעלען מיט אַן ערעוו כאָסן־באַזוך, שוין א געזיכערטער, אַז ער קומט ווי צו זיך, ווײַל טאַקע הײַנט־מאָרגן וועלן אַלע זײַטיקע זיי איבערלאָזן אַליין אַף זיך צונויפרײַדן און דאָס לעצטע וואָרט זיך זאָגן... אָט דעמלט האָט זיך געמאַכט, אַז צוזאַמען מיט מייִלעכקען האָט זיך אַרײַנגעשטעלט נאָך איינער פייגעלעס א באַקאַנטער, אַפּרײַער געוועזענער טוער אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס אָבער נאָכן פינפטן יאָר, נאָכן אָפּפאַלום פון דער רעוואָליוציע־כוואַליע, איז אויך ער אַראָפּגעפאַלן; און ווי ס'ווײַזט אויס, פון אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג, וואָס ער איז געבליבן אויס און באַזײַטיקט פון יענער אַרבעט, אָן וועלכער ער, ווי א מענטש מיט א שטאַרקן געזעלשאַפט־לעכן טעמפּעראַמענט, האָט זיך געפילט, ווי אָן לופט, — האָט ער זיך אַריבערגעפּעקלט אין דער אַזוי־גערופענער אַנאַרכיסטישער פּאַרטיי, וואָס בעצעמעס איז דאָס גאָר קיין פּאַרטיי ניט געווען, נאָר א צעפּאָרענע, דעמאָראַליזירטע כאַליאַסטרע, קלוימערשט נאָך מיט

פאַרטייִשער פּראָזעלאָגיע, קלוימערשט נאָך מיט „עקסן״ לעטוויוועס פאַרטיי־צוועקן, אָבער אינדערעמעסן שוין בלויז לעטוויוועס זיך אליין און לעטוויוועס זייער העפקערדיק־צעלאָזענער קישקע און קעשענע.

דאָס איז געווען א באָכער פון די „האָמעלס״ אָדער „ביאַלי־סטאָקס״ — די דעמלטיקע לעצט פאַרבליבענע נעסטן, וווּ אַזוינע האָבן זיך נאָך רעשטלעך אופגעהאַלטן — א פּריִער געוועזענער גערעטענער פּראָפעסיאָנעלער אַגיטאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט, מיט די געהעריקע פּאַך־קענטעניישן און מײַלעס, און אויך כוץ דעם, — א דורכגעטריבענער, א קלוגער, און אַזאַ איינער, וואָס ווען ער פאַלט ניט און ווען ער גליטשט זיך ניט אויס, וואָלט ער געקאָנט אויסנעמען אין אַלערליי אָרטן געזעלשאַפטן, און באַזונדערס בא פרויען, וועלכע ער האָט זייער גערן געהאַט, און זיי — אים, געפינענדיק אין אים אי מאַנצבלשן כיין, אי כאָכמע, אי אַלעס אַנדערע, וואָס לאָזט זיך שעצן.

ער איז געקומען א שיקערלעך־אופגעפּראַלטער און מיט יענער ברייטער צעלייגעניש פון אַן אַנאַרכיסטישן העפקערײַ־מענטש, וואָס ווייסט, אַז אָט זיצט ער דאָ און פאַרברענגט קלוימערשט באַגלײַך מיט אַלע, אָבער אינדערעמעסן איז ער דאָך שוין א קאַנדידאַט לעמיסע, וועלכע דאַרף אים קומען אָדער פון פּאָליציי, וואָס שפּירט אים נאָך, טראָט נאָך טראָט, און באַלד, מעגלעך, וועט זי אים פּאַקן, אים אָפּפירן, וווּ מע דאַרף, און נאָך א קורצדויערנדיקן פעלד־געריכט און אָפּזיצן א קליין ביסל צײַט אין א טויטן־קאַמער, וועט מען אים מיטן שטריקל מעשאַדעך זײַן... מעגלעך אַזוי, אַז פון פּאָליציי, און מעגלעך אויך, אַז ניט פון פּאָליציי, ווײַל ער וועט זיך ניט לאָזן, וועט זיך קעגנשטעלן, ווי ס'איז א געבאָט פאַר אַנאַרכיסטן, און זעענדיק זיך אַרומגערינגלט און אָן האָפענונג אַף אַרויסצוקומען און זיך אויסדרייען פון זײַנע נאָכיאָגער, וועט ער זיך אַליין א קויל אַרײַנשיסן פון זײַן אייגענעם „שפּײַער״, וואָס אַזאַ איינער טראָגט מיט זיך באַשטענדיק און האָט אים אַפילע באַנאַכט אונטער דער קישן ליגן.

ער איז אַרײַן א היימישער און אַלס פייגעלעס א פון לאַנג באַקאַנטער, וואָס ער איז דאָס טאַקע בעעמעס געווען, זײַענדיק איינער פון די, פאַר וועלכע פייגעלעס עלטערן האָבן די טיר ניט אָפּגעשלאָסן.

ער איז אַרײַן, ווי געזאָגט, א ביסל שיקערלעך, און אָנקומענדיק אין פייגעלעס צימער און טרעפנדיק דאָרט אויך מיילעכקען אַף זײַן באַרעכטיקטן כאָסן־אָרט, גאָר נאָענט לעבן פייגעלען, און ווויסנדיק, ווײַזט אויס, וואָס צווישן אָט דער פּאָר דאַרף איינגיכן פּאָרקומען — האָט עס אים א שטאַרקן ברי געטאָן, ווי איינעם, וואָס האָט עפּשער אויך ווען אַמאָל ערנסטע מיינען און א ליבהאָבנדיקע אויסזיכט אַף דער זעלבער, און נאָר מאַכמעס גרויס באַשעפּטיקט זײַן מיט זײַן געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט, וועלכע האָט אַלעמען דעמלט פאַרכאַפּט, פאַרווירבלט און פאַרשלונגען, האָט ער דאָס אָפּגעלייגט אַף שפּעטער,

אף א מער פאסיקערער צײַט, און איצט האָט ער זיך דערזען אָן ארומגעגאנגענעם און זײַן אָרט פון אן אנדערן פארנומען.

יאָ, אז ער איז ארײַן און האָט דערזען די נאָענטקײַט פון אָט דער פּאָר, איז ער אף א װײַלע מיט געשטילטן און א ביסל מיט מעקאנע־זײַיענדיקן דערעכערעץ זיצן געבליבן... באלד אָבער האָט ער זיך געכאפט, אז ס'פּאסט ניט פאר אזא, װי ער, זיך נאָכגעבן און זיך לאָזן באלעבעסלדיק לײַדן פון זײַן שװאכקײַט, דעמלט, װען סע גײט אין א זאך, װעלכע איז בא די זײַניקע אזוי געהײליקט און װאָס ניט קײן מעלוכע, ניט קײן געזעלשאפט און ניט קײן פּריװאטער מענטש האָט דערוף ניט די רעכט צו שאפן, — אף דעם פרײַען װילן און אויסװאל פון װעמען־ס'ניט־איז.

דעמלט האָט ער מיטאמאָל, האָפּערדיק און מיט געמאכטער, קלוימערשטער איבערצײַגונג, זיך אָפּגעטרײסלט פון דער קלײנמוטי־קײַט, װעלכע האָט אים פריִער א רעגע געזאָלט באהערשן, און א קוק געבנדיק אף פײגעלען, װעלכע איז געזעסן, װי באשטענדיק, א באלויכטענע פון א ראָזדרויטן לאָמפּ אף איר אטאמאנע, האָבנדיק דאָס מאָל אויך מײלעכקען בא איר זײַט, האָט ער, װעלנדיק װײַזן, אז ער שטײט העכער פון דעם, װאָס אן אנדערן איז ניט לײַכט גײװער צו זײַן, א זאָג געטאָן:

— פײגעלע, הײס געבן קיבעד פאר דײַן גאסט, כ'װיל אויס־טרינקען פאר דיר און אויך פאר דעם, — האָט ער ניט אײדל, מיט שװער אופגעהאלטענער קינע, א װײַז געטאָן אף מײלעכקען, װעמען פײגעלע האָט אזוי נאָענט לעבן איר זײַט געהאַט. — זאָל זײַן מיט מאזל, אויב ס'איז שוין ניט אנדערש צו מאכן.

ער האָט שיקערלעך געבעבעט, װעלנדיק אי עפּעס װינטשעװען, אי אין דער זעלבער צײַט אויך איראָניזירן איבער דער פּאָר, װעלכע איז אזוי געמיטלעך אף דער אטאמאנע געזעסן, אזוי װײַט ארויסגענומען פון זײַן אײגענער געפּארפּולער פּראקטיק, װעלכע שטײט אים, מעגלעך, באלד פאָר, גײענדיק אין א ריזיקאלער שליכעס, אָדער פארקערט, קומענדיק אָקאָרשט ערשט פון אזא, װוּ, מעגלעך, א האָר איז אָפּגעגאן, ער זאָל דאָרט דעם קאָפּ געװוען אװעקלײגן.

— הײס געבן מאשקע, פײגעלע, — האָט ער געזאָגט, איבערכאַ־זערנדיק זײַן באקאָשע.

פײגעלע האָט, נאטירלעך, ניט דערװידערט און ניט אָפּגעלײגט זײַן ביטע; און צי זי האָט געמײנט, אז דאָס, װאָס ער זאָגט, איז בלויז שיקערלעכע פראזע; צי זי האָט געװוּסט, אז ס'איז ניט גלאַט, און אז אין זײַנע װערטער פילט זיך באדויערונג פון אן אײנעם, װאָס װערט אָן א זאך, װאָס אויך ער האָט דאָס געקאָנט דערלאנגען, און אויך זי, פון איר זײַט, האָט אים באדויערט — איז אלצײנס, אָבער באגיטיקן האָט זי אים סײַװי באגערט, און זײַענדיק אופגעלײגט און האָבנדיק א צװײטן, איר באלד באשערטן, לעבן זיך, האָט זי געװאָלט,

אז אויך יענער, דער דריטער, זאָל ווי־ניט־איז אין איר אופגעלייגטקייט אָנטיילנעמען.
זי האָט געהייסן דערלאַנגען, וואָס יענער האָט געבעטן, און באַלד האָט זיך אָפּן קליינעם טואַלעט־טישל באַוויזן אַ מאַשקע, אַ אויך געהעריק צובייסן, וואָס אין איר טאַטנס פּאַרמעגלעכער שטוב האָט קיינמאָל ניט אויסגעפעלט.
יענער האָט, ניט וואַרטנדיק, גלייך גענומען אָנגיסן, און האָבנדיק שוין זיין קאָפּ אָנגעפּילט, האָט ער, צוליב גרויס פֿייערלעכקייט און אַלס ביילאַג צו דעם פאַרשטייענדיקן טרונק, זיין שפּייער, וואָס ער, ווי אַלע זייניקע שיידן זיך קיינמאָל ניט מיט אים — פון זיין קעשענע אַרויסגעצויגן, קעדיי, ווי ער האָט האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאַס אַ זאָג געטאָן, ער זאָל זיין גליק־ווינטשנדיקן טאָסט פאַר פייגעלען אויך מיט אַ פייערדיקן סאַליוט באַגלייטן.
— שרעקט זיך ניט, — האָט ער געזאָגט, זעענדיק, ווי די אַנטקעגן אים זיצנדיקע האָבן זיך עפּעס גענומען איבערקוקן, — האָט קיין מוירע ניט: ער איז ליידיק, אויסגעלאָדן, ער וויל נאָר האָבן פאַר אַן איידעס ליגן, אַף דעם, וואָס איז בא די זייניקע אין אַלע לעבנס־פאַלן אַ באַגלייטער...
— לעכאַיִם, צום לעבן, — האָט ער געזאָגט, נעמענדיק דעם קאָס אין דער לינקער האַנט, און פאַרגעסנדיק זיין צוזאָג, צו האָבן דעם שפּייער בלויז פאַר אַן איידעס ליגן, האָט ער אים אין דער רעכטער האַנט גענומען, און ווען ער האָט זיך פון בענקל אופגעשטעלט, קעדיי ערשט אָציגד דאָס רעכטע צוווינטשנדיקע וואָרט צו זאָגן, און דערנאָך אויסצוטרינקען פאַרן געזונט פון די, וועלכע ער האָט פאַר די אויגן געהאַט, — אַזוי האָבן די ביידע אים אַנטקעגנזיצנדיקע מיילעך און פייגעלע, דערזען, אַז ס'איז זיך אַף אים איבעריקס ניט צו פאַרלאָזן, און אַז זיי האָבן זיך גענאַרט, מיינענדיק, אַז ער געפינט זיך, אַלקאַלפאָנעם, נאָך אין דעם האַלב־ניכטערן מיַימעד: און באַלד נאָר, ווי ער האָט, זיך אופשטעלנדיק, גענומען פאַרזעצן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן, אַזוי האָבן זיי זיך נאָך מער אין זייער פעלער איבערצייגט.
— לעכאַיִם, צום לעבן! — האָט ער פאַרגעזעצט. — דיר, פייגעלע, אַף וועמען כ'האָב עפּשער אַמאָל יאָ געהאַט אויסזיכטן, און עפּשער — ניט, און איצט געווים ניט, ווייל ווער בין איך און וואָס שטעל איך מיט זיך פאַר, דו זאָלסט אַזאַ איינעם ביכלאַל אין זינען האָבן און ביפּראַט נאָך וועלן מיט אים אַ לעבן בינדן... נו, איז בינד זיך מיט אַן אַנדערן, און זאָל דיר זיין מיט גליק. און אַ סימען, אַז איך טראָג אַף דיר קיין טאַרומעס ניט און אַז וואָס דיין האַריץ האָט באַשלאָסן, איז אויך פאַר מיר אַ באַשלוס, ניט צום קעגנשטעלן זיך און ניט צום דערווידערן, איז אָט דער שאָס, וואָס איך טו דאָ, — מיר צו פוסט, און דיר צו דיין קאָוועד און גליק וועגן.

דערביַי האָט ער אין שיקערלעכן אומשולד אַף פייגעלען דעם שפּײַער אָנגעשטעלט... און איידער זי און אויך מיילעכקע האָבן פון שלעכטן פאָרגעפיל באַוויזן זײַן האַנט אָפּווענדן, אָדער מיט א וואָרט אים אָפּשטעלן, ער זאָל קיין קאַטאָוועס ניט טרײַבן און דעם שלעכטן מאַרשעלעק ניט שפּילן; איידער זיי האָבן דאָס באַוויזן, און ווי נאָר פייגעלע האָט זיך פון איר אָרט דאָך א הייב געטאָן, אים ווי־ניט־ווי אָפּצוהאַלטן פון שיקערלעכן שפּאַס, אַזוי האָט זי זיך באַלד געמוזט צוריק אַראָפּלאָזן, א געטראָפענע פון א קויל, וואָס יענער האָט, ניט וויסנדיק, אַז ער האָט זי, דאָך אַרויסגעלאָזט...

פייגעלע האָט אַפילע קיין פּיפּס ניט געטאָן... זי האָט נאָר, א שטיל אונטערגעשאָסענע, מיט א פאַרוואָרפן קעפּל אַף דער אַטאַמאַנע זיך אַראָפּגעלאָזט, אָן שום קרעכץ, און ניט לאָזנדיק אַפילע קיין סימען בלוט פון זיך אַרויסטריפן.

אַן אומגליק!.. אַזא אומגליק!.. ער האָט דאָס געוויס ניט געמיינט, געוויס ניט געוואָלט, דער פאַרשוין, אַפילע מעגלעך, ווען מע זאָל דערלאָזן, אַז ער האָט זי געייפערט, אָבער וואָס קומט אַרויס פון יאָ מיינען, אָדער ניט מיינען: אַבי פייגעלע איז שוין ניט געווען...

מע פאַרשפּאָרט צו זאָגן, וואָס פאַר א בראָך דאָס איז געווען פאַר די עלטערן, מע פאַרשפּאָרט צו זאָגן, וויאַזוי דער באַלדאָוועער, דער פאַרשוין אַליין, האָט, נאָך דעם, ווי ער האָט אומגערן די מײַסע אָפּגעטאָן, פון שטוב זיך אַרויסגערוקט, געוויס שוין אינגאַנצן אַן אויסגעניכטערטער, און ניט געפינענדיק קיין אָרט, ווּהין דאָס פּאָנעם און זײַן פאַרשולדיקטן בליק אַהינטאָן... אָבער זאָגן דאַרף מען יאָ, וויאַזוי מיילעכקען האָט די זאַך געטראָפן, זאָגן, — אַז ווי א דונער, איז ווייניק, מ׳האָט אים די גאַנצע צײַט, ווען פייגעלע איז אין שטוב געלעגן, אין א ווינקל־שטוב געזען זיצן, מיט ביידע הענט דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט און דאָס פּאָנעם פאַרשטעלט, און נאָך דער קווּרע איז ער אַזוי אַף לאַנג פאַרפאַלן געוואָרן, ביז מ׳האָט געמיינט, אַז ער האָט זיך א מײַסע אָנגעטאָן אָדער לעבעדיקערהייט זיך ערגעץ באַגראָבן.

ס׳איז טאַקע קימאַט אַזוי געווען. מ׳איז שפּעטער געוווירע געוואָרן, אַז ער האָט זיך אין א ניט־ייִדישער גאַס, אין א ניט־ייִדיש אָרעם הויז פאַר א קוואַרטיראַנט באַזעצט, שפּײַזנדיק זיך בלויז מיט ברויט און וואַסער, ווי אין א טורמע, און ניט דערלויבנדיק זיך קיינע פאַרגעניגן, ביז אַפילע ניט צו טראָגן קיין שיך פון לעדער, נאָר קריגנדיק ערגעץ הילצערנע, מיט וועלכע ער האָט געקלאַפּט־געקנאַקט, גייענדיק נאָך וואַסער צו דער קרענעצע פאַר זײַן ניט־ייִדישער באַלעבאָסטע, וואָס זי האָט אים דערפאַר געהאַלטן, ווײַל ער האָט איר געטאָן שטוב־אַרבעטן, וואָס זײַנען קלאָל ניט פאַר אים.

ער האָט זיך אויך א צײַט ניט געגאָלט — ער, וואָס מ׳האָט

אים ביז אהער אלעמאָל געזען מיט אזא געראזירטן פּאָנעם, אז מ'האָט אפילע געקאָנט מיינען, אז ער האָט ניט וואָס צו ראזירן...

ער האָט זיך אזוי ווײַט פארוקט און נעזיריש פארלאָזט, אז די צארישע שפּיקעס, וועלכע האָבן נאָכן פינפטן יאָר, ביים דער רעאקציע, גענומען אופזוכן די פארבליבענע ניט פארשיקטע, רעשט־לעך פון די, וועלכע זײַנען פריִער געווען שטארק טעטיק אין דער באוועגונג, קעדיי זיי באשטאטן, ווי ס'געהער, לויט געוויסע פּאָליציי־פּאראָרדענונגען, — זיי, די שפּיקעס, אז זיי האָבן זיך, סאָפּקאָלסאָף, אויך דערקליבן צו דער וווינונג פון אָט דעם מיילעכקען, וואָס איז בא זיי אין צעטל געשטאנען, אף אויך מיט אים צו טאָן, ווי מיט די זײַן גלײַכן: אים מיט אומזיסטע קעסט און מיט א וווינונג אין די „הויכע פענצטער" צו באזאָרגן, — זיי, די שפּיקעס, אז זיי האָבן אים דערזען אזא פארוואקסענעם, אָפּגעלאָזענעם און מיט הילצערנע שיך — א מין באדינער בא זײַן ניט־ייִדישער, ווײַט און פארוקט־ווינענדיקער באלעבאָסטע, וועלכער ער, מיילעכקע, באזאָרגט מיט וואסער טראָגן און מיט אלע אנדערע שטוב־ארבעטן, זיי, די שפּיקעס, אז זיי האָבן אים געטראָפן אין אָט דער לאגע און אין אָט דעם הוילעך, האָבן זיי אף אים מיט דער האנט א מאך געטאָן, טראכטנדיק וועגן אים, ווי וועגן אן אָפּגעפּאָרענעם אויווערבאָטל, וואָס קאָן שוין מיט גאָרנישט שעדלעך זײַן, — „און זאָל ער זיך פאסען, — האָבן זיי געזאָגט, — אָט דער, וואָס מיט דער ווילד־פארוואקסענער באָרד און מיט די הילצערנע, קנאקנדיקע שיך, זאָל ער..."

* * *

אין א צײַט ארום, נאָך דעם ווי די וווּנד פון דער טרעפעניש מיט פייגעלען האָט זיך אים פארצויגן; נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעלעבט א צײַט אן אָפּגעשיידטער, און אויסער הילצערנע שיך און ברויט מיט וואסער, ווי אין א טורמע, איז אים גאָרניט אָפּגעגאן, — האָט זיך אים מיטאמאָל פארוואָלט צוריק זיך נעמען צו זײַן שטודיִום, וואָס ער האָט, ווי אלע, אין דער צײַט פון אופשטײַג פון דער באוועגונג, איבערגעריסן, און ער איז אוועק, אזוי ווי ער שטייט און גייט, קימאט אין זעלבן הוילעך, אין דער דעמלטיקער קרוינשטאָט, ווו ס'האָט זיך געפונען אן אוניווערסיטעט א שעמדאָוועו, ווו ס'האָבן פיל קינפטיקע געלערנטע האָבן זיך געצויגן.

ער איז אָנגעקומען מיט גאָרנישט, מיט ליידיקע הענט, אָן געפּעק, אָן א רענצל, אויסער עפּשער מיט א פּאָר ביכער און מיט איין פּאָר וועש אף בײַטן... ער האָט זיך פארזעצט אין אן אָרעמען ארבעטער־קווארטאל, אין א וווינונג, פאר וועלכער ער האָט ניט געהאט צו צאָלן, נאָר מיט „נאטור", דאָס הייסט מיט געבן לעקציעס א גאנצער כאָפּטע קינדער פונעם באלעבאָס, וועלכע האָבן די שול ניט באזוכט.

ער וואָלט זיך געוויס געקאָנט ווענדן נאָך שטיצע צו קולטור־פֿאַרשפּרייטערישע געזעלשאַפֿטן, אויסגעהאַלטענע אַף די מיטלען פֿון גווירים, באַלצדאָקעס, אַזוי ווי פֿיל אַנדערע אָרעם־באַמיטלטע סטודענטן, ער האָט דאָס אָבער ניט געטאָן, צי ביכלאַל פֿון ניט וועלן אָנקומען צו קיצווע, צי פֿון שעמעוודיקייט, ניט וועלנדיק קומען אין באַריר מיט מענטשן, פֿון וועלכע ער האָט זיך אָפּגעווינט, ניט האָבנדיק מיט זיי לאַנג קיין מאַגע־מאַסע.

ווי ס'זאָל ניט זײַן, נאָר ער האָט געזען אויסקומען אַזוי: מיט אַ ווײַנונג, ווי געזאָגט, איז ער געווען באַזאָרגט, פֿון סכאַר־לימעד האָט מען אים, אַדאַנק זײַן אַטעסטאַט מיט די גוטע באַלן פֿון גימנאַזיע, וועלכע ער האָט שוין לאַנג געהאַט געענדיקט, און אויך איבער זײַן אומפֿאַרמעגלעכקייט, באַפֿרײַט, נו, און קעדיי צו קריגן אַ האַלב אומזיסטן מיטיק אין דער סטודענטישער קיך, ווי אויך אַף וועש וואַשן און אַף אַמאָל אַ שוך פֿאַריכטן, האָט ער געלאָזט דרוקן אין אַ צײַטונג אַ מעלדונג, ווי אַלע זײַן גלײַכן, אָרעם־באַמיטלטע סטודענטן דעמלט, לויט אַ געוויסן נוסעך: אַזוי און אַזוי, דער און דער סטודענט־פֿילאָלאָג גיט לעקציעס אַף פֿרעמדשפּראַכן פֿאַר גאָר אַ קליינער פּרײַז, פֿאַר 3 רובל אַ כוידעש... און מיט פֿעטלעכן שריפֿט איז צום סאָף פֿון דער מעלדונג צוגעגעבן געווען: Расстоянием не стесняюсь, וואָס דאָס האָט געהייסן, אַז ווי ניט ווײַט דער שילער זאָל ניט ווױנען, שטעלט דאָס ניט אָפּ דעם רעפּעטיטאָר פֿון אַהין צופֿוס גיין, ווײַל אַף פֿור־געלט פֿאַרמאָגט ער ניט...

און שוין. און אַזוי איז מײַלעכקע מאַגנוס, אַן אָפּגעזײַטיקטער און ניט באַמערקטער פֿון קיינעם, שטילערהייט דורכגעגאַנגען דעם אוניווערסיטעט־קורס אַפֿילע פֿאַר פֿיל ווייניקער צײַט, ווי ס'איז אײַנגעשטעלט לויט דער 5־יעריקער נאָרמע, מאַכמעס זײַנע פֿייִקייטן האָבן אים דערלויבט דורכצומאַכן צוויי קורסן פֿאַר איין מאָל; און אַזוי אויך, שטילערהייט, האָט ער, לעסאָף, אַרײַנגעקריגן זײַן דיפּלאָם, פֿון וועלכן ער איז איצט ניט מער רײַכער געוואָרן, ווי פֿריִער, איידער ער האָט אים אין די הענט געהאַט, און ווי דעמלט, ווען ער איז אַהער אָנגעקומען, שטרעבנדיק אים צו דערווערבן... אַף אַזוי ווײַט ניט רײַכער, אַז יענעם טאָג, ווען ער האָט אים אַן אויסגעפּאַרטיקטן מיט אַלע פּראָפֿעסאָר־כסימעס און אוניווערסיטעט־שטעמפּלען אַרײַנ־באַקומען און ער האָט זיך געלאָזט איבער דער רווישיקסטער גאַס פֿון דער הויפּטשטאָט, מיטן מיין אים צו באַערן, ווי ס'איז אײַנגעפֿירט, אויב ניט אין אַ סוויווע פֿון נאָך סטודענטן־דיפּלאָמאַנטן, איז אַלקאָלפּאָנעם כאָטש איינער אַליין בא אַ וואָסער־ניט־איז מיטיק מיט מאַשקע, וועלכע ער האָט זיך ביז אַהער קיינמאָל ניט פֿאַרגונען, — אָט דעמלט, אַז דאָס האָט זיך אים פֿאַרוואָלט און ער האָט דאָס שוין אָקאָרשט געזאָלט מאַכן — אַ שפּאַן טאָן אין אַ געוויסער ריכטונג אין יענער גאַס, צו אַ וואָסער־ניט־איז רעסטאָראַן, אַזוי האָט ער זיך

באַלד אָבער געכאַפּט און זיך אָנגעפּרעגט מיט א האַנט אין קעשענע, צי דערלויבט זי אים דאָס צו טאָן און צי האָט זי פאַר אים עפּעס אָנגעגרייט פאַר אַזאַ סאָרט וווילטיק, און אַז ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז נישט, איז ער בלויז מיט זײַן ניט דערפילטן באַגער, אינמיטן שפּאַן, א פאַרשעמטער שטיין געבליבן.

דעמלט אָבער האָט זיך געמאַכט, אַז ווי ער איז אַזוי אָפּהענטיק און א שטיל-פאַרשעמטער געשטאַנען, אַזוי האָט ער פּלוצעם דערזען איינעם א באַקאַנטן נאָך פון די פּאַרטיי-צײַטן, איינעם א רײַכן לעבּיונג, וואָס פלעגט פון מאָל צו מאָל אייניקע פּאַרטיי-אונטערנעמונגען פינאַנסירן.

באָריס גראָסבײַטל — האָט מען אים גערופן, — אַן עכטער פּאָרעץ-מאַן, א ברייטפּלייציקער, מיט א זאַט, גלאַט פּאָנעם און מיט א ברייט-צעלייגטער, פּוכקע-געקעכלטער באָרד, מיט וועלכער ער האָט אומבאַמערקט אונטערגעקאָקעטירט, מאַכנדיק זיך קלוימערשט, ווי ער לייגט קיין אַכט ניט אויף איר, גלײַך זי וואָלט ניט זײַן זײַנע, אָבער אינדערעמעסן האָט ער זי זייער געאַכט און געצערטלט, ווי גלײַך יעדער האָר וואָלט בא אים זײַן אויף א באַזונדער דיסקאָנט.

אָט די באָרד האָט אים, אַגעוו, אין 5-טן יאָר געהאָלפן צו לעגאַליטעט, דאָס הייסט זײַענדיק, ווי ער, א זון פון א רײַכן ייִדישן גוטבאַזיצער ערגעץ אין צאָפּן-מײַרעוו-קאַנט, פאַרמאָגט נאָך, אויסער רײַכקײַט, אַזאַ ברייט-פּוכקע באָרד, האָט שוין קיינעם ניט געקאָנט אויפגיין אפן געדאַנק אים צו פאַרעכענען אפילע פאַר א סטאַם-מיטפילנדיקן דער קעגנמעלוכע-באַוועגונג, ביפראַט נאָך, אַז ער זאָל זי האָבן מיט וואָס-ניט-איז מאַמאָשעסדיקס צו שטיצן. דאָס איז איינס, צו וואָס זי האָט אים געהאָלפן, און צווייטנס, האָט זי אים געדינט, ווי דעם אינדיק די קרעלן און ווי דעם האָן דער קאַם, אויף אויסצונעמען בא פרויען, בא וועלכע ער האָט אַזוי אויך גענוג אויסגענומען, אי ווי א שיינער, אי ווי א רײַכער, מיט א ברייטער האַנט און מיט גרויס-פּריצישע מאַנירן, און וואָס דאָס אַלץ אָבער האָט אים ניט גענוגט, און ער האָט געוואָלט נאָך און נאָך, און ווי ווײַט מעגלעך מער מענעריש געפעלן.

אָט דעם באָריס, וואָס פלעגט אָפּט מאַכן רײַזעס אין דער הויפּטשטאָט אי צוליב באַזאָרגן די געשעפטן פון זײַן אַלטן פאָטער, וועלכן ער האָט שוין אָט באַלד געדאַרפט יאַרשענען, און אי אויך צוליב א לעביונגערישן הוליע טאָן אַמאָל אין דער הויפּטשטאָט, האָט איצט, דערזעענדיק אָט דעם מיילעכקען, אַן אַלטן באַקאַנטן פון „יענע" יאָרן, מיט אים זיך זייער דערפרייט, און ניט פרעגנדיק בא אים, צי ער וויל ניט, אים גלײַך אונטער דער האַנט א נעם געטאָן און זיך מיט אים א לאָז געגעבן אין איינעם פון יענע רײַכסטע רעסטאָראַנען, וואָס אַזאַ, ווי מיילעכקען, האָט קיינמאָל ביז אהער קיין מוט ניט געקלעקט אהין אַרײַנצוקוקן, און אויך אפילע

איצט, א מיטגעצויגענער פון באָריסן, האָט ער ווי קיין דרייסט ניט געהאַט מיט זײַנע אָרעם־געמיינע זוילן די שוועל אהין אריבערטרעטן.

זיי זײַנען ארײַן און האָבן פלאץ פארנומען, און באלד האָט זייער טישל געגומען באדינט ווערן מיט יענער זיס־בעקאָוועדיקער מאנירלעכקײַט פון קעלנער, ווען זיי דערזעען פאר זיך א גרויס־פארמעגלעכן, אורטיילנדיק לויט דעם אויסערלעכן אויסזען.

באָריס האָט א זייער אופגעלייגטער פון דער באגעגעניש זיך געשטעלט ברייט, וועלנדיק מעהאנע זײַן א געוועזענעם כאווער, פון וועמען אלע האָבן אמאָל אזוי געהאלטן, און אויך ער, באָריס, דער מעצענאט, האָט געוווּסט פון אים, און באזונדערס ווענן זײַן געשיכטע מיט פייגעלען, און וויִאזוי ער האָט זיך דערנאָך אָוולדיק און נעזיריש אופגעפירט...

ער איז זיך מילד צעגאנגען, הייסנדיק די קעלנער דערלאנגען פון די פארשידנסטע מײַכאָלים פון גרויסשטאָטישן רעסטאָראן־מעניו, אין וועלכן ער, ווי א שטענדיקער באזוכער, איז געווען א גרויסער באָקי; אויך מאשקע, וואָס ביים ער מיט מיילעכקען האָבן געגומען פון איר גוטן סאָרט צו קאפעלעך, און נאָכאמאָל צו קאפעלעך, אזוי האָט זיך בא מיילעכקען א ביסל די צונג אופגעבונדן און א פארגעניגטער פון דער אומגעוווּנטער פאר אים רעסטאָראן־סוויווע, האָט ער גאנץ צוטרויִלעך געגומען דערציילן באָריסן, אז איידער ער האָט זיך מיט אים געטראָפן, האָט ער אויך געטראכט צו טאָן דאָס זעלבע, דאָס הייסט אין א רעסטאָראן קומען, מאכמעס הײַנט איז בא אים אן אויסנאָם־טאָג, א טאָג, ווען ער האָט זיך מיטן אוניווערסיטעט אָפגעזעגנט, ארײַנבאקומענדיק זײַן דיפלאָם.

— אזוי?! איז וואָס זשע שווײַגט ער? — האָט באָריס, וואָס האָט זיך אויך א ביסל פון דער מאשקע דערוואַרעמט, אָנגעכאפט אין דער פריילעכער יעדיִע פון דעם אנטקעגן אים זיצנדיקן מיילעכקען, דעם אָרעמען, אָקאָרשט געענדיקטן סטודענט, וואָס די בלאסע באקן האָבן אים איצט אונטערגעפלאמט פון די מײַכאָלים און פון דער מאשקע, פון וועלכע ער האָט, זײַענדיק לאנג אף זײַנע אייגענע קעסט, אין די אויגן ניט געזען און קיינמאָל פון זיי ניט טויעם געווען.

— אזוי? איז וואָס זשע שווײַגט ער? איז הער! איז שוין, באלד, טייקעף זאָל ער פאקן דעם פאק און מיטפאָרן מיט אים, מיט באָריסן, אין זײַן גוט־באזיץ אף זומער, און ווינטער — אין זײַן שטאָטישער ווױנונג, ווו אי דאָ, אי דאָרט איז פאראן אָרט פאר אים און ווו ער נעמט זיך אונטער אים צו באזאָרגן מיט אלץ, אין וואָס ער נייטיקט זיך... ער קען דאָך, מיילעכקע, באָריסן, אז אזויווי ער האָט געוווּסט ערלעך צו האלטן די פארטיי־זאך, אזוי האָט ער אויך פארשטענדעניש פאר וויסן. און זאָל אים, גראָסבײַטל, — האָט ער אונטערגעשפּאסט פון זיך אליין, — פארגינט ווערן, אז צו אלע זײַנע אוילעם־האזעם

זאָל אים צוקומען נאָך די פֿון צו קאָנען באַדינען, ווי ס׳שטייט געשריבן, א טאַלמיד־כאָכעם, א געלערנטן, פֿאַר וועלכן ער, דער גאָר ניט גרויסער אַמהאָרעץ, האָט ניט קיין קליין ביסל דרעכערעץ.

ס׳איז געזאָגט געוואָרן אויפֿריכטיק, אי ווי פֿון איינעם, וואָס האָט ווירקלעך פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דעם, וואָס האָט די ווערט געשטיצט צו זײַן, און אי אויך פֿון אַזאַ, וואָס האָט, כוץ דעם, אויך די ווילטוערישע אַמביציע צו זען, ווי אין א געוויסן פֿראַט זאָלן לערן־ליַיט זיך געפֿינען אָפּהענגיק פֿון זייער ווילטאַט, וואָס ווערט זיי, עמעס, אַף א כאַווערישן אויפֿן דערלאַנגט.

מיילעכקע האָט זיך געלאָזט אײַנרעדן. ער איז שוין קימאַט אינגאַנצן אײַנגעגאַן אַף באָרים׳ פֿאָרשלאָג, ערשטנס, דערפֿאַר, ווײַל ער איז אים בעעמעס אויפֿריכטיק געמאַכט געוואָרן, און צווייטנס, ווײַל ס׳האָט אים א צי געטאָן אהיים, אין טכום, און וואָס ווײַטער פֿון דער הויפּטשטאָט, ווו ער האָט זיך אַלע לערניאָרן געפֿילט אָפּגעפֿרעמדט און ווי א גאַסט אַף א ווײַלע; אהין, ווו ער האָט זײַן יוגנט־צײַט זיך אויסגעלעבט אַף א היימלעכן אויפֿן, אין א סוויווע פֿון פֿאַרטיי־כאַווירים, און ביכלאַל צווישן יענער מאַסע, מיט וועלכער ער האָט זיך געפֿילט אי פֿרײַ, אי געבונדן, נערנדיק זיך פֿון אירע טאָמיד אים ליב־אייגענע זאַפֿטן.

ס׳האָט אים געצויגן אהין, ניט ווייניקער, דאַרף מען קלערן, ווי אָט דעם באָרים גראָסבײַטל, דעם רײַכן זון פֿון דעם רײַכן גוטבאַזיצער אינעם צאָפֿן־מײַרעוודיקן קאַנט, וואָס זיצט איצט אַנטקעגן אים, מיט דער פֿריצישער באָרד, וואָס יעדער האָר איז ווי אַף א באַזונדער דיסקאָנט, און וואָס דאָך, ניט געקוקט אַף זײַן ברייט־מעגלעכער פֿריצישער האַרכאָווע, וואָס אַדאַנק איר וואָלט ער זיך געקאָנט דערלויבן בלײַבן וווינען דאָ, אין דער הויפּטשטאָט; ניט געקוקט דערויף, האָט אַפֿילע אים, אָט דעם באָרים, אַלעמאָל צוריקגעצויגן צו די זײַניקע בלויז דערפֿאַר, וואָס טראָץ זײַן רײַכקײַט, האָט אין אים ערגעץ־ווו געטליִעט אויך א פֿאָלקסטימלעכער פֿונק, וואָס האָט אים געמאַכט זיך פֿילן פֿאַר א שטיקל אייגענעם און קאָרעוו מיט יענער מאַסע, פֿון וועלכער ער האָט געשטאַמט, ניט ווי אַנדערע אָפּגעפֿרעמדטע פֿון זײַן שיכט און פֿאַרמעגנס־צענז... אָט דער פֿאָלקסטימלעכער פֿונק האָט אים געמאַכט נאָענט שטיין און זיך פֿילן פֿאַר קרויִוויש באַרעכטיקט צו שטיצן די פֿאַרשיידענע פֿאַרטיי־אונטערנעמונגען פֿריִער, אין דער צײַט פֿון אופֿשטײַג פֿון דער רעוואָליוציע, און איצט, אין דער צײַט פֿון שטילשטאַנד און רעאַקציע, איז אים, אַלקאָלפּאָנעם, געבליבן דער באַגער, ער זאָל אַזאַ פֿאַרשוין, ווי א מיילעכקען, אונטער זײַנע רײַכלעכע פֿליגל אַרונטערנעמען, האָבנדיק אין זינען אים צוציִען און דערווערבן פֿאַר אַן אָנטיילנעמער פֿון דעם אַזויגערופֿענעם קולטור־רענעסאַנס, וואָס א געוויסער טייל יִדישע אינטעליגענץ האָט נאָכן 5־טן יאָר, אויסקערנדיק זיך מיטן רוקן צו דער אַלגעמיינער

לאנד־פּאָליטיק, געמיינט, גײַסטיק ווידערופלעבנדיק פון אים זיך צו בויען... בעסויבעם אויך ער, אַט דער באָרים, וואָס איז ווי א מיטפילנדיקער מעצענאַט צו אים צוגעשטאַנען, גרייט זײַענדיק אים, ווי ווײַט מעגלעך, צו פינאַנסירן.

נו, און מיט איינעם וואָרט, און אַזוי ווי אַט דער מיילעכקע האָט אין טאָך, אפּאָנעם, אויך געהאַט געהערט צו יענעם שיכט קולטור־פאַרשפּרייטערישער אינטעליגענץ, זײַענדיק מיט איר פון איין האַלב־לעבלעכן פּאָליטישן שווירעש, איז אים דערום דער פאָרשלאָג פון אַט דעם קענן אים זיצנדיקן באָרים פּונקט צו דער מאָס צוגעגאַן און צו דער ריכטיקער צײַט געקומען. ער איז אים געפעלן, און דער שידעך איז טאַקע דאָ אַפן אָרט, באַם טיש, אין רעסטאָראַן זיצנדיק, לעמאַזל געשלאָסן געוואָרן.

שפּעטער א שטיקל צײַט האָט מען שוין געקאָנט זען אַט דעם מיילעכקען אין באָרים׳ גוט אַלס שטענדיקן גאַסט, אַף שטענדיק אָנשטענדיקן אויסהאַלט, עלעהיי א ניט־פאַרמעגלעכער קאָרעוו באַ א רײַכן מאַכנים־אוירעך.

ס׳האָט אים גאָרניט ניט געפעלט אין יענעם גוט, וועלכער האָט פאַרמאָגט אי וואַלד, אי פעלד, אי סאָד, אי גאָרטן, אי אויך שטאַלן פאַר פערד צום אַקער און צום שפּאַן, אי אויך הינט צום יאַגד, וועלכן באָרים האָט געפּראַוועט אין ווילטעגלעכער כאַוורוסע מיט פּריצישע שכיינים, זיך לאָזנדיק אַף געווילד, און ווו ער האָט זיך ערגעץ ווען אפילע דערוואָרבן א קליין בערעלע, וואָס ער האָט עס געפאַנגען לעבעדיק און דאָס גענומען אַף דערציִונג. זיך מיט דעם אָפּט אַרומ־געפירט, דאָס האַלטנדיק אַף א קייט, און אַרײַנקומענדיק מיט דעם אַמאָל צו מיילעכקען, בעשאַס יענער האָט געהאַלטן אינמיטן דער אַרבעט, פלעגט ער אים איבערײַסן, שפּאַסן און זאָגן:

— ער זעט? ס׳איז א „זי״, און דאָס דערציט ער א זיווּג פאַר זייער אַלגעמיין באַקאַנטן, אויב יענער וועט ניט פאָלגן און זיך ניט ווע‌לן פאַרקנאַסן און ניט כאַסענע האָבן „כדת משה וישראל״, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן.

יאָ, מיילעכקען האָט גאָרניט ניט געפעלט. ער האָט געהאַט די פולסטע פרײַ צו טאָן, וואָס ער וויל, האָבנדיק אונטער דער האַנט אַלערליי הילפס־מיטלען, אין וועלכע ער האָט זיך געניטיקט, ווי ערשטנס, א גוט־אײַנגעפונדעוועטע ביבליָאָטעק, וואָס דער גוטבאַזיצער באָרים האָט זיך אפילע אין דער ווײַט־אָפּגעלעגענער דאָרפס־סוויווע פאַרגונען אײַנצושאַפן, דערצו נאָך האָט ער געהאַט די מעגלעכקײַט אויסצושרײַבן און אַרײַנבאַקומען די בעסטע, לעצטע נײַס, וואָס זײַנען דערשינען אַף פאַרשיידענע אים־אינטערעסירנדיקע געביטן, סײַ דאָ אין אינלאַנד און סײַ אין אויסלאַנד, אַף וואָס באָרים, זײַן מעצענאַט, דער ווילטוער און דער אים גוטס־באַגערער, האָט קיינמאָל קיין געלט ניט געזשאַלעוועט. און זאָל דאָ, אַגעוו, געזאָגט ווערן צו

באָריס׳ גונסטן, אַז דאָס איינציקע צוריק־באַצאָלטס, וואָס ער פֿלעגט ווען פֿון מיילעכקען באַקומען, איז געווען דאָס, וואָס ער פֿלעגט פֿון צײַט צו צײַט צו אים אין צימער זיך אַרײַנשטעלן, אַף זיך אָנצונעמען מיט „טוירע״, אַזוי צו זאָגן, דאָס הייסט זיך דערפֿרעגן און זיך דערקונדיקן וועגן די נײַסטע אופֿטוען אין יענעם געביט, מיט וועלכן מיילעכקע האָט זיך באַשעפֿטיקט. און וואָס, זיצנדיק אָן אָפּגעזונדערטער און מיט אַלעס אַ באַזאָרגטער, איז ער געווען אימשטאַנד זיך אָנעמען פֿולע הויפֿנס מיט זיי, און ער, אָט דער באָריס, ווי אַ פֿאַרנומענער געשעפֿטמאַן, און דערצו נאָך אַ לעב־יונג, האָט קיין צײַט ניט געהאַט פֿון דער ערשטער קוועלע זיי צו קריגן, אָבער אַף וויפֿל ער האָט דאָך געהאַט אינטערעס, זאָל זײַן אַפֿילע בלויז שילעריש־דילעטאַנטישן, האָט ער זיי באַקומען פֿון דער צווייטער קוועלע, פֿון מיילעכקען, מיט דאַנק.

און זאָל דאָ ווידער, אַגעוו, נאָך געזאָגט ווערן צו באָריס׳ שוואַך, אַז אויסער זײַנע געשעפֿטלעכע אינטערעסן און לעביונגערישע האָסאָ־געס האָט ער געהאַט אויך אַנדערע, גײַסטיקע, קלאַל ניט, ווי בײַ די זײַן גלײַכן פֿון זײַן זעלבן שטאַנד און שניט...

אַ האָסאָגע, לעמאָשל, צו האַלטן נאָך איצט, נאָכן 5־טן יאָר, קאָנספּיראַטיווע פֿאַרבינדונגען מיט אייניקע אין אונטערערד־פֿאַר־בליבענע פֿון יענער פּאַרטיי, צו וועלכער ער האָט פֿריִער געקערט, איר סימפּאַטיזירנדיק און זי פֿינאַנסירנדיק. ווי צום בײַשפּיל, מיט אַ פֿאַרשטעקטן ערגעץ צעקיסט, אָדער פּאָשעטן פּראָפֿעסיִאָנאַל, וועמען ער פֿלעגט אויך איצט, פֿון צײַט צו צײַט, אונטן־אַרום אָפּשטעקן אַ האַלוואָע, שלא על מנת להחזיר, דאָס הייסט אַף קיינמאָל זי צוריק ניט באַקומען, וויסנדיק, אַז בײַ יענעם איז איצט זייער ענג אין די מעזומאָנים און זעענדיק, ווי זיי זײַנען פֿון פּאָנעם און פֿון לײַב אַראָפּגעפֿאַלן פֿון ניט האָבן אַף פּאָשעטן אויסקומעניש.

ער האָט אויך געהאַט אַ האָסאָגע אַמאָל אַ גאַנץ בינטל פֿון די דאָזיקע אונטערערדלער שטילערהייט צו זיך אין גוט אַראָפּברענגען, אַף זיי אויסהאַלטן, זיי אונטערפּאַשען, און אין פֿרײַע שאָען מיט זיי זיך אונטערהאַלטן און זיך בײַ זיי דערפֿרעגן, ווי גייט עס און ווי האַלט עס מיט דער באַוועגונג, צי מערקט זיך ניט ווידעראַמאָל אָן אופֿשטײַג, וועלנדיק זיי מאַכן פֿאַרגעסן אין זייער צײַטווײַליקער נידערלאַגע און אַרויסרופֿן די האָפֿענונג, אַז זייער זאַך איז ניט פֿאַרפֿאַלן, און אַז אָט־אָט וועלן זיי ווידער אופֿגערופֿן ווערן צו יענער פֿון זיי אַזוי געגאַרטער טעטיקײַט, ווען ס׳וועט קומען די אופֿוואַכונג...

אָט דעמלט פֿלעגט ער אויך נעמען ווען פּראַווען אַ באַל, וואָס פֿלעגט דערמאָנען אין אַן אַמאָליקער כאַוורישער ליאַמע, מיט פֿיל מײַכאָלים און מאַשקאָעס, בײַ אָנגעצונדענע ליכט אין לײַכטער און קאַנדעליאַברעס, וואָס דער לאַנגער טיש אין זײַן פּריציש־גערוימען עס־צימער פֿלעגט באַשטעלט ווערן פֿון זיי. און דעמלט, ווען דער

אָנגעפּאָרענער און שווין לאַנג קיין גוטס ניט זעענדיקער אוילעם האָט זיך צעוואַרעמט און איז פון ווייַנען און פּונשן צעהיצט געוואָרן, אַזוי פלעגט ער אופרופן צו זיך אויך מיילעבקען, פאָדערנדיק פון אים, אַז קעדייִ די סימכע זאָל זייַן פול און די איליוזיע פון אַן אַמאָל געוועזענער ליאַמע — גאַנץ, זאָל ער אַרויס מיט זייַן „שלאָגער", מיט זייַן „האָב איך מיר אַ מיכעלקע" אַאַוו., וואָס אויך איצט פלעגט דאָס מיילעבקע אויסזינגען אַפן גאַנצן קאָל, מיט גרויס־באַטרונקענער באַגייַסטערונג און מיט יענער מוזיקאַלער געניטקייַט, טאַקט און מאָס, ווען ער האָט דיריזשירט און געפאָדערט, אַז דער גאַנצער באַם טיש זיצנדיקער אוילעם זאָל אים אונטערהאַלטן.

דעמלט אָבער פלעגט אינעם באַלעבאָס אַליין, אינעם אייַנאָרדענער פון אָט דער ליאַמע, דער פאַרעץ זיך צעהיצן און דער לעביונגערישער מעהום זיך דערוועקן, און ער האָט זיך אַ ווייַז געטאָן מיט אַ צווייטער זייַט פון זייַן מאַטבייע. דעמלט פלעגט ער אונטן־אַרום אַ באַפויל געבן איינעם אַ באַדינער, וועלכער האָט באַם טיש געפּראַוועט, ער זאָל אומבאַמערקט אַהער ברענגען זייַן דערצויגלינג, זייַן בערעלע, וואָס ער פלעגט דאָס, אומגעריכט פאַרן אוילעם, אַפן טיש אַרופלאָזן, און דער דערצויגלינג האָט מיטן קרומלעכן קעפּל, מיט די נאָך יונג געבראָכענע קנעכל, קרומלעך איבערן טיש גענומען אומשפּאַצירן, און גאָר ניט אַף קיין פאַרזיכטיקן אויפן מיט די אָנגעשטעלטע געפעסן, פלעשער, לייַכטער און קרעדענצן זיך באַגיין.

— זעט, — פלעגט דעמלט באָריס, פון דער מאַשקע אַ צעהיצטער, זיך ווענדנדיק צו דעם באַם טיש זיצנדיקן און איבעראַשטן אוילעם פון דעם בערעלע, אַ זאָג טאָן, — זעט און זייַט מעווינים... ס'איז אַ „זי", און צי האָט זי ניט דעם ווילן, אַז ווען זי וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ באַגרעס, צו זייַן די באַשערטע פון אונדזער מיילעבקען, וועלכער האָט זיך אייַנגעאַקשנט, האַלטנדיק קעגן אַלעמענס מיינונג, אַז ס'איז דאָ אַ מאָנאַסטיר באַ ייִדן, ווען אַלע ווייסן, אַז ס'איז ניטאָ...

אָט די מייַסע מיטן בערעלע און מיטן שאַדכענען עם פאַר מיילעבקען איז געווען, נאַטירלעך, ניט מער ווי אַ כאַוורישער שפּאַס סייַ דעמלט, ווען ער פלעגט זיך מיט אים ווערטלען, זייַענדיק מיט אים אַליין, פון מויל צו אויער, און סייַ אויך דעמלט, ווען ער האָט זיך דאָס דערלויבט עפנטלעך און אין אַ געזעלשאַפט, ווי די אויבנ־דערמאָנטע, און וואָס אָבערביידע מאָל, אין ביידע פאַלן, פלעגט מיילעבקע בלויז די אויגן פון בושע אַראָפּלאָזן, אָבער ניט פילנדיק זיך אָנגערירט, כאָלילע, אין זייַן קאָוועד, מאַכמעס ער האָט גוט געוווּסט די אופריכטיקע, קימאַט ברידערלעכע באַציִונג פון זייַן פּאַטראָן, פון באָריסן, צו אים.

יאָ, ס'איז געווען אַ שפּאַס, אָבער מ'ווייסט ניט פאַרוואָס, נאָר אָט דער באָריס, מיילעבקעס פּאַטראָן, האָט זיך דאָך, ווי ס'זעט אויס, עפּעס אין קאָפּ אַרייַנגענומען אַ מין מאַנקאָליע, וועלנדיק זען, אַז

מײלעכקע זאָל זיך טאַקע ניט פֿאַרזיצן און קיין באָכער ניט בלײַבן, האַלטנדיק, אַפּאָנעם, פֿאַר זײַן כּיוון, אַזוי צי אַזוי, נאָר אים צו פֿאַרקנאַסן.

זאָגן, ס׳זאָל זײַן בלויז אַ קאַפּריז פֿון אַ רײַכן לעב־יונג, אַרויסגעוויזן בענעגייע אַ פֿאַרשמאַכטן, אַן אַסקעט, וועמען ער וויל אַף דער לעבעדיקער זײַט אַריבערציִען און אים מאַכן לײַטן גלײַך — קאָן מען ניט. ניין, גיכער פֿון אַלץ איז דאָ געווען ערנסט געמיינט, זעענדיק, ווי בײַ מײלעכקען ווערן, פֿון שטאַרק באַשעפּטיקט זײַן אין זײַנע לערן־זאַכן, די שלייפֿן וואָס אַמאָל אײַנגעפֿאַלענער, די באַקן — בלאַסער און די ליפּן דינער, און אַף די לעצטע, אַף די ליפּן, ווײַזן זיך אָפּט דאַר־פֿאַרטריקנטע הײַטעלעך, ווי בײַ אײנעם, וואָס האָט זיי אין מעשעך פֿון אַ לאַנגן טאָנעם ניט באַנעצט.

ער האָט אים בעעמעס געליבט און איז אים געטרײַ געווען, און אויסער דעם, וואָס ער האָט געטאָן פֿאַר מײלעכקען ווי אַ מעצענאַט, קעדיי אים צו דערהאַלטן בײַ זײַן באַרופֿלעכער וויסנשאַפֿטלעכער מײַלע, האָט ער נאָך געוואָלט אים זען זיך אויסלעבן מענטשלעך אין אַ פֿאַמיליען־סוויווע, ווי ס׳געהער, וועלנדיק אים אַרויסציִען פֿון דער איינזאַמקײַט, אין וועלכער יענער האָט זיך פֿאַרשטעקט, ניט טראַכטנדיק און ניט אין זינען האָבנדיק דאָס, צו וואָס אָט דער באָרים — פּאַטראָן האָט אים געשטויסן שוין פֿון לאַנג.

ער האָט אים מיטגענומען, ווו נאָר ער האָט געקאָנט און וווּהין יענער נאָר האָט זיך געלאָזט, אים שטויסנדיק אין פֿרויען־געזעלשאַפֿט — אַ לאַנגע צײַט, עמעס, אָן דערפֿאָלג, מאַכמעס ס׳האָט זיך ניט געקלעפּט, און מיט וועמען ער האָט אים ניט געמאַכט זיך באַגעגענען און געזען אים ברענגען צו מענעריש־פֿרויִשער היימישקײַט, איז אים ניט געלונגען, ביז לעסאָף האָט אים יאָ אָפּגעגליקט און ס׳האָט שוין, דאַכט זיך, אָט־אָט געהאַלטן אַף אַ דערעך.

ס׳איז געווען דעמלט, ווען מײלעכקע איז שוין אַזוי ווײַט אַוועק אין זײַן געלערנטקײַט, אַז ער איז גרויס באַוווּסט געוואָרן ניט נאָר אין די יִדישע וויסנשאַפֿט־קרײַזן דאָ אין לאַנד, נאָר אויך אויסערן לאַנד, צווישן אויך ניט־יִדן, ווי צווישן באַרימטע גערמאַניסטן, וועלכע האָבן זיך, אָנשלאָגנדיק, דערעך־אַגעוו, אַף דער יִדישער שפּראַך, ווי אַף אַן אָפּצווײַגונג פֿון זייער הויפּטלעכן געביט, זיך דערוווּסט פֿון אָט דעם מײלעכקען, וועלכער האָט דעריקער זיך אָפּגעגעבן מיט פֿאָרשן יִדיש, אַרויסווײַזנדיק דערבײַ גרויס קענטעניש און בקיִעס, אין וועלכער יענע האָבן זיך, ווען־ניט־ווען, בײַ געוויסע געלעגנהײַטן געניטיקט און צו זײַן הילף באַדאַרפֿט אָנקומען.

ער האָט שוין דעמלט געהאַט קאָרעספּאָנדירט מיט פֿיל באַרימטע פֿילאָלאָגן פֿון אַ ווין, בערלין, בודאַפּעשט. אָפּגערעדט שוין, אַז די געלערנטע פֿון היגן לאַנד האָבן אים גוט געקענט, כאָטש ער האָט זיך געהאַלטן ווײַט פֿון די הויפּט־צענטרען, ווו געלערנטע, געוויינטלעך,

פארברענגען, און יענע פלעגן אלעמאָל אים צושיקן זייערע ווערק, פארן דרוק — אַף קאָנסולטאציע און אָפּהאלטן זיך מיט אים אן אייצע, אָדער נאָכן דרוק, אלס געשאנק און צו זײַן קאָוועד וועגן.

ס'איז געווען, ווען זײַן פאטראָן, דער אויבנדערמאָנטער באָרים, האָט זיך שוין איבערנעמעריש און מיט דילעטאנטישער מעווינעס געגרויסט מיט אים, ווי מיט זײַנעם א שטיק אייגענעם דערפאָלג, פארשטייענדיק, וואָס פאר אן אָרט ס'שטייט מיילעבקען פאָר צו פארנעמען אין דער יידישער שפראך־וויסנשאפט און ווייסנדיק אויך, אז זײַן נאָמען האָט שוין די אייגענע יידישע גרענעצן אריבערגעשפאנט און דערגרייכט שוין ווײַט, ווײַט, ביז צו די גרויס־געלערנטע פון אנדערע פעלקער און לענדער.

דעמלט האָט ער גענומען ריידן פון אים, מיט וועמען נאָר ער פלעגט זיך באגעגענען און ווער נאָר ס'האָט געהאט, לויט זײַן מיינונג, גוסט און פארשטענדעניש פאר אזוינע זאכן, איבערנעמענדיק זיך, אזוי צו זאָגן, מיט זײַן גײַסטיקן קליענט, ווי מיט אן עווען־טאָוו, אזוי מיט מענער, און אוואדע האָט ער דאָס מיט א ספּעציעלן מיין געטאָן בײַם זײַנע באגעגענישן מיט יונגע, נאָך ניט כאסענע געהאטע פרויען, וואָס, ווי ער האָט געוווּסט, זײַנען זיי נאָך פרײַ, און דער צוטריט צו זיי פון אן איינעם, וואָס וועט וועלן זייער הארץ פארווערבירן, איז נאָך פון אנדערע ניט פארשטעלט, ניט פארנומען.

דעמלט האָט ער געוואָרפן אן אויג אַף איינעם א מיידל, אַף זײַנער א ווײַטלעכער קרויווע, בליומקע מיטן נאָמען — א מיידל א פריילעכס, אן אויסגעשפּילטס, מיט איין קליינעם כיסאָרן, וואָס א ביסל צו פריילעך, צו אויסגעשפּילט, א מיידל מיט צוויי שארפע פייעלעך, ווי באקענבארדן, עטוואָס פארדרייט, צום פּאָנעם־צו, א מיידל מיט אָפטן געזאנג אין מויל פון עפּעס צווײדײַטיקע ליבע־קופּליעטן פון יידישע אָפּערעטעס, צו וועלכע זי האָט געהאט א שוואַכקײַט זיי אָפט צו באזוכן, ווי נאָר יענע האָבן זיך אין שטאָט באוויזן.

אויב דו ווילסט א געגעם
און א ווײַב פאר יענעם —
האָב כאסענע, האָב כאסענע... —

פלעגט מען זי הערן זינגען, באלעבאטעוועוודיק אין שטוב, אָדער זײַענדיק פארנומען מיט איר טואלעט, אַף א קאָל, ניט קיין שלעכטס, אָבער אויך ניט קיין געהויבנס, נאָר ווער ס'האָט געכאפּט א קוק אַף איר בייסן זינגען, האָט איר אפן ניט־אויסגעשפּילטקײַט פון קאָל מויכל געווען, אבי זי אליין האָט מיט די שארפע פייעלעך, מיטן קורצן נעזל און מיט די שפּילנדיקע אייגלעך אויסגענומען.

זי איז געווען באלעבאטיש־קלוג און פראקטיש, זײַענדיק די ווירטן אין א שטוב, ווו ס'איז קיין מוטער ניטאָ, און ווו זי, די עלטסטע,

האָט די קלענערע קינדער באַדאַרפֿט אויפֿפּאַסן און אויך דעם פּאָטער, דעם שפּײַזער פֿון שטוב.

דער פּאָטער — אַ בעקאָוועדיק־שווײַגנדיקער ייִד, אַ בען־טוירע, וואָס זײַן פּאַרנאָסע איז געווען וואָיאַזש, און זײַן לײַדנשאַפֿט — קאָרטן. ער האָט געקאָנט שפּילן אָן אָקע מיט אַזאַ אײַנגעהאַלט־שווײַגנדיקן אַזאַרט, ביז צו אָפּזיצן אַמאָל אַ נאַכט און אויך אינדער־פֿרי פֿון טיש זיך ניט אויפֿהייבן, דערנאָך דעם גאַנצן טאָג ווידער, ביז אין דער צווייטער נאַכט אַרײַן.

אַ ייִד, אָן אַ וואָרט רוסיש צו קענען, און וואָס האָט דאָך געהאַט צו טאָן און געפֿירט געשעפֿטן, דעריקער, אין דער געגנט פֿון די דאָן־קאַזאַקן, וואָס איז געווען אויסערן טכום, ווו אַ ייִד האָט ניט געטאָרט אַ פֿוס אַרײַנשטעלן, און דער, וואָס יאָ, האָט דאָך, אַלקאָל־פּאָנעם, געמוזט רוסיש קענען, אַף זיך צונויפֿריידן מיט אַ קאַזאַק.

ער — ניט, ער איז געווען אַ פֿאָרשטייער פֿון עפּעס אַן אויס־לענדיש־דײַטשישער פֿירמע, וואָס ליפֿערט לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינעס פֿאַר מעזומען און אַף קרעדיט, און אָט די פֿירמע האָט אים מיט עפּעס אַ „קסיווע" באַזאָרגט, וואָס, האָבנדיק זי, האָט ער געהאַט דאָס רעכט אַי אַרײַנצופֿאָרן אַהין, ווו־הין מע טאָר ניט, אַי צו פֿאַרשפּאָרן ריידן, וואָס ער קען ניט. אַ דײַטש — האָט עס געהייסן, — און ס'האָט אים געניגט בלויז דער ייִדישער ווונק, און דאָס איבעריקע צו דערמאַכן מיט די פֿינגער...

ער פֿלעגט אַוועקפֿאָרן אַף אַ צײַט, קעדיי צו מאַכן נײַע באַשטע־לונגען און קעדיי אויפֿצומאָנען בּאַ די סאָכרים, וואָס זײַנען געשטאַנען בּאַ זײַן פֿירמע מיט קרעדיטן, וואָס ס'קומט פֿון זיי פֿאַר די אַלטע, זיך פֿאַרזאַמען, וויפֿל דער אייסעק האָט געפֿאָדערט, אַהיימקומען מיט געלט, וואָס ער האָט אָנגעפֿאַרדינט אין דער צײַט פֿון דער רײַזע, קעדיי ער זאָל זיך דערנאָך רויִק און מעיושעוו קאָנען פֿאַרנעמען מיט דעם, וואָס איז אים אַמליבסטן און וואָס אונטערוועגס האָט ער ניט געקאָנט אַזוי רויִק דורכמאַכן, — מיט קאָרטן.

דעמלט פֿלעגט ער זיך אין דער היים פֿאַרזיצן פֿיל מער, וויפֿל דאָס פֿאַרדינסט האָט אים דערלויבט, און ווען ס'פֿלעגן אים נעמען אויסגיין פּאָדעס, פֿלעגט מען אָנהייבן נעמען אין די קלייטלעך אַף באָרג, באַם קאַצעוו, באַם האָליץ־ און קוילן־הענדלער אַאַוו.

דעמלט פֿלעגט אַרויסקומען אַף דער סצענע זײַן פּראַקטיש טעכטערל בליומקע, וועלכע האָט געפֿירט די שטוב־באַלעבאַטישקײַט און האָט געוווּסט, ווי מיט וועמען צו ריידן, און וויִאַזוי צו פֿאַריידן די, וואָס פֿלעגן קומען מאָנען, טײַנענדיק, אַז דער באָרג פֿון פֿאַני דעם און דעם (געמיינט — בליומקעס פּאָטער) האָט שוין גאָר אין די הויכע מאָסן געשטיגן, וואָס ווײַטער גייט עס ניט...

דעמלט, בעיין־ברײַרע, פֿלעגט אָט דער פֿאַני בליומקעס פּאָטער פֿון זײַן לײַדנשאַפֿטלעכער באַשעפֿטיקונג — פֿון קאָרטן זיך אָפּרײַסן

און ווידער זיך אוועקלאָזן אהין, ווו רעדן האָט ער פאַרשפּאָרט און ווו ער האָט בלויז מיטן ווונק און מיטן פינגער זיך ווידער אױף זײַן ווײַטערדיקער הויצאָע אויסגעשלאָגן.

דעמלט, נאָכן פּאָטערס אָפּרײַזן, פלעגט בליומקע, זײַן טעכטערל, וואָס איז געבליבן אױף א צײַט אָן שום מיטלען אױף אויסהאַלטן די שטוב, געצוווּנגען זײַן מיטן מויעכל צו שווינדלען, צו פאַריידן די באַלכויוועס, וואָס האָבן די טירן אָפּגעשלאָגן, זאָגנדיק, אז זיי ווייסן דאָך פון לאַנגער פּראַקטיק מיט איר און מיט איר פּאָטער, אז כּאַלילע, קיין אָנזעצערס בלײַבט מען ניט און אז ווי נאָר דער פּאָטער קומט צוריק פון דער רײַזע, אזוי וועט אַלץ, וואָס ס'קומט זיי, געדעקט ווערן מיט אַלע קאָוועדן און ביטשוּוועס כּיין.

דעמלט, ווידער, פלעגט זי זײַן ניט נאָר באַלעבאָסטע פון דער שטוב און שפּײַזערן פון די קינדער, נאָר אויך באַלעבאָסטע איבער זיך אַליין, איבער איר לײַב און זעל, וואָס זי פלעגט זיי שפּײַזן מיט באַזוכן פון יונגעלײַט, וועלכע האָבן זייער באַגערט צו זײַן צו איר אײַנגייער, און מיט וועלכע זי, פון איר זײַט, האָט, ווי איר טאַטע אין קאָרטן, באַוויליקט צו פאַרברענגען אמאָל באַטאָג, אמאָל אַפּדערנאַכט, און אמאָל אויך שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן, האַלבנדיק עפּעס א מין לײַדנשאַפט צו זיצן בא זיי אױף די קני, ווי קלוימערשט גאָר ניט ניט געמיינט קיין כּשאַד אױף אויסגעלאַסנקײַט, נאָר גלאַט אזוי, נאָך א טאָג אַרבעט, נאָכדעם ווי זי האָט די קינדער באַזאָרגט און אָפּן שלאָפן באַלייגט, האָט זי זיך דערלויבט א ביסל פלירט, אמאָל מיט א קופּליעט, אמאָל — אָן, צו קיינעמס, כּאַלילע, ניט שאָדן.

דאָס האָט זי, אגעוו, אמאָל אויך געטאָן, ווען דער פּאָטער איז אין דער היים געווען, און ווען ער איז א שטאַרק פאַרייסעקטער מיט זײַן קאָמפּאַניע שפּילער אין איין צימער געזעסן, האָט אין דער זעלבער צײַט זי, מיט די איריקע אין א צווייטן, אין א דריטן צימער פאַרבראַכט... יאָ, אזא שוואַכקײַט בא איר: צו זיצן אױף באָכערישע קני און גאַנץ נאָענט צום באָכער, אָבער אין דער זעלבער צײַט — מיט א האַנט אויסגעשטרעקט צו יענעמס פּאָנעם, אױף אים אָפּצוהאַלטן און ניט צו דערלאָזן, אויב יענער באַגערט עפּעס מער, ווי צו האָבן זי אױף די קני...

און אָט, צו אָט דער בליומקען האָט איינמאָל באָריס, ביים דער פּאָטער איז צוריק פון זײַנער א רײַזע געקומען, זיך אַרײַנגעשטעלט, ווי א ווײַטלעכער, אָבער זייער געוווּנטשענער קאָרעוו, וואָס זײַן באַזוך איז מען זייער גערן. אי מאַכמעס אים אַליין, וואָס ער איז דער שטוב, די קרויווים, אוואַדע אָנגעשטאַנען, ווי א גרויס-פּאַרמעגלעכער, מיט וועמען מע קאָן זיך גרויסן; און אי אויך דערפאַר, וואָס אָפּט, אין ענגע צײַטן, פלעגט מען טאַקע צו אים אָנקומען נאָך א קליינער, צײַטווײַליקער האַלוואָע, וועלכע ער, דער רײַכער באָריס, האָט דערנאָך גאָר פון קאָפּ אַרויסגעלאָזט און זי פאַרגעסן,

און זי, די שטוב, וואָס האָט בא אים געלֿיען, האָט דערנאָך אויך, דאכט זיך, זי ניט געדענקט...

— הא, בליומקע? הא, באָריס? — האָט מען העפלעך און ברייטלעך אויסשרײַענדיק, זיך באגריסט, ווי זייער ביידנס, ליבנס־ווירדיקער און אופגעלייגטער שטייגער. ער, ווי אַן עלטערער, שיינער מאנצבל, וואָס האָט זיך דערלויבט העפלעכע ברייטקײַט אפילע בענעגייע פרעמדע און מער עלטערע פרויען, ביפראט דאָ צו א ייִנגערער, דערצו נאָך א קרויווע... נו, און זי, בליומקע, אז זי האָט דערזען פאר זיך אים — אי טאקע דעם קאָרעוו, אי, ווי געזאָגט, דעם שיינעם מאנצבל, האָט אוואדע אין איר א שפּיל געטאָן דער קאָקעטישער ווילן צו געפעלן.

— נו, און מיט וואָס איז מען אים מעכאבעד, אזא אָנגעלייגטן גאסט? — האָט בליומקע באלד א פרעג געטאָן, נאָך דעם, ווי באָריס האָט באם טיש אָרט פארנומען אנטקעגן דעם בעקאָוועדיק־שווײַגנדיקן פאָטער און קעגן איר, וואָס האָט, האָבנדיק אים פאר זיך, ניט אופגעהערט זיך דרייען און אף א פויגל־אויפן צו פּישטשען.

— וואָס הייסט, מיט וואָס? מיט קארפּאטוועס... מיט רעטעך מיט שמאלץ... — האָט געענטפערט באָריס, וואָס ניט געקוקט אף זײַן רײַכקײַט און אף זײַן קאָנען זיך פארגינען פארשידנערליי לוקסוסן, איז אָבער דערפאר, ווײַל ער האָט געוווינט צווישן אייגענע און איז ניט ווײַט אָפּגעשטאנען פון זייערע געשמאקן, פלעגט אים, ווען־ניט־ווען, א צי טאָן צו פּאָשעטע פאָלקס־מײַכאָלים, וועלכע ער פלעגט עסן מיט גאָר א באזונדער געשמאק, ביז אפילע צו לאָזן אמאָל פאלן זייערם א רעשטל, א ברעקל אף זײַן באָרד.

ס'איז אוועק א היימישער געשפּרעך, אַן אופגעבונדענער, קרויווי־שער אי מיטן פאָטער, בא וועלכן ער האָט גענומען אויספרעגן, וואָס מע קאָן און וואָס מע דארף בא א פאָטער, און אָפּט, אינמיטן די רייד מיט יענעם, איז ער מיט די אויגן אריבער צו דער טאָכטער, האָבנדיק אויך בא איר וואָס זיך צו דערקונדיקן, ווי דעהײַנע:

— נו, און בא כאסענע האָבן האלט זי שוין, בליומקעלע? — האָט ער אין א שפּאס א פרעג געטאָן.

— מאכטייסע... גערן... אויב ער האָט עפּעס פּאָרצולייגן רעכטס, — האָט בליומקע, צוריק שפּאסנדיק, האלב פאר זיך און האלב נעמענדיק רעשום מיט פארשעמטע בליקעלעך באם פאָטער, אויך פאר אים אָפּגעענטפערט: — יאָ, אָבער ווו נעמט מען אזוינס?

— נו, און אויב אזא, לאָמיר זאָגן, ווי ער, באָריס, איז גוט?

— גוט, — האָט זי געענטפערט, קוקנדיק אף באָריסן א ביסל מיט אויסגעבאהאלטענער און מער מיט אָפענער פארגעניגנטקײַט...

— נו, און אויב א בעסערער פון אים?

— איז אוואדע... אָבער ס'איז דען דאָ? — האָט זי א פרעג געטאָן מיט א טאָן, ווי זי וואָלט ניט געגלייבט, אז אזא זאך איז גאָר מעגלעך.

בעקיצער, האלטנדיק אין געשפּרעך, און עסנדיק דאָס ייִדישע מײַכל, וואָס מע האָט אים דערלאנגט אלס קיבעד, האָט באָריס דעם וועג געפונען, ווי־אזוי פאר אָט דער בליומקען, וואָס האָט אים מיט גרויס אינטערעס אין מויל געקוקט, און אויך פאר איר פאָטער, פאָרצושטעלן אָט דעם מיילעכקע מאגנוס, ווי א מענטש און ווי א געלערנטן, מיט וועלכן מע דארף זיך רימען.

— אדרעבע, זאָל זיך נאָר בליומקעלע פארינטערעסירן, — האָט ער צום סאָף צוגעגעבן, — און זי וועט זען, אז זי וועט אים דאנקען, און אז אינגיכן וועט מען בא איר אפן קנאסמאָל אויס־טרינקען, דערנאָך אף כאסענע, דערנאָך,— האָט ער ווידער שאד־כאָנעסדיק אונטערגעשפּאסט, — איז אויב א ברים, באשטעלט ער פאר זיך קוואטערשאפט, און אויב נישט, אויב א מײדל, איז איר, בליומקעלעס, גליק, און ער וועט אָפּלייגן דאָס קוואטערשאפט אף אן אנדערשמאָל...

נו, און דאָס זעלבע, וואָס בא בליומקעלען, בא קאלעס צאד, האָט ער דערנאָך געהאט דורכצומאכן מיטן צווייטן צאד, מיט מיילעכקען, אים אײַנריידנדיק, ער זאָל ווען אמאָל זײַן קאָרעווס הויז באזוכן, און אדרעבע, — האָט ער אויך מיט מיילעכקען האלב אין שפּאס און האלב ערנסט אײַנגעטײַנעט, — זאָל ער א קוק טאָן, זאָל ער זען, ער צווינגט אים, כאָלילע, ניט אײַנצוהאנדלען א קאץ אין א זאק...

ס'האָט זיך אים סאָפּקאָלסאָף אײַנגעגעבן דאָס פאָרל צונויפירן. כאָטש מיילעכקען איז אים גאָר שווער אָנגעקומען פון שטוב ארויס־צונארן און אָנריכטן זײַנע טריט אהין, וווהין ער איז ניט געווינט, ווײַל ער, וועמען ס'האָט שוין איין מאָל א גאָר ניט געהויבן גליק געטראָפן, וועלנדיק גיין אפן וועג, ווי אלע, האָט זיך איצט צוערשט מיט הענט און מיט פיס אָפּגעשלאָגן, זאָגנדיק, אז ער איז ניט דערבײַ, און פארלייגנדיק אלע מאָל א נײַעם טערעץ פאר זײַן ניט וועלן, ווײַל אָט איצט איז ער מיט דעם און דעם פארנומען, און אן אנדערשמאָל — מיט יענעם און יענעם, וואָס ער האלט אינמיטן און דארף פארענדיקן.

אָבער סאָפּקאָלסאָף האָט ער זיך ווי־ניט־ווי געלאָזט איבערריידן פון באָריסן, זיך אונטערגעגעבן און האָט אויסגעפונען צײַט אף אהין, אין יענער שטוב, דאָך יאָ א פוס ארײַנצושטעלן.

מאָל דיר, ס'איז אים ניט אָנגעקומען גרינג... מאָל דיר, אז ער האָט דאָס ערשטע מאָל טאקע מאמעש קיין לאָשן ניט געהאט, ניט ווייסנדיק, מיט וואָס מע הייבט אָן און מיט וואָס צו פארענדיקן פון נישט געווינט זײַן און פארלוירנקײַט.

דאָ אָבער איז אים צוהילף געקומען זי, בליומקע, וואָס איז געווען גענוג פּראַקטיש אַף גלײַך צו דערזען, מיט וועמען זי האָט צו טאָן, און אַז אַף זײַן אונטערנעמונגספּייִקײַט האָט זי ניט אַרויסצוקוקן, און אַז זי, די ערשטע, דאַרף דאָ מאַכן די האַסכאָלע צו דער דערנעענטערונג.

זי האָט שוין געוווּסט, וויִאַזוי דאָס צו מאַכן, כאָטש זי האָט מיט אַזאַ איינעם אַף איר גאָרער מיידלשער פּראַקטיק ניט צו טאָן געהאַט, האָבנדיק פאַר זיך איצט אים — אַ בלאַסן, מיט געשלאָסענע דינע ליפּן און מיט טרוקענע דאָרשטיקע הײַטלעך אַף זיי, ווי בּאַ אַזאַ, וואָס האָט אין מעשעך פון אַ לאַנגן טאָגעס קיין טרונק ניט געטאָן...

ס'האָט איר צוערשט געשמייכלט, וואָס אַזאַ, ווי ער, העכערשטייענדיקער פון איר אין די געהויבענע לערן־זאַכן, דערנעענטערט זיך צו איר און געפינט זיך, — זאָל זײַן אַפילע נישט איבעריק פרײַ, אָבער פאָרט, — אין אירע פיר איילן. מיט עפּעס אַ באָכערישן מיין, עמעס, אַ ווײַטלעכן, אַ ניט אַרויסגערעדטן, און זאָל זײַן אַפילע, אַז ניט נאָר ער האָט פאַר אים קיין ווערטער ניט, נאָר אַפילע קיין בליק ניט אַף אים אויסצודריקן, אָבער נישקאָשע, האָט זי געטראַכט, — מיט דער צײַט און שפּעטער וועט שוין אַלץ רעכט זײַן, וועט זי שוין זען, אַז אי ער זאָל דעם געהעריקן בליק און אַפילע דאָס איר געווונטשענע לאָשן קריגן...

זי האָט אים פריִער געוואָלט צעקײַען, ווי מע זאָגט, זען, ווער ער איז, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר און וואָס קאָן זי, בליומקע, אַ מיידל אַ פריילעכע, מיט לעקעלעך און מיט שלייפעלעך און אויך מיט געזאַנג פון קופּליעטן, אַרויסבאַקומען בּאַ אים פאַר נוצן און אים מאַכן צו דעם, וואָס איר פריילעכער גוסט פאָדערט פון איר.

ס'איז איר אויך לעסאָף געלונגען: צוערשט אַ געצווונגען פאַרשלעפּטער אין איר הויז, האָט אים אָבער דערנאָך, אי פון רעגילעם, אי אויך, ווײַזט אויס, פון נאָך עפּעס, אהער געצויגן, ער האָט שוין אָנגעהויבן באַזוכן דאָס הויז פרײַוויליק און אָן שום אײַנריידעניש מיצאַד אַ באָריסן, בלויז גערופן און אײַנגעלאַדן אַלע מאָל פון בליומקעס אַ שמייכעלע, מיט וועלכן זי האָט אים באַגעגנט בּאַ זײַן אָנקומען אין הויז, און דערנאָך אים מיט דעם באַגלייט בייסן געזעגענען זיך און אַוועקגיין, ווי אָן אַדערוף און אַ פאָדערונג אַף אַ צווייטער און נאָכאַמאָליקער באַגעגעניש.

זי האָט דאָס שוין געמאַכט ווי געהעריק, וויסנדיק, וויִאַזוי צו אים צוגיין, וויִאַזוי אים, דעם פאַרשלאָסענעם, דאָס מויל עפענען און בּאַ אַזאַ, וואָס איז אַלעמאָל אַזוי באַשעפטיקט אין זאַכן, העכערע פון אירע האַסאָגעס, — אַפילע אויך אַ שמייכל אַרויסרופן...

כאָטש, זענדיק זײַן טעווע, וואָס איז אים געקומען פון אָפּגעשיידטקײַט און פון ניט געוווינט זײַן צו האָבן באַציִונגען מיט אַזוינע, ווי זי, האָט זי צוערשט זיך געזען געצווונגען אַ ביסל נאָכצוגעבן

אויך פון איר טעווע, האלטנדיק זיך, ווי ער צו איר, א ביסל פונוויַיטן... דאָך האָט זי פון צײַט צו צײַט געזען מאכן אזוי, ער זאָל ווי־ניט־איז איר נאָענטקײַט דאָך דערפילן דורך א קלוימערשט אומגערנדיקן אָנרירן זיך אין אים, פון וועלכן זי׳האָט געקאָנט באמערקן, אז דער קאָפּ פארדרייט זיך אים און אז עפּעס א נאכעס־שטראָם טוט אים דאָס הארץ און די געהירן פארפלייצן...

זי האָט איינגיכן באמערקט, אז זי האָט שוין אויך די אויבערהאנט און די מעמשאָלע אַף אים — דערפון, וואָס אלע מאָל, ווען ס׳איז אים געקומען די צײַט זי צו פארלאָזן, האָט ער דאָס ניט געקאָנט טאָן און איז ווי צום בענקל צוגעקלעפּט געבליבן, ניט קאָנענדיק זיך אופהייבן.

און נאָך האָט זי געזען, אז פון זײַן ארײַנקומען צו איר אַף באזוך ביז דעם אוועקגיין און זי פארלאָזן האלט ער די גאנצע צײַט דעם בליק אין איר אזוי אָנגעבונדן, אז ער הערט ניט, זעט ניט, וואָס ארום טוט זיך, ביז אפילע אמאָל צום לאכן, ביז זי פלעגט אים אמאָל דארפן ווי פון שלאָף וועקן, זאָגנדיק: זע, זאָל ער אופהערן אַף איר אזוי צו קוקן...

ווײַל יאָ: נישט־נישט, ווי געזאָגט, אָבער אויב אזא איינער כאפּט זיך שוין ווען אמאָל יאָ אָן אין דעם, וואָס פארשידענע מעניִעס האָבן אים ביז אהער צו דעם דעם וועג פארשטעלט, אויב אזא איינער פארקאָכט זיך שוין יאָ ווען־עס־איז אין אזא מין בליומקעלע, מיט שאַרף־שווארצע פּייעלעך און מיט א קלוג־פּראקטישן אויסבליק, איז אים שוין ניט אוועקצונעמען, ניט אָפּרײַסן און זײַן פארליבטקײַט איז שוין ביז איבער די אויערן...

ס׳האָט שוין אויך דאָס מאָל געהאלטן ווײַט... ס׳האָט שוין געהאלטן דערבײַ, אז זײַן מעצענאט און ווילטוער באָרים האָט דאָס אין מיילעכקעס פּאָנעם באמערקט, ווען ס׳האָט זיך אין דעם אַן אנדער פארב גענומען ווײַזן, ניט די פארשמאכטע, וואָס ביז אהער, און ווען זײַנע פארטראָגענע, שטענדיק פארנומענע בליקן האָבן גענומען מיט עפּעס אנדערש גלאנצן, וואָס דערפון, און דאָס צוזעענ־דיק, האָט באָרים אינערלעך האנאָע געקליבן און אויסערלעך אין זײַן פּריציש־געקעכלטער באָרד ארײַנגעשמייכלט.

יאָ, ס׳האָט שוין געהאלטן אויך דערבײַ, אז אָט דער זעלבער באָרים, ווען ער פלעגט אמאָל שפּעט, גאָר שפּעט אין אָוונט באגעגע־נען אָט דעם מיילעכקען, דעם ביז אהער שטענדיקן אינדערהיים־זיצער, פון ערגעץ אָנקומען, און אים אין שפּאס, האלב אַף שטומלאָשן און בלויז מיט א ווונק א פרעג טאָן:

— הא?.. פון דאָרט? פון איר?..

— הם, — פלעגט אים יענער אָפּענטפערן, זיך פון אים אָפּקערן און באלד אָפּגיין צו זיך, ווי ניט וועלנדיק מעכאלעל זײַן דאָס מויל מיט ביליקן שפּאס, אָדער מיט סטאם רייד, נאָכדעם ווי ער קומט

בעעמעס טאקע פון דאָרט, פון איר — פון זײַן אזוי געהויבענער און דערוויַיל נאָך געהיים געהאַלטענער גדולע, וואָס האָט אים הײַנט שוין, דאכט זיך, מיט א האַנט אָנגערירט און אליין דורך דער האַנט איר גאַנצן פרוייִשן מעהוס געלאָזט פילן...

יאָ, ס'האָט שוין געהאַלטן וויַיט און בא ביידע צדאָדים אָפּן געהעריקן דערעך... נאָר דאָ האָט זיך מיטאמאָל אַרײַנגעמישט דער שטאַרק קאַפּריזער ליבע־גאָט אמור, צו מיילעבקעס שלימאזל, אין געשטאַלט פון א דירעקטאָר פון עפּעס א פּראָווינציִעלער אונטער־נעמונג פון א צירק מיט א זאָאָלאָגישן גאָרטן צוזאַמען, וואָס דער רועך האָט אהין אין שטאָט אָנגעטראָגן...

א יונג־שטאַלטנער פּאַרשוין, ענלעך אַף אן אַקטיאָר פון באַשטענדיקע ליבהאָבער־ראָלן, מיט א פײַנעם רינג אָפּן פּאָרלעצטן פינגער פון דער רעכטער האַנט, מיט א העגנמאַנטל, און דערצו נאָך א שאַרף געגאָלטער, דאָס הייסט ניט נאָר די באָרד געגאָלט, נאָר אויך די וואָנציעס, וואָס איז נאָך דעמאָלט ניט געווען אזוי אין דער מאָדע...

און דאָס אַלץ צוזאַמען: דער שיינער שטאַלט פון פּאַרשוין, דער העגנמאַנטל און די שטאַרק געגאָלטע וואָנציעס, מיט דעם רינג אָפּן פּאָרלעצטן פינגער פון דער רעכטער האַנט, האָבן בא א געוויסן סאָרט דאַמעס און פרײַלנס שטאַרק אויסגענומען, און בעסויכעס בא אזא, ווי אונדזער בליומקע, וואָס איז (צווישן אונדז גערעדט) אויך פּייִק געווען איבער אזא איינעם איר ניט איבעריק גרויסן קאָפּ צו פאַרלירן, אזוי ווי פון אַלע אירע אָפּערעטישע אַקטיאָרן, וואָס זי פלעגט מיט באַגײַסטערונג זיי זען אַף דער בינע און האָט געמיינט, אז קיין שענערס און געפליגלטערס פון יענעם מין פויגלען איז גאָר אַף דער וועלט ניטאָ.

אָבער ס'מאַכט ניט: פּייִק — פּייִק, און לײַכטזין איז טאַקע קיין מײַלע ניט, אָבער צו קיין עמעסער פאַרליבטקײַט וואָלט עס, זיכער, אויך אין דעם פאַל ניט געקומען, אזוי ווי פריִער מיט די אָפּערעטישע אַקטיאָרן.

האָט אָבער געטראָפן, אז אָט דער דירעקטאָר איז אירער א נאָענטער שאָכן געוואָרן... ס'איז געשען דערפאַר, ווײַל דאָס האַלב־צירק, האַלב־זאָאָלאָגישער גאָרטן־געשעפט איז אוועק שלעכט, די קאַסע פון קיין איבעריקע באַלאַנים ניט באַלאַגערט, אזוי אז אויב צוערשט וואַרטנדיק אַף גוטן פּובליקום און גוטע גאַזשעס, האָט דער דירעקטאָר זיך דערלויבט אין א מער־וויניקער אָנשטענדיקן האָטעל זיך באַזעצן, איז אָבער דערנאָך, ווען שלומיִעל איז בא אים געוואָרן קאַסיר און ווען גאַסן־ייִנגלעך האָבן אָפּט צו יענעם אין פענצטער־לאָך געגומען אַרײַנקוקן, פון אים כויזעק מאַכן און אים רופן „קוקו“, — דעמאָלט האָט דער דירעקטאָר, מאַכמעס די שאָפּעלע פינאַנסן, פון זײַן אָנשטענדיקער שטופע געמוזט אַראָפּנידערן, זיך אַרויסציִען פונעם האָטעל און איבערפאָרן אין א פּריוואַט־וווינונג,

מיטן טערעץ, קלוימערשט, אַז ער ליבט ניט קיין האָטעל און אַז אין פּריוואַטע הײַזער פילט ער זיך אַמבעסטן.

ס'האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט געפונען קוואַרטיר אין זעלבן הויז, אונטער איין דאַך קימאַט מיט אונדזער בליומקען.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן — אַ ייִד, אַ באַלן אויף ייִדישע מיטיקן, אָנבײַסנס און אָוונט־ברויט, וועלכע די באַלעבאָסטע האָט אים געגעבן אויף קרעדיט, מיט דער האָפענונג צו באַקומען פאַר זיי באַצאָלט סאָף פון אַ געוויסן טערמין, צוזאַמען מיטן דירע־געלט, פאַר וויפל ער האָט זיך באַדונגען.

אַזוי אַז ער איז אַ שטיק היימישער געוואָרן בײַ דער באַלע־באָסטע, וועלכע איז, פון איר זײַט, געווען אַן אײַנגייערן צו דער בליומקען אין שטוב, ווי אַ שכיינע צו אַ שכיינע, אַמאָל אויף עפּעס צו לײַען, און אַמאָל אויף צו דערציילן די גדולעס פון איר קוואַרטי־ראַנט: וועגן אים אַליין, וועגן זײַן פײַנעם גאַרדעראָב, מיט דעם ענגמאַנטל, מיט דעם ווײַס־געפּרעסטן אויבער־העמד און מיט די גלאַנציק־לײַקענע טופל, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ דירעקטאָר.

דערצו נאָך פלעגט זיך אַמאָל מאַכן פאַרקערט, אַז בליומקע פלעגט אַרײַן צו יענער באַלעבאָסטע, אָדער אויף עפּעס צו לײַען, אָדער מיט אַן אַנדער מיין — אויף כאַפּן אַן אונטן־אַרומיקן בליק אויפן קוואַרטי־ראַנט, וואָס האָט צופעליק פון זײַן צימער, אין אַ פרימאָרגן, אין זײַן פײַנעם כאַלאַט — מײַסע־פּאָרעץ זיך באַוויזן.

ס'האָט זיך אויך ווײַטער געמאַכט, אַז דער דירעקטאָר האָט, פאַרבײַגייענדיק דעם הויף, פאַרבײַ דעם אָפענעם פענצטער, אָדער פאַרבײַ דער אָפענער טיר פון בליומקען, דערהערט איר געזאַנג, וואָס זי האָט דאָס אַרויסגעבראַכט אָדער סטאַם, ווי אַלעמאָל איר שטייגער: „אויב דו ווילסט אַ גענעם און אַ ווײַב פאַר יענעם"... אָדער עפּשער האָט זי זיך מיט אַ געוויסן מיין צעזונגען, ווויסנדיק, אַז יענער גייט דאָ דעמלט פאַרבײַ... אַזוי צי אַזוי, נאָר ס'איז געקומען צו באַקאַנ־טשאַפט, נאָך וועלכער זי, בליומקע, איז געוואָרן אַ וואָס אָפּטערע באַזו־כערן אינעם האַלב־לײדיקן צירק, וואָס האָט שוין געהאַט שלומיִעלען פאַר אַ קאַסיר און וואָס גאַסן־יִינגלעך פלעגן זיך מיט אים רייצן און אים אין קאַסע־פענצטערל אַרײַנשרײַען „קוקו" און אַן אַנדערשמאָל פלעגן זיי פאַרבײַטן די מעלופּמס אויף פּאַסעכס און אַרײַנשרײַען נאָך אַן ערגער וואָרט...

זי איז געוואָרן אַ באַזוכערן, אָן געלט, און מיט אַלע פּריווילעגיעס און רעכט אויף די בעסטע פּלעצער, ווי אַ גאָר נאָענטע באַקאַנטע פונעם דירעקטאָר, וועלכער פלעגט זי, נאָך די פאָרשטעלונגען, אַהיים באַגלייטן, מאַכמעס ער האָט דאָך געוווינט מיט איר בישכיינעס...

מיט איינעם וואָרט, בליומקעלע, מיט די שאַרף־שוואַרצע פּייעלעך, וואָס מיט די האַלבע שלייפעלעך צום פּאָנעם פאַרדרייט, איז דעם דירעקטאָר נישקאָשע שוין געפעלן, און ער — איר, דאַרף מען

קלערן, — אויך. ער, דער שיין שטאַלטנער פּאַרשוין, מיטן הענג־מאַנטל און מיט דעם אַקטיאָרישן גאַנג פֿון אַ פּראָווינציעלן פֿירשט, וואָס ווייסט זײַן ווערט, ווייסט אויך זײַן קויעך צו פֿאַנגען שוואַכ־הערציקע דאַמעס און פֿרײַלנס, אַליין צוערשט מיט אָט דער פֿירשט־לעכער האַלטונג, און דערנאָך שוין מיט זײַן זעלבסטזיכערן אָנגריף, וואָס אין זײַן דערפֿאָלג האָט ער קיינמאָל ניט געצווייפֿלט, האָבנדיק גרויס דערפֿאַרונג אַף אָט דעם פֿאַנג־געביט, און וויסנדיק, אַז אַליין דער ליבע־גאָט שטייט אים צוהילף, אַף אים ניט לאָזן פֿאַלן.

ס'איז אַוועק אַ ליבע גאָר ניט אַף קאַטאָוועס, ביים וועלכער ער, דער דירעקטאָר, האָט זיך געהאַלטן זיכער, נישט אײַלנדיק און אָן איבעריקן אימפּעט, און אין דער זעלבער צײַט זי, אונדזער בליומקע, האָט שוין גאָר שטאַרק געפּלאָקערט, ניט ווי אַלע מאָל ביז אַהער, ווען זי איז בלויז אַף אַ באָכערס קני געזעסן, אָבער מיט אַן אויס־געשטרעקטער האַנט צו זײַן פּאָנעם געווענדט, קעדיי אים פֿון עפּעס אָפּצוהאַלטן און צו עפּעס ניט דערלאָזן...

איצט — ניט, איצט — אַ שטיק פֿאַרלוירענע און אינגאַנצן אין רעשוס פֿון יענעם שטאַלטנעם פּאַרשוין, וואָס מיטן רינג אַפֿן פֿינגער פֿון זײַן רעכטער האַנט, און וואָס איז דערצו נאָך אַזוי גלאַט געגאָלט, גאָר אָן וואָנציעס; דערצו נאָך מיט עפּעס אַ רייעך פֿון אַ געוויסן סאָרט אויסגעשפּילטן פּאַרפֿיום און מיט אַ רייעך אויך פֿון צירק און זאָאָלאָגישן גאָרטן, וואָס האָט זי גערייצט מיט דער אַרטיסטישער פּראָפֿעסיאָנעלקײַט, צו וועלכער ס'איז איר באַשערט האָבן אַזאַ נאָענטע שײַכעס...

זי איז אַזוי געווען פֿאַרכאַפּט, אים ליב קריגנדיק, אַז זי האָט אַפֿילע שוין קימאַט אינגאַנצן אַרויסגעלאָזט פֿון אויג איר ביזהעריקן פּאַרערער און באַזוכער — מײַלעכקען, וואָס באַ אים האָט שוין די ליבע געהאַלטן אינעם גאָר הויכן גראַדוס, ניט זעענדיק פֿאַר זיך גאָרנישט, אויסער איר, און אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין, האָט ער אָנגעהויבן אַפֿילע אין זײַנע לערן־זאַכן צו מאַנקירן, ווײַניקער זײַן אַרײַנגעטאָן אין זיי, און אָפֿט פֿלעגט ער זיך כאַפּן, אַז זיצנדיק פֿאַר אַ בוך, פֿון וועלכן ער איז פֿריִער פֿאַרכאַפּט געווען, ביז זיך פֿאַרגעסן און זיך ניט קאָנען אָפּרײַסן, האַלט ער גאָר איצט די אויגן פֿון אים אָוועקגענומען, און טראַכט פֿון דעם, וואָס האָט קלאָל ניט קיין שײַכעס צום בוך — פֿון איר...

נאַטירלעך, אַז מײַלעכקע האָט ניט אופֿגעהערט זי צו באַזוכן. כאָטש די לעצטע צײַט האָט ער ניט איין מאָל, קומענדיק צו איר, ווי אַלע מאָל פֿריִער, אין אָוונט, זי אין דער היים ניט געטראָפֿן, און אַז ער האָט באַ איר שפּעטער אַמאָל אַ פֿרעג געטאָן: ווו איז זי געווען נעכטן, אייערנעכטן, דעם און דעם און יענעם און יענעם אָוונט, האָט זי געענטפֿערט, אַז אין צירק, וועלכן זי ליבט שטאַרק,

און וווּהין זי האָט אויך אים, מײלעכקען, האַלב קאַלט, האַלב צעשטרײט אײַנגעלאַדן.

ער האָט קײן כײשעק ניט געהאַט אָנצונעמען די אײַנלאַדונג, האַלטנדיק די צירק־פֿאַרװײַלונג בכלל פֿאַר פּוסט, און בפֿרט, ער זאָל נאָך האָבן לוסט אים אַזױ אָפּט צו באַזוכן, װי זי, װי זײַן בליומקע, װאָס ברענט מיט אַזאַ לײַדנשאַפֿט, ביז זיך אָפּזאָגן צו באַמערקן אים, מײלעכקען, און ביז ניט צו װיסן, אַז די לעצטע צײַט, װי ער באַמערקט, זײַנען אַזש די אױגן ניט אירע, גלײַך װי פֿאַרטרױמט, פֿאַרטראָגן און אָפּט, װען ער, מײלעכקע, װענדט זיך צו איר מיט עפּעס װאָס, בלײַבט זי מיט זײַן פֿראַגע אױף די ליפּן טױבלעך פֿאַרטומלט, זי איבערראַשנדיק און ניט װיסנדיק װאָס צו ענטפֿערן.

נו, און דער סאָף איז געװען אַ קלאָגעדיקער, אַ קלאָגעדיקער פֿאַר אַלעמען, פֿאַר בליומקען, װעלכע האָט זיך װי אַן אומשולדיקע כײַעלע אומזיסט און אומנישט געפֿאַנגען אַרײַנגעכאַפּט; קלאָגעדיק פֿאַר איר פֿאָטער, װאָס האָט אָנגעװױרן — אַ קינד, אַן עלטסט קינד, זײַן שטוב־פֿירערן און קינדער־דערציִערן, נישט װיסנדיק אַפֿילע, װוּ איר געבײן איז אַהינגעקומען, װאָס װי פֿאַר יעדער פֿאָטער אין אַזאַ פֿאַל איז אי דער ביזאָיען, אי דער װײטעק ניט צום איבערטראָגן; קלאָגעדיק אױך פֿאַר באָריסן, װאָס האָט דערנאָך, װי נאָר ער האָט זיך פֿון דער מײַסע דערװוּסט, מײלעכקען אין די אױגן ניט געקאָנט קוקן און האָט אים אַ צײַט געזוכט אױסמײַדן, זיך מיט אים ניט באַגעגענען און זיך אַפֿילע צופֿעליק אױף קײן שװעל ניט אָנשלאָגן, װי אַן עכטער שולדיקער, נו, און אװאַדע און אװאַדע קלאָגעדיק פֿאַר מײלעכקען, װאָס אָט־אָט האָט ער געזאָלט זײַן לײַטן־גלײַך, זיך צונױפֿגײענדיק מיט אַ צװײטער העלפֿט, צו װעלכער ס'האָט אים אַזױ יִנגלש־אױפֿריכטיק געצױגן, אָט־אָט... און פּלוצלינג, קראַך!..

װאָס איז געשען?

שלומיִעל דער קאַסיר איז אַ היפּשע שטיק צײַט, סײַ באַטאָג, סײַ פֿאַרנאַכט, אומזיסט בא זיך אין בודקע צום בילעטן־פֿאַרקױף געזעסן: גאָר װײניק אױלעם האָט צו אים די הענט מיט געלט געשטרעקט, גאָר װײניק אױלעם האָט בכלל אין זײַן זײַט אָפּגעקערעװעט, נישט אַרױסװײַזנדיק קײן שום אינטערעס צום צירק, צי דערפֿאַר, װײַל ס'איז געװען קריזיס באַם אױלעם, צי װײַל ס'איז דאָרט ניט געװען װאָס צו זען...

דאָס האָט זיך, נאַטירלעך, שלעכט אָפּגערופֿן אױף די אַרטיסטן, קונצנמאַכער, עקװיליבריסטן, אַקראָבאַטן, װי אױך אױפֿן פּאָשעטן באַדין־פּערסאָנאַל, װעלכע האָבן זיך גענומען צעקריכן אינמיטן סעזאָן, די קאָנטראַקטן ברעכן און די שטעלעס פֿאַרלאָזן, פֿון נישט האָבן פֿונװאַנען צו באַקומען זײער לױן.

דאָס האָט זיך שלעכט אָפּגערופן אפילע אפן דירעקטאָר, וואָס כאָטש ער האָט אַלעמאָל, ווי דער אָנפירער, גענומען פון דער קאַסע דער ערשטער, איז אָבער איצט, ווען יענע ליידיק, איז אויך ער געבליבן מאַטעריעל הינטערשטעליק און ער איז שוין אָפּט געווען געצוווּנגען פאַר די באַלכויווּעס זיך אויסבאַהאַלטן און זײַן שיינעם שטאָלט פאַר זיי ניט ווײַזן.

ער האָט אונטן־אַרום גענומען די גאַרדעראָב־זאַכן פון זײַנע דירעקטאָר־טשעמאָדאַנעס צו פאַרקויפן, קעדיי ער זאָל ווי־ניט־ווי דעקן דעם כויוו, מיט וועלכן ער איז שולדיק געשטאַנען באַ דער באַלעבאָסטע, ווי ער האָט זיך ייִדישלעך געשפּײַזט און געהאַלטן סטאַנציע.

מיט איינעם וואָרט, ס'איז געקומען צו באַנקראָט, ווען ער, דער שיין־שטאַלטיקער דירעקטאָר, מיטן ענגמאַנטל און מיטן פײַנעם רינג אפן פאָרלעצטן פינגער פון זײַן רעכטער האַנט, האָט געמוזט אויקער זײַן.

ער האָט דאָס געטאָן, איבערלאָזנדיק קיניע מיט מיניע, ווי מע זאָגט, און איז אוועק איינמאָל אַ באַנאַכט, נישט געזעגענענדיק זיך מיט קיינעם, קעדיי ניט לאָזן ווּיסן, ווּוּהין זײַנע שפּורן זײַנען פאַר־שוווּנדן, און פון זײַן גאַנצער צירק־אונטערנעמונג האָט מען געקאָנט זען אין אַ פּאָר טעג נאָך זײַן פאַרשווינדן, ווי ס'איז געבליבן ניט מער ווי די פּוסט־שטייענדיקע געבײַדע, די ווענט פון ברעטער און דער דאַך פון לײַוונט, אויך איינס אַ מאַלפּעלע, אַ יאָסעמל, אַ הונ־געריקס, וואָס קיינער איז ניט געווען ווער ס'זאָל דאָס שפּײַזן, דערצו אַ שווינדזיכטיקס, אַ קרענקלעכס, וואָס האָט זיך שוין קוים געקאָנט רירן, אפילע ווען מע איז צו דעם נאָענט צוגעטראָטן... אָט דאָס מאַלפּעלע, האָט מען געקאָנט זען, ווי הענגענדיק מיטן קערפּערל, ווי אף מישקוילעס, אף דער אָפּן געבליבענער טיר פון אַרײַנגאַנג אין צירק, האָט אָרעמלעך געבעטלט מיט אַן אויסגעשטרעקט הענטל, אָנעמענדיק אַלץ, וואָס מע האָט דעם דערלאַנגט, צי צום עסן, צי צום שפּאַס־טרײַבן, און ווען מע האָט דעם גאָרניט ניט דערלאַנגט, האָט עס געקליבן פליי פון אייגענעם פעלעכל...

ס'איז אויך געבליבן איינס אַ קעמל מיט צוויי האָרבעס, איינער אהער, אַ צווייטער אהין, מיט אַ קײַלעכיק־אָפּגעקראַכענעם בויך, כאָטש מאַך פון אים אַ פּויק, אף וועלכן קיינער, אפילע דער שינדער, האָט זיך ניט געקוואַפּעט. אָט דאָס קעמל איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג באַם ברעג טײַך, וואָס איז ניט ווײַט געווען פון צירק, און ניט האָבנדיק וואָס צום עסן, האָט מידבעריש־פאַרטראַכט די אייגענע פאַרלוירנקײַט באַקלערט, און ניט קנײַענדיק און זיך האַלטנדיק אף די פּלאַט־פיס, האָט געהאַלטן אין איין קײַען און מאַלעגיירען לופט מיט גאָרנישט...

יאָ, דער דירעקטאָר איז אוועק, ניט אויספֿײַנענדיק זיך ניט נאָר פֿאַר זײַנע אָנגעשטעלטע, פֿאַר זײַנע קאָנטראַקטירטע און באַדינ־פּערסאָנאַל, נאָר אַפֿילע ניט פֿאַר דער באַלעבאָסטע, וואָס פֿאַר דעם מערסט גרעסטן טייל כּיוון, וועלכן ער האָט ניט געקאָנט דעקן, האָט ער איר געלאָזט אַ פּאָר לײדיקע טשעמאָדאַנעס מיט עטוואָס קויטיקס אינווייניק... דערפֿאַר אָבער האָט ער זיך זייער און זייער אויסגעפֿײַנט פֿאַר אונדזער אַזוי באַדויערונגווערטיקער בליומקען, וועלכע ער האָט אף אַזוי ווײַט באַצויבערט, אַז זי האָט אַפֿילע ניט געפֿרעגט און ניט געוואָלט וויסן, וווּהין ער נעמט זי אין אַ מיטן נאַכט, אָן שום געפּעק, אויסער מיט דעם, וואָס זי האָט באַוויזן אין אײַלעניש פֿון שטוב אַרויסכאַפּן, נישט האָבנדיק קיין צײַט אַפֿילע זיך אף געזעגענען און אַ קוש טאָן די שלאָפֿנדיקע קינדער, וועלכע זי האָט דערצויגן און זיי פֿאַרביטן אַ מאַמע.

אַזוי ווײַט פֿאַרבלענדט איז זי געווען, אַז זי האָט אַפֿילע אין איר אייגענעם טאַטן פֿאַרגעסן, נישט פֿרעגנדיק זיך, ווי וועט ער, דער שטיל בעקאָוועדיקער ייִד און יווידייע־סייפֿער, וועלכער איז גראָד דעמלט געווען אף דער רײַזע, — ווי וועט ער אויפֿנעמען די ידיִעה פֿון איר אַנטרונען ווערן מיט אַן אײנעם, וואָס קיינער ווייסט ניט, פֿונוואַנען ער שטאַמט און וווּהין ער איז מיט איר, מיט זײַן עלטסט טעכטערל, פֿאַרשוווּנדן, ניט לאָזנדיק קיין אַדרעס, ווו אים צו זוכן.

אָפּגערעדט שוין, אַז זי האָט אַוואַדע פֿאַרגעסן אין מיילעכקען, אין דעם, וועלכער האָט צוליב איר שוין אַ שטיק צײַט פֿון זײַן באַרופֿלעכער באַשעפֿטיקונג זיך אַרויסגעשלאָגן און זיך אָפּגעגעבן בלויז איר צויבער. זי האָט זײַן אָפּפֿער ניט געשעצט, און אַ ראָ־מאַנטיש־פֿאַרבלענדטע, האָט זי פֿאַרלאָזט זײַן טיף־זיצנדיקע, באַלאָדענע שיף, קעדיי צו מאַכן אַ לײַכט־אָפּפֿלאַקערנדיקע ליבע־רײַזע מיט יענעם, וואָס, ווי מ׳האָט שפּעטער, נאָך לאַנגן זוכן און זיך נאָכפֿרעגן, זיך דערוווּסט, האָט ער זי פֿאַרפֿירט אַזש אַפֿן וועג, וואָס פֿירט פֿון האַמבורג קיין בוענאָס־אײַרעס, מיט וואָס אַזוינע רײַזעס פֿלעגן זיך אָפֿט דעמלט ענדיקן, און ווו שוין אינמיטן וועג פֿלעגט אַמאָל דער יאַם, אַ שווײַגנדיקער אָדער אַ שטורעמדיקער, פֿאַרנעמען די אַנגסט פֿון אָט די וויסט־געפֿאַנגענע, ווי אַזעלכע, ווי בליומקע.

צו יענער צײַט איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מילכאָמע, וואָס איינער פֿון די רעזולטאַטן, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, איז געווען די אויסבילדונג פֿון פּוילן, דער מעדינע, צו וועמען ס׳איז אַריבער אויך דער קאַנט, ווו ס׳האָט זיך געפֿונען די שטאָט, ווו אָט דער מיילעך מאַגנום האָט געוווינט.

שפּעטער איז אין יענער שטאָט, מיט אַן אַלט־ייִדישער קולטור־טראַדיציע, געגרינדעט געוואָרן אַ וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט מיט פֿאַרשיידענע אָפּטיילונגען אף צו דערלערנען פֿאַרשיידענע דיסצי־

פּלינעס, און אלס ראָש און אָנפירער פון איינער פון זײַנע אָפּטײ־לונגען — די אָפּטײלונג פון שפּראַך־װיסנשאַפט — איז ארױסגערוקט געװאָרן דער פון אלע אין דעם געביט אנערקענטער מײלעך מאגנוס, װאָס זײַן נאָמען האָט ארױסגערופן גרױס אכטונג אפילע בא פרעמדע, ניט ספּעציאַליסטן, ביפראט בא דער פּלעיאדע שילער, אספּיראנטן, װעלכע האָבן זיך אונטער זײַן אױפזיכט דערצױגן, גיסנדיק װאסער אף זײַנע הענט, דאָס הײסט באדינענדיק אים װי שילער א לערער, און אזױ װײַט אים אכטנדיק, ביז ניט צו דערלױבן אין זײַן אָנװעזנהײַט צו זעצן זיך אפילע, װען ער האָט דאָס פון זײ געפאָדערט...

מײלעך מאגנוס, זײַענדיק אן אײנזאמער, האָט ניט אָנגעפירט מיט זײַן אָפּטײלונג, װי אלע אָנפירער, פונװײַטן, דאָס הײסט האָבנדיק געקומען אהין בלױז אף באשטימטע שאָען, װי ס'פירט זיך, נאָר ער האָט אפילע דאָרט זײַן פּריװאטע װױנונג געקריגן, באקומענדיק אױסגעטײלט א באזונדער דירע, װאָס איז אױפגעפאסט געװאָרן פון די דינער פונעם אינסטיטוט, מאכמעס ער האָט ניט געהאט, װער ס'זאָל אים באדינען.

דעמלט האָט מען אים געזען אזױ װײַט פארטאָן און אריבער־פארטאָן אין זײַן ארבעט, אז ס'האָט געדאכט, אז פאר גאָר דעם ארומיקן קלעקט אים קײן ריִע און קײן שמיִע ניט, גלײַך ער װאָלט געהאט באשטענדיק װאטע אין די אױערן און איבער די אױגן עפּעס איבערגעצױגן א הײַטל, װי בא א שטענדיק פארכושטן.

אלײן נאָר די, װאָס האָבן אים באדינט אָדער װאָס פלעגן אױך אױסערן אינסטיטוט קומען מיט אים אין באריִרונג, האָבן געװוּסט פון זײַן אײנזאמער רעגילעס אומצוגײן בא זיך אין קאבינעט, װען ער האָט געהאט פרײַ, אמאָל נאָר בא אײנער א װאנט הין און צוריק, אמאָל אין אלאכסן פון קאבינעט, און אמאָל ארום אלע פיר װענט, אָפּט בײַטנדיק דעם מארשרוט, אמאָל בא דער, אמאָל בא יענער.

און נאָך אײנע א רעגילעס האָבן די באדינער בא אים באמערקט, אז װען ער בלײַבט אלײן, רעדט ער אױך צו זיך אלײן, אמאָל אף א קאָל, אז אױך אנדערע קאָנען הערן, און אמאָל — האָבנדיק בלױז זיך אלײן פאר א צוהערער.

דאָס און נישט מער, און די אײנציקע נעגיִע מיט מענטשן און מיטן סײדער־האָװילעם, אױסער זײַן אינסטיטוט, איז באשטאנען אין דעם, װאָס פון צײַט צו צײַט פלעגט ער זיך אװעקלאָזן אף א קאָנצערט אין א זאל, װו אזעלכע פלעגן געגעבן װערן, און װו ער האָט געהאט זײַן באשטענדיקן אבאָנעמענט, זײַן באשטענדיקן פּלאץ, און װו ער פלעגט אָפּזיצן א גאנצן אָװנט מיט צוגעמאכטע אױגן, און מיט אין א זײַט אָפּגעדרײטן קאָפּ און אָנגעשטרענגטן אױער זיך אײַנהערן ביז אין א מינדסטן קלאנג, ביז אין א מינדסטער נאָטע פון א גאנצן אָרקעסטער אָדער פון אן אײנצלנעם שפּילער, לײַדנדיק און פארקרי־

מענדיק דאָס פּאָנעם, אויב עמעצער האָט, כאָס־וועכאָלילע, עפּעס אַ מינדסטן טאַקט פאַרפעלט אָדער אים נישט אַרויסגעבראַכט ווי ס׳געהער... אויסגעהערט און אַהיימגעקומען, האָט מען אים אויך איצט, ווי אַמאָל אין דער יוגנט, געקאָנט זען מיטן פּאָנעם צום פענצטער אָדער צו אַ טויבער וואַנט געווענדט, איבערכאַזערנדיק, וואָס ער האָט אַפן קאָנצערט געהערט, און קומענדיק צו יענע ערטער, ווו דער דיריזשאָר אָדער דער שפּילער האָט געגרײַזט, פלעגט ער אויך איצט, שטייענדיק בײַ דער וואַנט אָדער בײַם פענצטער, אַ קרומע מינע מאַכן פון אומצופרידנקײַט פונעם פעלער פונעם קאָנצערטמייסטער.

נאַ, און אָט דעמלט, ווען מע האָט שוין געקאָנט מיינען אַף זיכער, אַז ער, מיילעך מאַגנוס, וועט מיט זײַן פאַרזעסנקײַט זיך שוין ניט שיידן, און פאַרקערט — וועט, וואָס ווײַטער, אַלץ מער אין איר פאַרזינקען, — אָט דעמלט האָט ער גאָר פלוצלינג זיך עפּעס געענדערט, איז פון גלײַך אַרויס און כאַסענע געהאַט גאָר אָן קיינעמס הילף. און עמעס, אויך אָן שום פאַרליבעניש.

— ווי־אַזוי?

— אָט אַזוי: ער, דער ביז איבער די אויערן אַזוי פאַרטאָנענער געלערנטער, אַזש דער טאָג און די נאַכט איז ניט געווען זײַנע, נישט האָבנדיק די מעגלעכקײַט פון זײַן אָלפאַרשלינגענדיקן באַרוף אַפילע אַף אַ מינוט זיך באַפרײַען; ער, דער פון אַלע מאָל אַזוי שטאַרק אָפּגעזונדערטער, ביפראַט איצט, נאָך זײַן שווערלעכער פּראַקטיק, און נאָך דעם צוויימאָליקן טרויעריקן אומדערפאָלג אַפן ליבע־געביט, האָט איצט — זע אַ וווּנדער: גאָר אָן קיינעמס הילף, אָן דער הילף פון אַ באָריסן, לעמאָשל, וועלכער האָט אים פריִער, בײַ בליומקען, אונטערגעהאָלפן און אים אין וועג צו איר, ווי גלאַט־פּירנדיקע סטעזשקעס אויסגעשפּרייט, — האָט איצט, אָנשלאָגנדיק זיך אַף איינער אַ פרוי, געפונען אי צײַט, אי ווערטער אָן בושע, ער זאָל איר מאַכן אַ פאָרשלאָג, וועלכן זי, די פרוי פון איר זײַט, האָט אים אָנגענומען, אָן שום איבעראַשונג, און ווי זיך ריכטנדיק פון פאָרויס אַף אים.

עמעס, דאָס איז געווען אַ פרוי שוין אין די יאָרן, אַן אַלמאָנע, אָדער וואָס איז זיך מיט אַ מאַן צעגאַנגען, אָן לעקעלעך און שאַרף־שוואַרצע פּייעלעך, וועלכע זאָלן אים מאַכן אופּציטערן און פאַרלירן דאָס לאָשן אין איר אָנוועזנהײַט, ווי פריִער, ווי בײַ יענע, נאָר אַ מענטש שוין אַ סאָלידער, אַ ביסל שוין אַפילע מיט אַן אויסגעלאָשענעם בליק און אָן שום פאַרבלענדיקע פרויען־שטיק, נאָר דערפאַר מיט גענוג פאַרשטאַנד אַף צו וויסן, וועך ס׳זיצט פאַר איר, און ווער ס׳איז דער, וואָס מאַכט איר דעם פאָרשלאָג, און ווי־אַזוי אים צו שעצן.

אַ סוואָרע, אַז דאָס איז געווען זײַנע אַן אַלט־באַקאַנטע, אָדער פון זײַן יונגנטלעכער היימשטאָט ערגעץ, אָדער פון עטוואָס שפּעטער, איינע פון זײַנע אַמאָליקע פּאַרטיי־קרײַזן דאָ אין דער שטאָט, ווו

ער געפינט זיך איצט, וואָס איינמאָל, קומענדיק צופעליק צו אים מיט א באזוך, האָט זי אַף אים א באדויערנדיקן, געטריי־מוטערלעכן בליק געטאָן, דערזעענדיק אים אין זײַן ווינונג איינעם אליין, און זײַן שטויביקן קאבינעט, פול מיט ביכער באשטעלט... און אָט, אָט דער בליק האָט אים, מײַלעך מאגנוסן, געדינט פאר א זיכערן סימען, אז די, וואָס באטראכט אים אזוי אין זײַן איינזאמקייט, איז ווען זי שטייט צו אים נעענטער, וואָלט זי אים אַף פיל געקאָנט פארלײַכטערן דער־מיט, וואָס זי וואָלט ארײַנגעבראכט אין שטוב צו אים דאָס, וואָס ביז אהער האָט דאָרט אויסגעפעלט, — פרווייִשע געמיטלעכקייט...

נו, און אהין־אהער, און נאָך איין מאָל, צוויי מאָל אירן א באזוך בא אים, האָט ער געפונען לאָשן אַף איר צו מאכן א פּאָרשלאָג, פילנדיק, אז פון איר זײַט וועט קיין מעניע ניט זײַן, און אז דאָ האָט ער ניט אָנגעטראָפן אַף אזא, וואָס וועט אים איבער וואָס־ניט־איז אָפּשטויסן.

ס'איז טאקע אזוי געווען, און שוין די ערשטע טעג האָט ער זיך איבערצײַגט, אז ער האָט זיך ניט גענארט און איז קיין פעלער ניט באגאנגען, אנטפּלעקנדיק זײַן באגער פאר איר, כאָטש מיט אזא פארשפּעטיקונג, ווײַל ער האָט שוין געהאלטן באלד בא די פערציק...

ווײַל מײַלע, וואָס געווען, איז געווען, אָבער איצט האָט אים דער טאָג געשײַנט בעסער, ווי פריִער, גלײַך ער וואָלט פריִער אופ־געגאן און שפּעטער פארגאנגען... זײַנע וויניקע לײדיקע שאָען זײַנען אים אַף א פיל בעסערן אויפן פארפולט געוואָרן, פארשפּאָרנדיק אים אומצושפּאנען איינעם אליין אין זײַן קאבינעט און פירן א געשפּרעך מיט זיך אליין, ווי אלע מאָל פריִער, ווען קיינער איז אין שטוב ניט געווען און ווען ער האָט זיך אין זײַן איינזאמקייט ניט געקאָנט באהערשן.

און אוואדע און אוואדע איז אים זײַן לעבן פארפולט געוואָרן, ווען שפּעטער, נאָך דעם, ווי ער האָט מער נעענטער, היימישער ווערנדיק, מיט איר כאסענע געהאט, און אין איינינקע כאדאָשים האָט זי אים איינמאָל אין א פרווייִש־מענערישן געשפּרעך פארטרויט, אז זי „טראָגט".

א גאנצע קאפּעלע קלעזמער האָט אין אים מיטאמאָל א פריילעכן שפּיל אופגעטאָן, ווי ערעוו א גרויסארטיקער האצלאָכע, וואָס האָט, ניט געקוקט אַף דער פארשפּעטיקונג, אים סאָפּקאָלסאָף געטראָפן. דאָס מיינט מען, אי א שטארק ליב־האָבנדיקע פרוי, וואָס ווייסט אים אזוי גרויסארטיק צו שעצן, און אי דערצו נאָך א באלד־צודער־ווארטנדיק דריט באשעפעניש, וואָס דאַרף אָט־אָט זיך ארײַנבאווײַזן צווישן אָט די צוויי אָקאָרשט זיך צונויפגעגאנגענע אַף נאָך מער צו פאַרקניפּן און פארבינדן זייערע צווישנבאציִונגען.

ער, מײַלעך מאגנוס, האָט צו יענער צײַט פון גרויס גדולע אפילע צו זײַן בארוף מיט א זײַט זיך געשטעלט און ווי אָנגעוווירן דעם

ביישעק צו אים, באנוגנדיק זיך מיט דער פרייד בלויז פון דעם, וואָס עס שטייט אים אָט באלד פּאַר ווערן א טאַטע.

פון גרויס קאָפּ־פּארדרייענדיקער איבערפּולטקייט האָט ער אָפּט דעמלט גאנצע שטיקער פריילעך געזאַנג פון זיך שטילערהייט ארויס־געגעבן, סײַ ווען ער איז געווען אליין, ניט געשטערט פון קיינעם, און סײַ אפילע אין דער אַנוועזנהײַט פון פרעמדע, ווי צווישן זײַנע טאַלמידים אין אינסטיטוט, פון וועלכע ער האָט זיך ניט געלאָזט שטערן, ווי זיי ניט באמערקנדיק, און ווען, לעהייפּעך, זיי, די טאַל־מידים, האָבן אים זייער און זייער באמערקט, און מיט גרויס צופרידנקייט זײַן גדולע נאָכגעקוקט, וויסנדיק, פונוואנען זי שטאַמט און אין וואָס זי באשטייט...

און אָט האָט ער שוין בעעמעס טאקע געזאָלט זײַן דער גליקלעכ־סטער פון אלע גליקלעכע, א באצאָלטער און באלוינטער פאר אלע פּוראַ־ניָעסן, וואָס ער האָט געהאט אויסצושטיין...

אָבער וויי: ווי זאָגט מען עס, ווּ ס׳גייט ניט, גייט ניט, און אז ס׳איז שלעכט באשערט, איז כאָטש שטעל זיך און שרײַ מיט אן אָפּן אופגעריסן מויל אף גאַר דער וועלט „כײַ־וועקײַעם״ אף דער אומבעראכמאָנעסדיקער אומבאגרײַפלעכער באשערטקײַט...

אז ס׳איז געקומען די צײַט פון „האָבן״, האָט דער פרוי קיין קויכעס ניט געקלעקט דאָס קינד צו געבוירן. צי ווײַל ס׳איז געווען אן ערשטלינג, און דערצו א פארשפּעטיקטס, צי איבער אן אנדער סיבע, נאָר דאָס קינד האָט מען געמוזט „נעמען״... ס׳האָט זיך שווער געגעבן, און דער סאָף איז געווען, אז איינס א לעבן האָט געמוזט געאָפּפערט ווערן פאר א צווייטנס, און דער רעזולטאט — די מוטער איז אוועקגעשטאָרבן, און דאָס קינד האָט זיך באקומען א באר־קאיאָמע, דאָס הייסט א געזונטס און א לעבנספייִקס.

פארשטענדלעך, אז מיילעך מאגנוס האָט נאָך דעם, וואָס ס׳האָט אים איצט ווידער געטראָפן, שוין אוודע זיך געמוזט זאָגן: גענוג מיט פערזענלעכן גליק, אָפּגעבנדיק א גרויסן דאנק גאָט דערפאר, וואָס מע האָט אים כאָטש געלאָזט א קליין שטיקל טרייסטנדיקן אָנהאלט אף דער וועלט — אָט דאָס קינד.

ער האָט זיך דעם אָפּגעגעבן מיט דער גאנצער געטרײַשאפט, אף וויפל אזא איינער, וואָס האָט זײַן ליבע ניט אויסגעלעבט, איז פייִק...

מע האָט געקריגן אן אם, ווען דאָס קינד האָט זיך צוערשט אין אן אם געניטיקט, און ווען מע האָט דאָס אנטוויינט — איז דאָס ווידער, נאטירלעך, ניט אָן האזשגאָכע געבליבן, נאָר פארקערט: ניט נאָר ווי איין פּאָר אויגן פון איין מוטער וואָלט דערוף אופגעפּאסט, נאָר ווי צען פּאָר פון צען מוטערס...

אזוי גוט, געטרײַ, אופמערקזאם און מיט אלערליי באקוועמלעכקײַטן האָט דער פּאָטער דאָס קינד באזאָרגט און ארומגעשטעלט, אז דאָס

פיצל האָט די ערשטע יאָרן ניט געפילט קיין שום מאַנגל אין מו־טערשאַפט, מאַכמעס ער, דער פאָטער אַליין, האָט דעם געניגט, דאָס ליב האָבנדיק און באַדינענדיק עס פאַר צווייען — אי פאַר א פאָטער, אי פאַר א מוטער.

דאָס קינד האָט דערום, ווי נאָר ס'האָט די ערשטע שײַן דערזען, אים, דעם פאָטער, גלײַך דערקענט פאַר אַזאַ, וועלכער האָט צו דעם די נאָענטסטע און איבערגעגעבנסטע שײַכעס. און ווי נאָר ס'האָט אויך דאָס ערשטע מאָל געקריגן זין אַף א שטרעק צו טאָן די הענט־לעך מיט אַן אַנטקעגנקומענדיקער ליבע צו דעם, וועלכער האָט פאַרדינט בא דעם געליבט צו ווערן, אַזוי האָט דאָס, ווידער מיט שוין מער האַרציקער דערקענטעניש, אויסגעטיילט אים, אַף צו אים זיך א שטרעק טאָן...

אַזוי טאָמיד, ווען דאָס קינד איז געווען וואַך און ס'האָט זיך אַליין געצויגן צום פאָטער, און אַזוי אויך, ווען ס'פלעג אײַנשלאָפן, האָט מען געקאָנט זען, ווי דער פאָטער וואַכט, קומט צו דעם צו גיין, אַמאָל נאָך דער אַרבעט, אַמאָל אינמיטן שטעלט זיך אַוועק איבערן בעטעלע, קוקט און קאָן זײַן פאָטערלעך־באַזאָרגטן און גליק־ווינטשנדיקן בליק פון דעם ניט אָוועקנעמען.

ס'איז אַוועק א יאָר נאָך א יאָר. און אָט האָט מען געקאָנט זען מײַלעך מאַגנוס צוערשט פירן א פיצל קינד פאַר א הענטל אַפן שפּאַציר, און שפּעטער שוין א מער גרעסערס און אונטערגעוואַקסנס, ווען ס'איז אַלט געוואָרן דרײַ און פיר יאָר, אַאַוו.

קאַפּיטל צוויי

דאָ קומט אַן איבערײַס אין דער בײאָגראַפיע פון מײַלעך מאַגנוס אַף א יאָר צען, פופצן און מער, וועגן וועלכער ס'איז ניטאָ וואָס צו דערציילן, אויסער נאָר דאָס, וואָס דאָס קינד האָט אים, אין מעשעך פון דער צײַט, געהאַלטן אין איין וואַקסן, איבערגייענדיק פון קינ־דער־וווּקס אין ייִנגלשער, און פון ייִנגלשער אין באָכערישער. און נאָך זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן איינע א גרויס־וויכטיקע פּאָליטישע געשעעניש, וואָס איז צו יענער צײַט אָקאָרשט נאָרוואָס אויפגעשוווּמען און דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט, און וואָס שפּעטער, ווען זי האָט זיך אַרויסבאַוויזן אין איר גאַנצער פאַרשריבענער גרייס, האָט זי גע־בראַכט מיט זיך די צעשטערונג און צערײַבונג פון מיליאָנען מאַזאָלעס, אובעסויכעס אויך דאָס מאַזל פון מײַלעך מאַגנוס מיט זײַן קינד.

דאָס מיינט מען די געשעעניש אין יענעם באַוווּסטן מײַרעוו־איירָאָפּעיִשן לאַנד, וואָס איז איצט שוין פון גאָר דער וועלט געשטעמפּלט געוואָרן מיטן קאַין־צייכן, און וועגן וועלכן אַלע האָבן דעמלט זיך געהאַט צו פאַרטראַכטן, אובעסויכעס אַפילע אַזאַ, ווי אָט

דער מיילעך מאגנוס, וואָס איז אזוי ווײַט געשטאנען פון פּאָליטיק, זײַענדיק פארטאָן בלויז אין זײַנע וויסנשאפט־איניאָנים, וועלכע ער האָט זיך געווידמעט אָן איבערקלײַב.

קוקנדיק אױף אים דעמלט פון ווײַט, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז אים, אָט דעם איבערן קאָפּ פארזונקענעם פאכמאן, גייט קיין זאך ניט אָן, און ס׳איז א סאָפּעק, צי ווייסט ער אפילע, וואָס סע ווערט געזאָגט און געשריבן אין דער פּרעסע מיקויעך יענער דראָענדיק־אופקומענדיקער דערשײַנונג, פון וועלכער ס׳העננט אָפּ א היפּשער טייל פונעם וועלט־מאזל.

אזוי האָט מען געקאָנט מיינען, קוקנדיק אױף אים פון ווײַט. ווער אָבער ס׳האָט אים נעענטער געקענט און האָט געהאט צו אים א מער נעענטערע שײַכעס, דער האָט געמערקט, אז ניין, אז די זאך גייט אים זייער און זייער אָן.

מ׳האָט באמערקט, ווי אין צוזאמענהאנג מיט דעם אומרו, וואָס רוקט זיך אָן, ווי א כמארע, קומען צו אָט דעם מיילעך מאגנוס עפּעס א פּאָר קווער־קנייטשן אפן שטערן אויבן ביז זײַן נאָז אראָפּ אונטן, און אז אינגאנצן הייבט ער אָן אויסזען, ווי עפּעס א שטיל־אָנגעצויגענע כײַע ערעוו דעם, ווען זי גרייט זיך צו פארטיידיקן אָדער אָנפאלן.

ווײַל יאָ, ווי מיילעך מאגנוס איז איצט שוין ניט ווײַט געווען פון זײַן אמאָליקער פּאָליטישער פראקטיק, און ווי זײַן סטעזשקע צו איר איז שוין ניט געווען ווי מיט מאָך פארוואקסן, איז אָבער איצט, ווען יענע פארשריבענע מאכט האָט זיך געשטעלט א ציל אױף צו שלעפּן דעם געשיכטלעכן פּאָרשריט־וואָגן צוריק צום אורוואלדישן אויסגאנג־פּונקט, איז נאטירלעך, אז מ׳האָט באדארפט זײַן נאָר ניט אָן אבי־ווער, דאָס הייסט נאָר א מענטש מיט מענטשן גלײַך, מ׳זאָל זיך גלײַך וועלן זען שטיין אין די רייען פון די, וואָס ווילן דאָס צוריק אָפּשלעפּן־אָפּהאלטן און דערצו ניט דערלאָזן.

דאָס ביכלאַל, און ביפראט, ווען ער, מיילעך מאגנוס, האָט נאָך געהערט צו יענעם פּאָלקס־קיבעץ, וואָס מיט אים האָט דאָך יענע מאכט באשלאָסן זיך צו באגיין נאָר אױף אן אנדער מין אויפן, ווי מיט אלע אנדערע, ווען נאָר ער וועט איר צו איר דערגרייכנדיקער האנט קומען...

און ווידער ביפראט, ווען אויסער דער זאָרג, וואָס ער האָט געטראָגן אלס מענטש און אלס ייִד, איז אים נאָך צוגעקומען די זאָרג פאר דעם, וואָס איז אים געווען פּערזענלעך אמטײַערסטן — די זאָרג פאר זײַן קינד, וואָס איז דעמלט שוין היפּש אויסגעוואקסן, און וואָס יעדערם מאָל, ווען ער פלעגט לייענען אָדער הערן, וואָס אין דעם ניט ווײַטן לאנד פון זײַנעם טוט זיך אָדער גרייט זיך צו געטאָן ווערן, פלעגט ער מיט א באזונדער פארזאָרגט פּאָנעם אונטער־ארום, אױף דעם א קוק טאָן, אי מיט אומויסגעשפּראָכענעם מיטלײַד, אי ווי מיט א באלד־ארויסקומענדיקן אויסגעשריי פון א קוואָקע, ווען זי

דערזעט סאקאָנע פֿאר איר קליינווארג, צעשפּרייט די פֿליגל און שטעלט זיך איַין זיי צו באשיצן.

צו יענער ציַיט האָט מען געקאָנט זען זיַין פֿאָנעם צאָרנדיק־באזאָרגט ניט נאָר אין דער אָנוועזנהיַיט פֿון זיַין קינד, נאָר אויך אין דער אָנוועזנהיַיט פֿון פֿרעמדע, און אפֿילע ווען ער פֿלעגט בליַיבן אליין מיט זיך, האָט ער אויך אויסגעזען וואך, אָנגעשטרענגט און ווי מיט א שטארק־פֿארשפּיצטן געהער, גליַיך ער וואָלט זיך אלע מינוט געריכט, אז אָט באלד וועט מען אים אין טיר אָנקלאפּן, אריַין און עפּעס גאָר־גאָר א שלעכטע בסורע אריַינברענגען.

צו יענער ציַיט האָט מען אים אָפּט געקאָנט הערן מיט א בייז וואָרט, א בייזער פֿראגע, און אמאָל אפֿילע מיט א גאנצער היציקער טיראדע ארויסקומען קעגן יענע, וועלכע האָבן געוואָלט די סאקאָנע פֿארגרינגערן און זי האלטן מיט דער האנט אוועקמאכן, זאָגנדיק: אייסעך, דער הימל איז נאָך ניט בא דר׳ערד, דער שעד איז ניט אזוי שרעקלעך, ווי מ׳מאָלט אים, און אז אינדערעמעסן האָט דער קאָפּ זיי דאָרט ניט אויסגעדארט, זיי זאָלן ניט וויסן, אז קעגן קיין גאנצער וועלט גייט מען ניט; און נאָך מער, אז אפֿילע דאָס, וואָס זיי פֿארשפּרעכן צו טאָן מיט אונדז, ייִדן, איז דאָס אויך מער ניט, ווי אָפּגעבלאָזענע אגיטאציע, וואָס דינט זיי ביז א ציַיט, ביז זיי מיינען איַינצוהאלטן די בלינד זיי נאָכגייענדיקע מאסן אין אופֿגעהעצלטער בראנד־שטימונג, אָבער ווי נאָר זיי וועלן דארפֿן א וואָסער־ניט־איז לאנד באהערשן אף א מעלוכע־אויפֿן, אזוי וועלן זיי זיך מוזן אנדערש אופֿירן און אין זייער איצטיקער גאזלאָנישער פּלאפּלעריַי פֿארגעסן.

— אזוי, — פֿלעגט מיילעך מאגנוס, דער שטיל־ווינקלדיקער געלערנטער, זיך אופֿקאָכן און מיט זיַינער א צעהיצטער טיראדע ארויסקומען, גאָר ניט ווי ס׳פּאסט פֿאר זיַין שוין עלטערלעך־אָפּגע־קילטן טעמפּעראמענט, — אזוי זאָגט מען: „פּלאפּלער“? עמעס, קעגן קיין וועלט גייט מען ניט און קיין וועלט באזיגט מען ניט, אָבער צאָרעס אָנטאָן א וועלט קאָנען זיי דאָך זיכער, אוביפּראט אונדז, וואָס דערוף זיַינען זיי געניגע מומכעס, גענוג געשולט און האָבן דערוף שוין א טויזנטיעריקע, היסטאָרישע כאזאָקע.

— אדעראבע, — פֿלעגט ער פֿאָרזעצן, — זאָל מען זיך דערמאָנען: אויב א ליאדע פֿעלד־גאזלען אין מיטלאלטער, איינער א ריטער, מיטן נאָמען רינדפֿלייש, האָט געקאָנט אויסקוילען דעם גאנצן דעמלטיקן ייִדישן ייִשעוו, אין א באטרעף פֿון איבער הונדערט טויזנט נעפֿאשעס, וועלכע האָבן זיך געפֿונען וווינען אין יענעם לאנד, פֿון גרענעץ ביז גרענעץ, פֿונעם טיַיך ריין ביזן טיַיך אָדער, איז פֿארוואָס זאָל דאָס איצטער ניט קאָנען טאָן א צווייטער, אן ענלעכער, אָט דער „לויזיקער פֿענדריך“, ווי ס׳האָט אים פֿאראכטנדיק אָנגערופֿן דער באוווּסטער ווילהעלם פֿעלדמארשאל; פֿארוואָס קאָן דאָס ניט טאָן אָט דער פּאטאָלאָגישער קריפּל, מיט דער דעראָבערונגס־מאניע פֿון א וועלט־

באהערשער, עלעהיי א נאפּאָלעאָן, א קארל דער גרויסער, אַן אלעקסאנדער מוקדן, וואָס זײַנע מעגלעכקייטן זײַנען אָן אַן ערעך גרעסער און זײַן פאנטאזיע קרענקלעכער, און וואָס דערצו זײַנען זײַנע זעלנער־כאיאָלעם פיל מער געפערלעך, ווײַל מער און בעסער באוואָפנט, ווי בא דעם אמאָליקן, מיטלאלטערלעכן פעלד־גאזלען רינדפלייש.

אזוי און ענלעך פלעגט מען אים דעמלט הערן אופטרעטן, אָט דעם מיילעך מאגנוס, אַן אופגערעגטן.

נו, און יאָרן שטייען נישט, און די געפאר, וואָס האָט שוין געהאט געהויערט אף די שוועלן, איז דערווײַל געוואקסן, געוואקסן זײַנען אויך ערגעץ אויסגעבאהאלטענע קויכעס, וועלכע האָבן זיך געהאט דערנאָך קעגנצושטעלן אָט דער געפאר, און געוואקסן זײַנען אויך זין בא טאטעס, וועלכע וועלן דארפן — ווער אף וועמעס זײַט — דעם קינפטיקן גראנגל אויסטראָגן, אובעסויכעס אויך בא מיילעך מאגנוס א זון, מיט וועלכן מ׳פלעג אים אָפט זען אין די אָפרו־טעג שפּאצירן, דעמלט ווען דער זון איז פרײַ געווען פון די שול־לימודים, און דער פאָטער פרײַ פון דעם, מיט וואָס ער האָט זיך פארנומען.

דאָס איז געווען דעמלט, ווען דעם זון איז שוין בא דרײַצן, פערצן יאָר געוואָרן, און ווען ער איז שוין פײַיק געווען אופצונעמען אלץ, וואָס דער פאָטער האָט אים געהאט צו מאכן יארשענען, דערלאנגענדיק דאָס אים אף א צוגענגלעך־פארשטענדלעכן אויפן, ווי ווערליק פאר א יוגנטלעכן, און ווען דער אווטאָריטעט פון פאָטער באם זון איז אזוי הויך געשטיגן, אז מיט אלע ייִנגלש־דאָרשטיקע שײַלעס, וועלכע פלעגן אים שטורמיש אופקומען, ווי יעדער יוגנטלעכן אין דעם עלטער, פלעגט ער זיך נאָך באשייד מיט זיי צום פאָטער ווענדן.

דאָס איז געווען דעמלט, ווען דאָס דרײַצן־פערצניאָריקע ייִנגל איז שוין פון לאנג ארויס פון רעשום פון די אופזעערס און דערציִערס, וועלכע מ׳האָט צו אים קליינערהייט געהאלטן, און איז אריבער אין גײַסטיקן רעשום פונעם פאָטער, וועלכער האָט אים פונעם באאָבאכטנדיקן אויג ניט ארויסגעלאָזט, זײַענדיק אים אי באהילפיק אלס רעפּעטיטאָר אין די שול־לימודים, ווען יענער האָט זיך אין הילף געניטיקט, און אי אויך, אויסער דעם, אין אלערליי פראגן, וועלכע קומען אוף און מאטערן אַן אינטעלעקטועל־באדערפטיקן יוגנטלעכן, וואָס האלט זיך אין אויספאָרמירן.

דאָס לעצטע פלעגט דער פאָטער טאָן אלע מאָל, ווען נאָר ער האָט צײַט געהאט, און באזונדערס אין די אָפרו־טעג, ביים די שפּאצירן אין גאס, אָדער אין שטאָט־גאָרטן, ביים ער, ווי דער לערער, און דער זון, ווי דער שילער, האָבן אויסגעזען אזוי איינס און צוזאמענגעלעבט, אז ס׳האָט געדאכט, אז פונקט אזויפיל, וויפל דער פאָטער פארמאָגט וויסן און באלערזאמקײַט אין זײַן עלטערלעכן דערפארונגס־ברונעם, פונקט, אין אזא מאָס, און אָן א טראָפּן צו פארלירן, טוט דאָס דער

זון, וואָס בא זײַן זײַט, אין זײַן קײלע, אין זײַן װיסנדאָרשטיקן שלונג אַרײַנעמען.

אלס איליוסטראַציע צו דעם אָקאָרשט געזאָגטן װעגן פּאָטערס און זונס צוזאַמענגעלעבטקײַט קאָן אונדז דינען אײנע א פאָטאָגראַפיע, װאָס איז אונדז פון יענער צײַט פון זײ פאַרבליבן.

אָט איז זי:

זײ שטײען אײנס לעבן אײנס, דעם פּאָטערס האַנט אױפן זונס אַקסל אַרױפגעלײגט, און דער זון האַלט דעם פּאָטער פאַר דער טאַליע אַרומגענומען. דעם פּאָטערס בליק — פול מיט באַשײדן־ציטערדיקן ניצאָכן פון דעם, װאָס אים איז סאָפּקאָלסאָף געלונגען בא זײַן גאָר ניט גערעכטענעם גורל דאָך נישקאָשע פון א מאַזל־נומערל אַרױסצוציִען — אָט דאָס גלאַטפּענעמדיקע ייִנגל, װאָס בא זײַן זײַט, פאַר װעלכן ער שרעקט זיך, דאַכט זיך, דאָך, אז דער זעלבער גורל זאָל עס בא אים צוריק ניט װעלן אַװעקנעמען... דאַקעגן, דאָס ייִנגל, װאָס האַלט דעם פּאָטערס טאַליע געאָרעמט, איז פול מיט יונגצװײַגלדיקער זיכערקײַט און מיט דעם הײפּעך פון פּאָטערס מוירע: אז ניין, הײסט עס, זײ זײַנען דאָ, זײ װעלן שטענדיק צוזאַמען זײַן, און קײנער װעט זײ אײנס פון אַנדערן ניט אַװעקנעמען און ניט שײדן אף קײן פאַל...

* * *

און דאָ קומען אָן די מוירעדיקע געשעענישן, מאַמעש טאַקע װי א כמאַרע אָנגעלאָפן, אומגעריכט, װען צוזאַמען מיט אַלע פּױלישע בירגער האָט אױך מײלעך מאַגנוס מער ניט געקאָנט טאָן און פירנעמען, װי נאָר דאָס, װאָס אַלע יעניקע האָבן דעמלט פּאָרט געקאָנט: צוערשט שטײן בלײַבן אונטער די האָגל־קלעפּ א געפּלעפּטער, און אומבאַשיצטער, און דערנאָך געטראָפן װערן פונעם דונער־קנאַל, װאָס יענע כמאַרע האָט פון זיך אַרױסגעגעבן, טראַך — און בערג מיט מיליאָנען אַװעקגעלײגט.

בעקיצער, אין א צײַט אַרום, נאָך דעם, װי יענע מאַכט האָט דאָס פּױלישע לאַנד באַהערשט, אַזױ האָט מײלעך מאַגנוס מיט אַלע זײַנע שטאַם־אײגענע אין דער באַװוּסטער געטאָ אַרײַנגעטראָטן, מיט האַק־פּאַק און מיט אַל־זײַן געװעזענעם מ׳שטײנסגעזאָגטן שעם, װאָס האָט שױן גאָרנישט ניט געגעבן, ניט געקוקט דערוף, װאָס די מאַכט האָט נאָך לעפּאָנעם, און צוליב אָפּנאַרן די, װאָס האָבן זיך געלאָזט נאַרן, — געלאָזט עקזיסטירן זײַן אינסטיטוט, און אים אַלײן — אף זײַן אָנפירער־אַמט, מיט אַלע קלױמערשטע רעשפּעקטן און פּריװױלעגיעס, װעלכע װערן געגעבן אַזא אַמט־מאַן... ער איז אַרײַן אַהין אױך מיט זײַן לעצטן — בעסטן — מיט זײַן אַזױ ציטעריק־דערצױגענעם זעכצן־זיבעצניאָריקן זון.

מ׳פארשפּאָרט שוין איצט צו דערקלערן, וואָס דאָרט האָט זיך אזוינס געטאָן, נאָכדעם, ווי די איבערגעבליבענע און ארויסגעקומענע איידעס פון דאָרט האָבן אונדז אזא רײַכן — סײַ מינדלעכן, סײַ שריפטלעכן — מאטעריאַל דערלאנגט, וואָס פון אים האָבן מיר, דער איצטיקער דאָר, די האָר אַף זיך געריסן, און אויך דעם שפּעטערדיקן דאָר וועט נאָך א געגוגנדיקער כײלעק קלעקן, ער זאָל קאָנען, אויב ער וועט וועלן, צו טאָן דאָס זעלבע, וואָס מיר...

יאָ, דאָס אלץ איז באוווּסט און מ׳פארשפּאָרט וועגן דעם אפילע א וואָרט צו פארלירן, און אויב ס׳איז יאָ נייטיק עפּעס צוצוגעבן, איז בלויז דאָס, וואָס אז ער, מײלעך מאגנוס, האָט זיך דערזען געפאנגען אין דער היצל־שטײַג פון יענער מאכט, אזוי באלד איז ער ווי אנשטומט געוואָרן, גלײַך דאָס לאָשן האָט אים אָפּגענומען, ניט נאָר ווען ער האָט פארקערט מיט פרעמדע, נאָר אפילע מיט זײַן אײגן קינד, מיט זײַן שוין באלד זיבעצניאָריק באָכערל, פאר וועלכן ער האָט, א פארשעמטער, די אויגן אראָפּ געהאלטן, גלײַך ער וואָלט זיך געפילט שולדיק, וואָס ער האָט אים אַף דער וועלט געבראכט, און גלײַך ער וואָלט אליין זײַן דער שעפער פון דער וועלט, און האָט געלאָזט אזוינס אומפּאסיקס פאר אים צו פּאסירן.

דאָס איז פאָרגעקומען באלד נאָך דעם, ווי זײַן זיבעצניאָריק באָכערל האָט צום ערשטן מאָל דערזען די מאכט בא איר אזוי גוט־געמאכטער מעלאָכע פון צו דערנידעריקן זײַנע שטאם־אײגענע ביז שטויב און זיי אראָפּברענגען ביז דער לעצטער מאדרייגע מינדערווערט, און א נידערגעשלאָגענער און געבראָכענער פון געזעענעם, האָט ער זיך א ווענד געטאָן צום פאָטער, צו זײַן אלעמאָל אזוי הויכגעשעצטן אווטאָריטעט, בא וועמען ער האָט אַף אלץ די געהעריקע דערקלערונגען געקריגן, א פרעג געבנדיק:

— טאטע, וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס געשעט דאָ? און פארוואָס קומט דאָס אונדז?

— כ׳ווייס אליין ניט, — האָט דער פאָטער דעמלט, אליין אויך א צעטומלטער, ניט געהאט מער וואָס צו זאָגן, און דערבײַ האָט ער די אויגן פון בושע אראָפּגעלאָזט, ווי א מענטש מיט נישט קיין ריינעם געוויסן, וואָס קערעוועט אָפּ דעם בליק פון א צווייטן, ניט האָבנדיק מיט וואָס זיך צו פארענטפערן.

אזוי האָט ער זיך אופגעפירט מיט זײַן קינד, און אזוי אויך מיט אנדערע, ווען ס׳האָט זיך צו אים געווענדט, ווי צו אן עלטערן און מער דערפארענעם, פון וועמען מ׳מיינט אמאָל צו באקומען א טרייסט־וואָרט אין אן איים־צאָרע.

בעיין־ברײרע האָט ער געלאָזט זײַן קינד אליין זיך דערקלײַבן צו דער דערפארונג פון קאָנען געפינען אָריִענטאציע און די פּאסונג־פּייִקײַט אין אָט דעם אזוי אומגעריכטן און פון אלע ביטערע הימלען באשערטן אָנשיקעניש. און אוואדע האָט ער דאָס געפּאָדערט פון

אנדערע, וועלכע האָבן זיך פאַרלוירן, ניט זעענדיק, פונוואַנען די הילף קאָן קומען.
אַזוי צום אָנהייב. שפּעטער אָבער, ווען יענע מאַכט, וועלכע האָט פריִער געהאַט געשפּאַנט פון זיג צו זיג, האָבנדיק צו טאָן מיט פיל שוואַכערע פון זיך, האָט אָנגעהויבן קריגן קלעפּ סײַ אויף די פראָנטן אויסערלעך פון איר ניט־געבויגענעם קעגנער, וואָס אויף מיזרעך, ווען מען זי האָט אויך מיט אַ לײַכט האַרץ קריג דערקלערט, מיינענדיק, אַז אָט טוט זי מיט אים דאָס זעלבע, וואָס מיט די פריִערדיקע — פּאַקט אים און דערוואַרגט אים, און דערנאָך אויך אינערלעך, דאָס הייסט אומעטום, אין הינטערלאַנד, וואָס ווי־ווער נאָר ס'האָט געהאַט אַ מינדסט געפיל פאַר פרײַהײַט, האָט זיך צוזאַמענגערעדט און צוזאַמענגעקליבן און אויף וויפל נאָר ס'האָט געקלעקט מיטלען, און אויף וויפל נאָר — קעפּ אויף די אַקסל, אויף אַזויפיל האָט מען געזען אָט דער מאַכט אונטער־אַרום צו דערלאַנגען, שעדיקן, אַ ריס טאָן, אַ צי טאָן, וואָס דערפון איז איר בלויז קאַס און גרימצאָרן צוגעקומען, אָבער קלאַל ניט קיין געזונט.
און נאָך שפּעטער, ווען וועגן אַזעלכע מעשׂים פון דער אונטערערד האָט מען אָנגעהויבן הערן שוין פון גאָר־גאָר נאָענט... אָט דעמלט האָט מען געקאָנט זען, ווי בײַ מיילעך מאַגנוס האָבן די אויגן עטוואָס מיד שטיל־אויסבאַהאַלטענע האָפענונג געגומען אונטערפינקלען, און הערנדיק, וואָס מ'פלעגט זיך, שטילערהייט, נאָך און נאָך דערציילן פון די מאַפּאָלעס, וואָס די מאַכט כאַפּט סײַ אויפן פראָנט, סײַ פון די אונטערערדלער, וואָס טוען זי אונטערגראָבן, אַזוי פלעגט ער שוין אָפּט אונטערברומען און פּאַטאַקעווען מיט צאָרנדיקער האַסקאָמע, און אַמאָל פלעגט ער אַפילע מיט אַ וואָרט אַרויסקומען — זאָגנדיק:
— נו, יאָ, וואָס האָבן זיי געמיינט, די הינט, אַזוינע און אַזעלכע? ס'וועט זיי אַזוי לײַכט אָפּגיין דער קאַמף מיט יענעם קעגנער, וואָס זיי האָבן פון אים קיין אַנונג, ניט פון זײַן מעהוס, ניט פון זײַנע אייגנשאַפטן, און ניט פון זײַן אידעאַל, וואָס איז אין גרונט פון זײַן אָרדענונג אוועקגעלייגט, און וואָס דערפון נעמט זיך זײַן אַזוי שטאַרקער ווילן זיך קעגנשטעלן און זײַן באַגער צו גיין אויף מעסירעסנעפעש פאַר אים.
— וואָס האָבן זיי געמיינט, די אַזוינע און אַזעלכע, אַז דאָס לאָזן זיי זיך אויף אַ שפּאַציר בײַ זיך אין דער היים, אָדער בײַ אַנדערע ענלעכע, אויף די גלאַנציקע אַספאַלטן, ניט וויסנדיק, אַז די ערד איז דאָרט קלעפּיק און אַז זי רײַסט די פּאָדעשוועס מיט פיס צוזאַמען, און אַז אַליין די לאַנד־קאַרטע דאָרט איז אַ טויט פאַר זיי, ווי ס'האָט זיך שוין ניט איין מאָל געמאַכט טאַקע מיט זיי אַליין און מיט אַנדערע לײַכטזיניקע דעראָבערער, וועלכע זײַנען זיך אַהין אָנגעלאָפן, מיינענדיק זיך אָנצולעבן אויף דער דאָרטיקער שעפע, און

וואָס דער סאָף איז געווען, אז זיי האָבן זיך קוים אָפּגעטראָגן און מיט דער הויט אנטרונען...

זאָל מען דאָ ניט שלעכט פארשטיין, מיינענדיק, אז אָט דאָס ביסל האָפּערדיקע דיבורים פון מײלעך מאגנוס זײַנען אים געקומען פון איבעריקער העלדישקייט, פון וועלכער ער איז אי לויט זײַן אָפּגעפאָרענער עלטער און אויך, מעגלעך, לויט זײַן טעווע, ווײַט געשטאנען, ניין, נאָר פּאָשעטע פונעם מענטשן־ווירדיקן זעלבשוץ־מיטל, וואָס געפינט זײַן אויסדרוק אינעם נעקאָמע־געפיל, וואָס טליִעט אין איעדן, וועלכער טרעט ארײַן אין אזא סאָרט לאגע, און וואָס ווינטשט זיך צו זען זײַן סוינע צעשמעטערט, אויסקוקנדיק זיך אין אלע זײַטן און זוכנדיק א גויעל אפילע אין דער לופט...

צוריק אָבער גערעדט, איז אָט דאָס געפיל גענוג געווען, אז אי ער אליין זאָל ניט איינגאנצן פארצווייפלען און נאָך פארמאָגן די פײיִקייט ארויסצוקוקן אַף געולע, — עמעס, פאסיוו, און ניט ווייסנדיק, פונוואנען זי קאָן קומען, — און אי א ביסל אויך מער אקטיוו, ווי מיט דעם, וואָס ער האָט געקאָנט צוקוקן, — ווידער, עמעס, א ביסל פאָרזיכטיק און מיט רעזערוון, — וויִאזוי זײַן קינד קוקט ארויס אַף איר, שוין אָפּאָנעם, אי ווייסנדיק, פונוואנען זי קאָן קומען.

צו יענער צײַט האָט מײלעך מאגנוס געקאָנט צוזען, וויִאזוי זײַן אייגן קינד, זײַן באלד שוין זיבעצניאָריק באָכערל, איז אויסער דער געפאר, וואָס דראָעט אים, ווי איעדן איינעם אין געטאָ, אויך אויסגעשטעלט געוואָרן נאָך איינער א געפאר, וואָס ער האָט אַף זיך אליין גענומען, און וואָס ער, דער פאָטער, מיט זײַן אויבנדערמאָנטער שטעלונג צו געוויסע זאכן, וועגן וועלכער זײַן זון האָט ניט געקאָנט ניט וויסן, האָט, אין א געוויסן פראט, אליין אים דערצו געשטויסן.

ער האָט געזען, ווי דאָס באָכערל האָט זיך גענומען עפּעס צופיל כאווערן און א סאָד אויסבאהאלטן צוזאמען מיט א גרופּע יונגטלעכע, מיט וועלכע ער האָט זיך געלערנט פון אָנהייב געטאָ־צײַט אין דער פריִער־געוועזענער פּראָפּעסיִאָנעלער שול, ווו מ׳האָט אמאָל געגרייט יונגטלעכע צו א מעלאָכע, צו סטאָליערײַ, שלאָסערײַ אאוו. און וואָס אָט די שול האָט די מאכט אויך געלאָזט ניט מער ווי צוליב גענארערײַ, קעדיי צו דערוועקן איליוזיעס בא די, וואָס ווילן זיך לאָזן נארן, און דעריקער, קעדיי דורך אירע אָנגעשטעלטע און געטרײַען פּערסאָנאל צו האָבן אן אויג אַף אָט דער לערן־יוגנט, זי זאָל ניט גיין אין קיין שלעכטע, פאר איר ניט געווונטשענע דראָכים און ניט ארונטערפאלן אונטער קיין פרעמדע ווירקונגען, ביז וואָס־ווען, ביז זי, די מאכט, וועט ניט האָבן באשלאָסן זי צו ליקווידירן...

דער פאָטער האָט געזען, ווי א גרופּע יונגטלעכע פון אָט דער שול קומט אָפּט זיך צונויף אין א פרײַער שאָ צו זײַן באָכערל אהיים,

האָבנדיק האלב מיט ווערטער, האלב מיט ווינקען מיט עפּעס זיך צו טיילן... אָבער אַלעמאָל ווערט דער געשפּרעך צווישן זיי אַזוי געפירט, אַז ער, דער פאָטער, זאָל ניט וויסן, וועגן וואָס ס'האנדלט זיך, אפילו ווען ער זאָל זיך גוט־גוט אײַנהערן אין געשפּרעך.

אפּאָנעם, אַז בעוורע האָט דערפאר אויסגעקליבן פאר א זאמל־פונקט זײַן שטיקל היים־ווינקל, וואָס איז אים אין גענטאַ אויסגעטיילט געוואָרן, ווייסנדיק, אז ס'איז מער באוואָרנט פון א פרעמד־נאָכ־שפּירנדיק אויג, ווי אומעטום. בעוורע האָט זיך טאקע ניט געגארט און קיין טאָעם ניט געהאט: היימישע און פרעמדע נאָכקוקער, וועמען ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן די האזשגאָכע אף דער גענטאָ, האָבן דאָך געמוזט וויסן, ווער ווו ס'ווינט, און אף וועמען זייער אויג זאָל אמערסטן אָנגעשפּיצט זײַן, אים היטנדיק, און זיי האָבן אויך דערום געמוזט וויסן, אז דאָ ווינט א מער־ווייניקער באשיצטער און פריווילעגירט־אויסגעטיילטער פון דער מאכט. ס'האָט דערום מער צײַט געקאָנט נעמען, ביז אָט די קליינע פארזאמלונגען פון דער ניט גרויסער גרופּע זאָל פון עמעצן באמערקט ווערן און עטוואָס כשאד צו זיך ארויסרופן.

דער פאָטער האָט דאָס צוגעזען און די ערשטע צײַט זיך ווי ניט ווייסנדיק געמאכט און קלוימערשט ווי ניט געזען קיין סיבע, ער זאָל שטערן...

שפּעטער אָבער, ווען ער האָט אף געוויס באנומען, אין וואָס דאָ גייט און צו וואָס די האלב־פארשטעלטע ווערטער און ווינקען פירן, — אז אהין, ווו די מאכט קאָן זיך זען באשעדיקט און וואָס דערפאר זאָל זי וועלן זען אָפּגעפירט אָט די יונגטלעכע אהין, ווו, ווי ער האָט געוווּסט, האָבן שוין אנדערע, פאר ענלעכע מעַסים, ניט איין טאָג און ניט איין נאכט אף דער טלָיִע־אויסשטעלונג, צו אלע־מענס וואָרענונג, געהאנגען.

דעמלט שפּעטער, אז ער האָט זיך לאַכלוטן איבערצײַגט אין דעם, אין וואָס ער האָט אפריִער זיך געמאכט ניט איבעריקס גלייבן, אזוי האָט ער גענומען וואקלען און פארשיידענע געדאנקען זײַנען אים געקומען אין א ווידעראנאנדיקן צוזאמענשטויס.

פון איין זײַט, — האָט ער געטראכט, — פארוואָס אנדערע יאָ, און די — ניט? פארוואָס בענעגייע פרעמדע אײַנשטעלער איז ער אזוי וואטראָניש און דערלויבט זיך אָפּקומען מיט מאכטייסעדיקן מיטגעפיל, און פארוואָס בענעגייע אייגענע אזוי צוריקגעהאלטן? ס'איז דאָך מימאָנעפשעך: אויב ס'איז גוט און רעכטפאַרטיק, איז דאָס גוט און רעכטפאָרטיק פאר אלע, און אויב ניט, איז פאר קיינעם ניט, און אין טאָך געגרעדט: זײַנען דען בעעמעס ניט גערעכט די יעניקע, וועלכע באשליסן זיך, זעענדיק, אז סײַווי איז מען פארורטיילט — איז אויב שוין טויט, איז, אלקאָלפּאָנעם, מיט ערע,

אויב אומקום, איז, לעכאָלהאָפּאָכעס, מיט א פּאַרקוועטשטער נעקאָמע־פּויסט פון דער וועלט אוועק...

דאָס פון איין זײַט. און פון דער צווייטער: ווער ווייסט, עפּשער פּאָרט וועט אים געלינגען ארויסקומען פון קלעם — אים באַזונדער ווי אַזאַ, וואָס איז פון דער מאַכט דאָך צום בעסערן אויסגעטיילט און פּריווילעגירט אוועקגעשטעלט געוואָרן, — און אויב אַזוי, איז ווער ווייסט, עפּשער וועט דער גוטער גורל אים אויספאַלן אויך אף ווײַטער? און אויב אַזוי, ווידער, איז צי מעג מען אַליין דעם קאָפּ אין טלין־שטריק שטעקן, אויב די האָפענונג איז נאָך ניט אינגאַנצן אויסגערונען?

אַזוי האָט ער געטראַכט אין קליינמוט, ווי אַלעמאָל, ווען מ׳געפינט זיך אפן מאָראַלישן שיידוועג און ווען מ׳דאַרף אַהין אָדער אַהער זיך באַשליסן.

דעמלט האָט זיך צו אים איינמאָל איינער א מענטש באַוויזן: דער סעקרעטאַר פון יודן־ראַט. א דינער בא דער מאַכט, לעפּאָנעם, אָבער אינדערעמעסן האָט ער געדינט גאָר אַן אַנדערער — דער, וואָס האָט געווירקט אין אונטערערד, האַלטנדיק פאַרבינדונגען, מיט וועמען מ׳דאַרף, אויך אין דער עפנטלעכקײַט, א פינף־זעקס־און־צוואַנציק־יאָריקער פאַרשוין, מיט אַן אַריסטאָקראַטישן אויסזען און געמאָס־טענע מאַנירן, מיט וועלכע די נאַטור אַליין האָט אים באַשאָנקען, און וואָס דערצו האָט ער זיי נאָך, צוליב געוויסע צוועקן, קולטיווירט, מ׳האָט אים אַלעמאָל געזען אפילע אין געטאָ אויסערסט גוט געקליידט, גלאַט ראַזירט, און דער קאָפּ געקעמט אף א שרונט, מײַסע־מענטש, וואָס שטאַמט פון גאָר אַנדערע ספערן, ווי די אין דער געטאָ דאָ פאַרטריבענע.

ער איז ארויסגעקומען פון א ווײַט־ליגנדיקן קאַנט, אַזש בא דער דײַטשישער גרענעץ, בא פּוילן, וווּ ער איז דורכגעגאַן א פּוילישע מיטלשול, דערנאָך א העכער, היפּש אַסימילירט, און אין דער פרײַער יוגנט האָט ער גאָר ווייניק שײַכעס געהאַט מיט זײַנע פאָלקס־אייגענע; נאָר שפּעטער, מיטגעריסן און באַווירקט פון דער ייִדישער נאַציאָנאַל־בורזשואַזער באַוועגונג, האָט ער זיך אַנערקענט צו זײַן פאָלק, און שוין א ביסל צופיל אַנערקענט, שוין צופיל סעפּאַראַטיסטיש זיך געהאַלטן; און נאָך שפּעטער, ווען ער האָט זיך ווידער איבעראָרי־ענטירט און איז אַריבער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, האָט ער געטאָן, וואָס ס׳טוט אַזעלכער, אָבער אין דער זעלבער צײַט זיך שוין ניט אָפּגעריסן פון די אייגענע, נאָר פאַרקערט, געבליבן ווירקן אין זייער סוויווע אין דער געהעריקער ריכטונג.

און אָט דעמלט, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט דעם, וואָס די פּוילישע מעלוכע איז דאָס ניט געוואָרן געוועזן, האָט ער גע־מוזט אויקער זײַן פון זײַן היימשטאָט און היימישן קאַנט, ווו ער האָט זיך לײַכט געקאָנט אַרײַנכאַפּן, און קריגנדיק א פרעמדן נאָמען,

איז ער אוועק אין דער שטאָט, ווו אָט דער מיילעך מאַגנוס האָט געוווינט, מיט א געוויסן אופטראָג פון וועמען מ׳דאַרף.

ער האָט צוליב אָט דעם אופטראָג זיך גלייַך באַדאַרפט אָריִענטירן אין דער פרעמד, דערלערנענדיק די נייַע אומגעבונג, דאָס הייסט די מענטשן און אומשטענדן, צווישן וועלכע ער געפינט זיך. האַלטנדיק זיך אַליין פון ווייַט, מ׳זאָל אים ניט איבעריק באַמערקן, און אין דער זעלבער צייַט זאָל ער זייַן אין קורס פון אַלץ, וואָס אַרום אים טוט זיך, זאַמלענדיק יעדיִעס דורך די, וועלכע זייַנען אים, לויט דער פּאַרטיייִשער ליניע, אונטערגעוואָרפן, ווי אַן אָנפירער און אַזאַ, וואָס איז געשיקט פון א צענטער.

ער האָט שוין אַלץ געוווּסט און געקענט אין שטאָט, אָנהייבנדיק פון די מער אַקטיווע אין דער האַלב־לעגאַלער פּראָפעסיִאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אויך די, וועלכע מ׳האָט ערשט שפּעטער געהאַפּט אַרייַנציִען אין אַקטיוו, און דאַן אויך אַלעמען פון דער אינטעליגענץ, וועמען מ׳האָט געמוזט האָבן אין אויג, אַז ווער נאָך יונג, זאָל מען זען אים פּאַרטייִש דערציִען, און ווער ניט, זאָל מען, אַלקאָלפּאָנעם, וויסן, וווּהין ער ציט און אַף וועמענס זייַט ער איז מיט זייַנע סימפּאַטיעס גענייגט, מע זאָל ווען אַמאָל, ווען מ׳וועט דאַרפן, אים קאָנען מער־ווייניקער אויסנוצן, האָבנדיק אים אַפן דיסקאָנט.

און דאָ האָט געטראָפן די מילכאָמע, ווען ער, אָט דער פון ווייַטן פּוילישן קאַנט געקומענער און אומלעגאַלער אַפילע נאָך אין די בעשאָלעמדיקע צייַטן, איז איצט, א צווייי מאָל אומלעגאַלער, שטעקן געבליבן אין סאַמע קעסל־קאָך, ווו ער איז אויסגעשטעלט געווען דער צווייענדיקער געפאַר, אַז אי די היטלעריסטישע פּאַרטעטער זאָלן אים ניט אויסגעפונען און איבערגעבן דער מאַכט, און אי די מאַכט אַליין מיט איר אייגענעם אויסשפּיר־אַפּאַראַט זאָל זיך צו אים ניט דערשלאָגן.

דאָ אָבער איז אים צוניץ געקומען זייַן אַריסטאָקראַטישע אויסערלעכקייַט, אויך זייַן גוטע באַקומענע בילדונג אין פּויליש, ווי אויך זייַן באַהאַוונט זייַן אין ייִדישע אָנגעלעגנהייַטן.

און אָט, אַדאַנק דעם אַלעם, אַדאַנק זייַן אימפּאָנירנדיקער אויסערלעכקייַט, אַדאַנק זייַנע קענטעניש, נייטיקע פאַר אַן אַמט־מאַן, און דעריקער אַדאַנק דעם, וואָס ווער ס׳האָט באַדאַרפט האָט אונטן־אַרום א באַהילפיקע האַנט צוגעלייגט, איז ער אָנגעקומען אַלס סעקרעטאַר, צו וועמען די מאַכט האָט ניט געהאַט קיין גרונט ניט צו האָבן דעם געהעריקן צוטרוי, מיינענדיק, אַז אַזאַ וועט ניט פאַראַטן, מאַכמעס ער געהער געווים ניט צו די, וועמען מ׳דאַרף כווישעד זייַן.

ער האָט זיך טאַקע אַזוי געהאַלטן: ער האָט זיך געזען צוערשט אייַנקויפן אין גוטן ייִכעס באַ די, באַ וועמען ער האָט געמוזט אויסנעמען, קעדיי זיך צו דערווערבן דעם נייטיקן קרעדיט... אָבער שפּע־

טער, ווען ער האָט דאָס דערגרייכט, האָט ער שוין גענומען אויס־
נוצן זײַן מער לעגאַלע לאַגע אַף צו טאָן דאָס, וואָס זײַן געוויסן־אמט
האָט פון אים געפאָדערט... ער האָט אונטן־ארום גענומען אָרגאַניזירן
ווען ס'האָט זיך געלאָזט פון דער יוגנט אַף ווידערשטאַנד, און
אויך עלטערע, וועגן וועלכע מ'האָט געוווּסט, וווּהין זיי ציִען און
וווּהין זיי זײַנען געצייגט, און וואָס אויך מיט אַזעלכע האָט מען זיך
ניט געטאָרט ברעקלען, נאָר, פאַרקערט, זיי טײַער האלטן און באַ־
וואָרענען, מיט וואָס נאָר מע קאָן, בעסער, ווי אַלע אַנדערע, סײַ מיט
שפּײַז, מיט בגאָדים, ווי אויך מיט נייטיקע פּאַפּירן און שוץ־שײַנען,
קעדיי זיי אויסטיילן און זיי אוועקשטעלן מער פּריווילעגיעס.

און אָט, צווישן די לעצטע איז אויך געווען אַזאַ איינער, ווי
מיילעך מאַגנוס, וועגן וועלכן דער סעקרעטאַר האָט, לויט זײַן צווייטן
„אמט", געדאַרפט וויסן און געוווּסט, און צי ער האָט דאָס מאָל
אַליין, פון אייגענער איניציאַטיוו, פאַרגענומען דעם אויבנדערמאָנטן
באַזוך, צי ער איז ספּעציעל באַופטראָגט געווען פון עמעצן — איז
אַלציינס, — נאָר אַ פאַקט איז, אַז איינמאָל האָט ער זיך צו אים
ארײַנגעשטעלט, מיט אַן אויסרייד, קלוימערשט, אַז ער איז געקומען
מיט אַ פאַראָרדענונג פון דער מאַכט מיקויעך געוויסע אינסטיטוט־
איניאָנים, מיט וועלכע מע אינטערעסירט זיך דאָרט, אויבן, אָבער
אינדערעמעסן מיט גאָר עפּעס אַנדערש.

און טאַקע, ווי נאָר ער האָט פּלאַץ פאַרנומען אין מאַגנוסעס
צימערל, און ווי נאָר ער האָט זיך געטראָפן זיצן אַנטקעגנאיבער יענעם
באַ דער צווייטער זײַט טיש, און ווי נאָר ער האָט דערלידיקט דעם
איניען מיט דער קלוימערשטער מאַכט־פאַראָרדענונג, וועלכע האָט
באַ אים קיין סאך צײַט ניט פאַרנומען, אַזוי גלײַך איז ער אריבער
צו דער צווייטער און דער איקער־זאַך, צוליב וועלכער ער האָט זיך
ארײַנגעשטעלט.

ער האָט געזאָגט:

— אַזוי ווי ער ווייסט די אײַנשטעלונג און געזינונג פון זײַן
מיטשפּרעכער, פון מיילעך מאַגנוס, איז גלייבט ער, אַז דאָס, וואָס
ער וועט אים דאָ פאַרטרויען, וועט בלײַבן בלויז צווישן זיי צוויי,
טאַקע נאָר צווישן פיר אויגן.

— צו קיין אַנדערן, — האָט ער ווײַטער געזאָגט, — קומט ער
ניט מיט אַזוינע צוטרוילעכקײַטן, מאַכמעס ס'איז אַ געפאַר אי פאַר
אים, ווי פאַר אַן אָפיציעל־אָנגעשטעלטן, אויב מ'וואָלט זיך דערפון
דערוווּסט, און אי אויך פאַר דעם, וועמען ער וואָלט זיך פאַרטרויט,
אויב יענער וואָלט באַלד ניט געגאַן און דאָס פאַר דער מאַכט ניט
אויסגעגעבן, אויסדערציילט... דאָ אָבער, מיט מיילעך מאַגנוס, איז
ער זיכער...

— און בעקיצער: אַזוווי מיילעך מאַגנוס ווייסט, אַז אויסער
דעם קאַמף, וואָס גייט איצט אָן אָפן פראָנט, גייט אויך אָן אַ צוויי־

טער, אין הינטערלאַנד, אַ פאַרשטעלטער, אַ פאַראַקשנטער צווישן די בעסטע, אָפּגעקליבענע זין פון פאָלק מיטן סוינע, וואָס איז געקומען אַלץ און אַלעמען צו פאַרניכטן; און אַזוי־ווי אויך באַ אים, באַ מיילעך מאַגנוס, איז דאָ אַ זון, וואָס אויב ער ווייסט ניט, זאָגט ער אים, דער אַנטקעגן אים זיצנדיקער סעקרעטאַר פון יידן־ראַט, אַז אויך ער, זיין זון — כאָטש ער איז נאָך יונג און אומדערפאַרן, אָבער ס׳מאַכט ניט, ס׳שפּילט קיין ראָליע ניט, נאָר פאַרקערט, ס׳איז אין אַ געוויסן זין נאָך מער געוווּנטשן — איז אויך צוגעצויגן געוואָרן צו אָט דער טעטיקייט, וואָס איז פון דער מאַכט אַזוי פאַרבאָטן און געיאָגט.

— איז אָט, איז ער אים געקומען זאָגן, אַז אויב ער, מיילעך מאַגנוס, וואָס האָט, מעגלעך, ביז אַהער דערפון ניט געוווּסט, וועט איצט, זיך דערוויסנדיק, וועלן זיין קעגן און אָפּהאַלטן זיין זון פון אָנטיילצונעמען אין דעם, צו וואָס ער איז פרייוויליק און מיט זיין בעסטער יוגנטלעכער קאַוואָנע צוגעשטאַנען, וועט ער, לויט דעם סעקרעטאַרס מיינונג, באַגיין אַן אַוולע אי קעגן זיך, אי קעגן זיין זון.

— ער גלייבט ניט, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — אַז מיילעך מאַגנוס זאָל ביכלאַל האָבן וואָס־ניט־איז אויסצושטעלן קעגן אָט דער טעטיקייט. ער איז געגנוג וויל־ווּיסנדיק און געווּיס באַהאַוונט אין דער לאַגע, אין וועלכער די גאַנצע דאָ אין דער געטאָ פאַריאָגטער באַפעלקערונג געפינט זיך, נאָכדעם, ווי ער אַליין האָט געהאַט די געבענטשטע געלעגנהייט צוצוזען, וואָס ביז אַהער האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן... ער ווייסט מיסטאָם אויך און האָט מיסטאָם געגנוי אויך דערלערנט די טעווע און די פאַרברעכערישע מעטאָדישקייט פון די, צו וועלכע מ׳איז אַלע דאָ אַריינגעפאַלן, אַף צו ווּיסן, אַז אויב זיי האָבן זיך עפּעס אין קאָפּ אַריינגענומען, אויב זיי האָבן באַשלאָסן עפּעס דורכצופירן, איז זאָל דאָס אַפילע זיין דאָס סאַמע גרויזאַמסטע און אומענטשלעכסטע, אַזוי וועלן זיי דאָס אָפּטאָן מיט אַלע געווּיקייטן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר גאָרנישט, און ניט פילנדיק דערביי קיין מינדסט געוויסנביסן, פון וועלכן זיי פאַרמאָגן ניט אַפילע קיין טראָפּן אַפן דנאָ פון זייער אַזויגערופענער זעל.

— איז אָט, ווייסנדיק דאָס אַלץ, איז ער, דער סעקרעטאַר פון יידן־ראַט, זיכער, אַז אַזאַ, ווי מיילעך מאַגנוס, קאָן בעשום־אויפן ניט האָבן קעגן דער טעטיקייט פון דער אונטערערד. נאָר פאַרקערט, דאַרף זי באַגריסן פאַר אַלעמען, ווי אַ גליקנבאַגערער פון זיין אייגן פאָלק, דאַן דער זעלבער פון אַלע פעלקער און אַלע מענטשן, אובער־סויכעם אויך פון זיך און פון זיין זון.

— עמעס, ער לייקנט ניט, דער סעקרעטאַר, ס׳איז אַ ריזיקע, און גרויס שאַנסן זיינען פאַראַן אַף אַריינפאַלן און אַף גאָר אַ שרעקלעכן אויפן מיטן לעבן זיך אָפּגעזעגענען, אָבער פון דער אַנדערער זייט, איז צי איז דען דאָס ליגן אַליין דעם קאָפּ אַף דער קלאָץ ניט געגנוג

שרעקלעך און דערצו נאָך שענדלעך, ביים דער ווידערשטאנד — איז ווירדיק און האָט אין אלע פאלן עפּעס וואָס טרייסטנדיקס סײַ דעם אומקומענדיקן, סײַ וואָס בלײַבן נאָך אים, צו זאָגן...

— ער רעדט דאָ איבעריקס, געוויס, — האָט דאַן ווידער געזאָגט דער סעקרעטאר, — ער פארשפּאָרט אגיטירן פאר דעם, וואָס ליגט אויבנוף און איז קלאָר אָנצוזען אפילע פאר א ליאדע־וועמען, אוביפראט פאר אזא, ווי זײַן מיטשפרעכער, ווי מיילעך מאגנוס, ער וויל דאָ אָבער נאָך עטוואָס צוגעבן, און נעמלעך: אז אכוץ דעם, וואָס קאמף איז ווירדיק, אפילע ווען ער איז אויסזיכטלאָז, איז אָבער דאָ, אין געגעבענעם פאל, אויך פאראנען גוטע אויסזיכטן אף אי זיך אליין צו ראטעווען און אי ראטעווען אנדערע.

— ער ווייסט מיסטאם, פאני מאגנוס, און אויב ער ווייסט ניט, זאָגט ער אים ווידער, אז נאָך דעם ווי די אונטערערד־קעמפער ווײַזן זיך ארויס אפן אָרט פּאסיק און אלס אזוינע, וואָס מ'קאָן זיך אף זיי פארלאָזן, ווערן זיי דערנאָך אריבערגענומען אייניציקווײַז, גרופּעסווײַז אין מער־געזיכערטע ערטער, אהין, ווו מ'בילדעט פון זיי אויס גאנצע אָטריאדן, מיט מער בעסערער באוואָפענונג, אונטער א מער בעסערער מיליטערישער אָנפירונג, און בעמיילע שוין מיט מער בעסערע מעגלעכקײַטן איבערצוגיין צו העכערע קאמפס־מעטאָדן מיטן סוינע, וועלכע גיבן אי מער שאנסן אליין דאָס לעבן צו פארהיטן און אי דעם סוינע מער צו שאָדן און זײַן גאָר ווען אונטערצורײַסן. אזוי טוט מען מיט אלע, און אזוי וועט סאָפּקאָלסאָף געטאָן ווערן אויך מיט זײַן זון, נאָכדעם ווי ער וועט דאָ, אינווייניק, מיט דער געהעריקער פּראקטיק זיך אָנעמען און א געוויסן קעמפערישן קורס דורכגיין... ס'איז ניט אויסגעשלאָסן אויך, אז נאָך דעם, ווי ס'וועט זיך אײַנגעבן א גרויסן טייל יוגנטלעכע איבער די געטאָ־צוימען אריבערפּעקלען, זאָל מען אויך אויסשטרעקן א באהילפיקע האנט פאר עלטערע, קעדיי זיי צו יענע זיך דאָרט בילדנדיקע אָטריאדן אריבערציִען, און דעמלט, מעגלעך, וועט עפּשער אויך ער, מיילעך מאגנוס — כאָטש שוין אלט און אומפּייִק — אהין קאָנען אריבערקומען...

דאָס לעצטע וואָלט דער סעקרעטאר געמעגט געווען ניט זאָגן, מ'האָט געזען, אז ניט דעמלט, ווען ער האָט גערעדט וועגן אים, מיילעך מאגנוסן, אליין און וועגן זײַן זעלבסטראטונעק, האָבן זיך זײַנע עלטערלעך־אויסגעוועפּטע בליקן מיט מער לעבעדיקן און באַגײַסטערטן אינטערעס צעגלאנצט, נאָר דעמלט, ווען ער האָט גערעדט וועגן די אויסזיכטן פון זײַן זון, נאָך דעם ווי ער וועט זיך ארויסווײַזן פייִק און פארדינסטפול פאר די, וואָס דארפן דאָס באשטימען.

ער האָט די גאנצע צײַט, אויסהערנדיק דעם סעקרעטאר, געשוויגן און מיט קיין וואָרט ניט אנטקעגנגעקומען; און נאָר צום סאָף, ווען יענער האָט פארענדיקט, און ער, מיילעך מאגנוס, האָט געזען, אז יענער האָט שוין ניט וואָס מויסעף צו זײַן, נאָך דעם, ווי ער האָט

אַלץ פּאַר אים אויסגערעדט, און אַז ער וואַרט נאָר, וואָס ער וועט אים ענטפערן: יאָ, צי ניין, מאַסקים, צי ניט... אָט דעמלט האָט מיילעך מאַגנוס, אויך איצט גאָרניט זאָגנדיק, צו יענעם די אויגן אופגעהויבן מיט עפּעס אַ שטיל־פאַרשטאַנדיק דאַנקבאַרן בליק. ער האָט זיך אויך אַ ביסל פון זײַן אָרט אונטערגעהויבן, און שטיל, און ווײַטער ווערטער פאַרשפּאָרנדיק, יענעם נאָר אַ האַנט אַריבערדערלאַנגט: מאַסקים, האָט דאָס געהייסן.

יענער האָט שפּעטער עטוואָס שוין זיך געוואָלט אופהייבן אַף אַוועקגיין, נאָך דעם, ווען ער האָט שוין ניט געהאַט וואָס צוצוגעבן און נאָך דעם, ווי די האַסקאָמעדיקע האַנט איז אים אַריבערדערלאַנגט געוואָרן, אָבער אין יענעם מאָמענט האָט אַף דער שוועל פון צימערל, ווו אָט די ביידע זײַנען געזעסן, מיילעך מאַגנוסעס באָכערל זיך באַוויזן... צי צופעליק, צי ניט — איז שווער צו זאָגן, גיכער ניט, ווײַל אין דעם מאָמענט, ווען דאָס באָכערל האָט דעם פרעמדן באַזוכער באַם פּאָטער דערזען, און ווען דער פרעמדלעכער — אים, אַזוי איז ווען עמעצער וואָלט געקוקט פון אַ זײַט, וואָלט ער באַמערקט, ווי צווישן די ביידע צוויי איז עפּעס אַ פאַרשטעלטער אומבאַײַט פון בליקן פּאָרגעקומען, ווי צווישן צוויי באַקאַנטע, וועלכע האָבן זיך פון פריִער וועגן עפּעס אָפּגערעדט.

דעמלט האָט אויך דער פּאָטער, מיילעך מאַגנוס, זײַן באָכערל דערזען, נאָך דעם געשפּרעך, וואָס איז אָקאָרשט פּאָרגעקומען צווישן אים און דעם גאַסט, און נאָך דעם, ווי יענער האָט אים צו עפּעס צוגערעדט און ער איז דערוף אײַנגעגאַן. דעמלט האָט ער זיך פּלוצעם פון זײַן שטול אופגעהויבן און האָט גענומען צוגיין צו זײַן זון, און אין דער ערשטער מינוט האָט געדאַכט, אַז דאָס טוט ער, ווי ביכלאַל אַ פּאָטער, ווען ער דערזעט זײַן ליבלינג און לאָזט זיך אים אַנטקעגן. אָבער ניין, דאָס מאָל ניט ווי ביכלאַל... ער איז צו אים צו, און אָנשטאָט אַ פרעג טאָן, ווי געוויינלעך, „פּונוואַנען, פון ווו?" — האָט ער איצט גאָרניט געפרעגט, נאָר שטיל און אָן ווערטער אַפּן קאָפּ אים די הענט אַרופגעלייגט, מאַכנדיק דאָס אַזוי, ווי אַלטע לײַט מיט קינדער אַמאָל אין אַן ערעוו יאָמקיפּער צו בענטשונג, און האַלטנדיק די הענט אַף זײַן קאָפּ אַזוי אַ ווײַלע, האָט ער, מעג מען שווערן, אויך ווי מיט די ליפּן עפּעס אונטערגעשעפּטשעט — אַ מין „יברך", נישט צו באַמערקן פאַרן זון און ניט אויך פאַרן גאַסט, וואָס איז דערבײַ געזעסן און האָט מיט אופגעהאַלטענעם אינטערעס אָט דאָס שטילע בילד צוגעקוקט.

ער האָט פאַרשטאַנען, דער גאַסט, וואָס איז אַהער געקומען מיט זײַן גוט־באַגערנדיקער שליכעס, אַז מיט אָט דעם שטילן צוגיין און שטיל־שווײַגנדיקן אַרופלייגן די הענט אַפּן קאָפּ פון זון באַשטעטיקט דער פּאָטער דאָס, וואָס איז פריִער צווישן זיי געווען אָפּגערעדט, און

אַז דאָס ליגט ער צו ווי א שטעמפּל צו דעם, וואָס ער האָט פריִער געהאַט אונטערגעשריבן...

ער האָט אויך פאַרשטאַנען און געהאַט דאָס געפיל, צוזעענדיק די נאָרוואָס פאַר אים פאָרגעקומענע צערעמאָניע, אַז אפילע ווען ער זאָל ניט געווען אַהער קומען מיט זײַן שליכעס, נאָר ווען דער זון אַליין וואָלט אַמאָל דערקלערט דעם פאָטער, אַז אַזוי און אַזוי, אַז ער האָט בעדייע צוצושטיין צו די, וואָס צו גיין מיט זיי איז אי א געפאַר, אי א קאָוועד, וואָלט דער פאָטער אויך ניט דערווידערט, און די זעלבע הענט, וועלכע האָבן זיך איצט אַרופגעלייגט אַפן זונס קאָפ אין דער אָנוועזנהײַט פון א פרעמדן, וואָלטן זיך אַרופגעלייגט אויך ניט אין יענעמס אָנוועזנהײַט...

ער האָט דאָס אַרויסגעזען פונעם קליינעם, קוים מערקבאַרן שמייכל, וואָס האָט זיך באַוויזן אַפן פאָטערס ליפּן, נאָך דעם ווי ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז קלוימערשט, דערזעענדיק דעם זון, האָט ער גלאַט אַזוי, ווי אַלע מאָל, בלויז אויס ליבהאָבנדיקער גע־וויינשאַפט, אַף אים די הענט געלייגט... עמעס, דער שמייכל האָט אויסגעזען, ווי פון א פאַרמישפּעטן און ווי פון אַזאַ, וועלכער ביכ־לאַל א געטאָ־פאָטער איז דעמלט געווען פייִק פון זיך אַרויסצוקריגן; אָבער דאָך האָט דער גאַסט אין אים אויסגעפונען אויך א מין באַ־פרידיקונג פון א מענטשן, וועמען ס'געלינגט זיך גוווער זײַן און איבער זיך אַליין די אויבערהאַנט נעמען...

יאָ, אַף וויפל א געטאָ־טאַטע איז צו יענער צײַט ביכלאַל נאָך פייִק געווען צו שמייכלען, און באַזונדערס שטייענדיק פאַר א ני־סאָיען מיט די אייגענע הענט אַן אייגן קינד אונטער א באַלד מעג־לעכן מעסער אַרונטערפירן — אַף אַזויפיל האָט ער, אָט דער מיילעך מאַגנוס, נאָך דעם, ווי ער האָט געגעבן זײַן האַסקאָמע, אַף א צוויי־ענדיקן אויפן אויסגעדריקט, געפונען אין זיך מוט, ער זאָל אויך דערבײַ נאָך אַן אַנגעסטלעכן שמייכל אַף די ליפּן אַרויסברענגען.

... אַלס איידעס און באַווײַז זאָל דאָ אַף איין קליינער ווײַלע די באַשרײַבונג איבערגעריסן ווערן. קעדיי צו געבן א פאָרשטעלונג, פון וואָס פאַרא ליפּן יענער שמייכל איז אַראָפּ, קאָן דאָ דינען איינע א פאָטאָגראַפיע פון מיילעך מאַגנוס מיט זײַן זון, וואָס איז אונדז פון יענער צײַט פאַרבליבן.

— א פאָטאָגראַפיע?.. פון יענער צײַט?..

— יאָ, איינער א פאָטאָגראַף, וואָס האָט געוווינט אין זעלבן געטאָ־הויז, ווו מיילעך מאַגנוס, און ווו פריִער האָט זיך געפונען זײַן אַטעליע און נאָכן אָנקומען פון דער מאַכט איז זי אים כאָרעוו געוואָרן, און פון זײַן גאַנצן פריִערדיקן פאַרמעגן איז אים מער ניט געבליבן, ווי א קליין אַפּאַראַטל א פאַרשטויבטס און אין א ווינקל ליגנדיקס אַף צאָרעס, — אָט דער פאָטאָגראַף פלעגט פון צײַט צו צײַט ליבהאָבעריש אין דעם זיך דערמאָנען, און ווען־ניט־ווען פלעגט

ער דאָס ארויסנעמען, און ווער נאָר ס'איז אים אונטער דער האנט געקומען, אזוי פלעגט ער א בעט טאָן, מ'זאָל זיך אים אנטקעגנשטעלן, אים פּאָזירן, ער וויל יענעמס א בילד מאכן.

— ער מאכט עס אומזיסט, — פלעגט ער זאָגן. — און נישקאָשע, — פלעגט ער צוגעבן דעם, וועמען ער פלעגט פּאָרלייגן און ווען יענער פלעגט זיך וועלן אויסדרייען, זאָגנדיק: „אייסעך, וועמען ליגט עס איצט אין קאָפּ?" — נישקאָשע, — פלעגט ער אײַנריידן, — ס'וועט צוניץ קומען... שפּעטער, ווען מ'וועט פון דעם אָנשיקעניש פּאָטער ווערן, און מ'וועט וועלן זען, ווי מ'האָט איצט אויסגעזען.

און אָט דער פּאָטאָגראַף האָט איינמאָל, אין אן אָפּרו־טאָג, געפּאקט מיילעך מאגנוס מיט זײַן זון צוזאמען, און ווען ער האָט זיך מיט זײַן ליבהאָבערישער באקאָשע צו זײַנע אומזיסטע קונדן געווענדט, זיי זאָלן אזוי גוט זײַן און אף א פּאָר מינוט פאר זײַן אפּאראט זיך שטעלן, האָט יענער, מיילעך מאגנוס, אים ניט געקאָנט אָפּזאָגן, כאָטש אוואדע איז דאָס אים, ווי אלע אנדערע, דעמלט אין זינען ניט געלעגן.

דער פּאָטאָגראַף, זעט מען, האָט זיך געמיט סײַ באם פּאָטאָגראַפירן, סײַ באם טושירן, ס'זאָל ארויס ווי געהער דאָס בילד פון דעם, וועמען ער האָט, ווײַזט אויס, געקענט און גרויס ערלעך געהאלטן, וויסנדיק, ווער ער איז און מיט וואָס ער טיילט זיך אויס פון אנדערע, ער האָט געוואָלט, ס'זאָל אים ארויס גוט, געראָטן, און ער זאָל איצט, אָדער דערנאָך, האָבן מיט וואָס פּראָפעסיִאָנעל זיך צו בארימען.

ס'איז אים געראָטן... און אָט האָבן מיר איצט אן איידעס אָט דאָס בילד, וואָס דאָס אליין, דאכט זיך, איז גענוג אף צו געבן א געוויסע פּאָרשטעלונג פון אלעם יענעם, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין אונדזער צײַט אף א גרויסן שטעטך ערד אין מיזרעך־ און מײַרעוו־אייראָפּע, און באווײַזט, ווי ווײַט די הײַנטצײַטיקע הונען האָבן די אמאָל געוועזענע איבערגעשטיגן.

ס'איז, אין פלוג, גאָרניט אזוי גוואלדיק... מ'זעט צוויי מענטשן אפן בילד: א טאטע מיט א זון. דער טאטע ניט געקוילעט, אויך ניט דער זון, דער טאטע זעט נאָר אויס, ווי מ'וואָלט א געשטאָרבענעם מעכײַע־מייסים געוועזן אף איליוסטרירן, וויִאזוי מ'קוקט אויס קומענדיק פון יענער־וועלט... ער, מיילעך מאגנוס, וואָס פון זײַן יוגנט אָן האָט ער געהאט די געווינשאפט צו זײַן גלאט געקעמט, א האָר צו א האָר, און וואָס אויך אף דער עלטער האָט ער פון דער זויבער זיך האלטנדיקער מאניר ניט אָפּגעזאָגט, — זײַנען די האָר פון קאָפּ בא אים איצט געוועזן ווי אין א שטורעם אופגעבארשט, יעדער האָר באזונדער, און אלע צוזאמען ווי צוויעקעס; מ'דארף נאָר איין קוק טאָן אפן בילד, ס'זאָל זיך גלײַך א וואָרף טאָן אין אויג זײַן בליק, ווי אָדער פון א שטענדיקן געברויכער פון האשיש, ווען ער ניכטערט זיך אויס און בלײַבט נאָך א צײַט אין זײַן האלב־פארבלאָפטער פאנ־

טאסטישער צעמישטקײט, אָדער פֿון אהאספּער אין א מאָמענט פֿון זײַן סאמע גרעסטער פֿארצווייפֿלונג, ווען ער זעט זיך געשמידט צו זײַן אומצוּוּענדערלעכן מוז פֿון אייביק לעבן און וואנדערן, אָן אָפּשטעל, אָן אויסלייזונג...

נאָך שרעקלעכער אָבער איז צו קוקן אַפֿן זון: דאַפֿקע נאָך יונג, דאַפֿקע אויסערלעך נאָך ניט אזוי שווער אָנגערירט פֿון דער פֿאַר־שאָלטענער ווירקלעכקײט, אָבער דערפֿאַר מיט אזא ראַכמאָנעס־בליק, געווענדט צו דעם, וואָס שטייט לעבן אים און האלט זײַן האנט אַף זײַן אקסל ארופֿגעלייגט, ווי גלײַך ער וואָלט געפֿילט אַף זיך שוין ניט די האנט פֿון זײַן לעבעדיקן און אלע מאָל פֿון אים אזוי געליבטן טאַטן, נאָר ווי פֿון א טויטן, צו וועמען מ׳האלט זיך פֿרעמד, אי מאַכמעס צאַר, אי מאַכמעס מוירע.

נו, און געגנוג מיטן בילד און מיט מיילעך מאַגנוסעס שמייכל אין זײַן יענעם שטאַנד.

אָבער מיילע: קאָלזמאַן דער זון איז נאָך געווען זון, קאָלזמאַן דער פֿאָטער האָט אים פֿאַר די אויגן געהאַט, אלע טאָג אינדערפֿרי פֿאַרן גיין אַף דער אַרבעט, און אַפּדערנאַכט צוריק־קומענדיק פֿון איר, האָט אים געניגט אליין דער פֿארגעניגן פֿון דער ריִע, ער זאָל האָבן אלע זײַנע מישטיינסגעזאָגטע כושים מיט וואָס צו שפּײַזן און זיי ווי־ניט־ווי נאָך אונטערהאלטן.

שפּעטער אָבער, ווען דער זון האָט זיך וואָס ווײַטער אלץ מער ארײַנגעצויגן אין דער אלץ־פֿארשלינגענדיקער און שטארק פֿון אים פֿאָדערנדיקער אונטערערד־אַרבעט — אַף אזוי ווײַט, ביז ניט צו האָבן פֿארן פֿאָטער אפילע קיין געציילטע מינוטן אויסצוטיילן, קעדיי אים, אלקאָלפּאָנעס, אליין מיט זײַן הוילער אָנוועזנהײַט צו דער־פֿרייען, מאַכמעס די אָוונטן, וואָס ער האָט געהאַט פֿרײַ פֿון צוואַנגס־אַרבעט, איז ער געווען באַשעפֿטיקט אַף די צונויפֿקומענישן, וווּ מ׳האָט אלע מאָל געהאַט ארומצוריידן דאָס, וואָס איז הײַנט, נעכטן אָפּגעטאָן געוואָרן לעטויוועס דער פֿירגענומענער זאַך און אויך צו באַטראַכטן, באַהאַנדלען, וואָס ס׳שטייט פֿאַר צו טאָן אַף מאָרגן, און איבערמאָרגן; דעמלט, ווען דער פֿאָטער האָט אים שוין ניט נאָר אין די אָוונטן ניט געהאַט, נאָר אויך ניט אין די פֿרימאָרגנס, ווען דער זון פֿלעגט אפֿילע פֿאַר דער אַרבעט האָבן אלעמאָל ערגעץ־וווּ אוועק־צוײַלן; אָט דעמלט אויך, ווען צום פֿאָטערס אויער האָבן געגומען דערגרייכן יעדיִעס וועגן די אָפּטע דורכפֿאַלן סײַ אין שטאָט, סײַ אין געטאָ, בײַם די אונטערערדישע טוער פֿלעגן געפּאַקט ווערן בא דער האנט בייסן טראָגן אָדער איבערגעבן איינס דעם צווייטן וואָס איז פֿון דער מאַכט געווען פֿארבאָטן, און אויך, ווי טײַער יענע גע־פֿאַקטע האָבן באַצאָלט פֿאַר דערלויבן זיך צו טאָן האָבן מיט פֿאַר־באָטענעם...

אָט דעמלט, איז אויב עמעצער וואָלט געוואָלט א קוק טאָן אַף אָט דעם מיילעך מאגנוס, אַף דעם פּאָטער פון דעם איינציקן זון, וואָס איז איצט געוואָרן א שוטעף צו די אויבנדערמאָנטע טוער, וואָלט מען אים באדארפט אייצען: בעסער ניין, בעסער ניט צו זען, ווי א מענטש איז שוין אזוי ווײַט פארטראָגן און ניט אַף דעם אוילעם, אז ס'קלעקט אים שוין ניט קיין וואָרט — און ניט נאָר קיין וואָרט, נאָר אפילע א בליק אפן זון א קוק צו טאָן, ווען יענער רײַסט שוין יאָ אמאָל אָפּ צײַט און דערלויבט זיך ווען אמאָל א גאנצן אָוונט אָדער אמאָל בלויז א טייל מיטן פּאָטער אליין בלײַבן, אַף מיט אים צוזאמען פארברענגען און אים ווי־ניט־ווי כאָטש א וואָסערע־ניט־איז אונטערהאלטנדיקע טרייסט דערלאנגען.

ער האָט אים ווי ניט באמערקט, דעם זון, נאטירלעך, אז פון גרויס ליבע, זעענדיק און שפּירנדיק, אז אין א ליאדע מאָמענט קאָן זיך דער לעצטער פּאָדעם, אַף וואָס ס'האלט זיך דאָס לעצט אים פארבליבענע, איבערײַסן.

* * *

און ס'איז סאָפּקאָלסאָף טאקע געשען דאָס, וואָס ער, מיילעך מאגנוס, דער פּאָטער, האָט מיט א צײַט נאָך פריִער גענאנט, געשפּירט און וואָס ער האָט, ציטערנדיק, אַף מײַלנווײַט צום געדאנק ניט צוגעלאָזט.

ס'איז געשען, ווען ער, דאָס באָכערל, וואָס האָט געהאט אן אופגאבע ארײַנברענגען אין געטאָ וואָס די אונטערערד האָט פון אים געפּאָדערט פון יענע זאכן, וועלכע ער האָט געקאָנט קריגן, זײַענדיק אַף זײַן ארבעט, — ניט דערלויבט, פארשטייט זיך, נאָר מיט גרויס מעסירעסנעפעש, — איז איינמאָל, טראָגנדיק אזא זאך, — צי געווער, צי עפּעס אנדערש וואָס אונטער דער פּאָלע פארשטעקט, — קומענדיק צום טויער פון געטאָ ווו מ'האָט אלעמאָל די צוריקגעקומענע פון שטאָט באזוכט, — דורכגעפאלן.

איינער א הינטישער מעכאבל האָט זיך דעמלט צווישן די פּאָליציייִשע באזוכער געפונען — אזא, וואָס האָט געוווּסט אלע אויסגעקליגלטע גענג און כיטרע קונץ־שטיק פון די צוריקגעקומענע באם אויסבאהאלטן און ארײַנברענגען אין געטאָ וואָס מע טאָר ניט, — און אָט יענעם איז דעם מיילעך מאגנוסעס באָכערל געווען פארדעכטיק.

ער האָט אים געהייסן גלײַך פון אלע איבעריקע זיך אָפּטיילן און צו אים צוקומען צו אן אונטערזוכונג. און אז יענער האָט זיך געוואָלט אויסדרייען, צוערשט צווישן אוילעם און זיך פארוקן, און דערנאָך, אז ער האָט געזען, אז ס'גייט ניט — שטעלן פיס, אנטלויפן, וויסנדיק, אז ער האָט שלעכט ארײַנגעטראָפן, און אז דאָס, וואָס ער

טראָגט מיט זיך, איז פון יענעם מין, וואָס מע מוז דערפאַר גאָר שלעכט אָפּשנײַדן, — אַז ער האָט געפּרוּווט אַנטלויפן, איז שוין יענער גרייט געווען מיט געווער אים ניט צו דערלאָזן, שרײַענדיק: „שטיי!.. האַלט!“.. און אַז דאָס באַכערל האָט פּאַרט ניט געהערט און האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אין לויף, אַזוי האָט אים יענער אַ פּאָר קוילן נאָכגעשיקט: איינע אין רוקן, די צווייטע אין קאָפּ, אין פּאָטיליצע, וואָס פון אָט די צוויי האָט ער באַוויזן, ווי ס'האָט גע־דאַכט, איינעם נאָר אַ געשריי טאָן: „טאַטע!“.. און איז באַלד גלײַך אַנידערגעפאַלן אויף טויט אין אונטערגעשניטענער, און אויס...

דעמלט, אינעם זעלבן אָוונט, נאָך דעם, ווי אָט דער דורכפאַל איז געשען, און נאָך דעם, ווי אַלע אין געטאָ האָבן זיך דערפון דערוווּסט, און דער פאָטער — ניט, מאַכמעס קיינער האָט קיין האַרץ ניט געהאַט אים די ידיעה צו דערלאַנגען, — אָט דעמלט, נאָך דעם, ווי די מאַכט האָט זיך דערוווּסט, ווער ס'איז דער דערשאָסענער, ווּו ער וווינט, און איז געקומען אַהיים צום פאָטער אויף אַן אונטערזוכונג, מיינענדיק אויסגעפינען דאָרט אַזוינס, וואָס זאָל אויפדעקן די פאַר־בינדונג פון דעם דורכגעפאַלענעם מיט די, וואָס האַלטן מיט אים איינס, און וועמען זי האָט אין איר שוואַרצן צעטל געהאַט פאַר־שריבן, און ביים דער אונטערזוכונג האָט מען דעם פאָטער גאָרניט ניט געזאָגט און אים געלאָזט מיינען, אַז דאָס איז בלויז אַ לעבעדי־קער דורכפאַל, דאָס הייסט, אַז דער זון זײַנער איז פאַרהאַלטן געוואָרן אָן איבעריקע באַווײַזן, אַז ער האָט זיך אין עפּעס פאַרשולדיקט, און אַז בלויז צוליב דעם, אייגנטלעך, איז מען אַהער געקומען, קעדיי וואָס־ניט־איז דאָך אויסצוגעפינען.

אָט דעמלט, נאָך דעם ווי די אונטערזוכער זײַנען אַוועק, האָט זיך צום פאָטער אַרײַנגעשטעלט דער זעלבער סעקרעטאַר פונעם ייִדן־ראַט, וועלכער איז צוריק מיט אַ שטיקל צײַט צו אים מיט דער מיסיע געקומען, אים אויפצוקלערן און צו מאַכן גלייבן, אַז די אונ־טערערדישע אַרבעט פון זײַן זון איז לויט אַלע שטאַנדפּונקטן געווונטשן, ווײַל זי איז אי אים, אי אַלעמען לעטויווע. איצט האָט דער זעלבער סעקרעטאַר מיט אַ צווייטער מיסיע זיך אַרײַנגעשטעלט, אים צו וויסן געבן וועגן געשעענעם, ווי ווײַט מעגלעך רויִק און אין אַזאַ טאָן און מיט אַזוינע ווערטער, וואָס ער, דער פאָטער, מיילעך מאַגנוס, זאָל דאָס דערהערנדיק, זיך ניט ענדגילטיק אײַנברעכן.

ער איז אַרײַן, און אַז ער האָט באַמערקט אויפן פאָטערס פּאָנעם בלויז דעם צער, וואָס איז אים געבליבן נאָך דעם, ווי די מאַכט־לײַט זײַנען אַוועק, איבערלאָזנדיק אים אין דער איבערצײַגונג, אַז מיט זײַן זון האָט אַן אומגליק געטראָפן, נאָר ניט זאָגנדיק אים גענוי, אַ וואָסערער... אַז דער סעקרעטאַר האָט דאָס אויפן פאָטערס פּאָנעם דערזען, האָט ער די ערשטע רגע ווי געוואָלט פאַרקערעווען, ניט האָבנדיק קיין מוט און קיין ווערטער אויף אַרויסצוקומען מיטן עמעס...

באַלד אָבער האָט ער זיך געכאַפּט, זיך געפונען, האַלטנדיק פאַר זײַן כּיוו דאָס אַליין צו טאָן, און ניט פאַרלאָזן זיך, אַז דער פּאָטער זאָל זיך דאָס פון אַנדערע דערוויסן.

דאָך האָט ער צוערשט גענומען שטאַמלען, ניט ווייסנדיק, ווי אַזוי אָנצוהייבן און ניט געדענקענדיק אַפילע, ווי אַזוי זײַן מיטשפּרעכער צו טיטולירן ביים ווענדן זיך צו אים: „פּאַני מאַגנוס, הער מאַגנוס, כּאַוועד מאַגנוס", — האָט ער געשטאַמלט, ביז ער האָט לעסאָף געפונען אין זיך די פעסטקײַט אָף צו פאַרענדיקן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן:

— אַזוי און אַזוי, — האָט ער געזאָגט, — ווי שווער ס'איז אים ניט דאָס אַרויסצובערענגען, איז ער דאָך געצווּנגען, ווײַל ס'איז שוין ניט צוריק צו כאַפּן... זאָל ער זיך שטאַרקן, מײַלעך מאַגנוס, דערהערנדיק די ידיִעה, אַז מיט זײַן זון האָט דאָס ערגסטע געטראָפן... ער איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער. און זאָל ער זײַן געטרייסט, אַלקאָלפּאָנעם, דערמיט, וואָס ער איז אָפן ווירדיקסטן פּאָסטן ווי אַ ווירדיקסטער אומגעקומען.

און שוין, ווײַל וואָס נאָך האָט ער געקאָנט זאָגן, דער סעקרעטאַר... ער האָט נאָר געזען, אַז נאָך דעם ווי דער פּאָטער האָט די ידיִעה געקריגן, איז צו זײַן ביזאַהעריקן אויסזען פון ביכלאַל אַ פאַרווערטיילטן קימאַט גאָרניט צוגעקומען, ער האָט זיך אָף דער ערד ניט געוואָרפן. דעם קאָפּ אין וואַנט ניט געשלאָגן. ער האָט נאָר עטוואָס טיפער, ווי געוויינלעך, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, גלײַך ער האָט אָף זיך גענומען, שווײַגנדיק, דאָס לעצטע, וואָס איז אים פון דער אומפאַרמײַדלעכקײַט באַשערט. דערנאָך האָט ער אַ ווײַלע צוריק אופגעהויבן די אויגן צו דעם, וואָס האָט אים די ידיִעה מיטגעטיילט, און בלויז אַ פרעג געטאָן:

— האַ, ווי מיינט ער, דער סעקרעטאַר, צי וועט ער אים קאָנען זען און בײַזײַן בײַ דער קווּרע?

— יאָ, — האָט יענער געענטפערט, כאָטש, ווי ער האָט געווּסט, איז דאָס ניט לײַכט געווען צו פּויעלן בײַ דער מאַכט, אַז אַזאַ איינער זאָל פון אייגענע אָדער פון וועמען־ס'ניט־איז צו דער אייביקער רו באַגלייט ווערן.

דעמלט איז דער סעקרעטאַר אַוועק און האָט געזען טאָן אַלץ, אַז זײַן צוזאָג זאָל אויסגעפילט ווערן, און אָף מאָרגן, איבערמאָרגן, ווען מ'האָט געקריגן די דערלויבעניש אָף צו באַגראָבן אים ווי געהעריק, איז דעם סעקרעטאַר געלונגען אײַנצואָרדענען אַזוי, אַז מיט דער אַגאָלע, וועלכע פירט אָפּ די מייסים פון געטאָ אָפן ייִדישן בעסוילעם, זאָל אויך ער, דער פּאָטער, מיטפאָרן, ווי קלוימערשט אַ קוואָרעס־מאַן, אַ באַגרעבער.

מ'פאַרשפּאָרט צו זאָגן, ווי אַזוי די באַגעגעניש פונעם פּאָטער מיטן זון איז פאָרגעקומען, ביים דער ערשטער איז געשטאַנען, ווען

מ'האָט דעם צווייטן אױף דער אַגאַלע אַרופגעלייגט — ניט קיין איי־בערגעדעקטן און אין זעלבן אָנטאָן, ווי ביים די קויל האָט אים געטראָפן, ווײַל פאַרשטענדלעך, אַז אין יענע באַדינגונגען, ווען מייסים זײַנען געווען אַ סאַך און קאָוועד פאַר זיי — וויניק, האָט מען געטאָן מיט זיי ניט ווי מע טוט געוויינלעך: ניט געוואַשן, ניט איבערגעטאָן, נאָר מעקאַבער געווען ווי ס'לאָזט זיך.

מ'פאַרשפּאַרט אויך צו זאָגן, אַז קיין אַנדערע באַגלייטער, אַחוץ דעם פאָטער, זײַנען אַפילו פון זײַנע סאַמע נאָענטסטע ניט בײַגעווען. מ'דאַרף נאָר זאָגן, אַז ווען די אַגאַלע מיטן מעס האָט שוין באַדאַרפט רירן און דער אָנטרײַבער, וואָס איז שוין געזעסן אױף דער קעלניע, האָט דעם פאָטער אַ ווונק געטאָן, ער זאָל לעבן אים אָרט פאַרנעמען, ווי ס'איז אַפריער געווען אָפּגעמאַכט אין יידן־ראַט, און אויך די געהעריקע אַמטלעכע דערצו באַזאָרגט, אַז קלוימערשט איז ער, מײַלעך מאַגנוס, איינער פון די קוואָרעם־לײַט, אַ באַגרעבער...

אָט דעמלט, ווען דער אָנטרײַבער האָט אים דעם ווונק געגעבן, האָט מײַלעך מאַגנוס די ערשטע מינוטן ווי ניט באַנומען און ניט פאַרשטאַנען יענעמס ווונק, ביז יענער האָט אױף אים אַ גראָבלעכן געשריי געטאָן: „נו, זעצט זיך, וואָס שטייט איר, ייד"... דעמלט האָט ער זיך געזעצט — אַזאַ שווײַגנדיקער און מיט אַזאַ סאָרט אויסזען, אַז דער אָנטרײַבער, וואָס איז געווען געוווינט צו טויט און צו באַגלייטער פון טויטע, ביפראַט די לעצטע צײַט אין געטאָ, — ער, דער אָנטרײַבער, אַז ער האָט איצט אַ קוק געטאָן אױף דעם, ווען ער האָט בא זײַן זײַט געהאַט זיצן, האָט ער זיך פיל אומהיימלעכער דערפילט, ווי מ'זאָל לעבן אים אַפילו אַליין אַ מעס אַוועקזעצן.

ער האָט געשוויגן, דער פאָטער, ביז מ'איז פון טויער פון געטאָ מיט דער געהעריקער דערלויבעניש אַרויסגעפאָרן. ער האָט געשוויגן אויך די גאַנצע צײַט, ביים די אַגאַלע איז דורך דער שטאָט דורכגעפאָרן, ניט אומקוקנדיק זיך צוריק צו זען, ווער ס'ליגט דאָרט און וויאַזוי ער ליגט, — ניט אױף צוריק געקוקט און ניט אױף פאָרויס, גלײַך די רײַע וואָלט אים אויסגעפעלט. נאָר דערפאַר, אַז מ'איז אַרויס אויסער דער שטאָט, זיך לאָזנדיק אין דער ריכטונג אַהין, ווו דער בעסוילעם געפינט זיך, אַזוי האָט פּלוצעם דער פאָטער, דער מיטשוטעף פונעם אָנטרײַבער אױף דער קעלניע, דעם קאָפּ אױף צוריק צו דער אַגאַלע אַ קערעווע געטאָן, און דערזעענדיק דעם, וואָס ליגט דאָרט, אַ ניט איבערגעדעקטן, און אין זעלבן אָנטאָן, אין וועלכן ער, דער פאָטער, איז אים אַלע מאָל געוווינט געווען צו זען, האָט ער זיך צום אָנטרײַבער אַ ווענד געטאָן און אַ זאָג געגעבן:

— אַ ווײַלעטשקע, פעטער... ער וויל צו יענעם אױף אַ ווײַלע... — האָט ער אַ ווײַז געטאָן מיט אַ פינגער אָפּן מעס, וואָס איז געפירט געוואָרן ניט אין קיין אָרן, נאָר אין דער הוילער אַגאַלע.

געזאָגט און געטאָן: און איידער דער אָנטרײַבער האָט זיך גערירט א וואָרט צו זאָגן, אזוי האָט יענער שוין פלינק, אפילע פלינקער, ווי זײַנע יאָרן האָבן דאָס אים דערלויבט, פון דער קעלניע אין דער אנגאָלע אריבערגעשפּאנט. און דאָס, וואָס דער אָנטרײַבער האָט קיינמאָל בא קיין קלאָרן ניט געזען און אויך אפילע בא ניט קיין קלאָרן, האָט ער איצט יאָ דערזען: דער פּאָטער האָט זיך לעבן זײַן זון, ווי לעבן א לעבעדיקן, אוועקגעלייגט.

דער אָנטרײַבער האָט געפּרוּווט די אנגאָלע אָפּשטעלן, אראָפּגיין און דעם פּאסאזשיר פון זײַן מעשוגאס וועקן, אים אָפּריידן און צוריק אף זײַן פריִער פארנומענעם פּלאץ, אף דער קעלניע, אומקערן, ס׳איז אָבער אומזיסט געווען זײַן פּרוּוון; רייד היינט, רייד מאָרגן, דער מיט־פּאסאזשיר האָט זיך ניט גערירט, ניט געוואָלט הערן, אזוי לאנג, ביז דער אָנטרײַבער האָט שיר ניט א שפּײַ געטאָן, זאָגנדיק: „ניט באם זינען”... און בעיין־ברײירע האָט ער זיך אליין צוריק אף דער קעלניע אומגעקערט, די פערד א טרײַב געטאָן, און נאָך דעם, ווי ער האָט דורכגעמאכט דעם וועג צום בעסוילעם, ווי אלע מאָל, פאר וויפל צײַט ס׳האָט באדארפט געדויערן, איז ער, לעסאָף, אין טויער ארײַן, ניט ווי מיט איין מעס, נאָר ווי מיט צוויי מיטאמאָל.

פיל מי האָט דערנאָך די קוואָרעס־לײַט געקאָסט דעם פּאָטער מיטן טויטן זון צו שיידן. און אז ס׳האָט זיך לעסאָף אײַנגעגעבן און מ׳האָט דעם מעס ווי־ס׳ניט־איז דאָס רעכט געטאָן און אז מ׳האָט אים, אויך צום אָפּענעם קייווער געבראכט, — צום באזונדערן, אליין נאָר פאר אים א קייווער, וואָס אין יענע באדינגונגען איז דאָס געווען אן אויסנאָם, א פּריווילעגיע, ווײַזט אויס, פון יידן־ראט באשטעלט פאר דעם, וואָס האָט עס מיסטאָם פארדינט; אז מ׳האָט דעם מעס צום קייווער געבראכט, אים אראָפּגעלאָזט און גענומען פארשיטן, אזוי האָט דער פּאָטער, וואָס איז די גאנצע צײַט א פארשטיינערטער געשטאנען, אף וויפל נאָר ער האָט געקאָנט, געשוויגן. נאָר לעסאָף, אז דער קייווער איז שוין געווען אף העלפט פארשאָטן, אזוי האָט ער זיך פלוצעם פון זײַן אָרט א ריס געטאָן, א שפּאן געגעבן און איז מיטביידע פיס אין דער האלב נאָך ניט פארפולטער גרוב ארײַן.

„שיט, שיט, יידן”, — האָט ער געזאָגט, — ס׳מאכט ניט... ער מיינט א קלייניקײַט: ער וויל בלײַבן פאר א מאציייווע — שטיין אפן קייווער פון זײַן זון.

נאטירלעך, אז מע האָט אים אויך פון דאָרט ווי־ניט־ווי ארויסגעבעטן און מיט גרויס מי אוועקגענומען.

און שוין און דאָ וואָלט זיך אויך אף אים, אפן פּאָטער, דאָס דעקל פון א מייסים־אָרן געמעגט צומאכן, נאָך דעם, ווי די ערד האָט זײַן איינציקן זון, זײַן איינציק פארמעג אף דער וועלט, צוגעדעקט. ס׳איז אָבער ניט אזוי געשען, ווײַל ניט אלעמאָל געשעט דאָך, וואָס מ׳וויל.

* * *

מיט א שטיקל צייַט שפּעטער האָט מען געקאָנט טרעפן מיילעך מאגנוסן אין א בונקער, געמאכט, לויט דער בונקער־טעכניק, פון א געניטן פּאכמאן, א בויער־אינזשעניער, וואָס אכוץ קענטעניש האָבן אים, ווייַזט אויס, אויך ניט אויסגעפעלט קיין מאטעריאלן, וועלכע פאָדערן זיך צו אזא סאָרט ביניען.

דער בונקער איז געמאכט געוואָרן א הייל אין א הייל. די ערשטע הייל האָט זיך אָנגעהויבן מיט אן אראָפּגאנג אונטער איינער א שטוב, אף א זייַטיקער גאס פּארוקט, וואָס אז מ'האָט דערלאנגט צו איר דנאָ, האָט זיך ערשט דעמלט געעפנט א פּארמאסקירטע טיר אין א וואנט, וועלכע האָט, דורך קאָרידאָרן און שמאָלע דורכגענגלעך, געבראכט אין גאָר א געזיכערט מאָקעם: א שייַן פון דאָרט ארויס־צוזען, אָדער א וואָסער־ניט־איז קאָל צו דערהערן איז אוממעגלעך געוועזן פאַרן דערפארנסטן שפּיאָנישן בען־אָדעם, און אפילע דער סאמע אויסגעדרעסירטסטער שפּיר־הונט וואָלט מיט זייַן פילבארסטן כוש־האָרייעך אהין ניט אראָפּדערגרייכט.

עמעס, דער בונקער האָט זיך געפונען ניט ווייַט פון דער שטאָ־טישער קאנאליזאציע, פון וועלכער עס האָט געצויגן היפּש ווילגאט, איפּעש, און דעריקער א גערעטעניש פון שטשורעס שווארצפּעליקע, גראָווע, געלע, אלטע, יונגע, מיט לאנגע פּיסקעס און פּעט־געדראָלענע בייַכער, וועלכע האָבן פאר אלעמען אין די אויגן, פראנק־און־פרייַ, ארומגעשמייַעט, און וואָס פּאָטער ווערן פון זיי אינגאנצן אָדער, אל־קאָלפּאָנעם, אויסהיטן דאָס עסנווארג, איז געוועזן אוממעגלעך, אָבער בעיין־ברײרע האָט מען זיך געמוזט צו זיי צוגעוווינען.

דערפאר אָבער איז די אייַנאָרדענונג דאָרט, אין אלע אנדערע הינזיכטן, געוועזן א מוסטערהאפטע, אף וויפל דאָס וואָרט „מוסטער" איז דאָ צום געברויכן.

מ'האָט דאָרט געטראָפן צוויי רייען צימערלעך, איינע קעגן איינס, ווי מאָנאכן־קעמערלעך, וואָס די ווענט, די סטעליעס און די בריקן זייַנען געוועזן מיט געהילץ באשלאָגן. אָפּגערעדט שוין, אז דער גאנצער ביניען איז געוועזן באזאָרגט מיט שייַן, וואָס מ'האָט זיך אויסגעקליגט צו באקומען פון דער אלשטאָטישער עלעקטראָסטאנציע, אָן געלט, און נאָך און נאָך באקוועמלעכקייַטן, ווי א קיך און אנדערע קאָמונאלע אייַנריכטונגען.

דאָרט האָבן געפונען א פּלאץ אף צום וווינען אייניקע גאנצע מישפּאָכעס און אויך יעכידים, אויסגעהאלטן אף די קאָסטן פון דעם פון אונדז לאנג באקאנטן באָרים גראָסבייַטל, וואָס האָט שוין איצט אויסגעזען גענוג אלט, גענוג אָפּגעבליאקעוועט און גאָר ניט מיט אזא געקעכלטער, ברייט־צעלייגטער פּריצישער באָרד, ווי אמאָל.

נאָך דעם, ווי מ׳האָט אײַנגעפירט די געטאָ און בא דער ייִדישער באפעלקערונג זײַנען אָפּגערויבט געוואָרן אירע אומבאוועגלעכע גיטער, איז דאָך בא באָריסן נאָך פיל גוטס געבליבן, וואָס ער האָט באוויזן פון דער מאכט אויסבאהאלטן, ווי געלט מעזומען און ווי ווייניק אָרט פארנעמענדיקע שאצבארע כפייצים, וואָס ער האָט באוויזן אײַנצוהאנדלען, זעענדיק פאָרויס, מיט וועמען מ׳וועט דאָ מוזן צו טאָן האָבן, און ניט וויסנדיק, וויפל די צאָרעדיקע צײַט וועט זיך ציִען.

זאָל דאָ, אגעוו, א ביסל מער אויספירלעכער דערציילט ווערן אויך וועגן אָט דעם באָריסן.

ס׳האָט אים געטראָפן דאָס זעלבע, וואָס מיילעך מאגנוסן: אים מיט א מיידל, וואָס איז געווען אין איין עלטער מיט מיילעך מאגנוסעס ייִנגל. א געבוירענע שיינהײַט, געראָטן אין פאָטער, וואָס האָט זיך שוין צו אירע 14 — 15 יאָר לײַבפול צעבליט און ס׳האָבן זיך אין איר אָנגעהויבן אנטפלעקן די לעביונגערישע אייגנשאפטן פון איר פאָטער.

מ׳האָט זי שוין דעמלט געקאָנט זען טאָמיד ארומגערינגלט פון א זשומענדיקער מאכנע יוגנטלעכע, וואָס, כאָטש זי איז נאָך ניט געווען באוווּסט דערוף, האָט דאָס איר דאָך שוין געשמייכלט, אָנטרײַבנדיק ראָז־שפּילנדיקע פארב אין די באקן, וואָס דעם געקעכלטן, ווײַסן פאָן פון זיי האָט זי פון איר פאָטער געיארשנט.

זי איז געוואקסן אין דער הייך ווי א יונגער טאָפּאָל־בוים, און ווער ס׳האָט זי געזען, האָט פון איר די אויגן ניט געקאָנט אָפּרײַסן, אפילע ער זאָל וועלן.

אפילע אזא, ווי דער אלעמאָל פארטראָגענער און אײַנגעשלאָסענער אין זיך געלערנטער מיילעך מאגנוס, מיט וועמען איר פאָטער באָרים האָט די גוטפרײַנטלעכע און מעצענאטישע באציִונגען פון אמאָל אויך ביז איצט אָנגעהאלטן, קומענדיק אָפט צו אים צוגאסט, און פון צײַט צו צײַט אופנעמענדיק יענעם, בא זיך, — אפילע אזא, ווי אָט דער מיילעך מאגנוס, האָט, דערזעענדיק זי איינמאָל אין זײַן פארטראָגנ־קײַט, אָפּ איר די אויגן אָנגעשטעלט, ווי אָפּ א נאטור־כידעש, וואָס האָט אים אין זײַן אלטמאנצבלשקײַט איבעראשט.

באזונדערס האָט זי אים איבעראשט און גרויספּאָטערלעכע האנאָע אים פארשאפט, ווען ער פלעגט זי ווען שפּעטער זען צוזאמען מיט זײַן אונטערגעוואקסענעם באָכערל, וואָס מיט איר אין איין עלטער, און מיט וועלכן זי האָט זיך, דאכט זיך, אויך אין איין שול געלערנט, זעענדיק, ווי דאָס באָכערל איז פאס פאר איר, ווי ער האלט אלעמאָל אָפּהענטיק און אָן לאָשן אָפּ איר די אויגן אָנגעשטעלט פון שטיל פארגאפטן כידעש, און ווי, פארקערט, זי מיט אים האלט זיך פרײַ, אופגעבונדן און צוגעלאָזן קימאט ווי מיט א ברודער אין גרויס היימישער באקאנטשאפט.

ס'האָבן דעם פֿאָטער, מיילעך מאגנוס, שטילערהייט געשמייכלט די באַציִונגען פֿון אָט דעם פּאָרל: זײַן זונס צו איר — א שטום־בלײַבנדיקע פֿון פֿארערונג, און אירע צו אים — א קימאט שוועסטער־לעכע און דערווײַל נאָך אָן שום מיידלשע מיינען.

ס'האָט אים געשמייכלט דאָס, וואָס ווער ווייסט, וואָס צווישן אָט דער פּאָר קאָן זיך שפּעטער ווען באַקומען...

אויך באָרים, דעם מיידלס פֿאָטער, האָט, פֿון זײַן זײַט קוקנדיק, דאָס אויך, דאכט זיך, באַגיטיקנדיק צוגעזען, ניט האָבנדיק קעגן, אַרײַנצוקריגן מיילעך מאגנוסעס באַבעטל פֿאר זײַן טאָכטערס פּאָר, און מיילעך מאגנוסן אליין — פֿאר א מעכותן.

סאָפּקאָלסאָף, מעגלעך, וואָלטן זיך די מאַזאָלעס סײַ פֿון די עלטערן און סײַ פֿון די קינדער געווען איבערגעקרייצט... ס'וואָלט דאָך געווען, ווי מ'זאָגט, „תורה וגדולה במקום אחד" — א שידעך צווישן געלערנטקייט און רײַכקייט, צו ביידנס עלטערן האַנאָע און אויך צום גליק פֿון די יונגטלעכע, וואָס ער זי וואָלט, זיכער, גרויס פֿארערט, לויט דער געטרײַ־געיארשנטער פֿארליבטער מידע פֿון זײַן פֿאָטער, און זי אים וואָלט מיט איר בוימארטיקער בליִונג באַגליקט און באַשאָטן.

אין דער צוקונפֿט האָט זיך עס געקאָנט מאכן. אייניקע סימאָנים דערפֿון האָבן זיך שוין באַצײַטנס געלאָזט אָנזען. אָבער... ערגעץ איז, ווײַזט אויס, אַנדערש געווען אָנגעצייכנט.

ס'איז געקומען דער מילכאָמע־בראָך, מיט אלע זײַנע פֿאָלגן פֿאר אלעמען, ביפֿראט פֿאר יידן, צווישן וועלכע אויך באָרים און מיילעך מאגנוס זײַנען, נאַטירלעך, ניט געווען קיין אויסנאַם. אַזוי, אַז וואָס מיט מיילעך מאגנוסעס זון איז געשען, איז שוין באַוווּסט, און וואָס מיט באָרים' טאָכטער — וועט מען זיך באַלד, גלײַך דערוויסן.

אַזוי ווי איר פֿאָטער האָט געהאַט לאַנגיאָריקע האַנדלס־באַציִונגען ניט נאָר מיט די יידישע שטאָט־אײַנוווינער, נאָר אויך מיט ניט־יידישע, איז דערום, ווען די צאָרע האָט אויסגעבראָכן, און ווען ס'איז אַרוים די גזיירע, אַז יידן מוזן פֿאַרלאָזן זייערע אײַנגעזעסענע וווינונגען אין שטאָט און זיך איבערקלײַבן אין דער פֿאר זיי באַשטימטער געטאָ, — אָט דעמלט האָט באָרים אויסגעפֿונען איינעם א ניט־יידן, וועלכער האָט גענומען זײַן טאָכטער אונטער זײַן שוץ, ווי קלומערשט זײַנע א קרוווּע, אונטער א פֿרעמדן נאָמען, גאַראַנטירנדיק איר געפֿאַרלאָזיקייט און גוטן אויסהאַלט אויף דער געזיכערטער, אַרישער זײַט, פֿאר וועלכן דער פֿאָטער האָט, אַגעוו, גוט באַצאָלט, און אוועקגייענדיק אין געטאָ, האָט ער א געניגנדיקע באַלוינונג געלאָזט דעם באַלטוויווע אפֿן כעזשבן פֿון דעם צוגעזאָגטן אויסהאַלט.

מע ווייסט ניט, צי, ווען ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די באַוווּסטע מאַכט־פֿאַראָרדענונג, אַז פֿאר אויסבאַהאַלטן א יידן באַצאָלט מען

מיטן קאָפּ, האָט דער ארישער פרײַנט פון באָריסן זיך שטארק דער־שראָקן און זיך גזוען געצווונגען אָפּזאָגן זיך פון צו געבן ווײַטער שטיצע זײַן טאָכטער, צי שלעכטע שכיינים האָבן אונטערגעמאסערט, קעגן דעם ווילן פון באָריס׳ גוטנפרײַנט, — ווי ס׳זאָל ניט זײַן, נאָר אין איינעם א טאָג האָט זיך באָריס׳ טאָכטער ארײַנגעפּאקט צו די, וואָס קיין גאנצער גייט מען שוין פון זיי ניט ארויס.

א סוואָרע אָבער, אז ניט נאָר די ייִדישע אָפּשטאמונג אליין איז געווען די סיבע פון איר דורכפאל, נאָר אויך געוויסע מאכט־אונטערײַ־סערישע מײַסים, צו וועלכע באָריס׳ טאָכטער האָט געהאט א שײַכעס, קריגנדיק פארבינדונגען מיט אזוינע, וועלכע האָבן זי דערצו געשטויסן, זי אָנגערעדט, און וואָס, מעגלעך אָבער אויך, אז זי וואָלט זיי אנטקעגנגעגאן, אפילע דערצו ניט אָנגערעדט זײַענדיק...

זי האָט זיך דאָך אָנגעקערט א קינד צו איר טאטן, וואָס האָט זי שטארק געליבט, געקעכלט און קיינמאָל איר אין גאָרניט ניט אָפּגעזאָגט, פארלויפנדיק פארפריִער פאר אלע אירע באגערן. מע האָט זי דאָך דערצויגן און געלערנט אזוי פארמעגלעך, האלטנדיק פאר איר, אויסער דער שול, נאָך ספּעציִעלע לערער אף פארשיידענע געגנשטאנדן, ווי שפּראך, מוזיק, טענץ אא. זי איז צו אירע זעכצן־זיבעצן יאָר, ווען דער אומגליק איז אויסגעבראָכן, שוין געווען גענוג אונטערגעשמידט ניט נאָר מיט אלגעמיינער בילדונג אין א גרעסערער מאָס, ווי אנדערע אין איר עלטער און פון ווייניקער פארמעגלעכע עלטערן, נאָר אויסער דעם נאָך מיט גרויס־אכטונג צו איר שטאם, מיט וועלכן אי איר פאָטער אליין האָט קיינמאָל, ווי שוין דערמאָנט, ניט געריסן, און אי אויך ער האָט דערצויגן זײַן קינד אין זעלבן גײַסט, דאָס הייסט אף צו זײַן און בלײַבן פעסט געקניפּט און געבונדן מיט אירע פאָלקס־אייגענע...

דער פּויעל־יויצע דערום איז געווען, אז ווען זי האָט דערזען, ווהין איר פאָטער און דער גאנצער ייִדישער קיבעץ איז ארײַנגעפאלן, איז כאָטש זי אליין האָט, ווי אן אויסנאם, זיך צוגעשלאָגן צו א מער געשיצטערן ברעג, האָט איר אָבער דאָך געדינט דער אײַנגעפלאנצטער שטאָלץ פון איר דערציִונג, ווי אויך די ליבע צו איר פאָטער, אז די אויסנאם־לאגע זאָל איר ניט אײַנגיין, און פארקערט, זאָל זי מאָראַ־ליש דריקן, ווי א שטיין.

יאָ, די פּריווילעגירטקײַט האָט זי געוואָרגן, און אוואדע האָט זי געזוכט מיטלען אף א קינדערש־אומדערפארענעם אויפן, וויִאזוי א האנט פון הילף צו דערלאנגען צו אלע אירע אייגנשטאמיקע, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך געפונען, ווי א פארפעסטעטער, צו וועמען דער צוטריט איז פארבאָטן, אויך איר פאָטער.

נו, און אז מע זוכט, געפינט מען... אָבער ניין, ניט זי האָט מיטלען געפונען, נאָר זי איז אליין געפונען געוואָרן פאר א מיטל... דאָס הייסט, זי איז פון געוויסע, אף דער ארישער זײַט טעטיקע

קרײַזן, באַמערקט געוואָרן, ווי אַזאַ, וואָס מע קאָן זי אויסנוצן צוליב אונטערערדישע צוועקן, און אויך ווי אַזאַ, וואָס וועט זיך זיכער לאָזן...

מע האָט דאָך געוווּסט איר ניט לעגאַלע לאַגע; מע האָט זי געוווּסט אַלס אַזעלכע, וואָס איר קלוימערשטע לעגאַלקײַט הענגט אויף אַ האָר: אָט־אָט רײַסט זי זיך איבער, ווײַל אָט־אָט קאָן זי ווער־ניט־איז אַרויסגעבן... מע האָט אויך געוווּסט, אין וואָס פאַר אַ רײַכקײַט זי איז דערצויגן געוואָרן פון איר פאָטער, צו וועמען זי האָט, געוויס, אַ זייער און זייער ליב־שעצנדיקע באַציִונג, און וועמען זי באַדויערט געוויס, וואָס ער איז איצט פון איר אַזוי אָפּגעריסן, און זי — פון אים... און לעסאָף האָט מען געוווּסט, אַז זי, אָט די שיינהײַט, וועלכע איז דערצו נאָך אַזוי רײַך אין טואַלעטן (מאַכמעס דער פאָטער האָט איר געגעבן פון גוטער קליידונג געלאָזט, איידער ער האָט זיך מיט איר געשיידט), וועט קיין שום כשאַד ניט אַרויסרופן בײַ די, פאַר וועמעס כשאַד מע דאַרף מוירע האָבן, נאָר פאַרקערט, אַז זי וועט קאָנען שטאַרק אויסנעמען, און אַז אַדאַנק איר פאַרכאַפנדיקער אויסערלעכקײַט וועט זי אַלעמאָל האָבן די מעגלעכקײַט זיך אויסדרייען פון אַלערליי געפערלעכקײַטן, וואָס אַנדערע, ווען זיי טרעפן זיך מיט זיי אָן, — ניט.

ווייסנדיק דאָס אַלץ, האָבן די פון די אויבנדערמאָנטע קרײַזן צו איר אַ צוטריט געפונען דורך איינעם אַ יונגטלעכן פון איר עלטער, וואָס האָט, אין אונטערגעשיקטער צו איר, איר פאַרטרויט, און זי — אים, זיך לאָזנדיק אָנריידן דערויף, צו וואָס איר האַרץ און געקריוודעטע טאָכטער־ליבע און פאָלקס־ווירדע זײַנען סײַווי, אַפילע אָן פרעמדער אָפּוווירקונג, געווען געניגט.

זי האָט אַרופגעטראָטן אויף אַ געוויסן וועג: זי איז צוגעצויגן געוואָרן צו אומלעגאַלער אַרבעט, באַקומענדיק אַלעמאָל אַזעלכע אויפגאַבעס, וואָס צום אויספילן זיי איז זי געווען די סאַמע פאַסיקסטע, זי, אַזאַ שיינהײַט, און דערצו נאָך אַזוי עלעגאַנט געקליידט — האָט זי אַלעמאָל טאַקע באַוויזן אויסמײַדן די איר פאָרשטייענדיקע סאַקאָנעס, קומענדיק אין אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע ערטער, ווי אין טעאַטערן, קאַפעס, קלובן, וואָס קיין אַנדערע וואָלט פאַר קיין פאַל אַהין ניט געקאָנט קומען, מאַכמעס ס'וואָלט זיך געוואָרפן אין די אויגן.

ס'איז ניט וויכטיק ווען, נאָך וויפל צײַט, ווי־אַזוי, און ביים וועלכער שליכעס זי האָט זיך אַרײַנגעפּאַקט, וויכטיק איז נאָר, אַז די, אין וועמעס הענט זי האָט זיך געפּאַקט, האָבן אין איר פערזאָן געמיינט צו האָבן געקריגן דעם ריכטיקן שליסל צו די פון זיי אַזוי געגאַרטע געהיימנישן, דערזעענדיק פאַר זיך נאָך אַ קינד, בײַ וועלכן מע וועט מיט גוטן אָדער מיט בייזן (מער נאַטירלעך, מיט בייזן) אַרויסציִען וואָס מע דאַרף...

מע האָט טאַקע צוערשט געפּרוּווט מיט גוטן, ס׳איז ניט געגאַן: צופֿיל פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר די איריקע און צופֿיל סינע און פֿאַרביטערטקייט צו די אַלעמענס באַדריקער און באַליידיקער האָט זיך בײַ איר אָנגעזאַמלט, זי זאָל זיך לײַכט לאָזן אױף פֿאַראַט. ס׳האָט איר דערצו אויך גענוג סייכל געקלעקט, אױף צו וויסן, אַז מיטן אויסגעבן די אייגענע וועט סײַווי איר גורל זײַן דער אייגענער, וואָס דער, ווי זייערער.

דעמלט האָט מען זי אױף די פֿאַרהערן אוועקגעשטעלט אַ האַלב נאַקעטע, אָן אַ העמד אַפֿילע, וואָס דאָס האָט זי — אַזאַ צערטלעך־דערצויגענע — געמאַכט וויינען מיט בלוט און מיט טרערן... און ווען אויך דאָס האָט ניט געהאָלפֿן, האָט מען מיט איר געטאָן פֿיל ערגערס, וואָס דערפֿון איז זי אַרויס אַ האַלב גערירטע, וועלכע האָט שוין דערנאָך ניט געפֿילט קיינע פּײַניקונגען, ניט ווייסנדיק שוין ביכלאַל, וואָס ס׳טוט זיך מיט איר... און בקיצור: דעמלט האָט מען זי, מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע יונגנטלעכע, וואָס האָבן זיך צוזאַמען מיט איר, לויט איין איניען, געפּאַקט, מעשאַדעך געוועזן מיטן שטריקל.

און אָט דעמלט, — אַז איר פֿאָטער באָריס האָט דערהערט, וואָס מיט זײַן טאָכטער האָט געטראָפֿן, האָט ער צוערשט קריִע געריסן, גאַנץ ייִדישלעך, אַרומגייענדיק אַ לאַנגע צײַט מיט אַן אָפּגעריסענעם לאַץ... ער איז, דאַכט זיך, אויך שיווע געזעסן. דערנאָך האָט ער זיך אין די הענט גענומען, און מע ווייסט ניט, ווי־אַזוי, צי ער האָט זיך אַליין דערצו דערטראַכט, צי אַנדערע האָבן אים אױפֿן געדאַנק אַרופֿגעפֿירט, נאָר אין איינעם אַ טאָג האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו זײַן אויסבאַהאַלטן גוטס, וואָס ער האָט אין געטאָ מיטגעבראַכט. ער האָט דאָס גאָלד און די טײַערע שטיינער לויט דער גאַנגבאַרער ווערט אָפּגעשאַצט, און אױף מאָרגן האָט ער אָפּגעוואַרט דעם סעקרעטאַר פֿון ייִדן־ראַט אױף אַ געוויס אָרט, ווו יענער האָט באַדאַרפֿט אַדורכגיין, און זיך אָנשלאָגנדיק מיט אים פּאָנעם־על־פּאָנעם, האָט ער אים אַ שטאַרק צוטרווילעכן זאָג געטאָן:

— ער האָט עפּעס צו פֿאַרטרויען דעם הער סעקרעטאַר.

— איר — מיר? — האָט יענער אַ פֿאַרוווּנדעטער אַ פֿרעג געטאָן באָריסן, וועלכער האָט איצט אויסגעזען שטאַרק שאָפֿל, סײַ מיט זײַן שלעכט־געקעמטער באָרד און סײַ מיט זײַן גאַנצן הוילעך, וואָס אין געטאָ איז אים ניט מעגלעך געוועזן צו דערהאַלטן שענער אַפֿילע פֿאַר אַזאַ, ווי אַ באָריסן.

— וואָס האָט איר געוואָלט? — האָט דער סעקרעטאַר איבערגעפֿרעגט, זעענדיק, ווי באָריס, וועמען אַלע האָבן פֿון אַלעמאָל געקענט פֿאַרן ליבעראַל מעצענאַט, און דערצו אַ מענטש מיט אַ לעבנסלוסטיקן כאַראַקטער, וואָס האָט קיינמאָל פֿאַר קיינעם, דאַכט זיך, די אויגן ניט אַראָפּגעלאָזט ניט פֿאַר בושע און ניט פֿאַר עפּעס אַנדערש

וואָס, — זעענדיק, ווי אָט דער מענטש שטייט איצט פֿאַר אים אַ האַלב־צעריבענער און מיט איינער אַ ליפּ, וואָס ציטערט אים באַ־צײַטנס, איידער ער גייט אַרויסברענגען דאָס וואָרט, מיט וועלכן ער וויל זיך צו אים ווענדן.

— אַזוי און אַזוי, — האָט באָריס געזאָגט, — דער סעקרעטאַר קען אים געוויס, אָדער האָט געהערט פֿון אים... ער איז דער און דער... און ער קומט אים מיטיילן, אַז ער האָט בעדייע צו שטעלן צו דינסט זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן, וואָס ער האָט באַוויזן אויסבאַהאַלטן און אין געטאָ אַרײַנברענגען, צו יענער זאַך, צו וועלכער אויך ער, דער סעקרעטאַר, דינט...

— זאָל דער סעקרעטאַר ניט פֿרעגן, פֿונוואַנען ער ווייסט פֿון זײַן צווייענדיקער טועכץ, פֿון דער אָפֿענער און געהיימער... זאָל ער זיך ווידער ניט וווּנדערן אויף דעם, וואָס ער קומט אים פֿאָרלייגן, מאַכמעס אויך ער, באָריס, האָט אַ שטיקל שײַכעס צום איניען... ער האָט אין אים אַ זייער טרויעריקן כיילעק... אויב דער הער סעקרעטאַר ווייסט ניט, איז זאָל ער וויסן, אַז מיט אַ שטיקל צײַט צוריק איז אים אומגעבראַכט געוואָרן זײַן קינד, צוזאַמען מיט אַ גרופּע איר־גלײַכן יונגטלעכע, פֿאַר איינער אַן אונטערײַסערישער טאַט... ער בעט: דער סעקרעטאַר זאָל באַווייליקן אָוועקנעמען וואָס אים איז געבליבן און טאָן מיט דעם, וויאַזוי ער פֿאַרשטייט, ווי אַמניצלעכסטן, ער פֿאַרלאָזט זיך אויף אים... ער לאָזט זיך נאָר איבער אַ געוויסע סומע אויף ווי־ניט־איז זיך דורכלעבן, און אויך — אויף צו בויען אַ בונקער פֿאַר אייניקע אים נאָענטע פּערזאָנען, וואָס אויסער זיי גיט ער דעם סעקרעטאַר די רעכט, אַז אויך ער, פֿון זײַן זײַט, זאָל רעקאָמענדירן, וועמען ער האַלט פֿאַר נייטיק אַהין אַרײַנברענגען.

דער סעקרעטאַר האָט, אויסהערנדיק דאָס אַלץ, אַ ווײַלע אָנגעקוקט באָריסן, ער האָט אים דאָך געקענט און געמוזט קענען, לויט דער אויפֿגאַבע, וואָס ער האָט באַקומען פֿון העכערן, נאָך פֿון פֿריִער, איידער מע איז אַרײַן אין געטאָ. און אַ סוואָרע אויך, אַז דאָס, וואָס באָריס האָט אים אָקאָרשט דאָ דערציילט וועגן זײַן אומגעקומען קינד, איז פֿאַר אים אויך קיין נײַס ניט געווען, זײַענדיק אין קורס פֿון אַלעם דעם, וואָס סע טוט זיך אויפֿן אונטערײַסערישן געביט סײַ אין געטאָ און סײַ אויך אויסער איר — אין שטאָט.

אַזוי אַז צו צווייפֿלען אין דער גוטער קאַוואָנע פֿון אָט דעם פֿאַר אים איצט שטייענדיקן באָריסן האָט ער קיין שום גרונט ניט געהאַט, מאַכמעס ער האָט זייער־זייער גוט פֿאַרשטאַנען, ווי גרויס דאַרף זײַן די פֿאַרצווייפֿלונג און דאָס נעקאָמע־געפֿיל פֿון אַזאַ איינעם, נאָכדעם ווי ער האָט אַ קינד אויף אַזאַ שרעקלעכן אויפֿן פֿאַרלאָרן.

ער האָט ניט געצווייפֿלט, אַז אָט דעם באָריסן איז איצט אין גאָרניט ניט כוישעד צו זײַן, אויסער אין זײַן גוטן ווילן טאַקע צו דערלאַנגען אַלמעגלעך שטיצע פֿאַר יענער זאַך, צו וועלכער זײַן קינד

איז צוגעשטאַנען, — עמעס, אָן זײַן װיסן און אָן זײַן האַסקאָמע, און װאָס אָבער פֿאָסט־פֿאַקטום, נאָך דעם װי ס׳איז געשען, װאָס ס׳איז געשען, האָט אױך ער, דער פֿאָטער, אונטער זײַן קינדס ערפֿולן טאַט זיך װי אונטערגעכאַפּט...

דער סעקרעטאַר איז דערום, אָן קװענקלעניש, אײַנגעגאַנגען אױף באָריס׳ פֿאָרשלאָג און זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿון צוצונעמען דאָס, װאָס יענער האָט אים פֿאָרגעלײגט...

ס׳איז אָפּגערעדט געװען, אַז דעמלט און דעמלט זאָל מען זיך נאָכאַמאָל באַגעגענען אױף איבערצונעמען אינגאַנצן, אָדער טײלװײַז, דאָס געשאַנק, װאָס באָריס האָט צוגעזאָגט צוליב געװיסע צװעקן. און אױך מיט דער צװײטער העלפֿט פֿון באָריס׳ פֿאָרשלאָג — אױף צו בױען אַ בונקער, װאָס דעם סעקרעטאַר איז די רעכט געגעבן געװאָרן צו רעקאָמענדירן אײניקע אױך אױף געװוּנטשענע פּערזאָנען אױף דאָרט אױסצובאַהאַלטן — האָט דער לעצטער מאַסקים געװען, אין זינען האָבנדיק אױסצונוצן די געלעגנהײַט פֿאַר נױטבאַדערפֿטיקע באַװײרים, אױף קורץ, אָדער אױף לאַנג, ס׳געװענדט אין דעם, װי די לאַגע װעט אַמאָל פֿאָדערן.

ער האָט בײסמײַסע אַ קלער געטאָן װעגן אײניקע אַזױגערופֿענע ציװילע, צװישן װעלכע ס׳האָט אים אױך אַדורכגעשװינדלט דאָס געשטאַלט פֿון מײלעך מאַגנוס, װעמען ער האָט געדענקט אַהין אײַנצוקװאַרטירן, און װאָס, אַגעװ, װעגן לעצטן װאָלט ער ניט געמעגט טראַכטן, װײַל װעגן אים האָט שױן פֿריִער געטראַכט באָריס, אים האָבנדיק אין זײַן צעטל אַרײַנגערעכנט, אי װי זײַנעם אַן אַלטן באַקאַנטן פֿון אַלעמאָל, און באַזונדערס איצט, װען זײ זײַנען צװײ גלײַכע שותּפֿים צו אײן צאָרע און אײנער און דער זעלבער עלנט האָט זײ פֿאַרײניקט.

יאָ, ס׳האָט זײ געטראָפֿן קימאַט אין אײנער און דער זעלבער צײַט, און צװישן די אײנציקע באַזוכער, װאָס פֿלעגן זיך װען־ניט־װען צו מײלעך מאַגנוס אַרײַנשטעלן אױף גײַסטיק אים אונטערצוהאַלטן, איז געװען אױך באָריס, װעלכער פֿלעגט אים האָבן צו טרײסטן מיט זײַן אײגענעם בײַשפּיל, זאָגנדיק, אַז אָט, אַז אים איז אױך ניט בעסער, און אַז אװאַדע װאָלט געמעגט און געקאָנט זײַן אַנדערש װי ס׳איז...

— מ־נאַ, — פֿלעגט יעדעס מאָל אַ זאָג טאָן באָריס נאָך זײַן האַלב שטומלאָשנדיקן טרײסט־געשפּרעך, נאָך דעם װי ס׳האָבן אים מער קײן װערטער ניט געקלעקט, און נאָך דעם אױך, װי מײלעך מאַגנוס װאָלט מיט אַ פֿאַרלאָרענעם קאָפּ סײַװי זיצן געבליבן, אַפֿילע װען זײַן מיטשפּרעכער װאָלט פֿאַרמאָגט נאָך װערטער צוצוגעבן.

װײַל יאָ, זינט ס׳האָט מיט אים געטראָפֿן; זינט דעמלט, װען ער האָט זיך געבעטן באַ די קװאָרעס־לײַט, מע זאָל אים לאָזן שטײן

פאר א מאציייווע אפן קיייווער פון זיין זון; זינט דעמלט אויך, ווען נאָך דער קווורע האָבן אים די קוואָרעם־לייט פארן טויער פון בעסוילעם צוגעפירט, אים אָנווייזנדיק דעם וועג אף צוריק אין שטאָט, און ער איז, א פארשטיינערטער, געשטאנען און ניט באנומען, וואָס מע רעדט צו אים, און יענע, זעענדיק, אז ס'איז מיט אים ניט צו מאכן, ווייל ער איז קימאט ניט אף דעם אוילעם, האָבן פארשטאנען, אז אָפּלאָזן אים איצט אין זיין שטאנד, איינעם אליין, וואָלט געהייסן אים אָפּלאָזן אף הפקר, אף פארבלאָנדזשען און אף פארקריכן גאָר ניט אין יענער ריכטונג, וווהין ער דארף, און זיי האָבן דערום באשלאָסן, אז מיט דער זעלבער אגאָלע, אף וועלכער זיי האָבן אים מיט זיין מעס אפן בעסוילעם געבראכט, זאָל מען אים צוריק אָפּפירן און אים דעם ייִדן־ראט איבערגעבן.

איז אָט, פון זינט דעמלט, ווען מע האָט אים צוריק אין געטאָ אָפּגעפירט און, מיט דער הילף פונעם סעקרעטאר פון ייִדן־ראט, צוריק אין זיין ווינונג אומגעקערט, האָט מען אים א צייט לאנג דערנאָך געקאָנט טרעפן זיצן אין זיין ווין־ווינקל אן אָפּגעלאָזטן און גלייכגילטיקן צו אלעם דעם, וואָס טוט זיך ארום אים אין שטוב־טומל, וועלכער האָט צו אים קיין שייכעס ניט. און אויך אפילע צו דעם, וואָס האָט צו אים יאָ א שייכעס, ווי, לעמאָשל, ווען אייניקע פון זיינע שילער פלעגן זיך צו אים ווייזן, וועלנדיק אים באדינען און אים ארויסווייזן עפעס הילף מיט וואָס־ניט־איז, דערלאנגענדיק אים, אָדער אמאָל אים דערמאָנען, ער זאָל וועש בייטן, אאוו.

ער האָט א צייט לאנג זיך געהאלטן מייסע־טאם און ווי געשלאָגן אין סאמע מיט מויעך.

צו יענער צייט האָט זיך צו אים איינמאָל אויך דער סעקרעטאר פון ייִדן־ראט ארייַנגעשטעלט, אים צו טרייסטן... צי ווייל דער סעקרעטאר האָט זיך געפילט שולדיק פאר אים, וואָס ער האָט אים אמאָל צוגערעדט, אגיטירט, ער זאָל זיך זיין זונס ווילן ניט קעגנשטעלן און אים לאָזן גיין אף יענעם וועג, וועלכן יענער האָט זיך אליין אויסגעקליבן און וואָס אָט דער וועג האָט זיך דערנאָך ארויסגעוויזן פאטאל אי פארן זון אי פארן פאָטער, וועלכער האָט זיך דעם זון טאקע ניט קעגנגעשטעלט, פארגיכערנדיק אָבער דערמיט דעם זונס טויט, ווער ווייסט אף וויפל; צי דער סעקרעטאר האָט זיך געפילט עטוואָס שולדיק פאר מיילעך מאגנוס, צי גלאט אזוי, פון מיטגעפיל און פון סימפאטיע צו אָט דעם געלערנטן, וואָס קיין סאך אזוינע זיינען, נאָך די פארשידענע „אקציעס", וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין געטאָ, שוין ניט פארבליבן, און אים, דעם סעקרעטאר, ווי אליין א מענטש פון אינטעליגענטישן שוירעש, האָט אָפט, נאָך זיין שווערער און געפארפולער ארבעט, אי אין ייִדן־ראט, אי ערגעץ אנדערשוווּ א צי געטאָן צו קומען צו אזעלכן, אף מיט אים פארפירן א זייטיקן געשפרעך, קעדיי זיך א ביסל צעשטרייען און זיך פארגעסן.

אזוי צי אזוי, נאָר צו יענער צײַט האָט אויך דער סעקרעטאַר איינמאָל זיך צו אים אַרײַנגעשטעלט, און ווידער, לעפּאָנעם, מיט א מאכט־פּאַראָרדענונג מיקויעך דעם אינסטיטוט, וועלכער האָט שוין אָבער אינדערעמעסן האַלב געגויסעט, א באַרויבטער, א באַנומענער און געשענדטער פֿון דער מאכט.

ער איז צו אים אַרײַן, נאָך דעם ווי ער האָט ערשט ניט לאַנג די באַגעגעניש מיט באָריסן געהאַט, און נאָך דעם ווי יענער האָט פֿאַר אים אויסגעדריקט זײַן ווילן צו שאַפֿן א גוט־באַוואָרנט באַהעל־טעניש, פֿאַר וועמען ער, באָריס, אליין וועט געפֿינען פֿאַר נייטיק, און געבנדיק אויך אים, דעם סעקרעטאַר, די רעכט אַף צו רעקאָ־מענדירן די, וועמען ער וועט האַלטן פֿאַר ווינטשנסווערט צו באַ־וואָרענען...

אַז ער איז אַרײַן, האָט ער געטראָפֿן מײַלעך מאַגנוס, ווי אַלעמאָל די לעצטע צײַט, א שטאַרק פֿאַרכּושטן, און אַז ער האָט אַף אים, נאָך אַף דער שוועל שטייענדיק, א קוק געטאָן, איז אים צוערשט א געדאַנק איבערגעלאָפֿן, אַז עפּשער איז ניט קעדײַ אים פֿון אָט דעם דרעמל־שטאַנד וועקן, און אַז עפּשער איז בעסער אים לאָזן צורו, אָפּלייגן זײַן באַזוך אַף אַן אַנדערשמאָל אָדער עפּשער אויך זיך גאָר אינגאַנצן אָפּזאָגן פֿון אים צו באַזוכן.

זיצנדיק דעמלט אין זײַן ווינקל, האָט מײַלעך געקוקט אין הױלן כּאָלעל, ניט זעענדיק פֿאַר זיך גאָרניט, און ניט מערקנדיק, אַז א האַלב־היימישער מענטש געפֿינט זיך שטיין אַף זײַן שוועל...

סאָפּקאָלסאָף האָט דער סעקרעטאַר באַשלאָסן ניט אָפּצוטרעטן און ניט אַוועק מיט ליידיקן, אויב ער האָט שוין יאָ אויסגעפֿונען צײַט אַף אַהער צו קומען. ער האָט אָבער דעם פֿאַרכּושט זיצנדיקן מײַלעך מאַגנוס טאַקע געמוזט נעמען וועקן...

— כּאַוועך מאַגנוס, — האָט דער סעקרעטאַר זיך מיטאַמאָל א ווענד געטאָן צום פֿאַרכּושטן מיטן גאָר היימישן וואָרט „כּאַוועך״, ניט צווייפֿלענדיק, אַז ס׳איז רעכט אים אַזוי אָנצורופֿן, און אַז ער טוט דאָס ניט בלויז צוליב אײַנקויפֿן זיך אין צוטרוי צו יענעם, ווי צו א כּוילע אָדער צו א שוואַכזיניקן. ניין, ס׳איז אופֿריכטיק געזאָגט געווען, מאַכמעס ער האָט דאָך געזען פֿאַר זיך אַן איינעם, וואָס האָט מער וויליק, ווי אומוויליק בײַגעשטײַערט צו דער זאַך, וואָס איז אים טײַער...

— כּאַוועך מאַגנוס, — האָט ער ווײַטער געזאָגט, אים ווײַטער וועקנדיק, — ס׳איז איך, דער סעקרעטאַר פֿון יידן־ראַט, וואָס בין שוין לאַנג בא אײַך ניט געווען און וואָס בין איצט געקומען צו אײַך מיט אַן איניען.

דעמלט האָט יענער אים דערזען. ער האָט אים א האַנט דערלאַנגט צום באַגריסן, אָבער די באַגריסונג איז געווען פֿון יענעם קאַלטן מין,

וואָס ווײַזט, אז דער באגריסער האָט דעם באגריסטן ניט איבעריק אין זינען און איז אויך, דאכט זיך, אים ניט איבעריק גערן.

— נעמט א שטול, — האָבן זיך בא מיילעך מאגנוס נאָך גע־פונען א פּאָר אָנשטענדיקע ווערטער אף צו זאָגן זײַן גאסט, אויסער דער באגריסונג.

יענער האָט א שטול גענומען און זיך אוועקגעזעצט, און דעמלט האָט ער גלײַך אָנגעהויבן און אזוי געזאָגט:

— ער איז שטארק באשעפּטיקט, אנדערש וואָלט ער אים שוין ניט איין מאָל געוועזן באזוכט... ער איז שטארק באזאָרגט פון די שלעכטע ידיִעס, וואָס קומען פון די זיכערסטע אמטלעכע קוועלן, און וואָס זאָגן, אז ס'האלט בא ליקווידירן די היגע געטאָ, אזוי ווי מע האָט שוין ליקווידירט פיל אנדערע. ער האָט זיך אויך איצט קוים ארויסגעריסן... און אויב ער איז שוין יאָ דאָ, איז זאָל אים מיילעך מאגנוס מויכל זײַן, ווען ער וועט זיך דערלויבן אים זאָגן אָפן קלאָר, אָן שום פארשטעלעניש, און בעקיצער דאָס, וואָס אן אנדערשמאָל וואָלט ער וועגן דעם גערעדט מער באאריכעס, און נעמלעך: אז זײַענדיק אן איידעס פון דעם, וואָס מ'האָט שוין ביז אהער דאָ דורכגעמאכט, און וויסנדיק, וואָס ס'שטייט נאָך שפּעטער פאָר, איז אז ער, דער סעקרעטאר, זעט, וויִאזוי מיילעך מאגנוס איז טיף איבערן קאָפּ, און בלויז אין זײַן פּערזענלעכער זאָרג פארזונקען, איז זעט ער אים אויס, מעכילע, ווי ער וואָלט געזען, ווי דער יאם ווײַנט, וואָס א פייגעלע האָט, פארבײַפליִענדיק, בא אים געכאפּט א טראָפּנ־דיקן טרונק...

— כאָלילע, זאָל מיילעך מאגנוס אים ניט כוישעד זײַן אין הארצלאָזיקײַט און אים ניט האלטן פאר אזא, וועמען ס'קאָן אופגיין אפן געדאנק צו וועלן אים אָפּזאָגן אין זײַן זעלבסטפארשטענדלעכער רעכט צו טרויערן אף דעם, וואָס האָט, נאטירלעך, פארדינט צו באטרויערט ווערן; אָבער נאָכאמאָל: זעענדיק דעם אלגעמיינעם בראָך, און וויסנדיק, אז קיינער איז איצט ניט קיין געשאנעוועטער און אין קיין פּראט ניט קיין אויסנאם, איז אז ער זעט אים ווי מיט א רייף אן ארומגעכאפּטן בלויז פון זײַן אייגענער פארצווייפלונג, טוט ער אים פּאָרט אויסזען געגליכן צו אן איינעם, וואָס קלאָגט זיך, אז די סטעליע רינט אים ארײַן, ווען אין דרויסן איז שוין פּערציק טעג א מאבל...

— זאָל ער אים אנטשולדיקן זײַן הארבקײַט, וואָס נעמט זיך ניט פון עפּעס אנדערש, נאָר דערפון, ווי ווען א מענטש וויל דעם צווייטנס טויווע, און זאָגט אים ארויס אן עמעס, וואָס איז ווײַט פון סענטי־מענטן, עלעהיי א דאָקטער, וואָס מיינט די טויווע פון א כוילע.

— ער מיינט, דער סעקרעטאר, אז אויב שוין אפילע ניט דענקען מיט אלוועלטלעכע און אלפעלקערלעכע קאטעגאָריעס, וואָס דאָס וואָלט, אגעוו, אזא, ווי מיילעך מאגנוס, זיך אוואדע מער געפּאסט,

נאָר ווייסנדיק אַליין דאָס, אַז דער מאַלעכהאַמאָוועס, געאָרעמט מיט
דער פּעסט, גייען איצט אַרום מיט בעזעמער איבער די טויזנטיאָריקע,
אײַנגעזעסענע ייִדישע ייִשובֿים און קערן זיי אויס ביז „יודן־ריין";
און ווייסנדיק אויך, אַז סאָפּקאָלסאָף וועט אויך ער, מײַלעך מאַגנוס,
אַליין, דער ביז אַהער פּריווילעגירטער און פֿון דער מאַכט געשאָנע־
וועטער, מוזן פֿאַרשווונדן אין שענדלעכע ערטער, וווּ ס'איז ניט קיין
אָרט צו טרויערן אַפֿילע אַף דעם, וואָס איז אים אַמטײַערסטן; ווייסנ־
דיק דאָס אַלץ, איז דען קיין וווּנדער, וואָס אַזאַ איינער איז קאָלזמאַן
דער אָטעם האַלט זיך אין אים, און קאָלזמאַן ער טוט ניט, ווי אַנדערע
אין ענלעכע פֿאַלן, און פֿאַרענדיקט ניט אַליין מיט זײַנע אייגענע,
הינטערשטעליקע בעזשבוינעס, דאָס הייסט ער באַגייט ניט קיין
זעלבסטמאָרד, איז דען ניט קיין וווּנדער, וואָס ער טוט ניט דעם
הייפּעך, וואָס ער טוט איצט, דאָס הייסט זאָגנדיק זיך פֿאַרקערט,
אַז אויב שוין יאָ לײַדן, איז לײַדן צוליב עמעס, און אויב ניט אַליין
זיך אַרײַנוואַרפֿן אין קאַמף (אַף וואָס ער איז שוין, מעגלעך, ניט
פּייִק), איז, אַלקאָלפּאָנעס, כאָטשבי צו האָבן די ווירדיקע אַמביציע,
זיך צו דערהאַלטן ביז דעמלט, ביז מע וועט קאָנען זען, מיט וואָס
די ריזיקע וועלט־שפּיל, דער געראַנגל צווישן הורמיז און אַכרימוין,
צווישן ליכט און פֿינצטערניש, וועט זיך ענדיקן...
— ניין, — ער האָט ניט גוט געזאָגט, דער סעקרעטאַר, ער האָט
זיך ניט ריכטיק אויסגעדריקט... מײַלעך מאַגנוס ווייסט דאָך, ווער
ער איז — אַזאַ פּאַרטיי־מאַן, אַז פֿאַר אַזאַ פּאַסט ניט צו געברויכן
דאָס וואָרט „שפּיל", וואָס פֿאַרן אויער פֿון די זײַניקע, וועלכע ווייסן
גוט דעם ציל, צוליב וועלכן קיינע קאָרבאָנעס זײַנען ניט טײַער, —
איז דאָס באַליידיקנדיק און קלינגט, ווי פֿאַרשוועכונג... פֿאַר זיי, פֿאַר
די זײַניקע, וואָלט ער עס געוויס ניט אַרויסגעבראַכט, אָבער דאָ, פֿאַר
אים, פֿאַר מײַלעך מאַגנוסן, פֿאַרן אומפּאַרטייִישן, דערלויבט ער זיך
דאָס יאָ, אַליין נאָר קעדיי אים צו איבערצײַגן און וועלנדיק אים
אַריבערציִען אַף דער לעבעדיקער זײַט, וווּ אים, דעם סעקרעטאַר,
איז געוווּנטשן צו זען זײַן מיטשפּרעכער...
— ווײַל, ערשטנס, פֿילט ער זיך פֿאַר אים אַ ביסל שולדיק, און
צווייטנס, ווען אַפֿילע ניט, איז אים אַליין מײַלעך מאַגנוס גענוג
כאָשעוו, ער זאָל אים ניט וועלן זען אַזוי צעריבן און אומענדלעך
אָפּגעלאָזן... ער פֿאַרגינט דאָס ניט דעם סוינע... און אויך דער גאָרער
גוירל פֿון די אַרומיקע האָט ניט פֿאַרדינט, אַז די איינציקע קעפּ,
וועלכע זײַנען אַף די אַקסל פֿון די איינצלנע געבליבן, זאָלן זײַן אַזוי
אַראָפּגעזונקען און אַזוי קליינמוטיק באַהערשט פֿון אַן אייגענעם
בראָך, ווי גרויס ער זאָל ניט זײַן...
— ער זאָגט דאָס אַלץ אַנטקעגן דעם, דער סעקרעטאַר, ווײַל, ווי
ער ווייסט, בויט זיך איצט אַ בונקער פֿאַר אַ געוויסער צאָל פּערזאָ־
נען, וואָס צווישן זיי האָט ער די מעגלעכקײַט צו זען אויך אים,

מיילעך מאגנוס, פארעכנט. פון מוירע אָבער, אז פון מוטזעליקײַט און פון גלײַכגילט זאָל זיך מיילעך מאגנוס ניט וועלן אָפּזאָגן און דורכלאָזן די מעגלעכקײַט, ווען מע וועט אים קומען אן אָרט דאָרט פאָרלייגן, איז ער אים געקומען זאָגן, אז ס'וואָלט געווען אן אוולע, און אויך מער פון דעם, ווען אזא איינער זאָל ניט וועלן זיך פאר־היטן, אליין כאָטש צוליב דעם, קעדיי צו זען, ווי די וועלט וועט פרײַער אָפּאָטעמען, נאָך דעם ווי מע וועט פון איר דעם פארברע־כערישן איפּעש אוועקראמען.

— מיילעך מאגנוס איז עלטער פון אים, און אוודע איז ניט ער, דער סעקרעטאר, בארופן אים צו לערנען, און דאָך דערלויבט ער זיך דאָס אים פאָרלייגן, זאָל ער זען, ווי ער, דער סעקרעטאר, וואָס איז אלע מינוט, אלע רעגע אויסגעשטעלט פאר דער סאקאָנע ארײַנ־צופאלן צו די, צו וועמענס דערבארעמונג ס'איז קיינעם ניט צו ווינטשן אָנצוקומען, ווײַל וואָס פון איר איז צו דערווארטן, איז באוווסט, — איז נישט געקוקט דערויף האלט ער דאָך אין איין גיין און באלאנסירן אפן שטריק, וואָס אונטער אים געפינט זיך א טהאָם, אליין נאָר דערפאר, וואָס ער פילט זיך אָנגעהעריק צו יענער שטרענג־דיסציפּלינירנדיקער לערע, וואָס פאָדערט זיך ניט מעיאעש צו זײַן ביז לעצט, און אויך אָפּצומאָנען באם סוינע טײַער פאר דעם, וואָס קאָסט דיך אליין טײַער, דאָס מיינט, די אזויפיל קאָרבאָנעס, וואָס מע האָט באוויזן אוועקצולייגן, אוכטויסעם, פארשטענדלעך, אויך זײַן, מיילעך מאגנוסעס, קאָרבן.

— זאָל מען אים ווידער אנטשולדיקן: ס'איז אוודע ניט אָנ־שטענדיק זיך ארויסצושטעלן פאר א מוסטער און פאָדערן פון אנדערע, מע זאָל דיר נאָכטאָן; אָבער נאָך דעם, ווי ער האָט געהערט וועגן מיילעך מאגנוס פון זײַטיקע, וויאזוי ער פירט זיך אויף, א געטראָפּענער, און נאָך דעם, ווי ער זעט איצט אליין, אז דרײַ פערטל פון זײַנע רייד גייען פאר זײַן אויער פארלוירן פון אָפּגעלאָזנקײַט און פון ארײַנגעטאָן אין זײַן צאר, וואָס האָט זיך אים אפן קארק באזעצט; זעענדיק דאָס, האָט ער זיך דערלויבט אזא אומבאשיידנ־קײַט, ווי אפילע וועגן זיך אליין א גוט וואָרט זאָגן — ניט, נאטיר־לעך, צוליב איבערנעמען זיך, און צוליב וועלן שפּילן די גרויס־האלטערישע ראָליע, וואָס איז קלאָל ניט פון די מידעס פון די זײַני־קע, נאָר בלויז מיטן מיין, עפּשער וועט דאָס פּועלן ווי א לעצט מיטל אין א לעצטן פאל, ווען מע באנוצט זיך מיטן לעצטן...

נו, און שוין, און מער האָט ער ניט וואָס צוצוגעבן, ווײַל דאָס איז אליץ, וואָס ער האָט אים געהאט צו זאָגן, קומענדיק אהער און זעענדיק אים אין אזא דערשלאָגענעם שטאנד, וועלכן ער האלט פאר אויסגעשלאָסן, אז א מענטש מיט ווירדע זאָל זיך אים אזוי אונ־טערגעבן.

מיילעך מאגנוס האָט די גאנצע צייַט, ביים דער אנטקעגן אים זיצנדיקער סעקרעטאר האָט דאָס אלץ גערעדט, האלב יאָ געהערט, האלב ניט, מער, דאכט זיך, ניט, ווי יאָ. נאָר ווען דער סעקרעטאר האָט זייַן לעצטע פראזע פארענדיקט, האָט ער די אויגן אַף אים אופגעהויבן, קוקנדיק אַף אים א שטומע ווייַלע, דערנאָך האָט ער זיך א בייג געטאָן צום איבערן טיש, ווו יענער איז אנטקעגן אים געזעסן, און פונקט ווי דאָס ערשטע מאָל, ווען דער סעקרעטאר האָט זיך צו אים געוויזן מיט דער שליכעס מיקויעך זייַן זון, אזוי האָט ער אויך איצט אים א האַנט אריבערדערלאנגט, א שווייַגנדיקע און אָן ווערטער באגלייט, אָבער א צוטרוילעכע און ווי פולשטענדיק מאסקים זייַענדיק מיט דעם, וואָס יענער האָט פאר אים נאָרוואָס ארויסגעבראכט.

א גוט מעוויניש אויג וואָלט דאָ געקאָנט באמערקן, אז גלייַך נאָכן סעקרעטארס רייד וואָלט ווי אַף מיילעך מאגנוסעס שוין פון לאנג פארטריקנטן באָדן א געשמאקער רעגן אָפּגעגאן, און אז ווי גרויס ס'איז ניט געווען זייַן ביז־אהעריקע אייַנגעשלעפּערטקייַט, האָט אָבער איצט, נאָך יענעמס רייד, מיטאמאָל, מייַסע־נעס, אופגעוואכט אין אים דער פארשטאנד, אינטערעס, און אויך זייַן קליין ביסל לעבנס־מוט, וואָס האָט שוין לאנג אין זייַן רעשוס ניט געהויזט.

דאָס מאָל האָט זיך דער סעקרעטאר נאָך זייַן רעדע ניט גלייַך אָפּגעזעגנט אַף אוועקגיין, נאָר איז פארבליבן אַף א מער לענגערן געשפּרעך, ביים וועלכן דער אופגעוואכטער מיילעך מאגנוס האָט זיך בא אים גענומען דערפרעגן פּראָטים וועגן דער לאגע אין געטאָ ביכלאל, ווי אויך ביפראט, אפילע וועגן דעם פּראָיעקט מיטן בונקער, וואָס. דער סעקרעטאר האָט דאָ דערמאָנט, דעמלט האָט אים דער סעקרעטאר געזאָגט, אז, אייגנטלעך, שטאמט דער פּראָיעקט ניט פון אים, נאָר פון דעם אלעמען באקאנטן באָריסן, וועגן וועלכן מיילעך מאגנוס ווייסט אויך זיכער, זייַענדיק, דאכט זיך, פון לאנג באקאנט מיט אים...

— אך, אזוי? פון באָריסן? — האָט מיילעך מאגנוס דערהערט מיט באפרידיקונג די יעדיִע, אז אויך באָרים ווייסט פון בונקער, און אז ער איז בעעמעס גאָר דער אייגנטלעכער איניציִאטאָר פון דער בוויונג...

* * *

נו, און פון דעמלט אָן, ביז די זאך איז אויסגעפּארטיקט געוואָרן, דאָס הייסט ביז דעמלט, ווען מע האָט מיילעך מאגנוסן גענומען פירן אינעם שוין גרייטן בונקער, וואָס מיט אלע באקוועמלעכקייַטן אויס־געשטאט, האָט מען אים געקאָנט זען א געענדערטן און ווי אָן

איינעם, וואָס מע האָט זײַן פּינטעלנטשיש מיט עפּעס א ליכט באַ־לויכטן.

ער האָט באַקומען זין אין בליק און לאָשן אין מויל... און מע דאַרף קלערן, אַז דאָס איז אים ניט געקומען דערפאַר, ווײַל מע האָט אים איצט ווידער פּריווילעגירט אויסגעטיילט צו מער בעסערער באַזאָרגונג; נאָר דערפאַר, וואָס ביכלאַל, ווײַזט אויס, האָט דאָס פּאַרזונקען זײַן אין טרויער אַפּן אומקום פון זײַן זון שוין געהאַלטן בא אויסשטאַנד, און די מוסער־רעדע, וואָס דער סעקרעטאַר האָט דעמלט פאַר אים אָפּגעהאַלטן, איז געווען דער לעצטער שטויס דערצו.

ס׳געשעט דאָך, אַז א מענטש גייט אמאָל איבער פון א שווער געדריקטן צושטאַנד צום אופגעלייגטן הייפעך, וואָס קלוימערשט אין אים, אדאַנק, לאָמיר זאָגן, איינס נאָר א טרעפלעך וואָרט, וואָס ווערט אים פון א צווייטן אין א ריכטיקן מאָמענט אַרײַנגעזאָגט; אָדער אַדאַנק אפילע א נאָך מער נישטיקער סיבע, ווי ווען אפילע א ליאַדע פליג פליט פאַרבײַ, מאַכט אים פאַרגעסן אין זײַן ביז־אַהעריקן, און דינט אים ווי עלעהיי א מאָמענט פון קריזיס אין א קרענק.

יאָ, אויך מיילעך מאַגנוס איז ווי אַריבער צו זײַן הייפעך... עמעס, שטיל און אײַנגעהאַלטן, אָבער דאָך צו עפּעס א מין אופגעהעצלטער עקזאַלטירטקײַט, וואָס ווען א געניט אויג וואָלט אַף אים דעמלט א קוק געטאָן, וואָלט ער אויך די עקזאַלטירטקײַט געפונען פאַר אַזוי איבערגעטריבן און אומנאַטירלעך, ווי אומנאַטירלעך און איבער־געטריבן ס׳איז געווען, קאָן מען זאָגן, דער צו לאַנגער טרויער נאָך זײַן זון...

מ׳האָט באַמערקט, אַז אפילע אין די סאַמע געפערלעכע מאָמענטן פון די דעמלט זיך פּראַקטיקירנדיקע באַנאַכטישע אָנפאַלן, ווען די געטאָ פלעגט זיך צעקלינגען מיט אַלערליי אַליאַרמירנדיקע מאַכשירים, ווענקדיק איינס דאָס אַנדערע פאַר דער געפאַר פון דער פּאָליציי, וואָס קומט באַנאַכט, אינמיטן שלאָף, אַרויסצורײַסן די קאָרבאָנעס פון די בעטן, האַלטנדיק דעם מאָמענט פאַר יאַגד־גינסטיק, קעדיי קיינער זאָל ניט באַוויַזן פון די ערטער זיך רירן און זיך אויסבאַ־האַלטן, אויך אפילע דעמלט האָט מיילעך מאַגנוס זיך געהאַלטן, מ׳ווייסט ניט פאַרוואָס, עפּעס אויסשליסלעך רויִק און ווי אויסער דער מעביצע פון דער אַלגעמיינער שרעק, זאָגנדיק אַלעמאָל צו זיך אַליין און אויך צו אַנדערע: אייסעך... ס׳גאָר ניט... ס׳וועט איבער־גיין...

מ׳האָט צו יענער צײַט באַמערקט, ווי אָפט פלעגט ער האָבן אפילע א ביסל געזאַנג אַף די ליפּן — א זאַך, וואָס איז זיך גאָר ניט אויסצומאָלן, אַז א מענטש אין געטאָ זאָל — האָסטו ניט, ווייסטו ניט — זיך קאָנען ווען אמאָל פאַרגינען א וואָסער־ניט־איז

געזאַנג פון זיך אַרויסגעבן, זאָל זײַן אַפּילו אַ שטיל געדעמפּטע, און ניט לאָזנדיק זי אַף אַ האָר ווײַטער פון די ליפּן.

אָבער ס׳מאַכט ניט, ס׳האָט דאָך קיינעם ניט געשטערט, אויך אים אַליין ניט. ער האָט צו יענער צײַט נאָרמאַל געגעסן און אַפּילו מער ווי נאָרמאַל, ווען ס׳איז נאָר געווען וואָס — און ניט ווי פּריִער, ווען ער האָט פון אַלץ אָוועקגעקוקט, ניט אָנעמענדיק קיינע שפּײַז, ווײַל ס׳איז אים אין האַלדז ניט געקראָכן.

צו יענער צײַט פּלעגט ער אויך מיט שכיינים פאַרברענגען ווי ס׳געהער, מיט אַ קליין שטיקעלע נאָר אויסנאַם פונעם רעגל, וואָס אָפּט פּלעגט ער זיך פאַרטראַכטן אינמיטן די רייד אַף אַ קליינער ווײַלע, זיך אויסשליסן פון געשפּרעך, ווי גלײַך ניט ער האָט אים אָנגעהויבן, אָדער גלײַך ער האָט ביז אַהער קיין גלײַכן אָנטייל ניט גענומען אין אים, ווען אַנדערע האָבן אים פאַרפירט.

אָבער אויך דאָס מאַכט ניט, ס׳איז פון קיינעם ניט באַמערקט געוואָרן, ווײַל, ערשטנס, איז קיינעם דעמלט אין קאָפּ ניט געלעגן זיך צוקוקן צו עמעצנס קלייניקייטן; און צווייטנס, ווײַל אָט דאָס ביסל אויבן אויסגערעכנטע אויסגענומלעכקייט, דאָס מיינט: דאָס צעזינגען זיך אַמאָל, אָדער דאָס אויסשליסן זיך אינמיטן די רייד, האָט אַלעמאָל אַזוי ווייניק געדויערט, אַז ווען מע האָט ניט קיין ספּעציעלן אינטערעס עמעצן נאָכצושפּירן, קעדיי צו דערלערנען יענעמס אופירונג, טוט קיינער דערויף קיין אַכט ניט לייגן, אַפּילו ווען מע באַמערקט דאָס יאָ... ביפּראַט דעמלט, ביפּראַט, ווען אין אַלעם אַנדערן האָט זיך מיילעך מאַגנוס דאָך אופגעפירט ניט ערגער און ניט אויסגענומענער פון אַלע; פאַרקערט, מע האָט דאָך אים איצט געקאָנט זען אין דער מער בעסערער און אייטערער שטימונג, ווי פּריִער, ביים ער האָט זיך געפונען אונטערן טרויער־פּרעס, וואָס האָט אים אַף אַ רעגע ניט אָפּגעלאָזט.

* * *

און אָט איז געקומען די צײַט, ווען מע האָט אים אײנעם אויסגעפאַרטיקטן בונקער באַדאַרפט אָפּפירן, מע האָט דאָס לאַנג געהאַלטן בעסאָד אַפּילו פאַר נאָענטע שכיינים, און אַוואַדע פאַר פרעמדע, ווועמען מע האָט געקאָנט אין עפּעס כוישעד זײַן. ס׳האָט היפּש געדויערט, ביז מ׳האָט די צווייפאַכיקע הייל אויסגעגראָבן און די אויסגעגראָבענע ערד אַף אַ געהעריק אָרט באַשטאַט, ס׳זאָל קיין מערקבאַרער סימען ניט בלײַבן, ס׳האָט געדויערט, ביז מ׳האָט אויסער דער גראָב־אַרבעט אויך די אינוויייניקסטע אײַנאָרדענונג דורכגעפירט, ביז מ׳האָט די ווענט, די דילן און סטעליעס מיט ברעטלעך באַשלאָגן, די הייל זאָל זײַן וואָס מער בעסער וווינבאַר.

און צום סאָף, ווען אַלץ איז גרייט געווען און ווען דאָס אונטערערדישע מאָקעם איז שוין פון אַנדערע באַזעצט געוואָרן, און ס'איז געבליבן אָרט נאָר פאַר מײַלעך מאַגנוס אַהין אײַנצוקוואַרטירן, האָט זיך אונטערגענומען אים אַהין צו ברענגען ניט קיין אַנדערער, נאָר אַליין טאַקע באָרים, דער איניציִאַטאָר און דער, וואָס האָט סובסידירט די בויונג.

מיט מײַלעך מאַגנוסן, ווי מיט אַן עלטערן און ווי מיט אַ מענטשן גאָר ניט קיין פלינקן אין געפּאַר־פֿאַלן, האָט מען באַדאַרפט זײַן באַזונדערס פאָרזיכטיק... אויב מיט אַלע אַנדערע איז דאָס אויך ניט צוגעגאַן גרינג, ווען מ'איז אַראָפּגעקומען צום דנאָ פון ערשטן קעלער און מ'האָט באַדאַרפט זיך אײַנשרומפּן, קעדיי ווי־ס'ניט־איז דורכקריכן דורך דער ווײַטער פאָרשטייענדיקער ענגעניש, ווענדיק דערגרייכן ביז צום אײַנגנטלעכן בונקער, איז מיט אַזאַ, ווי אַ מײַלעך מאַגנוס, שוין אַ באַיאָרטן און ניט באַוואָפנטן מיט אַזעלכע קריך־קענטעניש, דאָס אַוואַדע אָנגעקומען שווער.

שווער איז אָנגעקומען אַפילע אַליין דאָס אַרויספירן אים פון שטוב, וואָס מ'האָט דאָס באַדאַרפט מאַכן אין אָוונט, אין אַ שאָ, איידער דער געטאָ־טויער שליסט זיך, און פאַר דעם, ווי ס'ווערט אַלעמען פאַרבאָטן אַף די גאַסן זיך ווײַזן.

דאָס אַלץ דורכצופירן האָט אַף זיך גענומען באָרים, וואָס אין געטאָ האָט מען אים גוט געקענט, מע זאָל ניט דאַרפן מוירע האָבן, אַז אויב עמעצער וועט אים באַמערקן אַליין, ביפּראַט אינצווייען, מיט אויך אַזאַ בעקאָוועדיקן, ווי ער, מע זאָל אים, אָדער זיי, אין עפּעס קאָנען פאַרדאַכטן.

ער האָט דאָס געטאָן ווי געהער איז, זיך אַליין היטנדיק, אי אויך דעם מיטגעפירטן מײַלעך מאַגנוס, וועלכן דער סעקרעטאַר האָט יעדעס מאָל, ווען ער האָט פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט אים מיקויעך אַלע יענע, וועמען מע האָט באַדאַרפט אין בונקער באַזעצן, האָט ער באַזונדערס דערמאָנט און אויסגעטיילט מאַגנוסן, אויסריידנדיק פאַר אים מער באַקוועמלעכקייטן, ווי פאַר אַנדערע.

און אָט האָט אים באָרים אַרויסגעפירט פון שטוב, מאַכנדיק דעם אָנשטעל פאַר שכיינים, אַז ער פירט, קלוימערשט, צו זיך אַף נאַכטלעגער זײַן אַלטן באַקאַנטן, מיט וועלכן ער טיילט אַן אַלציינעם גוירל פון אַן אַלציינער טרעפעניש מיט זייערע ביידנס קינדער, קעדיי זיי זאָלן זיך קאָנען איינס פאַרן אַנדערן דאָס האַרץ אויסריידן, אינטים און אַליין בלײַבנדיק.

ער האָט אויך אָפן גאַס פאַר פרעמדע געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי גייען ערגעץ געשעפטלעך אָדער אַהיים, אין דער שפּעטער שאָ, ווען מ'מוז אַ ביסל צוײַלן, קעדיי קיינעם זאָל זיך ניט ווען זיי פאַרהאַלטן.

און אָט האָט ער אים געבראכט אין יענער וווינונג, וואָס אונטער איר, אונטער דער אָפּגעזונדערטער און פון א זײַטיק אויג באוואָרנ־טער, האָט זיך געפונען דער ערשטער קעלער, דורך וועלכן מע האָט זיך באדארפט לאָזן צו די ווײַטערדיקע, צו די נאָך טיפערע, ביז אהין, ווו די אייגנטלעכע אויסבאהעלטעניש געפינט זיך.

באָרים איז געקראָכן פאָרויס, ווײַזנדיק א וועג און א בײַשפּיל פאר מיילעך מאגנוס, וויאזוי ער, מיט דער האלב נאָך נעגידישער קאָמפּלעקציע און מיט דער נאָך ברייטביינערדיקער פּלייצע, וואָס כאָטש ס'איז איר שוין היפּש אָפּגעפאלן פאר דער צײַט פון זײַן זײַן אין געטאָ, דאָך איז זי נאָך גענוג ברייט געווען, זי זאָל ניט קאָנען דורכמאכן אָן שוועריקײַטן דאָס, וואָס ס'מאכט דורך א יינגערער און מער שמאָלערער אין געביין. דאָך איז ער דורכגעקראָכן. ער איז געקראָכן, האלטנדיק אין האנט א ליכט, וואָס האָט זיך אלעמאָל אי געלאָשן, און אי ווען זי האָט אפילע געברענט, האָט זי דעם פון הינטן קריכנדיקן מיילעך מאגנוס גאָרנישט ניט געגעבן, אויסער שווינדל־שײַן, מאכמעס באָרים, וואָס האָט זי געטראָגן פאר זיך, האָט קיין פּלאץ ניט געהאט מיט איר זיך אויסצודרייען און דעם אים נאָכפאָלגנדיקן דעם וועג באלויכטן.

מ'איז ווי־ניט־איז אדורך פריִער איין קעלער, דערנאָך א צווייטן, ביז מ'האָט זיך מיט אָפּגעריבענער הויט פון די הענט און פּאָנעם סאָפּקאָלסאָף דערקליבן צו יענער טיר־עפענונג, ווו מ'האָט זיך שוין געקאָנט אין דער גאנצער גרייס אופשטעלן, אף אהין ארײַנגיין.

מ'האָט זיך גענומען אײַנאָרדענען. יעדערער האָט, לויט אפריִער אויסגעארבעטן פּלאן, באקומען זײַן ווינקל, וואָס איז אים באשטימט געווען, און דעמלט, אז ס'איז געקומען צו מיילעך מאגנוסעס אײַנאָר־דענונג, האָט אים ווידער באָרים, ווי באם אהער ברענגען, אונטער זײַן פליגל גענומען, ווי אן אומבאהאָלפן קינד, וואָס קאָן מיט זיך אליין גאָרניט ניט מאכן און שטייט אוןווארט, אז אן עלטערער זאָל דאָס באזאָרגן.

דעמלט איז פאר מיילעך מאגנוס, לויט א פאָרויסיקער באשטי־מונג, אויסגעטיילט געוואָרן א לעצט־לעצט צימערל פון דער לאנגער אנפילאדע צימערלעך, פאר אים אליין, מיט א טיש פון א פּאָר ברעטלעך, אף א פלאָקן־פוס אין דיל ארײַנגעהאקט, אויך מיט א בעטל פון ברעטלעך.

מ'האָט אים אויך מיט שײַן באזאָרגט, ווי אלע, און אפילע מיט טינט און פעדער, אין זינען האָבנדיק, אז אזא איינער, וואָס וועט צו זעלבסטבאדינערישקײַט זיך געווים ניט טויגן, זאָל, אלקאָלפּאָנעם, האָבן די מעגלעכקײַט זיך פארנעמען מיט דעם, וואָס איז אים אמצו־גענגלעכסטן, — פירן מיט דער פען, וואָס דאָס וועט אים, מעגלעך, זײַן א טרייסט אין זײַן אונטערערדישער אויסקומעניש.

* * *

ס'איז איבעריק צו דערציילן, וויִאַזוי מע האָט דאָרט „געלעבט", די צײַט פארבראכט, ווײַל דאָס האָבן שוין געטאָן און זעצן ווײַטער פאָר צו טאָן, מיט מער וויסן און מער באהאוונט, די יעניקע, וועלכע האָבן אליין יענע בונקער־„לעבן" דורכגעמאכט און האָבן זיך, אַפֿ א גליקלעכן אויפן, פון דאָרט ארויסגעראטעוועט.

אויך דאָ, אינעם פאל מיט מיילעך מאגנוס, איז פארבליבן אזא איינער, טאקע א שילער פון מיילעך מאגנוס, וועלכער איז ארויס גאנץ און וואָס וואָלט געקאָנט פיל און גענוי באריכטן וועגן אָט דעם בונקער, וועגן וועלכן ס'גייט דאָ די רייד און אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען, אויסער מיילעך מאגנוס, אויך דער דערמאָנטער באָרים, ווי אויך אפילע דער סעקרעטאר, וואָס האָט סאָפּקאָלסאָפֿ, אלפי־נויט, אהין ארײַנגעטראָפן, מאכמעס ביים א לעצטער אקציע, ווען אויך דער יִדן־ראט איז ליקווידירט געוואָרן, זײַנען אים אלע אנדערע וועגן צום ראטעווען פארשטעלט געבליבן.

יאָ, דער שילער וואָלט דאָ געקאָנט פיל דערציילן, אָבער ניט דאָס איז דער איקער. דער איקער איז דאָ נאָר דאָס קליינע ביסל יערושע פון זײַן לערער, וואָס ער האָט באוויזן אָפּצוראטעווען, דאָס מיינט מען א בינטל קסאָווים פון מיילעך מאגנוס, וואָס, זיצנדיק דאָרט און ניט האָבנדיק עפּעס אנדערש וואָס צו טאָן, מאכמעס פון אלע אנדערע ארבעטן האָט מען אים באפרײַט, האָט ער פארשריבן — ניט סיסטעמאטיש, ניט אין געהעריקער אָרדענונג, נאָר פראגמענטאַריש און וואָס אין יעדן געגעבענעם מאָמענט איז אים אין קאָפּ געקומען צו פארצייכענען און אפן פאפיר אָנווארפן.

אָט דער איינציקער געראטעוועטער שילער האָט דערנאָך, בא א שאס־האקוישער, דאָס הייסט, ווען די שטאָט, ווו יענע געטאָ האָט זיך געפונען, איז שוין געווען באפרײַט, — זיך אין בונקער אראָפּגעלאָזט און האָט לאנג דאָרט מיט א ליכט געניששטערט... ער האָט פון איינער א וואנט ארויסגעקריגן א ווײַס־צינערן קעסטעלע, מיט צעוואָרפענע בלעטלעך אינעווייניק, וואָס טאקע ער אליין האָט דאָרט געהאט פארגראָבן און וואָס נאָך גרויס מי האָט זיך אים אײַנגעגעבן די דאָרט פארבליבענע בלעטלעך אויסצוסאדערן לויט די כראָנאָלאָגישע דאטעס, אַפֿ וויפל זיי האָבן זיך געלאָזט פעסטשטעלן, און אז אויך לויטן אינהאלט זאָלן זיי זיך ווי־ס'ניט־איז בינדן.

ער האָט, לעסאָפֿ, פארטיק ווערנדיק מיט דעם אלעם און האָבנדיק שוין די בלעטלעך לויט א געוויסן סיידער באהעפט, זיי באטיטלט מיט א לאטײַנישן נאָמען „De profundis" — זיך סוימעך זײַענדיק, געוויס דערופֿ, וואָס אונטער איינעם א פראגמענט האָט ער געטראָפן זײַן לערער געכאסמעט, א שטים פון „ממעמקים" — געוויס ארויסגעציטירט פונעם באוווסטן פאָסעק פון טילים „ממעמקים קראתיך,

ה׳״ — וואָס דאָס הייסט: „פֿון טיפֿער אנגסט רוף איך צו דיר, אָ גאָט״, און וואָס אין זײַן דעמלטיקער לאגע האָט ער קיין מער בעסערן און פּאסיקערן נאָמען פֿאר זיך טאקע, דאכט זיך, ניט געקאָנט אויסגעפֿינען.

אגעוו, ס׳איז ניט אזוי, ווײַל אונטער פֿארשיידענע פֿראגמענטן האָט דער שילער זיך אויך אָף אנדערע כּסימעס אָנגעשלאָגן, ווי, לעמאָשל, אונטער איינעם א פֿראגמענט האָט ער געפֿונען די כּסימע: טראָגלאָדיט; אונטער א צווייטן: אני הגבר; אונטער א דריטן: „אוי״ איז מײַן נאָמען...

און אזוי ווײַטער און ווײַטער, וואָס אָבער דער באטײַט פֿון אלע די פֿארשיידענע אונטערשריפֿטן איז איינער און דער זעלבער, און נעמלעך: דער אזוי לײַדנדיקער הייל־מענטש, וואָס, ווער ווייסט, מיט וויפֿל טויזנטער און צענער טויזנטער יאָרן צוריק איז אזא איינער בעצורעס מענטש אזויפֿיל לייד און אומענטשלעכקײַט אויסגעשטאנען.

— און גענומען האָט זיך מיילעך מאגנוס צו דער פּען, — באמערקט דאָ דער שילער אין א קורצער האקדאָמע צו זײַן לערערס קסאָווים, — ניט ווי ס׳וואָלט זיך באדארפֿט גלייבן, קעדיי צו פֿארצייכענען וואָס פֿון דעם, וואָס האָט א שײַכעס צו זײַן גלויבן, קעדיי צו פֿארצייכענען וואָס פֿון דעם, וואָס האָט א שײַכעס צו זײַן וויסנשאפֿט־שטודיִומס, נאָר אָף גאָר צו פֿארצייכענען יענע האלבקלאָרע, האלב־אומקלאָרע איבערלעבונגען, וואָס וואָלטן זיך גיכער געפּאסט פֿאר א שרײַבער פֿון בארוף, וואָס זײַן אווידע איז שטענדיק נאָכצושפּירן זײַן זעלישער קאָנטאָ, ווען איר יעדער ציטער אָף ריין ארויסגעפֿירט, פֿארפּיקסירט און פֿארגעשטאלטיקט.

— ס׳טרעפֿט, — פּרוּווט זיך דאָ דער שילער צו פֿארענטפֿערן דעם לערער, גלײַך יענער וואָלט זיך גענייטיקט אין פֿארענטפֿערונג, — דאָס איז דאָך, וואָס מע רופֿט סובלימאציע, דאָס הייסט די פֿייִקײַט פֿון זיך איבערשליסן אָף גאָר אנדערע געפֿילן און געדאנקען, ווי די, מיט וועלכע מ׳איז פֿארנומען אין א געגעבענעם מאָמענט ניט גערן, וואָס דאָס טוט מען, אמאָל גאָר קעדיי אָף קורצווײַליק זיך צו צעשטרייען, און אמאָל אָף מער לענגער און גרינטלעכער צו וועקסלען דעם פּסיכישן שטאָף, וואָס דאָס איז, אגעוו, איינע פֿון די געזינטסטע אינסטינקטן פֿון זעלבסטפֿארהיטונג, ווי באוווּסט.

אויך דאָ, מיט זײַן לערער מיילעך מאגנוס, דער פֿאל, וואָס אין רעזולטאט האָט זיך באקומען דאָס אויבנדערמאָנטע בינטל קסאָווים, וואָס אים, דעם שילער, האָט זיך, נאָך גרויס שוועריקײַטן, אײַנגעגעבן צונויפֿצוזאמלען און אין געהעריקער אָרדענונג צו ברענגען.

1946—1945

פֿלאָרא

1

כ׳הייב אָן מײַן טאָגבוך:
טאָג... כוידעש... יאָר...

טײַערער טאטע. שוין באלד א יאָר, אז דו ביסט ניטאָ — דו, מײַן שטאָלץ און מײַן קאָוועד, מײַן הארץ־פֿרײַנט און דערציִער, וואָס אונטער דײַן שיצנדיקן פֿליגל בין איך אופגעקומען, אויסגעוואקסן, אָן א מאמע, וואָס כ׳האָב קימאט ניט געקענט. דו, דער באוווּסטער דאָקטער בא אונדז, אין דער פּויליש־ייִדישער שטאָט און אין דער סוויווע, וואָס מער אָבער ווי אלס דאָקטער ביסטו באוווּסט געווען ווי א קלאל־טוער מיט די ריינסטע הענט און ריינסטע קאוואָנעס; דו, וואָס יעדערס מאָל, ווען דו פֿלעגסט זיך מיט מיר ווײַזן אין שטאָט, האָב באמערקט, ווי קינדער פֿלעגן דיר דעם וועג אָפּטרעטן מיט דערעכערעץ, אזוי, ווי ס׳פֿלעגן דאָס טאָן אויך עלטערע, קומענדיק דיר אין וועג, און ווי ס׳ווײַזט אויס, איז דײַן גרויסער נאָמען

און אָנזען בײַ קליין און בײַ גרויס האָט זיך גענומען הויפּטזאַכלעך דערפֿון, וואָס אַלע האָבן דיך געקענט אַלס טוער אין שול־געביט, וועלכן דו האָסט באַליבט און אָפּגעגעבן דײַן גאַנצע פֿרײַע צײַט, מיט דער פֿולער געטרײַשאַפֿט, אויף וועלכער דו ביסט אַזוי פֿײִק.

ביסט געווען דער פֿאָטער און דער פּאַטראָן פֿון ייִדישן שול־וועזן, וועלכן די פּוילישע מלוכה האָט געהאַלטן ניט פֿאַר איר זאַך, פֿאַר וועלכער זי איז מעכוויעוו צו זאָרגן. און דו, און נאָך אַזוינע ווי דו, נאַציאָנאַל־דענקענדיקע, האָבן זיך געזען געצוווּנגען צו שאַפֿן אַן אייגענעם פֿאָלקס־בודזשעט. אַן אייגענע לערערשאַפֿט, אייגענע בנינים, וועלכע פֿאָדערן זיך צו דעם, און אַן אַמביציע איז בײַ אײַך אויפֿגעקומען: צו באַווײַזן, ווען מ׳דאַרף, אַז די ייִדישע דערציִונג, פֿאַר וועלכער איר טוט, וועט זײַן אַוועקגעשטעלט נישט ערגער און נישט בלײַבן הינטערשטעליקער אַפֿילו פֿון דער, פֿאַר וועלכער די מלוכה האַלט יאָ פֿאַר איר כוויוו צו זאָרגן.

דאָס האָט זיך אײַך אײַנגעגעבן, און דערפֿאַר האָט איר געהאַט די ווירדיקע באַפֿרידיקונג פֿון צו קאָנען זען אײַערע אייגענע קינדער זיך דערציִען צוזאַמען מיט די פֿאָלקס־קינדער, נישט אָפּגעריסן זײַענדיק פֿון יענע נישט שפּראַכלעך, נישט שטייגעריש — נישט אַזוי ווי אַמאָל פֿלעג טרעפֿן, ווען אינטעליגענטע ווײלטוער פֿלעגן שאַפֿן אַזוינע לערן־אַנשטאַלטן פֿאַרן פֿאָלק, וואָס פֿאַר זיי אַליין, פֿאַר זייערע אייגענע, האָבן זיי געהאַלטן פֿאַר ניט צום געברויכן, ווײַל אַנדערש האָט מען זיי טאַקע ניט געקאָנט העלפֿן.

נישט געקוקט אויף דײַן פֿאַרמעגלעכקײַט און אויף דײַן באַזאָרגן מיך פֿון קליינערהייט אָן, פֿריִער מיט גוט־צוגעקליבענע באָנעס, דערנאָך מיט פֿרעמדלענדישע גוווערנאַנטקעס אויף צו דערלערנען פֿרעמדשפּראַכן, איז אָבער אַז ס׳איז געקומען די צײַט, ווען כ׳האָב באַדאַרפֿט אָנקומען אין שול, האָסטו אין די געגרינדעטע פֿון אײַך שולן נישט געפֿונען קיין שום פֿעלערהאַפֿטיקס, נישט אין די מעטאָדן, נישט אין דער אויסערלעכער אויסשטאַטונג, וואָס זאָל דיך מאַכן קווענקלען אַפֿילו אויף אַ קליינער ווײַלע, אַז עפּשער זאָלסטו מיך אַהין נישט אָפּגעבן, ווײַל, קלוימערשט, ס׳איז ניט פֿאַר מיר... ניין, פֿאַרקערט: כ׳האָב געזען, ווי דו האָסט אַלע מאָל געשײַנט, ווען דו ביסט אײַנגעלאַדן אויף די עקזאַמענעס, בײַם איבערפֿירן די שילער פֿון קלאַס אין קלאַס, צוזעענדיק די פּראָגרעס, וואָס אַלע קינדער האָבן פֿאַרן יאָר דורכגעמאַכט, בעסויכעם אויך איך, דײַן איינציקע און געוויס פֿון דיר געליבטע.

באַזונדערס איז מיר געבליבן אין זיקאָרן דײַן לעצט מאָל בײַזײַן בײַם אַרויסלאָז־עקזאַמען, ווען כ׳האָב זיך מיט דער שול באַדאַרפֿט געזעגענען, און ווען אָפּן באַל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן לעקאָוועד אָט דער פֿײַערלעכקײַט, מיט טענץ און פֿאַרווײַלונגען, האָסטו מיך געלאָזט נייען אַ קלייד, שוין עטוואָס לענגער, ווי כ׳האָב ביז אַהער

אַלס שילערן געטראָגן, פֿון ווײַס זײַדן־שטאָף, מיט אַ גורט פֿון זעלבן שטאָף, וואָס זײַנע צוויי עקן האָבן זיך געבונדן אָפֿן רוקן און זיך אַראָפּגעלאָזט ביזן זױם פֿון קלייד;

אָט דערמלט, ווען איך, דײַן שוין אונטערגעוואַקסענע טאָכטער, שוין אַ ביסל צו הויך אויסגעוואַקסענע, אויף די לענגלעכע בושעל־פֿיס, ווי דו פֿלעגסט אין אַ שפּאַס אַמאָל וועגן מיר זאָגן, קוקנדיק אויף מיר; דערמלט, ווען איך, אינעם ספּעציעל צו אָט דער פֿײַערלעכקײַט אופּגעניטן קלייד, האָב בײַ דעם ערשטן אופֿשפּיל פֿון דער מוזיק, אינעם גרויסן אַקטן־זאַל, זיך געטראָפֿן מיט מײַן פּאָר די ערשטע אין דער טאַנצנדיקער ריי און האָב די ערשטע פּאָר פּאַ געמאַכט, צוזעענדיק, ווי אַ גרויסער אײַנגעלאַדענער עלטערן־עולם, צוזאַמען מיט לערער, צוזאַמען מיט באַדין־פּערסאָנאַל האָבן זיך בײַ די זײַטן־זאַל אויסגעשטעלט, מאַכנדיק אַ ווּאַרע פֿאַר די טענצער, האָב דערמלט אויך דיך, ווי אַלע מאָל דײַן שטייגער, אַ פֿאַרשטעקטן צווישן עולם באַמערקט, ווי דו קוקסט אויף מיר און ווי דו פֿאַרגינסט זיך ניט צו קוקן, ווי מוירע האָבנדיק מיר געבן אַן אײַנהאָרע;

אָט דערמלט, ווידער, ווען איך בין אַוועק, אַ געוווּנטע און געשולטע אין טאַנץ, מיט מײַן ערשטער פּאָר — מײַן האַנט אויף זײַן רוקן, און זײַנע — אויף מײַנעם, לײַכט געאָרעמט און לופֿטיק־אופּגעלייגט איבערן גלאַנציק־געוועקלסטן פּאַרקעט, אים אָנרירנדיק, נישט אָנרירנדיק און קימאַט אונטער די פֿיס ניט פֿילנדיק; דערמלט, ווען מיר האָבן זיך געטראָגן ווי אַ ווינט, און ווען דער טאַנץ־רעגל האָט געפּאָדערט, האָבן מיר זיך אויך פֿון צײַט צו צײַט אויף אַ ווײַלע צעשיידט, אַמאָל פּאָנעם צו פּאָנעם זיך געשטעלט און אַמאָל — רוקן צו רוקן און דאַן ווידער זיך פֿאַראָרעמט, קעדיי דורכצומאַכן דאָס, וואָס דער טאַנץ־רעגל האָט ווײַטער געפּאָדערט, ביז צום סאָף, ווען אַלע, אַלע פּאָרן האָבן זיך אין אַ רונדע און אין אַ שווינדלענדיקן גאַלאָפּ אַוועקגעלאָזט פֿאַרבײַ דעם ווּאַרע־מאַכנדיקן עולם, וואָס האָט זיך בײַ די זײַטן־זאַל געהאַלטן און מיט פֿאַרגעניגן דעם טאַנץ צוגעקוקט;

אָט דערמלט, ווען דער ערשטער טור האָט זיך פֿאַרענדיקט און יעדער פֿון די טענצער איז אַוועק אַ פֿאַרפּאַליעטער, אַ צעהיצטער אויף קורצווײַליקן אָפּרו צו די עלטערן, וועלכע האָבן אויף זיי, אין די זײַטן שטייענדיק, געוואַרט, זיי צו דערמוטיקן, באַגיטיקן, אַמאָל מיט אַ ליבנדיקער האַנט דעם שטערן פֿון שוויים אַ וויש טאָן, און אַמאָל סטאַם אַזוי, נאָר אַ גוט וואָרט צו זאָגן, — בין אויך איך צו דיר, טאַטע, דערמלט צו — איך, דײַן שוין הויכלעך־אויסגעוואַקסענע טאָכטער, אויף די לאַנגע בושעל־פֿיס — אַ באַגליקטע דערפֿון, וואָס איך האָב דיך אַ באַשיידן־פֿאַרוקטן צווישן עולם געטראָפֿן נאָך מײַן ערשטן שווינדלענדיקן דערפֿאָלג אין טאַנץ, פֿון וועלכן כ׳האָב קיין

מידקײַט ניט געפּילט, נאָר פּאַרקערט, שוין אַ דאָרשט און באַגער אופגערופן ווערן צום צווייטן, ווײַטער־פּאָרשטייענדיקן טור...

כ׳האָב געזען, אַז כ׳האָב אויסגענומען באַ אַלע, וועלכע האָבן מיר, אַ טאַנצנדיקע, נאָכגעקוקט, און אויך באַ דיר, יאָ, באַ דיר, וואָס האָסט, ווי מוירע האָבנדיק פאַר אַן אײַנהאָרע, נישט געוואָלט אויף מיר קוקן... כ׳בין צו דיר צוגעפאַלן נאָענט־נאָענט, ווי אַ קינד צו אַ פאָטער און ווי צו אַ געליבטן פאָטער, און דו האָסט, ווידער, ווי דײַן באַשיידענער שטייגער, מיך איבעריקס ניט צוגעלאָזט, כאָטש כ׳האָב גוט־גוט געזען, אַז האַלטנדיק מיך פונווײַטן, באַגערסטו מיך האָבן נאָענט־נאָענט צו זיך, ווי איך — דיך.

האָסט באַלד, ווי מ׳איז געקומען מיך אײַנלאַדן צום צווייטן טאַנץ, מיך אָפּגעלאָזט, נישט אַרויסווײַזנדיק קיין מינדסטע מינע, אַז דו וואָלסט גערן געוועןמיך עטוואָס לענגער לעבן זיך פאַרהאַלטן.

כ׳בין אַוועק און האָב ווײַטער געטאַנצט. אַזוי איינס נאָך איינס, ווי נאָר די מוזיק האָט אופגעשפּילט און ווי נאָר ס׳האָבן זיך געפונען באַלאָנים מיך פאַר אַ פּאָר אײַנלאַדן. און באַלאָנים, דאַרף מען דעם עמעס זאָגן, האָבן זיך דעם גאַנצן יענעם אָוונט ניט אויסגענומען קימאַט ביזן לעצטן טאַנץ.

און דעמלט, ווען דער אָוונט האָט זיך געענדיקט, און ווען מיר זײַנען שפּעט אַוועק אַהיים, איך מיט אַ פולן קאָפּ מיידלשע טרוימע־רײַען פון קאָפּשווינדלערישן דערפאָלג, און אויך דו, ווײַזט אויס, מיט דײַנע פאָטערלעכע און קלאַל־טוערשע דערפאָלגן, וועלכע מ׳האָט געקאָנט פון דײַן פּאָנעם אַראָפּלייענען; אָט דעמלט, ווען מיר זײַנען אַהיימגעקומען און מיר זײַנען זיך צעגאַן — איך אין מײַן צימער, דו — אין דײַנעם, און ווען איך בין אַליין געבליבן פאַרן איבערטאָן זיך און פאַרן שלאָפן־גיין, אַי שוין אַ ביסל אַ מידלעך־אויסגעשעפּט פון פאַרשיקערנדיקער טרוימערישקײַט, און אַי אויך אַ ביסל טרויע־ריקלעך־פאַרטראַכט דערפון, וואָס הײַנט איז דאָך אַ טאָג, ווען כ׳האָב זיך געהאַט צו שיידן מיט מײַן יוגנטלעכער זאָרגלאָזיקײַט און איבער־גיין צו ערנסט, פאַרלאָזנדיק די פון מיר אַזוי געליבטע שול־באַנק, מיט אַלץ, וואָס מיט איר איז געבונדן, — אָט דעמלט האָסטו פּלוצעם שטיל צו מיר אין טיר אָנגעקלאַפּט און מיך אַ רוף געטאָן צו זיך: —

„וואָס איז?״ — דו דאַרפסט מיך עפּעס האָבן...

אופגעוואַכט פון אומגעריכטקײַט און פון מיידלשער טרוימערײַ ערעוו דעם, ווי איך האָב באַדאַרפט די קליידער אויסטאָן, בין איך אַרײַן צו דיר אַ פאַרוווּנדערטע און נישט פאַרשטייענדיק, וואָס דו רופסט מיך אַזוי שפּעט און וואָס אַזוינס האָסטו מיר איצט איבער־צוגעבן, וואָס האָסט פריִער ניט באַוויזן. דעמלט ביסטו צו דײַן טיש צוגעגאַן, האָסט געעפנט אַ שופלאָד, וואָס איז אַלע מאָל געווען, דאַכט זיך, באַ דיר אָפּן שלאָס, האָסט אַרויסגענומען עפּעס אַ צירונג־פּודעלע, עס אופגעעפנט און אַרויסנעמענדיק אַ גאָלדן רינגעלע פון אַלטער,

פיינער מעלאָכע, מיט א טייער שטיינדעלע אינדערמיט, האָסטו, דאָס מיר איבערגעבנדיק, אזוי א זאָג געטאָן:

— דאָס האָב איך פאר דיר אויסגעהיט... ס'איז א יערושע־פינגערל פון מיין מאמען, פון מיין באָבען, ביז ארוף אין יענע צייטן, וועלכע איך געדענק שוין נישט... דאָס איז, אגעוו, — האָסטו צוגעגעבן, — א געשאנק, וואָס ס'האָט באקומען דיינער אן עלטער־עלטערזיידע, אויך א דאָקטער, נאָך פון די צייטן פון א רעב מענאשע בען יִיסראָעל; אליין געבוירן אין פאדוא, וואָס אין איטאליע, האָט ער דערנאָך איבערגעוואנדערט קיין ענגלאנד, פון דאָרט, ווידער, דורך האָלאנד און דייטשלאנד — קיין פוילן, ווו ער איז אָנגעקומען אלס לייב־דאָקטער אין א קיניגלעכן הויף... ער האָט געלאָזט נאָך זיך, — האָסטו ווידער געזאָגט, — א געשיכטלעכן שעם מיט זיינעם א „ספר הרפואות” און אין זיין מישפּאָכע — א גערעכעניש פון א הויך־זיטלעכן מענטשן. ער האָט זיך גרויס כיין און אכטונג דערוואָרבן, איז פיל באשאָנקען געוואָרן. און איינע פון די מאטאָנעס איז אָט דאָס רינגעלע, ספּעציִעל, ווייזט אויס, בא א יִדישן גאָלדשמיד באשטעלט.

— ס'איז עפּשער א ביסל ראָמאנטיש, — האָסטו געזאָגט פאר־לעגן שמייכלענדיק, — אָבער ס'מאכט ניט... נעם עס, טראָג עס געזונט און מיט ווירדע, ווי דיינע באָבעס, עלטערבאָבעס ביז יענע צייטן, וועלכע איך געדענק שוין ניט, האָבן עס געטראָגן.

— דערמיט, — האָסטו ווייטער געזאָגט און דערביי האָט דיין שטים שוין עטוואָס פייערלעך געקלונגען, — פארקנאַס איך דיך, אזוי צו זאָגן, צו דיין פארגאנגענהייט, און צו דער צוקונפט, קינד, וועט דיך שוין אן אנדערער פארקנאַסן.

* * *

טאָג... כוידעש... יאָר...

טאטע טייערער. כ'וויל זיך דערמאָנען, וויאזוי ס'איז פאָרגעקו־מען: נאָך דעם ווי זיי זיינען אריין; נאָך דעם ווי זיי האָבן די ערשטע טעג, אף דערוויילן און איבערכאפּנדיק, דורכגעפירט די ערשטע רוויבערייען און רעציכעס איבער דער יִדישער באפעלקערונג, וועלכע האָט זיך גלייך דערפילט פארלענדט, אויסערן געזעץ און ווי הינט אָן א נומער, פון היצל ניט געשיצט, — האָט זיך באלד, שפּעטער עטוואָס, אין שטאָט אריין געוויזן דער געביטס־קאָמיסאר, איינער א פאָן לעמקע, וואָס האָט פון אונדזער שטאָט ארויס, ווי פונעם צענטער, געזאָלט אָנפירן מיטן גאנצן ארומיקן ראיאָן, וועלכער איז אין זיין רעשום און אונטער זיין געוועלטיקונג ארונטערגעפאלן.

ווי איך האָב דערנאָך געהאט „די ערע” אים צו דערקענען, — שוין אן עלטערער, אריבער די פופציק; א פרייסיש־יונקערישע קרעא־טור; מיט א גלייכן און ווי גלאָט־אָפּגעהובליעוועטן רוקן — א

יערושע, ווייַזט אויס, פון מיליטערישער מושטרע נאָך פון פרידריך דעם גרויסנס צייַטן, אָדער עפשער נאָך פון פיל פריִער — פון בארבאראָסן. דערצו ווידער, ווייַזט אויס, פון א רייַך הויז־געזינדל, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייַט צו שטודירן און ענדיקן, מעגלעך, א הויכשול, אן אוניווערסיטעט, וואָס דאָס איז געווען צו זען פון דעם נישט ווייניק ביסל בלאָס־ברוינע, פארצויגענע שראמען אף זייַן פּאָנעם — א נישער פון ראפירן־געפעכט, ווי ס׳איז איינגעפירט צווישן די זייעריקע, זויפערישע, סטודענטישע קאָרפּאָראנטן.

מיט איינעם וואָרט, אי מיליטעריש געשולט, אי אויך אף אזויפיל „האָך־געבילדעט", ער זאָל זיך טויגן פאר אדמיניסטראטאָר און קאנט־געוועלטיקער.

און אָט, ווי נאָר ער האָט זיך אין שטאָט געוויזן, אזוי ביסטו, טאטע, גלייַך צו אים גערופן געוואָרן, לויט דער אָנווייַזונג פון געוויסע „זאָגטערס" און טרייפענע צונגען, וואָס די מאכט האָט אָדער נאָך פון פריִער געהיים אין שטאָט געהאט פארשטעקט, צוליב די דאָזיקע צוועקן; אָדער פון אזוינע, וואָס זייַנען ערשט נאָרוואָס מיט דער מאכט אריין און האָבן אָבער דאָך שוין באוויזן צו געווירע ווערן, וואָס מ׳דארף, וועגן וועמען מ׳דארף.

מ׳האָט דיך פארקאָמענדירט פאר דעם אָנגעזעענסטן צווישן דער יִדישער באפעלקערונג, וואָס דער צוטרוי צו דיר איז גוואלדיק.

און אָט, ווי נאָר דו האָסט זיך באוויזן צו דעם, וואָס האָט דיך אייַנגעלאדן, אזוי באלד האָט ער דיר פאָרגעלייגט דאָס, וואָס וואָלסט אוואדע דערוף גערן־גערן מוחל געווען און זיך אָפגעטרייסלט דערפון ווי פון טומע, און נאָר בעיין־ברייִרע האָסטו געמוזט אייַנגיין און לאָזן דייַן האלדז אין דעם גאָר ניט געגארטן יאָך שפאנען.

— אזויווי מיר וויסן, הער דאָקטער, לויט די יעדיִעס, וואָס מיר האָבן באקומען פון זיכערע קוואלן, אז איר זייַט דער אימערס־אָנגע־זעענסטער צווישן די אייַער־שטאמיקע; א פערזאָן, אף וועלכער אי מיר, די מאכט, און אי די אייַעריקע וועלן זיך געוויס קאָנען פארלאָזן, האָבן מיר געפונען אייַער קאנדידאטור פאר דער פאסיקסטער צו באפולמעכטיקן אייַך אף אָנפירערשאפט פון איינעם אן אמט... מיר האָבן באשלאָסן שאפן אן אָרגאן אף רעגולירן די צווישנבא־ציִונגען צווישן אונדזער פאָרשטייערשאפט און דער אייַעריקער באפעלקערונג, און אייַך — אויסצוווילן אלס רעפרעזענטאנט, פארמיטלער.

— מיך? — האָסטו געפרעגט. פארוואָס עפעס דיך, וואָס דו ביסט אזוי איבערגעלאָדן מיט ארבעט אין דייַן פאך, און ווי דו ווייסט, וועט די צייַט ניט קלעקן און אויך ניט די פייִקייַטן אף צו באזיצן אזא פאָסטן, צו וועלכן דו ביסט ניט געוווינט.

— מיר צווינגען ניט, מיר לייגן אײַך נאָר פאָר, און אלנפאלס, אויב אײַך, הער דאָקטער, איז רעכט צו זען די אָנפירערשאַפט איבער די אײַעריקע אין גאָר שלעכטע, ניט געוווּנטשענע הענט, איז האָט איר די ברייררע צו טאָן, ווי אײַך ווילט זיך און ווי איר אליין פאַר־שטייט.

שוין אליין די אײַנלאַדונג, וואָס איז דיר געשיקט געוואָרן דורך א געווים פאָרל זעלנער אין די גרינגע שינעלן, מיט די געוויסע עמ־בלעמעס — מיט שארבנס און ביינער; אליין דערנאָך דאָס אָנקומען אין דער געבײַדע צום קאָמיסאַר, ווו דו האָסט באַדאַרפט אַדורכגיין וואָך פון ווידער אַזוינע, באַוואָפנטע מיט געווער, און נאָך מער ווי מיט געווער — מיט קאַלטע, דורכנעמענדיקע בליקן; דאַן דײַן ארײַנ־קומען זעלבסט צום קאָמיסאַר, ווען ער האָט דיך צוערשט ווי גאָר ניט באַמערקט און האָט א ווײַלע דיך געלאָזט שטיין, קימאַט ניט ענטפערנדיק אף דײַן באַגריסונג, גלײַך ער האָט קיין מויל ניט; דאַן, ווידער, ווען דו האָסט זיך דערמאָנט די ערשטע פײַנע מײַסים, מיט וועלכע די מאַכט האָט זיך אַרויסבאַוויזן, ווי נאָר זי האָט די ערשטע טריט אין שטאָט ארײַנגעשטעלט, — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט דיר קלאָר געגעבן צו וויסן, מיט וועמען דו האָסט צו טאָן, וואָס אף אונדז וואַרט און אַז אף קיין גוטס האָט דאָ קיינער נישט צו וואַרטן, און אַז ביפראַט א באַציִונג א גאָר באַזונדערע און אויסנעמלעכע; און דאָס האָט אויך אף דיר געמאַכט דעם געהעריקן דרוק, זאָלסט זיך זען געצוווּנגען יאָ אָנצונעמען דאָס, וואָס דיר איז אַזוי דערווידער, וויסנדיק אָבער, אַז אויב ניט דו, וועלן זיך געווים געפינען אַנדערע, קלאַל ניט קיין געוווּנטשענע, וועלכע זײַנען פּייִק אין אַן איים־צאָרע נוצן ציִען בלויז פאַר זיך.

— צום ווידערזען, — האָט דער געביטס־קאָמיסאַר דיר אַן אײַליקן זאָג געטאָן צום געזעגענען, אַזוי קאַלט, ווי פריִער, בײַסן „באָרעך־האַבע", ווען ער האָט דיר גאָרניט געזאָגט, באַלד נאָכדעם, ווי דו, שוין אַלס פאָרשטייער, האָסט מיט געמיינטער רעכט געפרוווּט א רעד טאָן מיקויעך די ערשטע אַזויגערופענע עקסצעסן, וואָס זײַנען פאָר־געקומען שוין באַם ערשטן ארײַנקומען פון דעם מיליטער אין שטאָט, וואָס ס'האָט זיך אַזוי אופגעפירט מיט דער ייִדישער באַפעלקערונג, אַז מ'האָט געזען, אַז ס'איז אָן א צוים און אַז ס'איז דעם אַלץ דער־לויבט צו טאָן, וואָס ס'באַגערט, מיט אונדז, און אַז דאָס, וואָס ס'האָט דערווײַל נאָך געטאָן, איז בלויז, בלויז אַן אומשולדיקע האַסכאָלע.

— צום ווידערזען, הער דאָקטער, ס'איז איצט ניט קיין צײַט דערפון צו ריידן... איבעריקנס, איז דאָס א זאַך, אַזוי צו זאָגן, ניט צום אויסמײַדן, און געווים פון אומדיסציפּלינירטע, אומפאַראַנט־וואָרטלעכע עלעמענטן פאַרורזאַכט.

מ׳האָט דיך באַדאַרפט זען, אַהיימקומענדיק פון קאַמיסאַר, נאָך דעם אָפּראַוועז דעם ערשטן וויזיט בא אים. ביסט ווי אין דײַן וווּקס געמינערט געוואָרן... כ׳האָב דיך אויך קיינמאָל ניט באַמערקט אַזוי בלאַס, און כ׳מעג שווערן, אַז דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען דײַן קראַוואַט ניט גאָר אין אָרדענונג, וואָס כ׳ווייס ניט, צי דו ביסט נאָך פון דער היים אַזוי אַרויס, צי שוין פון דאָרט אַזוי געקומען: ביסט דאָך שוין אַרויס פון דאָרט אַ באַפולמעכטיקטער פאָרשטייער פון דעם שפּעטער אַזוי פאַרשעמטן און פאַרשריגענעם ייִדן־ראַט — זײַן נאָמען זאָל ניט געדאַכט ווערן.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַזוינס, וואָס כ׳וויל פאַרן מויל ניט ברענגען און דורך דער פּען ניט דורכלאָזן, ווײַל גענוג, וואָס כ׳בין אַ לעבעדיקער אײדעס דערפון: שטראָף און גזירעס פון אַזוינע מינים פאָרמען און מאַסשטאַבן, וואָס קיין מענטש האָט זיי ערשט נעכטן אַפילו אין דער פאַנטאַזיע ניט געקאָנט האָבן, ניט קאָנענדיק זיך פאָרשטעלן, אַז אַפילו ווען מ׳טרעפט אַרײַן צו די ווילדסטע פּראָים, וואָלט מען זיך אַף אַזוינס געקאָנט אָנשלאָגן.

און דאָס אַלץ האָסטו, טאַטע, באַדאַרפט דורכפירן: דורך דײַן האַנט איז דאָס אַלץ דורכגעגאַנגען, און ווי דײַן האַנט, וואָס האָט אָט די אַלע פאַראָרדענונגען געמוזט כאַסמענען, און ווי דײַנע אויגן, וואָס האָבן דיך געזען שטיין איינס לעבן איינס און בעשוטפעס מיט דער רישעס... כ׳ווייס, האָסט אַוואַדע געמיינט צו גוטן, דאָס הייסט צום בעסערן פון ערגערן, ווייסנדיק, אַז סײַווי איז דאָס קומען־מוזנדיקע אומפאַרמײַדלעך, און מיינענדיק, אַז ווי־ניט־איז וועט זיך דיר פאָרט עפּשער אײַנגעבן דאָס שלעכטס צו מינערן און האַלטן אין געוויסע ראַמען.

יאָ, אָבער... אַז ס׳האָט זיך נאָך געהאַנדלט בלויז נאָר וועגן לאַטעס, געטאָ און וועגן וויסט־צוזאַמענגעדריקטער, ענג־פאַרשעמטער עקזיסטענץ, ווי קרעציקע אונטער אַ צוים און אונטער אַ וואָך; אַז ס׳האָט זיך נאָך געהאַנדלט נישט וועגן קיין אַפילו רעציכעס, נישט פון צו דאַרפן געבן טעכטער צו שאַנד, אָדער זיי צו דערפירן צו דעם, זיי זאָלן זיך אַליין געבן... אַז ס׳איז נאָך געווען, אַזוי צו זאָגן, האַלב צום איבערטראָגן, האָבן זיך שוין דעמלט אויך געפונען אייניקע, וועלכע האָבן עפּנטלעך, און נאָך מער אין דער שטיל, גענומען אונטערמורמלען וועגן דײַן שולד, זעענדיק אין דײַנע געצוווּנגענע מײַסים, געוועגדט קעגן אייגענע, בלויז דײַן אייגננוץ.

דאָס — דעמלט, ווען ס׳איז נאָך געווען, ווי געזאָגט, צום דערלײַדן. שפּעטער אָבער, ווען דאָס רישעס איז אַרויס פון די ברעגעס און האָט זיך ווי אַ געוויסער צעגאָסן, אָנעמענדיק די פאָרמען פון די באַוווּסטע „אַקציעס", געדעקט דערנאָך מיט די ליגנערישע פאַרזיכערונגען פון דער מאַכט און אירע עפּנטלעכע „אַפּעלן", אַז מער, הייסט עס, וועט עס שוין ניט זײַן, און אַז דאָס געשעענע איז אַרויס־

גערופן געוואָרן דורך די און די סיבעס, — די שולד, קלוימערשט, אליין פון די געליטענע, וואָס דעם אלעם איז געווען צו גליבן, ווי דעם הונט;

אָט דעמלט האָסטו מער ניט אויסגעהאלטן און זיך געזאָגט: גענוג. אלע דיַינע איליוזיעס אַף צו קאָנען צוימען דאָס אומגעצוימטע זיַינען אויסגערונען, און אָט דעמלט, ווען זאָלסט געווען באַווילן וויַיטער בליַיבן בא דעם פארשאָלטענעם און דיר־אָנגעבונדענעם אמט, וואָלט דאָס שוין ווירקלעך געווען פאראט פון אזא מאדרייגע, וואָס פּאסט בלויז פאר אזוינע, וואָס פאר דער אייגענער פעל זיַינען זיי גרייט א גאנץ פאָלק פארקויפן.

אָט דעמלט, קומענדיק איינמאָל אהיים פון דיַין אמט, האָסטו מיך ווידער צו זיך אין צימער פארופן, און אויסזעענדיק אזוי, ווי ערעוו דעם, ווען ס׳דאַרף מיט דיר באלד עפּעס גאָר שלעכטס געשען, האָסטו מיר א זאָג געטאָן: „קינד״... און נאָך אָט דעם וואָרט האָסטו ניט געפונען דאָס צווייטע אין דעם אָנצובינדן. האָסט געשטאמלט, גליַיך די צונג איז ניט דיַינע. דערנאָך, אז דו האָסט זיך עטוואָס בארויִקט, האָסטו מיר א זאָג געטאָן:

— וויים, כ׳האָב באשלאָסן זיך אָפּזאָגן פונעם אמט, נישט געקוקט אַף די פאָלגן, וואָס וועלן זיך דערפון באקומען... פארשטיי מיך, קינד...

— כ׳פארשטיי, — האָב איך געזאָגט, נישט וויסנדיק גענוי, וואָס דו מיינסט מיטן וואָרט „פאָלגן״. — וואָס מיינסטו, טאטע? — האָב איך דיך א פרעג געטאָן.

— כ׳מיין, אז אַף וויפל איך וויים און אַף וויפל כ׳קאָן זיך שטויסן, קומענדיק אין נאָענטער באריִרונג מיט יענע, קאָנענדיק הערן פון זיי אמאָל אן אָפן וואָרט און אמאָל א פארשטעלטס, האָב איך די רעכט צו האָבן די איבערצייַגונג, אז ס׳איז א געהיימער אָפּמאָך בא זיי, ערגעץ גאנץ אויבן אָנגענומען, אז אזוי צי אנדערש, איצט אָדער שפּעטער, זאָל מען מיט אונדז פארענדיקן ביז לעצט און ביז איינעם...

— כ׳טאָר מער ניט בליַיבן, כ׳טאָר בא קיינעם קיין האָפענונג דערוועקן... כ׳מוז אוועק, — האָסטו געזאָגט, — און דאָס וועט הייסן ווידערשפּעניקן. אזוי וועט מען דאָס אָפּשאצן, און די רעזול־טאטן קאָנען זיַין טרויעריקע, זייער טרויעריקע. אָבער ס׳איז ניט צו מאכן... און געדענק, — האָסטו פאָרגעזעצט נאָך א געוויסער האַפּ־סאָקע, — ס׳קאָן דיר עפּשער איינגיכן אויסקומען בליַיבן אליין, איז וויים, וואָס דו האָסט צו טאָן. ווער זיך. קיין רעטונג דאָ, אינוויינין, אָבער זע איך ניט. כ׳זע נאָר איין אויסוועג — פונדאנען ארויס און אוועק אהין, — האָסטו זיך מיטאמאָל א ווענד געטאָן מיטן פּנים צו מיזרעך־זיַיט פון אונדזער לאנד־גרענעץ, וואָס פון דאָרט האָט

דיר געדאַכט צו דערשפּירן די איינציקע מעגלעכקייט פון יעשוע.

— כ׳ווייס, — האָסטו דערבײַ א זאָג געטאָן שטיל, פּאַרטראַכט און צוטרויִלעך, — לויט די יעדיעס, וואָס כ׳האָב באַקומען אַלס אַמטסמאַן בעסאַד, אַז אין די ניט ווײַט ליגנדיקע וועלדער זאַמלט מען זיך אויסבאַהאַלטענערהייט אַף ווידערשטאַנד, און אַז ווער ס׳איז געטראָפן און פילט זיך באַליידיקט פון די פאַרכאַפּער און איז אויך קאַמפּספּייִק, דער ציט אַהין...

— כ׳ווייס אויך, — האָסטו ווײַטער געזאָגט, — אַז דער וועג איז פול סאַקאָנע, סײַ באַם אַרויסקומען פון אונטערן רעשוס פון די פאַרכאַפּער און סײַ איידער מ׳טרעפט אָן אַהין. כ׳ווייס אָבער אויך, און ווידער אַלס אַמטסמאַן בעסאַד, אַז אַפילע שוין דאָ, אינעווייניק, בא אונדז, זײַנען פאַראַן אַזוינע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַרויס־העלפן, ווען מ׳דאַרף, אַהין אָנצוקומען... מ׳דאַרף זיך זען צו זיי דערשלאָגן... איך, ווי איך. פאַר מיר איז דער וועג שוין פאַרשטעלט, ווײַל צו אַלט, צו אָנגעזען, און פיל וואָלטן איבער מיר געליטן, ווען איך פאַל דורך. אָבער דו געדענק עס, אויב דיר וועט אויסקומען בלײַבן אַליין.

דערמלט ביסטו ווידער, ווי אַמאָל, צו דײַן טיש צוגעקומען, האָסט ווידער געעפנט דעם שופלאָד, וואָס איז אַלעמאָל בא דיר געווען אָפן שלאָס, האָסט ווידער פון דאָרט עפּעס אַרויסגענומען, אָבער דאָס מאָל ניט אַף מיר דאָס איבערצוגעבן, נאָר פאַר זיך א זאַך, צו דײַן איינענעם געברויך... כ׳מעג שווערן, אַז כ׳האָב דיך געזען אַרויסנעמען עפּעס אַן אַפּטייק־זאַך, א מין רעפּוע אין א פּראָשעק, וואָס באַלד, ניט זאַמענדיק, און קעדיי איך זאָל ניט באַווײַזן לענגער דערויף קוקן, האָסטו עס אין זשיליעט־קעשענע אַרײַנגעלייגט... האָסט, כוץ דעם, נאָך עפּעס אַרויסגענומען, און ווי מיר דאַכט, א גאָל־מעסער אין געוויינלעך דײַן פּאַפּיר געפּאַקט.

האָסט די גאַנצע צײַט, ביים דו האָסט צו טאָן געהאַט מיט די אַרויסגענומענע זאַכן, מיר אין די אויגן ניט געקוקט. פּונקט אויך ווי דו האָסט מיר אין די אויגן ניט געקוקט, ביים דו האָסט מיר אָנגעוויזן די ריכטונג, וווּהין איך דאַרף זיך לאָזן, באַנוצנדיק דערבײַ אַזוינע ווערטער, ווי „קאַמף” און „ווידערשטאַנד”, וואָס זײַנען קיינ־מאָל, דאַכט מיר, אין דײַן לעקסיקאָן ניט געווען. און ס׳איז, אַגעוו, אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס: דו, ווי גאָר א שוואַכער פּאָליטיקער, ווי אַזוינער, וואָס האָט אַמאָל יאָ אָדער ניט געקערט צו אונדזער גאָר לויזער, שיטערלעך־פאַרקאָכטער, דאַכט זיך, פאָלקס־פּאַרטיי, וואָס האָט זיך קיינמאָל מיט קיין איבעריקער אַקטיווקייט ניט אויסגעצייכנט אויסער עפּשער אַמאָל נאָר ביים וואַלן, און דאָ, נאַ דיר גאָר, דו זאָלסט אַרויס מיט אַזוינע מינים ווערטער, וואָס ניט דײַן מויל איז

זיי געוווינט ארויסצובערענגען, און ניט איך — זיי פון דיר צו הערן.

אָבער ניט דאָס איז דער איקער. דער איקער איז דאָס, וואָס ניט ווילנדיק, אַז איך זע דיך דאָס פּאַרלעצטע מאָל אין מײַן און אין דײַן לעבן, האָב איך, נישט געקוקט אַף דעם גרויסן ערנסט פון דײַנע ארויסזאָגונגען, נישט גאָר באנומען, אין וואָס דאָ גייט.

כ'האָב זיך ניט פּאַרטראַכט וועגן דער רעפּוע־זאַך, וואָס האָסט פון שופלאָד ארויסגענומען און אין זשיליעט־קעשענע ארײַנגעלייגט, מיינענדיק, אַז דאָס איז אַ פּראָשעק צו קאָפּ־ווייטעק, פון וועלכן דו האָסט, די לעצטע צײַט, זײַענדיק אזוי באשעפּטיקט אין דײַן אמט, פיל פון דעם געליטן און אַף וועלכן דו פלעגסט זיך אָפּט דעמלט קלאָגן.

כ'האָב אויך ווייניק באמערקט און קנאַפּ אכט געלייגט דערויף, וואָס דאָס מאָל, ווען דו האָסט זיך מיט מיר געזעגנט, בײַסן אוועק־גיין, האָסטו זיך צו מיר צוגעבויגן און מיך אין קאָפּ אַ קוש געטאָן, וואָס דאָס איז בא מיר געווען געוווינט און ניט נײַ, אָבער יאָ נײַ און אומגעוווינט איז מיר געווען דאָס, וואָס דו האָסט זיך מיט דײַן מויל עטוואָס לענגער באַם קושן פּאַרהאַלטן, ווי גלײַך וואָלסט זיך פּארגעסן אַף אַ ווײַלע, אַף גאָר אַ קליינער ווײַלע, אָבער דאָך אַף לענגער ווי מ'דאַרף...

כ'האָב ווידער ניט באמערקט, ווי אַז דו האָסט באַדאַרפט ארויס פון שטוב און איך האָב דיך באַלייט, און ווען דו האָסט די טיר אופגעעפנט, ביסט ארויס און האָסט זי באַלד צוריק באַדאַרפט פּאַר־מאַכן, האָסטו דאָס ווידער ניט אזוי גיך געטאָן, און ווי ווידער זיך פּארגעסנדיק אָדער ווי גלײַך דו וואָלסט מיר געהאַט נאָך עפּעס צו זאָגן, וואָס האָסט פריִער ניט באַוויזן — האָסטו אַ קליינע ווײַלע די טיר אָפן געהאַלטן און אַף מיר געקוקט אין עפּעס אַ מין פּאַרלעגנהײַט.

מיט איינעם וואָרט, כ'האָב אַ סאַך דעמלט ניט באַמערקט...

כ'האָב ניט געוווּסט, אַז דו האָסט זיך שוין דעמלט צום געביטס־קאָמיסאַר געלאָזט מיט אַ פּאַרטיקן באַשלוס אין שויס אַף אָנגעבן אין דעמיסיע, זיך אָפּזאָגן פון אמט און אַף קיין פאַל זיך ניט לאָזן איבעררײדן אים ווידער צוריק אופנעמען, זײַענדיק געפאַסט אַף אַלץ, און ווילנדיק די פאָלגן, וואָס פון אַזאַ אָפּזאָג קאָן זיך באַקומען.

און ווירקלעך: קיינער איז ניט בײַגעווען בא דעם געשפּרעך צווישן דיר און דעם געביטס־קאָמיסאַר, אָבער די רעזולטאַטן האָבן זיך גלײַך געלאָזט הערן: ביסט גלײַך פון אים מיט אַ וואַך אין טורמע אָפּגעפירט געוואָרן — אהין, פונוואַנען, ווי מ'האָט פון גענוג דורכ־געמאכטער פּראַקטיק געוווּסט, קומט מען שוין ניט ארויס, ווײַל אָדער מ'ווערט דאָרט אָפּן אָרט געפּאַטערט, אָדער מ'מאַכט עס אַף אַן אַנדער אויפן, אָפּשיקנדיק די פּאַרורטיילטע אין אַ מער ווײַט ליגנדיקן אָרט — אַלציינס.

* * *

און דעמלט, טאטע, בין איך, דײַן טאָכטער, אַן אַליין געבליבענע, אַליין אַף דער סצענע ארוף...

כ׳ווייס ניט, פונוואַנען די אונטערנעמונגס־פֿייִקײַט האָט זיך צו מיר גענומען, צי פֿון טמימעס, צי פֿון פאַרצווייפֿלונג; כ׳ווייס נאָר, אַז דער ווילן דיך צו ראַטעווען האָט מיך געשטויסן, — דיך, מײַן איינציקן.

ווי נאָר די יעדיִע האָט צו מיר דערלאַנגט, אַזוי באַלד האָב איך, ניט איבערקלערנדיק, וואָס איך טו און וואָס דערפֿון וועט זיך באַקומען, זיך גענומען שרײַבן אַ באַקאַשע צום געביטס־קאָמיסאַר, בעטנדיק אים, ער זאָל מיך אויפֿנעמען. די שפּראַך פֿון קאָמיסאַר האָב איך גוט באַהערשט, נאָר וואָס איך האָב אין מײַן ביטע געזאָגט און מיט וואָס איך האָב מאָטיווירט מײַן בעטן זיך אַף אויפֿנעם — געדענק איך ניט. כ׳ווייס נאָר, אַז ווּנדערלעך — אַז ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט, ווי איך האָב באַקומען מיטגעטיילט, אַז מײַן באַקאַשע איז באַפֿרידיקט, און אַז אין דעם און דעם טאָג, אין דער און דער שעה קאָן איך זיך פֿאַר זײַן הויך־טיטולירטער פּערזאָן ווײַזן.

כ׳ווייס ניט, צי האָט ער געמיינט דורך מיר צו פּויעלן, וואָס בײַ דיר אַליין האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן — ווידער צו שטעלן דיך צו דינסט, קעדיי מיט דײַן אויטאָריטעט און אָנזען זיך דעקן, ווי מיט אַ מאַסקע, אַף ווײַטער קאָנען דורכפֿירן דאָס, וואָס אים האָט געלוינט; כ׳ווייס ניט, צי האָט ער געמיינט ערנסט, צי עפּשער בלויז זיך אַ נאַכעס־רועך אָנטאָן, ווען די הויך־הערשערישע „גוטע" שעה איז אַף אים געקומען, ווענדיק זען, ווי נאָך זײַן קאָרבן וועט זיך קומען צאַפּלען פֿאַר אים דאָס קינד פֿונעם קאָרבן.

אַזוי צי אַזוי, נאָר אַז די שעה פֿון גרייטן זיך צום ווײַזן זיך פֿאַר יענעמס אויגן איז געקומען, האָב איך, אַזאַ יונגע און אומדערפֿאַרענע, שוין אַליין מיט כּוש דערפֿילט, אַז קיינע אויסזיכטן מיט עפּעס וואָס צו פּויעלן האָב איך ניט, אויסער מיט זיך אַליין...

כ׳האָב זיך אָנגעטאָן אינעם בעסטן, שענסטן, וואָס איך פֿאַרמאָג — אין דעם, וואָס בײַ מיר און בײַ דיר איז מער געבליבן ווי בײַ אַנדערע, נאָך דעם, ווי מ׳האָט אַלעמען באַרויבט, און דיך, ווי אַן אַמטסמאַן, און מיך, ווי דײַנס אַ קינד, געשווינט.

כ׳האָב אומבאַוווּסט פֿאַר זיך אַפֿילע זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿון מיטצוהאָבן דײַן געשאַנק, דײַן רינגעלע — אַ ביסל, ווײַזט אויס, פֿאַר אַ שמירע, און מער אָבער, מיט אונטערמיין — פֿאַר אַלעמען, צו געפֿעלן.

כ׳האָב זיך צוגעשטעלט צו דער געבײַדע, ווּ דער אויפֿנעם האָט באַדאַרפֿט פֿאָרקומען, און פּונקט ווי דו, ווען דו האָסט זיך אַהין באַוויזן, בין אויך איך דורכגעגאַן דורך דער גרין־געקליידטער וואַך,

מיטן גרייט־געהאַלטענעם געווער און מיט די קאַלטע דורכנעמענדיקע בליקן.

כ'בין, סאָפּקאָלסאָף, צו אים אַרײַן — אַליין צו זײַן הויך־טיטור־לירטקײַט, וועמען כ'האָב געטראָפן זיצן בא זײַן שרײַבטיש, ווינקלדיק צווישן צוויי ווענט אוועקגעשטעלט, אין האַלב־שײַן פון א זײַטיק פענצטער באַלויכטן.

פונקט ווי דיך, האָט ער אויך מיך די ערשטע מינוטן ווי ניט באַמערקט, מאַכנדיק זיך ניט פילן מײַן ניט דרייסט אַרײַנקומען, מײַן עפּענען די טיר און שטעלן די ערשטע טריט אַפן טעפּיך, וואָס האָט זיי פאַרשלונגען.

נאָכדעם אָבער, ווען ער האָט מיך שוין יאָ באַמערקט, ווען ער האָט, ווי צופעליק, די אויגן פון זײַן אַרבעט, וואָס איז פאַר אים געלעגן, אופגעהויבן, האָט ער מיך ווי אַן אומגעריכט־געקומענע און א נישט־געבעטענע א פרעג געטאָן מיט גרויס אָפּגעפרעמדטקײַט:

— ווער זינד זי, פרוילײַן?

כ'האָב, שטאַמלענדיק, מײַן נאָמען אָנגערופן, אויך דײַנעם, צוליב וועמען כ'האָב געהאַט די ערע צום הער געביטס־קאָמיסאַר זיך ווענדן.

— אַך זאָ, די טאָכטער פון הערן יודען ראַט־פאָרזיצער?

— יאַוואָל, מײַן הער.

— איז וואָס, אייגנטלעך, האָב איך צו דער פאַרלײַכטערונג פון דײַן שולד צו זאָגן? — האָט ער א פרעג געטאָן, און, ווי א דער־וואַקסענער, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צו ריידן מיט א פאַרשטענדלעכן לאָשן מיט א קינד, האָט ער מיר גענומען דערקלערן, אין וואָס דאָ גייט און וואָס פאַר א גוואַלדיקע אַוולע דו ביסט באַגאַן בענעגייע דער מאַכט, און דאָס הייסט, אַז ווען אַן אַנדערער, ווען ער טוט עס, וואָלט מען זיך מיט אים גאָר ווייניק צערעמאָניעט און ער וואָלט גלײַך זײַן שטראָף באַקומען, אַפן אָרט און אומגעזאַמט, און מיט דיר האָט מען נאָך גרויס גנאָד געטאָן, וואָס מ'האָט דיר געגעבן צײַט אַף זיך באַדענקען און, אין טורמע זיצנדיק, מעגלעך, צו כאַראָטע האָבן אַף דײַן טאַט.

— איז אָט, איז עפּשער דאָס טאַקע האָט מיך געבראַכט אַהער — צו בעטן דעם הער קאָמיסאַר, ער זאָל מיר דערלויבן זיך זען מיט דיר, און ווי אַן אייגן קינד דיר העלפן צו די געדאַנקען קומען, אָנווײַזנדיק דיר אַף דער סאַקאָנע, וואָס, מעגלעך, דו ווייסט ניט, ווי ווײַט גרויס זי איז.

ער האָט ווידער ווי א דערוואַקסענער, ווען ער רעדט מיט א קינד, בא מיר די ווערטער אויסגעכאַפּט, ווי גלײַך איך אַליין האָב קיין מויל ניט, און דערבײַ האָט ער גאָר פּלוצעם פון זײַן אויבנאָן זיך אופגעהויבן — ער, דער שוין אַריבער מיטליעריקער, שווערלעכער פאַרשוין פון דער אַמאָל אַזוי גוט דורכגעגאַנגענער סאָלדאַפּאָנישער

מושטרע, פון וועלכער געוויסע סימאָנים זײַנען נאָך אַף אים צו זען געבליבן אין זײַן שטארק גלײַכן, אָפּגעהובליעוועטן רוקן און אויך אַף זײַן „שטראַמען" האלדז־און־נאַקן, ווי בא א וואָלף, וועלכער קאָן זיך אין קיין זײַט ניט קערעווען. ער האָט זיך אופגעהויבן, און אָנהאלטנדיק דעם טאָן און די באַציִונג צו מיר, ווי פריִער, — ווי צו א קינד, — האָט ער ווילוועלנדיק צו מיר א שפּאַן געטאָן, ארויסגייענדיק פון אונטערן טיש צום אָרט, וווּ איך בין געשטאַנען, גלײַך ער וואָלט געקומען מיך באגיטיקן און מײַן גאָר ניט געהויבן געמיט מיר לינדערן.

ער האָט דערבײַ אפילע מיר א האנט אַף אַן אקסל ארופגעלייגט, מײַסע־עלטערער, און ווידער דערבײַ, שוין זײַענדיק נאָענט־נאָענט לעבן מיר, האָט ער מיך פון אויבן ביז אראָפּ א מעסט געטאָן, — מײַן גרייס, מײַן וווּקס, — שוין גאָר ניט, ווי מ׳מעסט א קינד, וואָס דערפון, האָב איך באמערקט, האָבן בא אים אַף א ווײַלע ווי ווערטער אין מויל אויסגעפּעלט, ווי ער וואָלט זיך פארהאקט און ווי עפּעס פיל וויכטיקערס פון ווערטער וואָלט אים אין גאָרגל שטעקן געבליבן.

ער האָט זיך אָבער באלד געכאַפּט, און פארשטייענדיק, ווי גרויס מײַן ליבע איז צו דיר — אליין פון דעם, וואָס איך, אזא יונגע און אומדערפארענע, האָב זיך אין אזא פאראנטוואָרטלעכער שליכעס געלאָזט — פאר אזא הויך־טיטולירטנס אויגן צו קומען, צו מיינען בא אים עפּעס פּויעלן, — האָט ער, ווײַזט אויס, געוואָלט אויסנוצן מײַן אומדערפארנקײַט, און האלטנדיק די האנט אַף מײַן אקסל, האָט ער מיר אויך אין די אויגן א קוק געטאָן, און האלב אין שפּאַס און מער מיט אַן עמעס האָט, מײַסע־סויכער, זיך מיט מיר גענומען דינגען:

— און וואָס וועט פרוילײַן פלאָרא, ווי זי הייסט, באצאָלן פאר ליבנסווירדיקײַט?

כ׳בין זיך דיר מוידע, טאטע, אז ווי איך בין דעמלט ניט געווען יונג און אומבאהאוונט אין הילכעס, ווי מ׳זאָגט, אזוינע זאכן, האָב איך דאָך אונטער דער גאָר ניט געגארטער האנט אַף מײַן אקסל זיך דערפילט פאר פרוי, און אויך זיך דערוווּסט, אז מיט אָט דעם וויסן לאָזט זיך אין געוויסע פאלן אמאָל אויך פיל פּויעלן.

ווי איך בין ניט געווען יונג און אומבאהאוונט, איז אָבער, ווען כ׳בין געשטעלט געוואָרן פאר דעם פּרוּוו אויסצווויילן צווישן מיר און דיר, דאָס הייסט אָדער דיר, מײַן איינציקן ביז אהער געליבטן, א האנט פון הילף דערלאַנגען, ניט אויסהיטנדיק זיך אליין, ס׳זאָל אַף מיר קיין מינדסטע אומאָנשטענדיק שטויביקל ניט פאלן, אָדער זיך יאָ אויסהיטנדיק, און דיר ניט דערלאַנגט, — אז כ׳האָב זיך דערזען שטיין פאר אָט דעם אויסוואל, איז פארשטיי מיך, טאטע, אז אפילע די ריינסטע געטין פון דער עכטער צניִעס וואָלט מיר ניט געקאָנט אויסוואַרפן און ניט האָבן קעגן, אויב איך האָב דאָס צינגל פון איר ציטעריק־צניִעסדיקער וואָג עטוואָס אין א זײַט געמאַכט

אפנייגן — דערמיט, וואָס כ'האָב דאָס ערשטע מאָל, דאכט זיך, אין מײַן לעבן א קאָקעטיר געטאָן מיט פרויען־אָנשטעל און געמאכטער פארשעמטקייט, וואָס דאָס האָט זיכער, ווי כ'האָב געזען, א געוויסן אײַנדרוק געמאכט אף יענעם, צווינגענדיק אים צו מיינען, אז מער וויפל איך האָב אים איצט דערלאנגט בלויז מיטן בליק פון אונטער אראָפּגעלאָזטע וויִעס, וועט אים ערשט שפּעטער, ווען ער וועט מיר דאָס געפעליקייט טאָן און מײַן באקאָשע אויספּילן, דערלאנגט ווערן.

ס'האָט געפּויעלט מײַן בליק. כ'האָב געזען, ווי אין דעם פארשוין, פאר וועלכן כ'בין איצט געשטאנען א יונגע, אן אומדערפארענע און אומבאשיצטע, האָט עפּעס ווי א שטיק וואקס זיך גענומען שמעלצן, ווען ער האָט געקוקט אף מיר און געשפּירט די קלוימערשט מער־נאָכגיביקייט, וואָס ער האָט פון מיר שפּעטער צו דערוואַרטן.

אנטשולדיק מיר, טאטע, — דו, ווי אלע פרומע געטער זאָלן מיר אנטשולדיקן... אָבער כ'שווער, אז מער ווי א רעגע האָט אָט די מײַן פרויען־שפּיל נישט געדויערט, ווײַל באלד האָב איך זיך געכאפּט און גלײַך אפן אָרט האָב אף זיך דעם אוינעש גענומען, ווען איך האָב, אי א פארשעמטע, אי צוליב שמירע און אי צוליב מער זיך אזוינס ניט דערלויבן, דײַן געשאנק, דײַן רינגעלע אף מײַן האנט, פאר די אויגן א נעם געטאָן, קעדיי זיך צו דערמאָנען, פון וועמען כ'האָב דאָס באקומען, און וואָס איז מיר געזאָגט געוואָרן, ביים דו האָסט דאָס מיר דערלאנגט.

כ'האָב עטוואָס לענגער די האנט מיטן רינגעלע פאר די אויגן געהאלטן, און דאָס איז, ווײַזט אויס, יענעם נאָך מער געפעלן, — כ'ווייס ניט, צי אליין די האנט מיטן רינגעלע, צי גאָר מײַן ווען, צי מײַן מינע דערבײַ — שוין די אופריכטיקע און עמעס טאקע פארשעמטקייט, — נאָר כ'האָב געזען, ווי יענער האָט זיך נאָך מער צעשמאָלצן, און האָבנדיק א פול מויל מיט עפּעס מער ווי ווערטער, האָט א זאָג געטאָן:

— זי בעקאָמען וואָס זי בעגערן, פרוילײַן.

דערבײַ האָט ער אויך ניט פארגעסן, ווער ער איז און וואָס פאר א פּאָסטן ער פארנעמט, און פון מיר געפאָדערט, איך זאָל אומבאַ־דינגט זען דיך איבערריידן און אף דיר ווירקן, זאָלסט זיך אומקערן צו דעם, פון וואָס דו ביסט אוועק, וואָרעם צוליב דעם, דעריקער, ווערט מיר די דערלויבעניש געגעבן דיך אין טורמע צו באזוכן — א זאך, וואָס קיינעם טוט מען עס ניט.

דערבײַ, ווידער, האָט ער ניט פארגעסן מיר צו דערמאָנען מײַן צוזאָג, וואָס אים האָט געדאכט צו האָבן פון מיר באקומען, כ'זאָל זיך מיט אים, אף אן „אָרנטלעכן" אויפן, שפּעטער צעצאָלן פארן כויוו, וואָס כ'בלײַב אים שולדיק...

ער איז זיך אזוי צעגאַן אין זײַן גוט געניגטער באַציִונג צו מיר דעמלט, אַז ער האָט זיך אַזש א בייג געטאָן, וועלנדיק מיר א קוש טאָן די האַנט מיטן רינגעלע, וואָס כ'האָב נאָך אַלץ פאַר די אויגן געהאַלטן, און וואָס צו דעם האָב איך אים, נאַטירלעך, ניט דערלאָזט.

כ'האָב אַף א קלוימערשט־קינדערשן אופן, אָבער קלאָל ניט אָן עלטערלעכן פאַרשטאַנד געזען וואָס גיכער בא אים אַרויסבאַקומען דאָס נייטיקע — די ווענדונג צום טורמע־אופזעער, מ'זאָל מיך צו דיר צולאָזן, און ווי נאָר כ'האָב דאָס אין דער האַנט באַקומען, אַזוי בין איך אַרויס, — כ'ווייס ניט, צי יאָ זיך געזעגענענדיק, צי ניט, נאָר געפילט האָב איך, אַז עפּעס האָט מיך יענער דעמלט באַגלייט מיט אזא סאָרט בליק אין רוקן, וואָס מער אַזוינעם פון אַזעלכן וואָלט איך קיינמאָל ניט געוואָלט האָבן פאַר קיין באַגלייטער...

* * *

טײַערער טאַטע. און אינעם זעלבן טאָג האָבן זיך פאַר מיר די טורמע־טיר־און־טויער געעפנט, נאָך דעם ווי דער אופזעער האָט דערזען, ווער ס'שרײַבט אים... באַלד האָט מען אונדז צוזאַמענגעפירט. און באַלד האָב איך דיך דערזען. אָבער דאָס קליין ביסל פרייד פון דיך ווידער צו האָבן פאַר די אויגן, און זאָל אפילע זײַן אין דער טורמע־אומגעבונג, איז מיר גלײַך פאַרשטערט געוואָרן, ווי נאָר דו האָסט מיך פּלוצעם, איידער וואָס, איידער ווען, א פרעג געגעבן:

— ווי קומסטו אַהער? ווער האָט דיר דערלויבט?

— דער געביטס־קאָמיסאַר, — האָב איך געענטפערט.

— ער? ווי קומסטו צו אים?

— איך גיי פון אים.

— דו — פון אים?

— יאָ.

כ'האָב געזען, אַז צו דער אַזוי אויך גענוג פינצטערניש, וואָס דו האָסט פון דער געפענקעניש־קאַמער מיטגעבראַכט, איז, אַז דו האָסט דערהערט פון מיר דאָס לעצטע וואָרט, דיר נאָך א גרעסערע צוגעקומען... האָסט א ווײַלע געשוויגן, דערנאָך קורץ א זאָג געטאָן, ניט אַרײַנלאָזנדיק זיך אין קיינע דערקלערונגען:

— מער טו דאָס ניט... דאָרט איז קיין אָרט פאַר דיר, — און אַף וויפל איך האָב געקאָנט באַמערקן, האָט זיך די גאַנצע צײַט עפּעס א ניט־אַרויסגערעדטער כשאַד פון דײַן פּאָנעם ניט אָפּגעטאָן און אין זיך אײַנגעהאַלטענע וואָרענונג, געווענדט צו מיר, האָט דיר פון די ליפּן ניט געקאָנט אַראָפּקומען.

— ניין, — האָסטו ווידער נאָך מער קורץ א זאָג געטאָן, — פון דאָרט האָסטו אַף קיין טויוועס ניט צו וואַרטן...

— אָבער... טאַטע, — האָב איך צו דיר אַ פּאָל געטאָן, דער־זעענדיק דיך אַזאַ, וואָס באַלד וועט דיך שוין שווער זײַן צו דער־קענען, ווײַל ניט דער אָנצוג, אין וועלכן דו ביסט אַוועק, איז דײַנער, ניט די שיך — קיין שיך, און דו אַליין — שוין דרײַ פערטל פאַרור־טיילט און ווי גלײַך ערעוו דעם, ווי אַט־אַט דאַרף די עקזעקוציע איבער דיר אויסגעפירט ווערן.

— טאַטע טײַערער, — האָב איך צו דיר אַ פּאָל געטאָן, ניט האָבנדיק דיר וואָס צו זאָגן, נאָר אַ קלאָג אַרויסצולאָזן.

כ׳האָב געזען, אַז וועגן ריידן מיט דיר מיקויעך צוריקנעמען דײַן באַשלוס איז ניט שײַעך; געזען, אַז דו ביסט געווגוג — דו, אַז וויסנ־דיק, וואָס דו נעמסט אויף זיך, זאָלסט ניט פּייַיק זײַן דערנאָך ווידער דײַן וואָרט ענדערן. און דעם עמעס זאָגנדיק, איז ווען מ׳לייגט מיר דעמאָלט פאַר די ברייירע, וואָלט אויך איך דיך ניט געראַטן טאָן קעגן דײַן באַשלוס...

— טאַטע טײַערער, — האָב איך געקלאָגט און האָב פון דיר קיין טרייסט און קיינע פאַרזיכערונגען אויף קיין בעסער פאַרשטייענ־דיקע אויסזיכטן ניט געוואַרט, וויסנדיק, אַז דו ביסט אַליין ניט זיכער, און אויב יאָ, אין אין פאַרקערטן — אַז ס׳איז קיינע אויסזיכטן, און אַז דאָס זעען מיר זיך מיט דיר איצט, מעגלעך, דאָס לעצטע מאָל.

דו האָסט דעם קאָפּ אין אַ זײַט אָפּגעדרייט געהאַלטן, נישט וועלנדיק קוקן אויף מיר, און אײַנגעשלאָסן אין מײַנע אָרעמס, און האָבנדיק מײַן קאָפּ אויף דײַן ברוסט, האָסטו אַליין אויך מער נישט געקאָנט טאָן, ווי דאָס זעלבע — מיך אומאַרמען, מיך נישט אָפּלאָזן, נישט זאָגנדיק דערבײַ גאָרנישט, ווי פאַרשטומט פון דעם, וואָס טרערן האָבן דיך נישט דערלאָזט קומען צום וואָרט.

האָסט זיך אַ ריזיקן קויעך אָנגעטאָן, האָב איך געזען, ווען דו האָסט מיך עטוואָס אָפּגערוקט און זיך באַפרײַט פון מײַן אומאַר־מונג, ווײַל דעמאָלט, שוין, באַלד, פאַרן געזעגענען זיך, האָסטו נאָך געוואָלט האָבן צײַט אויף מיר נאָך עפּעס צו זאָגן.

— קינד, — האָסטו געזאָגט, — פאַר מיר זאָרג ניט. עפּשער וועט זיך דערנאָך פאַרט עפּעס בײַטן, און עפּשער ניט. אַלנפאַלס, איך האָב שוין אָפּגעלעבט. דו אָבער — נאָך ניט. איז זע טו וואָס דו קאָנסט אויף אַרויסקומען פונדאַנען און זיך אַריבערקלײַבן אַהין, וווּהין כ׳האָב דיר אָנגעוויזן. ס׳איז דער איינציקער אויסוועג.

דעמאָלט איז די וואָך אונטערגעקומען, זאָגנדיק, אַז די צײַט פון דער זעונג איז געענדיקט. און דעמאָלט האָב איך דיך ווידער אויף צום לעצט אַרומגעכאַפּט, — ווי אויף פאַרשלונגען ווערן, און אַ טויטע צי אַ לעבעדיקע, לעבן דײַן ברוסט בלײַבן.

מ׳האָט דיך קימאַט אָפּגעריסן פון מיר און אונדז צעשיידט, און... שוין אויף שטענדיק, ווײַל אויף מאָרגן האָבן פרײַער אַנדערע זיך דער־וווּסט, דערנאָך — איך, אַז שוין יענע נאַכט ביסטו ניט געוואָרן.

האָסט ניט געוואָרט, אַז אַנדערע זאָלן מיט דיר ענדיקן, נאָר האָסט עס אַליין געטאָן. און געטאָן האָסטו עס אַי צוליב זיך, זיכער זײַענ־דיק, אַז סײַווי ביסטו שוין פון לעבעדיקן צעטל אויסגעשטראָכן, און אַי דעריקער, דאַכט מיר, צוליב מיר, קעדיי כ׳זאָל פאַרשפּאָרן ווידער געשטעלט ווערן פאַר אַ פּרוּוו, אַף אַ נישט־געוווּנטשענעם פאַר דיר אויפן דיר דײַן גורל װעלן פאַרגרינגערן.

אין יענער נאַכט, האָט מען זיך דערנאָך דערוווּסט, האָסטו עפּעס אײַנגענומען, און דאָס איז געווים געווען יענע רעפּוע־זאַך, וואָס דו האָסט, אוועקגייענדיק פון דער היים, פון שופלאָד אַרויסגעקריגן, און אַז ס׳האָט דיר געדאַכט, אַז פונעם אײַנגענומענעם קומט די ווירקונג ניט אַזוי גיך, האָסטו געפונען נאָך עפּעס, וואָס האָסט מיט־גענומען, אַף זיך אויך אָן אָדער אופצוהאַקן...

און פאַרטאָג, ווען מ׳האָט געוועקט צום אופשטיין, האָט אַ שאָכן, וואָס איז געלעגן מיט דיר אַף איין נאַרע, זיך דערפילט ליגן ווי אין אַ קאַליוזשע... ער איז ביז געוואָרן אַף זײַנע שכיינים — אַף איינעם אַ שאָכן פון איין זײַט, און אַף דיר — פון דער צווייטער, מיט וועלכע ס׳האָט זיך, ווי געוויינלעך אין יענע „באַדינגונגען“, אומאָנ־גענעמס געקאָנט טרעפן — פון קעלט, פון אומגליקלעכער ענגשאַפט אאַוו... אַז ער האָט אָבער אַף דיר אַ קוק געטאָן אין פאַרטאָגיקן האַלב פינצטער און האָט דערזען דאָס בלאַסקײַט, וואָס האָט פון דײַן פּאָנעם אָפּירגעקוקט, האָט ער גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען... באַזונדערס, ווייסנדיק דיך אַלס דאָקטער, ווייסנדיק אויך, אַז דו האָסט ניט איין מאָל מיט די אַרומיקע וועגן דעם גערעדט, ווי וועגן אַ מיטל; און באַזונדערס נאָך ווייסנדיק, אַז פריִער מיט אַ טאָג האָסטו געהאַט אַ זעונג מיט מיר, דײַן איינציקער, און אַז פון אָט דער זעונג ביסטו אַרויס אַ נאָך מער דערשלאָגענער, ווי ביז אַהער, ווײַל עפּעס, האָט מען געזאָגט, איז דיר צוגעקומען נאָך איינע אַ מוירע, אַכוץ דער, וואָס באַ אַלע פאַרוּרטיילטע. דעמלט איז אַלץ קלאָר געוואָרן, און דעמלט ביסטו שוין נישט געווען...

„יתגדל ויתקדש שמה רבא“ — זאָגט מען, דאַכט זיך, נאָך אַ טויטן.

* * *

טאָג... כווידעש... יאָר...

ווי נאָר דו ביסט נישט געוואָרן, ווי נאָר כ׳האָב פאַרלוירן מײַנע פּריווילעגיעס, ווי דײַנס אַ קינד — אַ קינד פון אַן אָנגעזעענעם אַמטסמאַן, און מ׳האָט מיך אַרויסגעזעצט פון אונדזער ביז־דעמלטי־קער דירע און מיך אַריבערגעפירט אינעם דרײַפּערטלמעטערדיקן ווין־שעטעך, וואָס איז באַשטימט פאַר אַלע געטאָ־אײַנוווינער אַלס

נאָרמע, — האָב איך אָנגעטראָפן אין א הויז — ניט קיין הויז, נאָר א לאָך, א באגרעבעניש, ווו די ווענט וויינען, די סטעליע איז אפּן קאָפּ און ווו א וואָסערע־ניט־איז שײַן איז אפילע אינמיטן העלן טאָג דאָרט א זעלטענער אוירעך, איך, מיט פיל אזוינע „באגליקטע" ווי איך, וועלכע געפינען זיך אָנגעשטאָפּט ווי אויפעס אין א שטײַג, און ווו צום גאנצן רומל ענגשאפט פעלט אויך ניט אויס, אלס צוגאָב, איינער אן עלטערער, עלנטער ייִד, מיטן נאָמען הירשל שוסטער, וואָס וועגן אים לוינט זיך א פּאָר ווערטער זאָגן, ווײַל, קוקנדיק אף אים, קאָן מען האָבן א קליין שטיקל פּאָרשטעלונג, ווי מיר זעען אויס אין אונדזער אזוי ליב־באשערטן שפּיגל...

א גאנצן טאָג איז ער פארנומען אף ארבעט אין א ווערקשטאט, ווו מ'פּארטיקט אויס שטיוול פארן פראָנט. ער ארבעט שטיל, מיט באלמעלאָכישער שליימעס און געוויסן, און אפילע שוין מיט צופיל געוויסן... אז די איבעריקע ארבעטער פרעגן אים אמאָל:

— הירשל, וואָס אזוי געטרײַ? צו וואָס אזויפיל פלעקלעך? און אז איינער פון זיי וועט, כאָלילע, בלײַבן אָן שיך און אפילע — אָן א פוס, איז וואָס? איז וועט דיר, כאָלילע, הארט זײַן דער צו־קאָפּנס? — ענטפערט ער ניט, גלײַך ער הערט ניט, טוט ווײַטער זײַן זאך, גיט אָפּרײַסנדיק זיך און ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ אפילע אף א קוק טאָן, ווער ס'פרעגט אים.

מ'פרעגט אים אויך מער ניט. מ'ווייסט, ווער ער איז, — אז א גאנצן טאָג איז ער בלויז א מענטש פון פאך, און דערפאר, אז ער קומט אהיים אפדערנאכט, איז ער אויס ער, איז ער... מאָשיִעך. דעמלט איז ער שטארק באשעפטיקט מיט אײַנשטודירן די ראָל, וואָס ער האָט אף זיך גענומען... ער קען אין די קליינע אויסיִעלעך, איז א שטיק מעלומעד... און אמאָל, זאָגט ער, זעט ער זיך אן אָרעמען רײַטער אף אן אָרעמען אייזל ארײַנפאָרן קיין יערושאָלאיִם, און ער טוט דעמלט א שפּאן אין צימער, אף וויפל נאָר דער געענגטער שעטעך דערלויבט אים, אף מאכן א ווארע און זיך אליין אָפּגעבן „שאָלעם" — איין מאָל, צוויי מאָל, דרײַ מאָל און פיל מאָל, פאָר־שטעלנדיק זיך, אז דאָס פאָלק שטופּט זיך אים אזוי צו באגעגענען און מיט „שאָלעם" באגריסן. אן אנדערס מאָל זעט ער, אזוי ווי אין סייפער דאניִעל איז געשריבן, זיך אראָפּבאווײַזן פון די הויכע הימל־וואָלקנס, און דעמלט שטעלט ער זיך אוועק מיטן קאָפּ פאריסן, און אין גרויס ציטערניש און אנציקונג טוט ער אף זײַן אייגענער הער־לעכער דערשײַנונג מיט א צעעפנט מויל קוקן... און גאָר אמאָל זעט ער זיך צווישן קרעציקע, צווישן שלעפּער און אויסגעלאסענע פרויען, בא די טויערן פון רוים, אליין אויך א קרעציקער, וואָס האָט מיט די אייגענע וווּנדן פיל צו טאָן, זיי אופבינדן און צוריק פארבינדן, און דעמלט איז קיין אומגליקלעכער פּאָנעם, ווי זײַנס, ניט צו זען און ניט צו טרעפן אין ערגעץ, ווען ער לאָזט זיך אראָפּ אף דער

ערד, מיט די פּיס אונטער זיך, און מיט א שטיל־יאָמערנדיקער שטים נעמט ער בעטלען אַף דער אים פרעמד־רוימישער שפּראַך בא אלע, וואָס קומען ארויס און וואָס גייען ארײַן אין רוים.

יאָ, ער האָט רעכט, הירשל, אַף דער מאָשיִעך־ראָל, ווײַל צוזעענ־דיק, וואָס דאָ ארום טוט זיך, קאָן קיין שום מעשוגענער אַף קיין קלענערער, ווי דער, ניט אײַנגיין, טאָר ניט אײַנגיין.

* * *

טײַערער טאטע, כ'ווייס, אז דו ביסט נישטאָ. כ'ווייס אָבער אויך, אז ווי דו זאָלסט נישט נישט זײַן, איז אז דו וועסט דערהערן, וואָס איך וועל דאָ באלד זאָגן, וועסטו זיך א רודער טאָן — פון אנגסט, פון בושע, פון ביטערניש און פון פאָטערלעכן מענטשלעכן צאר.

צוריק מיט א שטיקל צײַט האָט מען מיך געשלאָגן.

— ווער?

— דער לאנגער גלאָמפּ, דער אופזועער איבער דער ארבעט־קאָלאָנע, ווו אויך איך געפין זיך: דער, וואָס מיט די נאָך שווארצע וואָנציעס, הארט ווי קלאמערן בא א זשוק, דער, וואָס איז שוין גענוג אלט, אז אפן פראָנט גיין זאָל ער זיך ניט טויגן, אָבער נאָך גענוג „טויגער", מ'זאָל אים אופזועריי איבער אונדז, א קאָלאָנע ארבעטס־פרויען, אָנפארטרויען, ער זאָל אַף אונדז האָבן א האזשגאָ־כע, אונדז נישט לאָזן זיך אונטערפוילן און אָפּשטיין, פאָדערן פון אונדז די נאָרמע, און אויך מער, אויב אים פארגלוסט זיך, דערצו האָט ער מאכט, דערום איז ער באפולמעכטיקט, און דערצו איז אים געגעבן ניט נאָר די „פּײַטשע", נאָר אויך געווער, אַף דאָס אויסנוצן אפּן אָרט און שטעלע, לויט דעם, אויב ער וועט פילן א מוז און א נויט אין דעם באם אויספילן זײַן באפעלהאָבער־פליכט... כאָטש ער איז שוין גענוג אלט און פון פאָדאגרע איז די קנעכל אין די קני געבראָכן, אָבער די בײַטש און געווער, ווי געזאָגט, האָט ער, און דערצו נאָך א היפּשן פּאק זידלווערטער, וואָס ער לאָזט זיי אין גאנג בא יעדער געלעגנהײַט און נישט־געלעגנהײַט, ווי „בלוט־יודע" און „יודע־פּעררעקע", וואָס אז ער ברענגט ארויס נאָר איינס פון זיי, אזוי כאפּט ער די היץ און דערפילט די געדעכטיקײַט דאָס צווייטע, דאָס דריטע אאוו. ארויסצוברענגען אָן אָפּשטעל... ס'ווײַזט אויס, אז אויסער די רעכט, וואָס די אויבערשטייענדיקע מאכט האָט אים גע־געבן אַף אזוי צו טאָן און צו שאפן, נעמט ער זיך אויך אליין די רעכט, געפינענדיק דאָ אָן אָרט און מעגלעכקײַט אויסצולאָדן זײַן קאס פאר איינער א באליידיקונג — א פעלער פון דער נאטור, וואָס ער טראָגט זיך מיט אים ארום פון געבוירן, און וואָס אין דער יוגנט און אפילע ביז הײַנט האָט ער געהאט און האָט פון אים, זעט אויס, שטילערהייט צו לײַדן. דאָס זײַנען זײַנע קרום־קײַלעכדיקע פּיס, וואָס

דער כאָלעל פון צווישן זיי מאכט אויס דאָס, וואָס אַף זײַן לאָשן טאקע רופט מען דאָס: „O Beine“ אין לאטײַן: „אָבעינע".

מיט איינעם וואָרט, ס'וואָלט געווען פון דעם פאַרשווין ניט צום איבערטראָגן, ווען ניט די צוויי שוואכקײַטן, וואָס ער פאַרמאָגט, און וואָס אדאנק זיי קאָן מען, ווי־ניט־איז, פון אים אָפּאָטעמען. דאָס איז ערשטנס: „זײַנעם ביר", וואָס ער מוז אלע טאָג, אלע טאָמיד ארײַנזשליאָקען אפן כעזשבן פון די, אַף וועלכע ער גיט אכטונג און וועלכע מוזן דאָס אים פון זייער „געהויבענעם" ארבעטסלוין אויסטיילן, אנדערש, ווייסט מען, „ווערדן זי געפריגעלט", דאָס הייסט געשלאָגן, און ווען ער באקומט יאָ דאָס געוואונטשענע, מאכט דאָס אים פיל ווייכער, צוגעלאָזטער... און דאָס צווייטע, וואָס שטאמט פון ערשטן, איז — זײַן פאַרקוקן זיך אַף פרויען, ווען ער איז באזויפן, און ווען ער נעמט זיך דעמלט זינגען זײַן זים־פאַרבענקטע ליד, וואָס ער האָט פון זײַן אזוי געליבטער הײַמאט־שטאָט האנאָווער מיטגעבראכט:

> אין האנאָווער, אן דער לײַנע,
> מיידל האבן דיקע בײַנע
> אאוו.

דעמלט כאַפּט ער צוערשט א שמייכלענדיקן בליק אַף זײַנע אייגענע פּיס, און דערנאָך אויך אַף די פיס פון יענער פרוי, וואָס געפינט זיך אין זײַן נאָענטקײַט און וואָס ער טיילט זי דעמלט אויס, זי זאָל אים אינעם איצטיקן מאָמענט זײַן געפעלן...

כ'ווייס ניט, צי איז ער דעמלט געווען „אין שלעכטער לוינע", ווײַל די ארבעט־פרויען האָבן יענעם טאָג, צום באשטימטן מאָמענט, אים זײַן נאָך אַף „זײַן ביר" נאָך ניט געהאט אָפּגעשטעקט; צי איבער אן אנדער סיבע, נאָר עפּעס האָט ער אַף מיר יענעם טאָג א בייז הארץ געהאט, האָט מיר בייזלעך נאָכגעקוקט, צי איך פיל גוט אויס מײַן ארבעט, צי ניט, און מיטאמאָל האָט ער זיך צו מיר גענומען בינדן, אַף מיר שרײַען, און דאפקע ניט מיט דער „פײַטשע", נאָר מיט די הענט מיך שלאָגן.

נישט אזוי דער ווייטעק, ווי דער ביזאָיען האָט מיך דערנעמען. נישט אזוי דער ווייטעק, ווי די ווייסטע אָנשיקעניש פון דער גאנצער צײַט נאָך פריִער, איידער כ'בין געשלאָגן געוואָרן, האָט אין מיר אופדערוואכט און מיך באם גאָרגל געפּאקט...

כ'האָב איבערגעריסן די ארבעט, נישט געקוקט, וואָס דער אופזעער האָט דערפאר רעכט געהאט מיך מער צו שלאָגן און באגיין זיך מיט מיר פיל ערגער, אָן שום מוירע פאר פאראנטוואָרטלעכקײַט, וואָס ער וועט האָבן צו טראָגן פאר די העכער שטייענדיקע פון אים פאר זײַן טאט, נאָר פארקערט — ווי הארב די טאט זאָל ניט זײַן,

וואָלט ער, פון זייער זײַט, זיכער, געקאָנט וואַרטן אַף דער צושטימונג און באַרעכטיקונג, — נישט געקוקט דערויף, האָב איך איבערגעריסן די אַרבעט, בין אַוועק אין א זײַט, זיך אָפּגעטיילט פון די פרויען כאַווערטעס, וואָס האָבן דאָס צוגעזען, און, קומענדיק צווישן צוויי הויכע קלייטלעך אָנגעלייגטע קלעצער, האָב גענומען וויינען...

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, דאַכט מיר, נאָכדעם ווי איך האָב דיך, טאַטע, אָנגעווירן. אַזוי פאַרשטיינערט בין איך געווען, צוזעענדיק, וואָס אַרום טוט זיך און וווּהין איך האָב אַרײַנגעטראָפן. כ׳האָב געוויינט אַף מײַנע יונגע יאָר, זיך דערמאָנענדיק, וועך ס׳האָט צו זאָגן אַף זיי; געוויינט אַף דעם, וואָס כ׳בין געבוירן אונטער אַזאַ פינצטערן שטערן, נישט ווּיסנדיק פאַרוואָס.

כ׳בין לאַנג דאָרט אַזוי געשטאַנען... און אַז כ׳האָב זיך אויסגע־וויינט, האָב איך זיך צוריק צו דער אַרבעט אומגעקערט, נישט אויס־ריידנדיק מיט די כאַווערטעס קיין וואָרט, זײַענדיק די גאַנצע איבע־ריקע צײַט אין זיך געשלאָסן.

און נאָכדעם, שפּעטער, ווען דער אופזעער האָט, אפּאָנעם, שוין געהאַט געקריגן זײַנס, האָט אופגעלייגט אַרײַנגעזויפּט, און האָט צו דער האַנאָווערער, גוטמוטיקער לײַנע דערלאַנגט, אַזוי ווייס איך ניט פאַרוואָס, נאָר דאַפקע נאָכדעם, וואָס ער האָט הײַנט אַף מיר דאָס באַפעלהאָבערישע האַרץ אָפּגעריסן, האָבנדיק מיך געשלאָגן, האָט ער דאַפקע דאָס מאָל מיך אויסגעקליבן פאַר דער, וועלכע זאָל אים גע־פעלן און ער זאָל זיך, ווי זײַן שטייגער, אַף אירע „בײַנע" פאַרקוקן...

און נאָך מער: דאָס מאָל איז ער זיך אַזוי צעגאַן אין זײַן שרעקלעכער צעשמאָלצנקײַט, אַז ער האָט אַזש אויסגעשטרעקט א האַנט צו מיר, וועלנדיק אָנרירן די בוילעטע פרויען־פאָרמען, אַף וועלכע ער פלעג אויך אין זײַן יענעם שטאַנד אַמאָל מיט אָפענער פרעכקײַט זײַנע העסלעכע בליקן ווענדן...

דעמלט האָט ער פון מיר געקריגן אַזאַ זעץ איבער דער האַנט, אַז זי איז אים פאַרפלויגן אַף צוריק, ביז אַרונטער דעם רוקן און ביז אַזש זײַן פּאָטיליצע, דאַכט זיך. און זע א וווּנדער: נישט נאָר ער האָט זיך ניט געפילט באַליידיקט פון אָט דעם אָפּשטויסנדיקן זעץ, וואָס דערפאַר וואָלט ער אַף מיר מיט דער גאַנצער ווּט באַדאַרפט אָנפאַלן, נאָר פאַרקערט, ער האָט, ווי האָבנדיק צו טאָן מיט זײַן גלײַכן, אין א לײַטזעליקן שפּאַס דאָס פאַרוואַנדלט: אַף זײַנע ליפּן האָט זיך א שמייכלענדיקע מעכילע באַוויזן, ווי פון א טאַטן צו א ליב־שטיפנדיקן קינד, וואָס נאָכן שטיפן טוט עס באַ אים נאָך מער אויסנעמען.

אַזוי — ער. די כאַווערטעס אָבער, ווען זיי האָבן געזען, מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט כ׳האָב דעם אופזעערס האַנט אַף צוריק אָפּגע־שמיסן, האָבן, נישט ווּיסנדיק, פונוואַנען די דרייסט האָט זיך צו מיר גענומען, און יאָ ווּיסנדיק, וואָס אַזאַ־אָ טאַט האָט באַ יענעם

אן אנדערס מאָל, אין אַ ניט־שיקערן שטאַנד, אָדער אפילע, אַ שי־קערן, געקאָנט אַרויסרופֿן, — שטילערהייט דערנאָך, אַז יענער זאָל ניט הערן, מיר געגומען אויסוואַרפֿן:

— סטייטש, וואָס האָב איך געטאָן? און צו וואָס אַזאַ אופֿגעריי־סענע אייַנשטעלערישקייַט, וואָס קאָן דערנאָך פֿיל קאָסטן אי מיך אַליין, אי אויך אַלע איבעריקע, וואָס דער שאָטן פֿון מייַן קאַס וואָלט אויף זיי געפֿאַלן.

דעמלט בין איך אויך אויף זיי אָנגעפֿאַלן:

— שעמען זאָלן זיי זיך... דער ביזאָיען פֿון אונדזער לאַגע איז דאָך ערגער פֿון דער לאַגע אַליין, און ווער ס'מיִעסט זיך ניט, דער זאָל מיטן כאַזער פֿון איין שיסל עסן.

— קוקט זי נאָר אָן, — האָבן אייניקע אויף מיר זיך אַרופֿגע־וואָרפֿן, — וואָס איז אין איר אַזוינס דער ייִכעס? מיט וואָס ביסטו בעסער פֿון אַנדערע? און צי האָט מען דען אַן אַנדער ברייֵרע? אַנדערע האַלטן זיך דאָך איצט אפילע פֿאַר גליקלעך, אויב דער שווייַן באַ־שטייט צו גיין מיט זיי אויף שוטפֿעס.

— איז זאָל זיי זייַן צו געזונטס!..

אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט, און ס'איז געקומען צו הויכע רייד און קידער־ווידער.

— מ'וואָלט געקאָנט מיינען, — האָבן אייניקע זיך געפּרוּווט פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זייער נאָכגיביקייַט און פֿאַר וועלן גיין אויף פּשאָ־רעס מיט דעם אומפֿאַרמיַידלעכן, — מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַז מ'האָט זיך עס אַליין גענומען און אַז מ'קאָן מאַכן בעסער.

— אַוואַדע קאָן מען, — האָב איך געזאָגט, ניט אָנעמענדיק די פֿאַרענטפֿערונג.

— איז אַדעראַבע, זאָל איך זאָגן, וויַאַזוי.

— ווי יענע, — האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט, — ווי די, וואָס מ'הערט פֿון זיי, אַז זיי אָרודעווען הינטנאַרומער, טוען וואָס זיי קאָנען, שטעלן זיך אייַן און זאָל זייַן זיך ביידע אויגן, אַבי יענעם כאָטש איינס.

— האָסט געפּרוּווט? — האָט מען מיך געפֿרעגט, אָנדייַטנדיק אויף די סאַקאָנעס, וואָס איז מיט יענער זאַך פֿאַרבונדן, און דערמאָ־נענדיק מיר אויך די געוויסע דורכפֿאַלן, וואָס די רעזולטאַטן האָבן זיך באַקומען אַזוי טרויעריק נישט נאָר אַליין פֿאַר די אומיטלבאַרע אָנטיילנעמער, נאָר אויך פֿאַר פֿיל פֿון די, וואָס ס'איז אויף זיי בלויז אַ מינדסטער כשאַד געפֿאַלן, אַז זיי האָבן אַ מינדסטע שייַכעס צו יענע.

זיי האָבן רעכט געהאַט, די כאַווערטעס: ס'זייַנען שוין געהאַט פֿאָרגעקומען פֿיל אַזוינע פֿאַלן, פֿון וועלכע אַלע געטאָ־אייַנוווינער האָבן געוווּסט און האָבן ניט געקאָנט ניט וויסן, און דאָס האָט דעם גרויסן אוילעם שטאַרק אָפּגעשראָקן, און גוירעס געוועזן, מ'זאָל זיך

שאפן איליוזיעס, אז עפּשער וועט מען פאָרט באַווײַזן זיך אויסדרייען פון דעם, וואָס אַנדערע האָבן שוין ניט באַוויזן. און אַנדערע, וואָס האָבן דערוף ניט געוואַרט, האָבן פון הוילער פאַרצווייפלונג מיט דער האַנט אָוועקגעמאַכט, נישט ווילנדיק געבן די בכוירע איין פאָרם טויט איבער דער צווייטער, זאָגנדיק, אַז סײַווי — שטעל זיך יאָ קעגן, שטעל זיך ניט — איז מען פאַרורטיילט, איז צו וואָס נאָך פאַרכאַפּן אַף פריִער? מ׳וועט דאָך ניט אַנטרינען...

— קינדערײַ, — האָבן זיי געזאָגט, — סײַווי איז דאָך קיין האָפענונג, און סײַווי איז אָט דער מין ווידערשטאַנד קיין רעטונג ניט פאַר אַלע, בלויז פאַר איינצלנע, אי דאָס אויך, אויב ס׳וועט זיי אין אַ הונדערטן פאַל גליקן. און אויב אַזוי, איז זאָלן דאָס טאָן די, וואָס זייער לעבן איז זיי העפקער און וועמען ס׳מאַכט ניט אויס פריִער אָדער שפּעטער.

— בעסער פריִער, איידער שפּעטער, — האָב איך געזאָגט, פון אינערלעכער איבערצײַגונג אין מײַן גערעכט, נאָך דעם, ווי איך האָב הײַנט דורכגעמאַכט דעם טאָג, פריִער אַ געשלאָגענע, דערנאָך אַף אַזאַ שענדלעכן אופן אָנגעריִרט.

צום סאָף טאָג איז מיר ווידער דאָס געוויין אָנגעקומען, כ׳האָב זיך נישט געקאָנט האַלטן און בין ווידער אַוועק אַף מײַן פריִעריק אָרט, אַף הינטער די קליטלעך קלעצער, דערמאָנענדיק זיך אין דער איינגענער געפאַלנקײַט און אין דער געפאַלנקײַט פון די אָרומיקע, וואָס אַפילע דאָס געפיל פון פּראָטעסט איז שוין בײַ זיי אָפּגעטעמפּט. איך האָב ווײַטער געוויינט — זיך דערמאָנענדיק אין דער צוואָאָע, וואָס דו, טאַטע, האָסט, באַם געזעגענען, מיר געלאָזט, אָנווײַזנדיק, פונוואַנען איך האָב אַף הילף צו וואַרטן — אַז פון דאָרט, וווהין ס׳איז קימאַט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, און וואָס מ׳דאַרף זיך נאָר אַ שטעל טאָן מיטן פּאָנעם אַהין, מ׳זאָל דערפילן דעם האָפע-נונגספולן אָטעם, וואָס ווייט פון דאָרט...

כ׳ווייס ניט, ווי לאַנג כ׳האָב זיך געזאַמט אין אָפּגעזונדערטע צווישן די קלעצער. נאָר שוין פאַרנאַכט, ווען מ׳האָט געגעבן אַ צייכן זיך זאַמלען אַף אַהיימגיין, בין איך אַרויס פון דאָרט ניט קיין וויינענדיקע, נאָר, דאַכט מיר, ווי מיט גלאָז אין די אויגן: אַזוי זײַטיק־אָפּגעפרעמדט האָב איך געקוקט אַף די איבעריקע, און אַזוי אויך די איבעריקע, דאַכט מיר, אַף מיר, גלײַך מײַנע בליקן האָבן זיי געשטאָכן.

כ׳האָב די גאַנצע צײַט, אַהיימגייענדיק, געשוויגן און מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט און פון דעם ווײַט־ליגנדיקן אָרט אַהינ-טער דער שטאָט, ווו אונדזער פרויען־קאָלאָנע האָט געאַרבעט, ביז מיר זײַנען אין שטאָט אַרײַן, האָב געהאַלטן נאָר אין איין דעם קאָפּ קערעווען און קוקן אַהין, פונוואַנען איך האָב אַף גוטס געוואַרט און ניט געוווּסט, וויאַזוי מ׳קומט צו דעם.

* * *

יענער טאָג, טײַערער טאַטע, איז געווען א באַשליסנדיקער אין מײַן לעבן... כ׳ווייס ניט, צי דײַן גוטער נאָמען האָט מיר דאָ צוגע־דינט, צי אליין די פּאַרקומעניש מיטן אופזעער האָט צו איינעמס א געהעריקן אויער דערגרייכט און מײַן באַגיין זיך מיט יענעם איז גוט אופגענומען געוואָרן און געפעלן, אזוי צי אזוי, נאָר די, וואָס אַרודעווען הינטנאַרום, האָבן מיך, אפּאָנעם, באַמערקט און אַף מיר אַן אויג געוואָרפן, ניט צום שלעכטן.

כ׳מעג שווערן, אז יעדערס מאָל האָב איך פון דעמלט אָן באַ־מערקט, ווי עפּעס שפּירט מען מיר נאָך, מ׳גייט מיך פאַרבײַ און מ׳באַטראַכט מיך אופמערקזאַם, און ווען מ׳קומט מיך אריבער, קערעוועט מען זיך אוים און מ׳קוקט מיר נאָך — ניט נאָך מײַן שיינקײַט, געוויס, נאָר מיט א געוויסן אנדער אינטערעס.

און אָט, גייענדיק איינמאָל אין געטאָ אין אַפּרו־טאָג, האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אַף איינעם א פּאַרשוין, וואָס ווי נאָר מיר האָבן זיך געטראָפן פּאָנעם צו פּאָנעם, אזוי האָב איך באַמערקט, אז די באַגעגעניש איז ניט קיין צופעליקע, נאָר אז די צײַט און דאָס אָרט איז פון יענעם אפריִער געווען פּאָרויסגעזען, ער זאָל מיך גראָד דאָ און גראָד איצט באַגעגענען.

ס׳איז געווען א ביסל אין א זײַט פון די מער באַלעבטע גאַסן, און אָנקומענדיק מיר אנטקעגן, האָט דער פּאַרשוין זיך אָן אײַליקן כאַפּ געטאָן, ווי גלײַך ער וואָלט אַקאָרשט געקאָנט פּאַרזען, מיך פאַרבײַגיין און מיך ניט באַמערקן, און איצט, אז ער האָט מיך יאָ דערזען, האָט מיר א זאָג געטאָן:

— גוט, וואָס מיר האָבן זיך מיט אײַך געטראָפן...

ס׳האָט זיך געהערט אינעם וואָרט „מיר״ נישט ווי ער וואָלט זיך אליין געמיינט און פּאַרגעשטעלט, נאָר ווי ער וואָלט גערעדט אין נאָמען פון עפּעס א גרופּע, וואָס האָט אים באַפולמעכטיקט דאָס צו זאָגן.

ס׳האָט מיך אי פאַרינטריגירט, אי כ׳האָב אויך א ביסל מוירע געקריגן, דערזעענדיק זיך אויג־אַף־אויג מיט עפּעס א פרעמדלעכן; דאָך האָב איך זיך באַהערשט, און ווי א פרוי, צו וועמען מ׳שטייט צו אומבאַקאַנט, מיט א געוויסן צוועק — מיט מיר זיך צו באַקענען, האָב איך, א צוריקגעהאַלטענע, ניט לײַכט זיך געלאָזט דערוף, ניט אזוי גיך אנטקעגנגעגאַנגען דער געגנאַרטער באַקאַנטשאַפט, און א פרעג געטאָן:

— און ווער איז עס דער „מיר״?

— שרעקט זיך ניט, פרוילן פלאָרא. מ׳מיינט קיין בייז, און די „מיינערס״ זײַנען ניט קיין בערן... מיר קענען אײַך, מ׳ווייסט פון אײַך — און מ׳האַלט אײַך פאַר אזאַ, וועמען מ׳קאָן פאַרטרויען.

— יאָ, אָבער ווער איז פּאָרט דער „מיר"?

— דאָס זײַנען די, וועגן וועמען איר האָט שוין מיסטאָם נישט איין מאָל געהערט, און וואָס מיר גלייבן, אַז איר וואָלט געוואָלט ניט נאָר פֿון זיי הערן, נאָר אויך מיט זיי זיך באַקענען... איר שטויסט זיך שוין עפּשער אָן... איז זײַט אַזוי גוט, און קומט צו גיין הײַנט אין אָוונט אַהין און אַהין, און ס'וועט אײַך פֿיל מער קלאָר ווערן.

און דאָ האָט מיר דער, מיט וועמען כ'האָב זיך באַגעגנט, אַ געוויין און פּאַרוקטן איבערגעגעבן אַדרעס פֿון גאָר אַ פּאַרוקטער ווינקל עפּעס אין אַ ווײַט געטאָ־געסל, וואָס איז, ווי דערנאָך האָט זיך אַרויסגעשטעלט, גאָר ניט לײַכט געווען צו געפֿינען; און באַלד ווי ער האָט מיר אים איבערגעגעבן, אַזוי האָט ער, קימאַט אָן אַ זײַ־געזונט, זיך אָפּגעקערט, און גלײַך ווי ער וואָלט אָקאָרשט־ערשט און צוריק מיט אַ רעגע מיט מיר ניט צו טאָן געהאַט, זיך ניט אָפּגעשטעלט און ניט געזאָגט, וואָס געזאָגט — האָט ער גענומען שפּאַנען און וואָס אײַליקער אַוועק אין יענער ריכטונג, אין וועלכער ער האָט זיך בייסן באַגעגענען מיט מיר געהאַט געלאָזט. ער האָט זיך אָבער באַלד ווידער געכאַפּט, איז ווידער צו מיר צו, און ווידער אַן אײַליקן זאָג געטאָן:

— אויב מ'וועט אײַך פֿרעגן, אַז מ'וועט אײַך באַגעגענען אויף דער שוועל: „צו וועמען דאַרפֿט איר?" — ענטפֿערט: „צו ראָסין"... כ'גליב, אַז איר פֿאַרשטייט און וועט אַלץ פֿאַרגעדענקען.

ס'האָט אויסגעזען געהיימניספֿול און קימאַט ווי אין אַ דעטעקטיוון־ביכל איז געשריבן, און דאָך האָב איך דערפֿילט אַ פֿאַרהויִלענע ציִונג צו דעם, וואָס האָט מיך אָפּגעשטעלט און מיר דאָס אַלץ פֿאַרטרויט, באַשליסנדיק, אַז ס'איז ערנסט און ניט פּוסט געמיינט, ווײַל אַליין דער מענטש האָט אויסגעזען אַזאַ, וואָס איז ווײַט פֿון פּוסט, אַזאַ, וואָס לײַכטזין איז ניט זײַן באַשעפֿטיקונג, און אַזאַ, וואָס מ'מעג זיך אויף אים פֿאַרלאָזן.

דאָס איז געווען בערל בענדער (דער נאָמען ניט זײַנער — אַן אויסגעטראַכטער), וועלכער האָט זיך געדוכט צו זײַן אַ מענטש פֿון דער מלאָכה — אַ שוסטער אָדער אַ שמיד, בײַ וועמען די סימאָנים פֿון פֿאַך בלײַבן שטענדיק שטעקן אונטער דער הויט נאָך דעם אַפֿילו, ווען זיי טוען זיך לאַנג וואַשן... אינדערעמעסן אָבער ניט פֿון דער מלאָכה — אַן אינטעליגענט; עמעס, אַ דורכשניטלעכער, אָבער דערפֿאַר אַ טוער פֿון יענעם קערנדיקן, געבענטשטן סאָרט, וואָס אַלע נײַ־אויפֿקומענדיקע אידייען נייטיקן זיך אין זיי, ווי מײַן יונגער סייכל זאָגט מיר, ווי אין לופֿט, מאַכמעס זיי זײַנען דאָס די יעניקע, וועלכע רײַסן זיך אַרײַן אין דער אַלט־אָפּגעשטאַנענער ווירקלעכקײַט, אויף צו מאַכן אָרט, וואָס מער אָרט, פֿאַר דער נײַער, פֿאַר וועלכער זיי זײַנען גרייט אַלץ אָפּצוגעבן, ביז אַ לעצטן אָטעם־צוג.

„דער געבווירענער" — האָט מען אים גערופן אין זײַן סוויווע, ניט דערזאָגנדיק דאָס וואָרט: „רעוואָליוציאָנער", מאַכמעס מ'האָט עס אַליין באַדאַרפט פאַרשטיין. אַ פּאַרשוין, וואָס איז אויסגעוועזן ווי אַ טורמע אין זײַן נאָך פאַרמילכאָמעדיקער פּויליש־אונטערערדישער פּראַקטיק, טוענדיק פאַר דעם, וואָס דאָס דעמאָלטיקע פּוילן — די מעדינע האָט עס נאָר ניט געהאַט גערן און האָט, צוליב נישט לאָזן זיך מערן אַזוינע טוער, אויסגעהאַלטן אַ גרויסן אַפּאַראַט מיט אַ גוט־אָוועקגעשטעלטן שטאַט נאָכקוקער, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע אויפצופּאַסן אַזוינע און זיי „באַזעצן" ווי מ'דאַרף: קליין־וויכטיקע און ווייניקער־שעדלעכע — אין קלענערע טורמעס, און מער־וויכטיקע און מער־שעדלעכע — אין אַזעלכע, ווי אַ קאַרטוז־בעריאָזע, ווי אויך ער, דער בערל בענדער, האָט שוין געהאַט די זכיע אַ לאַנגע צײַט אָן אָרט דאָרט פאַרנעמען, ווי אַ בעקאָוועדיקער טוישעוו...

ער האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט ווײַט איבער די דרײַסיק, און דאָך האָט זיך אין אים נאָך ניט געפילט יענע מעיושעוודיקײַט, וועלכע קומט מיט יאָרן און מאַכט דעם מענטשן געזעצטער אין גאַנג. ניין, ער — נאָך שטאַרק רירעוודיק־באַוועגלעך ניט נאָר אין זײַן געוויינלעכן, האַסטיקלעכן שפּאַן, נאָר ווען מ'דאַרף, האָט מען געפילט, קאָן אַזאַ איינער נאָך אַ גאָר־גאָר יוגנטלעכן לויף טאָן — דעמאָלט, ווען ס'שטייט פאַר אַ סאַקאָנע און ווען מ'דאַרף זיך, לעמאָשל, פון ניט־געווונטשטע הענט אויסדרייען.

אַ קרעפּטיקער אין געביין, מיט שוואַרצע שוואַקס־אויגן, מיט צוויי הויכע שטערן־ווינקלען אין זײַן נאָך שוואַרצהאָריקן קאָפּ, וואָס האַלט זיך פעסט אויף גראָד־פעסטע אַקסל. דערצו מיט פאָלגנדיקע צוויי מײַלעם באַשאָנקען: אי צאַרט־צוגעלאָזט און געטרײַ ביז מעסירעסנעפּעש צו אייגענע מענטשן פון איין שול און געזינונג מיט אים, און פון דער אַנדערער זײַט — מיט דער ברענענדיקסטער סינע צו די, וואָס שטעלן זיך זיי קעגן; אוביפּראַט צו די לעצטע סאָנים, מיט וועלכע ער האָט זיך לעצטנס אָנגעשלאָגן — מיט די פּרעמדלענדישע אַכזאָריעסדיקע באַצווינגער.

אַגעוו, דאָס איז דער, וואָס אויך דו, טאַטע, האָסט, דאַכט זיך, געוווּסט פון אים; דער, וואָס ווי איך בין דערנאָך געוווירע געוואָרן, איז ווען דו ביסט נאָך געווען בײַ דײַן „אמת" און די מאַכט האָט געפאָדערט פונעם יידן־ראַט, אומבאַדינגט און אָן שום טערעץ, זען אויסגעפונען און אַרויסגעבן אָט דעם פּאַרשוין, וועלכן זי זוכט שוין לאַנג, ווי אַזאַ, וואָס האָט אַ גאָר נאָענטע שײַכעס מיט די געהיים־אָרודעוונדיקע אויפשטענדלער, וועלכע מערן זיך וואָס אַמאָל ווײַטער דאָ אין קאַנט, און וואָס לויט די זיכערסטע יעדיעס, וואָס זי, די מאַכט, האָט, האַלט ער זיך און באַהאַלט זיך אויס טאָקע דאָ, בײַ איר, דאָס הייסט בײַ אונדז, אין געטאָ; דעמאָלט, ווען דו, אַ געצוווּנ־

גנער, האָסט לעפּאָנעם צוגעזאָגט, און דערבײַ, ווידער לעפּאָנעם, אפילע געלאָזט אויסרופן א גוטע פּרײַז, א פּרעמיע, קלוימערשט, פאר דעם, וואָס וועט העלפן אים אופזוכן און אין די געהעריקע הענט איבערגעבן; דעמלט אָבער, ניט זײַענדיק דערבײַ, האָסטו, מיט דער הילף פון אייניקע גלײַך־געזינטע מיט דיר אָנגעשטעלטע פון ייִדן־ראַט, קעדיי ניט צו דערלאָזן אים ווײַטער נאָכשפּירן און אים האלטן אין שטענדיקער סאקאָנע, סאָפּקאָלסאָף, אויסגעפינען א מיטל אף אים דערפון צו באפרײַען דורך דעם, וואָס איר האָט דערלאנגט זײַן פּאספּאָרט, אײַנגעשמירט אין בלוט, זאָגנדיק, אז דאָס האָט מען אים געפונען בייסן באערדיקן די הארוגים נאָך איינער א געוויסער אקציע, צווישן וועלכע אויך ער, אָט דער בערל, האָט ארײַנגעטראָפן — א סימען, הייסט עס, אז ער איז שוין נישטאָ און אז מ׳מעג אים שוין פארגעסן.

דאָס איז איינס. און נאָך איינס, טאטע, אגעוו: ווען איך זאָל ניט זײַן אזוי יונג, און ער, אָט דער בערל, ניט אין זײַן עלטער; ווען איך, ניט אזוי ווייניק דערפארן אין דעם, אין וועלכן ער איז אזוי גרויס דערפארן, בין איך זיך דיר מוידע, אז מעגלעך, אז ער, דאכט זיך, וואָלט עפּשער געווען דער, אין וועמען איך, דײַן טאָכטער, וואָלט זיך צום ערשטן געקאָנט פארליבן.

* * *

דעם זעלבן אפדערנאכט, אז כ׳האָב, נאָך לאנגן נאָכפרעגן זיך, אָנגעטראָפן אפן אדרעס, וואָס איז מיר פון אים אָנגעגעבן געוואָרן, האָב איך זיך ארײַנגעשטעלט אין א קליין צימערל פון איינער א שטארק־פארוקטער שטוב, אן אײַנגעטישקעוועטער צווישן ווענט און פארקנס, וועלכע האָבן זיך הארט לעבן די שוואך־באלויכטענע, אָוונטיקע פענצטער אָנגעזען.

כ׳האָב דערזען פאר זיך א פּאָר ייִנגלעך, מיידלעך, אהער צונויפגערופן, ווײַזט אויס, פון זעלבן, וואָס איך; אָבער שוין מער היימישער און באקאנטער צווישן זיך, ווײַל, ווי ס׳זעט אויס, האָבן זיי שוין נישט איין מאָל אָט די וווינונג באזוכט. זיי האָבן זיך געהאלטן כאוועריש, איינס מיט איינס זיך פארשטענדיקט אף האלבן וואָרט, נישט ריידנדיק קיין סאך, אי דאָס אויך מער מיט בליקן, ווי מיטן מויל. און דעמלט, ווען איך בין ארײַן, און נאָכדעם ווי גלײַך נאָך מיר האָט זיך אויך דער, וואָס האָט מיך אײַנגעלאדן, באוויזן, האָט זיך אָנגעהויבן א שטיקל זיצונג, פון וועלכער כ׳האָב זיך דערוווּסט, אז איך ווער צוגעצויגן צו איינעם א פינפלינג, וואָס האָט די אופגאבע ווי אלע אזעלכע: פון איין זײַט, וואָס מער צו שעדיקן אין די געביטן, ווו ווער ס׳איז באשעפטיקט, דעם, וואָס האָט דאָס אָרנטלעך פארדינט; און פון דער צווייטער זײַט — ארויסצוהעלפן מיט וואָס נאָר

ס׳איז מעגלעך ד׳, פון וועמען מ׳דערוואַרט אַליין געהאָלפן ווערן...
די לעצטע געמיינט: די אונטערערדיש־אַרודעוועדיקע, מיט וועלכע מ׳האָט אַף אַזאַ אָדער אַנדער אויפן שוין אײַנגעשטעלט באַציִונגען, און ווי גרויס ס׳איז ניט די געפאַר מיט זיי צו טאָן האָבן און צו זיי צוקומען, האָט זיך דאָך שוין אײַנגעגעבן זיך צונויפריידן און מיט זיי אַ צוזאַמענשליסנדיקן קאָנטאַקט קריגן, וואָס דריקט זיך אויס, ווידער פון איין זײַט, אין דעם, וואָס יענע באַקומען פון געטאָ, וואָס נייטיק, ווי בגאָדים, וועש, געווער אאַ. און פון דער צווייטער זײַט — אין דעם, וואָס פון צײַט צו צײַט דערלאַנגען יענע אַ האַנט אין געטאָ, קעדיי פונדאַנען וואָס מער קאַמפּספּייִקע צו זיך אין די וואַלדיש־אופּשטענדלערישע טײלן אַריבערצוציִען.

דערבײַ האָט דער, וואָס האָט מיך אײַנגעלאַדן אַף דער ווינונג און אַף דער געהיימער זיצונג, מיך פאַרגעשטעלט און פאַרעקאָמענ־דירט פאַר די איבעריקע, ווי אַן אייגענע, אַף וועמען מ׳מעג זיך פאַרלאָזן: ער איז אָרעוו פאַר מיר... און באַלד נאָכדעם ווי מ׳האָט שטיל, געשעפּטלעך און אַף גאָר אַ געקירצטן אויפן די אַלע אַף דער זיצונג געשטעלטע און אופגעשוווּמענע פראַגעס דערליידיקט, האָט ער צום סאָף פון דער זיצונג און פאַרן צעגיין זיך מיך אין אַ זײַט אָפּגערופן און מיך אַ פרעג געטאָן:

— האַ? צי האָב איך עפּעס קעגן זײַן אײַנלאַדונג?

— ניין, — האָב איך געזאָגט ניט נאָר לעפּאָנעם, נאָר טאַקע פון אינערלעכער איבערצײַגונג, אַז דאָס, וואָס ווערט דאָ געטאָן און פירגענומען, איז דאָס, וואָס מ׳דאַרף — דאָס סאַמע ריכטיקע, וואָס אין אונדזער, דער אַזוי אויסגאַנגלאָזער, לאַגע איז נייטיק און מעג־לעך.

— און צי ווייס איך אויך, מיט וואָס די אַרבעט איז פאַרבונדן, דאָס הייסט די סאַקאָנע, וואָס שטעקט, האַ? — האָט ער ווידער געפרעגט.

— כ׳ווייס, און כ׳בין אַף אַלץ גרייט, — האָב איך געענטפערט, פילנדיק שוין דעם אָטעם פון יענער גליקלעכער פרײַ, אַף וויפל איך האָב זיך געקאָנט פאַרשטעלן און האָבן פון איר אַן אַנונג.

דעמלט האָט מיך דער, וואָס האָט מיך אײַנגעלאַדן, גענומען גענוי אויספרעגן, ווו איך אַרבעט, בא וואָס, צווישן וועמען, און צי וואָלט איך געקאָנט עפּעס בײַטראָגן צו דעם, וואָס, איך האָב געהערט, ווערט דאָ פון אַלעמען געפאָדערט.

— כ׳ווייס ניט, — האָב איך געזאָגט, — כ׳וועל זען, כ׳וועל באַטראַכטן.

— אויך מיר וועלן זען, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אָנדײַטנדיק מיר דערוף, אַז אויב מײַן אַרבעט־פּלאַץ איז ניט גענוג גינסטיק אַף עפּעס דאָרט דורכצופירן און צו מאַכן, וועט מען עפּשער אָפּזוכן פאַר מיר אַן אַנדער פּלאַץ, ווו ס׳וועלן זײַן בעסערע מעגלעכקײַטן.

מ׳איז זיך צעגאַן. איך בין אַוועק אַ שטיק באַפליגלטע און באַ־גליקטע פון דעם, צו וואָס איך בין צוגעשטאַנען און וואָס דורך דעם האָב דערזען ווי אַן ערשטן דורכלויכט־שפּאַלט אויף צו קאָנען קומען צו יענער טעטיקייט, צו וועלכער איך האָב געגאַרט און זיך געצויגן ביז אהער, ניט ווייסנדיק, ווי זי אָנצורופן.

און פון דעמלט אָן, פון יענעם אָפּדערנאַכט, פון זינט דער גע־היימער זיצונג מיט די ניי מיר צוגעקומענע כאַווירים, כאַווערטעס פון איין גוירל, האָט בא מיר, בא דיין טאָכטער, טייערער טאַטע, גענומען אַרבעטן די זעל און דער מויעך אין אַ באַשטימטער ריכ־טונג — אין דער ריכטונג פון דערפינדערישקייט און פון ווילן זיך אויסצייכענען אין אַ געביט, אויף וועלכן איך וואָלט ביז אהער קיין הענט און קיין פיס ניט געפונען, ניט האָבנדיק פון אים קיין מינדסטע האַסאָגע.

* * *

אין אייניקע טעג אַרום האָבן מיינע כאַווערטעס פון דער אַר־בעטס־קאָלאָנע, צו וועלכער אויך איך האָב געקערט, מיך געקאָנט זען טאָן אַ זאַך, וואָס האָט קלאָל ניט געשטימט מיט מיין פריערי־קער אויפירונג און מיט מיין בייזער פריידיקערייַ און מוסער־זאָגן, בייס איך האָב, מיט אַ שטיקל צייט צוריק, מיט אַזאַ אימפּעט אָפּגעשליי־דערט די האַנט פונעם אויפזעער, נאָכדעם ווי איך האָב באַקומען פון אים געשלאָגן. זיי, די כאַווערטעס, האָבן אין איינעם אַ טאָג געקאָנט זען, ווי פּאַרקערט גאָר, ווי עפּעס האָב איך זיך מער גענומען צופיל שאַרן צו יענעם, ווי גלייך איך וואָלט געוואָלט כניפעדיק און אויף אַ בליקן אויפן בא אים כיין געפינען און זיך דערדינען צו עפּעס אומפּאַרדינטן...

זיי האָבן געקאָנט זען, ווי בעשאַס איך האָב אים דעמלט באַ־מערקט אַ גוט־געשטימטן און אינעם הויכן גראַדוס, נאָך דעם ווי ער האָט „זיינעם ביר" אַרייַנגעזויפּט און ווען איך בין אים צופעליק ווידער אין אויג געפאַלן און ער האָט מיך אויסגעוויילט פאַר דער, וואָס זאָל אים איצט, אינעם בעגילופנדיקן שטאַנד, געפעלן, און ער האָט גענומען קוקן אויף זיינע און מיינע „ביינע" פרעך און שיקער־גאַווערדיק, ווי זיין האַנאָווערישער שטייגער, — אַזוי האָב איך מיט אים, אים אָפּפירנדיק אין אַ זייט, ווי מ׳טוט מיט אַ גאָר נאָענטן, גענומען פאַרפירן אַ שטיקל שורס־בורס, וואָס דאָס האָט געווים געקאָנט אַרויסרופן כשאַד און אַ גאָר ניט קיין גוט געפיל צו מיר.

ס׳איז טאַקע אַזוי געווען: כאַווערטעס האָבן געקוקט און זיך געכידעשט, און כ׳מעג שווערן, אַז צו מיין אויער האָבן דעמלט דער־גרייכט נעקאָמעדיקע, און אַפילע שאָדנפריידיקע, ווערטער פון איי־ניקע, באַגלייט מיט בליקן אין מיין גאָר ניט פיינער זייט אַריין,

וווּהין איך האָב זיך מיטן אופזעער אָפּגעזונדערט, זאָגנדיק: „זעט, זי, די אַזוי שטרענגע, אויסגעהאַלטענע, וואָס איז אָקאָרשט־ערשט בלויז פאַר אַ פּאָר פּשאָרעדיקע ווערטער אַף אונדז אָנגעפאַלן, איז איצט אַריבער צו מער ווי ווערטער — צו פּשאָרעדיקע מײַסים, וואָס זײַנען איר, אַפּאָנעם, צום טאַם געקומען"...

— קוקט זי נאָר אָן, — האָבן געזאָגט אַנדערע, — די, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר טײַערוניע און אין דער מײַלע פון אומ־באַפלעקטן ווײַסן זײַדנס, כאַפּט, דאַכט זיך, באַלד אַ פלעק אַפן ווײַסן.

זיי האָבן רעכט געהאַט, די כאַוועריטעס, מיר דאָס אַלץ אויס־צוּוואַרפן, געדענקענדיק, ווי איך האָב פון זיי געמאָנט שטרענגע ווירדע אין דער האַלטונג צו די באַצווינגער, און אַז די, וואָס האַלטן די בײַטש איבער אונדז, זאָל ניט נאָר ניט דערלויבט ווערן אונדז מיט אַ האַנט אָנרירן, נאָר אַפילע זייער בליק זאָל אַף אונדז ניט פאַלן.

ניט ווייסנדיק, וואָס מיט מיר קומט פאָר, האָבן זיי רעכט געהאַט צו פאַרורטיילן מײַן איצטיקע אויפירונג. אינדערעמעסן אָבער איז דאָ עפּעס אַנדערש געווען געמיינט. אינדערעמעסן איז דאָס אַלץ, פון מײַן זײַט, געווען בלויז אָנשטעל אַף צו קאָנען שליסן כאַווערשאַפט מיט דעם, וואָס איז מיר געווען נישט ווייניקער דערווידער, ווי זיי, נישט ווייניקער איצט, ווי אויך פריִער, אָבער נאָר קעדיי אַרויסצוציִען נוצן פאַר דעם הייליקסטן צוועק, וואָס איך האָב פאַר זיך געשטעלט.

די נײַ מיר צוגעקומענע כאַווײרים האָבן זיך דאָך אין אַלץ געניי־טיקט און באַזונדערס אין געווער, וואָס איך האָב געטראַכט אַרויס־צוקריגן באַם אופזעער, אין וואָס פאַר אַ צאָל ס'וועט זיך נאָר לאָזן.

ס'איז עפּשער געווען קינדעריש־ריזיקאַליש, אָבער ס'האָט מיר גע־דאַכט, אַז ס'איז מעגלעך, און איך האָב זיך אויך ניט גענאַרט... כ'האָב, גאָרניט, גאָרניט אײַנשטעלנדיק, אויסער נאָר אַ קליין ביסל נישטיק־אויסערלעכע נאָכגיביקײַט, אַרויסגעבראַכט אין דער פאָרם פון אַ גוט־צוגעלאָזט, אָפּנאַרעריש וואָרט, סאָפּקאָלסאָף זיך דערשלאָגן צו קאָנען אַרויסנאַרן, וואָס געדאַרפט, און דאַפקע ניט אין קיין קליינער צאָל, און דאַפקע מער, ווי מ'וואָלט זיך געקאָנט ריכטן.

כ'האָב איין מאָל, צוויי מאָל די גוטברודערשע, גוטשוועסטערשע שפּיל מיט אים געשפּילט — מיר צום ווידערווילן און אים — צום קרומפּיסיקן פאַרגעניגן, — און דערבײַ האָב איך, זעענדיק, ווי ער צעגייט אין מײַן אָנוועזנהײַט, שוין אין איינעם אַ נאָענטן טאָג, האָבנדיק די זיכערקײַט אין דערפאָלג, געקראָגן די דרייסט אים אַ זאָג טאָן:

— הער קווינקענקוואַס, צי קאָן איך זיך דערלויבן זיך ווענדן צו אײַנען מיט אײַנער ביטע? — און דערבײַ האָב איך זיך אַ דריי געטאָן מיט אַ געמאַכט־ביינדלענדיקער מינע, זים אַלאַ קאַנדלצוקער...

— אך, ווי יאך, ווי האבען זי דאס געזאגט? „הער קווינקענקוואס?" — האָט ער זיך צעקײַכט פון געלעכטער דערפון, וואָס איך האָב, קלאָמפערשט אלפי־טאָעס, ארויסגערעדט זײַן פאמיליע־נאָמען ניט ריכטיק, ווײַל אינדערעמעסן רופט מען אים גאָר ניט קווינקענקוואס, נאָר „הער פוטערפאס". — פיר זי, פאר מיר, הייסט עס, איז ער גרייט אין פײַער און אין וואסער, — האָט ער זיך מילד־צעגארטלט און צעלייגט. — „פאר פרוילן" פלאָרא איז ער אפילע גרייט „איין קליין ביסכען" אין זײַנער „פראו", וואָס אין האנאָווער, צו פארגעסן, — האָט ער געזאָגט און האָט די איינציקע לוין און באגיטיקונג צוריק פון מיר באקומען — בלויז די דערלויבעניש לעמעליש־פארליבט אף מיר צו קוקן...

— יאָ, אָבער אין וואָס באשטייט מײַן ביטע? — האָט ער זיך געכאפט צו פרעגן.

— אָט אין וואָס: אזויווי אים איז באוווסט, אז אלע „יודען" אזוי מאנצבלען, אזוי פרויען, זײַנען פארורטיילט פון די זײַניקע אף „הערונטערגעמעצעלט" צו ווערן, דאָס הייסט אף אומקומען, איז וואָלט זי, פלאָרא, געוואָלט, אז ווען ס'וועט קומען איר ריי, זאָל זי זיך דאָס קאָנען מאכן אליין און זיך פארשפאָרן שטעלן אונטער דער קויל פון די, וואָס מאכן דאָס אין הורט און אונטער קוילע־קוילעס פון גרויסע מאסן, וואָס ווערן צוזאמענגעטריבן אין דער צײַט פון אן „אקציע".

דעם הער קווינקענקוואס האָט זיך עס געלייגט אפן סייכל... ער האָט זיך א ווײַלע נאָר ווי אויסגעניכטערט און גענומען שטיל צעקײַען, וואָס מ'האָט אים אָקאָרשט ערשט דאָ פאָרגעשלאָגן, און אײַנשטימענדיק און אָפגעבנדיק מיר דעם גערעכט, ווי איעדער בארדאס, וואָס רעדט צו דער זאך, האָט ער נאָר א פרעג געטאָן:

— איז אין וואָס זשע, אייגנטלעך, באשטייט פאָרט מײַן באקאָשע? אויב איך וויל דאָס מאכן אליין — אין ווער לאָזט מיך ניט, כאָטש ווי ער ווייסט, מאכן דאָס די „דויטשע זאָלדאטן" אויך גאָר ניט שלעכט...

— פארשטייט ער, דער הער אופזעער, דערצו מוז מען אָבער האָבן מיט וואָס דאָס צו מאכן — שיס־געווער... און זאָל ער ניט מיינען, אז זי מיינט דאָס צו קריגן בא אים, גאָט באוואָר, אומזיסט. זי איז גרייט צו צאָלן מיט וואָס נאָר זי פארמאָגט און וואָס נאָר אין איר רעשוס געפינט זיך: מיט די בעסטע קליידער, וואָס זײַנען איר געבליבן, נאָכדעם ווי מ'האָט דעם איריקן אוילעם באנומען, און וואָס איר האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצובאהאלטן; אויך מיט א קליין ביסל צירונג, וואָס האָט זיך בא איר פארהיט, און וואָס וועט געווים, ווי א פײַן געשאנק, גערן אופגענומען ווערן פון דער „פראו" פונעם הער אופזעער, וואָס אין האנאָווער.

— זאָ, — האָט דער שיקערלעכער אופזעער, דערשמעקנדיק גע־שעפט, געגומען וועגן און מעסטן אין קאָפּ איינס קעגן איינס — די לוינבארקייט פונעם פאָרשלאָג מיט דעם קליין שטיקל געפאַר, וואָס קאָן זיך דאָ פאר אים באקומען באם ארויסקריגן פארבאהאלטענער־הייט, פארשטייט זיך, דאָס, וואָס ס'פאָדערט זיך פון אים.

— זאָ, — האָט ער געזאָגט, ניט דערזאָגנדיק, און מ'האָט געזען, ווי דער פאָרשלאָג האָט אים פארשמעקט און אז זיין זשעדנע־באַ־גערנדיק פּישל איז שוין אף האלב פון ווערעמל, וואָס אף מיין ווענטקע, פארקישעפּט־צוגעצויגן, אף ניט אָפּצוטרעטן און אף זיך, סאָפּקאָלסאָף, לאָזן פאנגען.

און ס'איז אזוי געווען. אין איינעם א נאָענטן טאָג האָט דער הער אופזעער, שוין דאפּקע ניט אין שיקער־שטאנד, נאָר א ניכטערער, אויסגעמאנקירט א צייט, ער זאָל מיך אָפּרופן אין א זייט, מיט א ווונק, אז אנדערע זאָלן אונדז ניט באמערקן, און פארשטעלטערהייט האָט ער מיר אָפּגעשטעקט א קליין שטיקל געווער — א רעוואָלווערל פון א געוויסער סיסטעם, באקומענדיק דערפאר, פון מיין זייט, צוריק באצאָלט מיט א פרויזשן כייפעץ, וואָס ער איז לאנג מיט אים פאר־שטעקט געבליבן און מיט טענדלערישער מעווינעס אים אין די הענט געדרייט און מיט די אויגן געשאצט, וועלנדיק וויסן, אף וויפל ער וועט דאָרט, אין זיין האנאָווער, „בא זיינער פראו" אויסנעמען.

ער האָט זיך איבערצייגט, אז ער האָט זיך, דאכט זיך, ניט גע־נארט. ער איז ארויס צופרידן. און דערפאר איז פון דעמלט אָן, פונעם ערשטן מאָל מיסכערן מיט אים, דער שליסל צו זיין אופזע־ערישער געשלאָסנקייט בא מיר אין דער האנט געווען אף צו קאָנען צוטרעטן צו אים מיט מער דרייסט, ווען מ'דארף; איין מאָל, נאָך א מאָל און א סאך מאָל, אָן מוירע, אז ער זאָל מיך אָפּשליידערן אָדער גאָר ארויסגעבן.

ער האָט זיך דאָך דאָ, אומבאמערקט פאר זיך אליין, אין א פארבאָטענעם האנדל אריינגעלאָזט, וואָס ווען מ'דערוויסט זיך, וואָלטן די פאָלגן פאר אים נישט ווייניקער געפערלעך געווען, ווי פאר מיר, וואָס איך האָב אים אָנגערעדט און אין שותפעס אריינגעצויגן.

א צווייט מאָל האָב איך אים געזאָגט, אז דאָס זעלבע, וואָס איך, באגערט אויך מיין שוועסטער זיך צו דערווערבן, און ווידער, נאַ־טירלעך, ניט אומזיסט, נאָר אויב ער וויל, איז פאר געלט, און אויב ניט, איז פאר פרויען־זאכן.

אוי גאָט, אוי טאטע טייערער! ווי שווער אָט די שפּיל איז מיר ניט אָנגעקומען, ווי אומריין כ'האָב זיך ניט געפילט באם מיסכערן מיט אים באם בייטן זיך און עפּעס פון זיין האנט אין מיינער ארייַנ־באקומען, האָט זיך דאָס אלץ אָבער דאָך אויסגעקויפט מיט דער שיינענדיקער צופרידנקייט, וואָס פלעגט זיך באווייזן אין די אויגן פון די מייניקע אינעם פינפלינג, ווען איך פלעג, נאָך גרויסער סאַ־

קאָנען באַם דאָס דורכטראָגן דורך דעם באַוואַכטן געטאָ־טויער, ווי מ'פּלעגט אַלעמען באַזוכן, זיך דאָך מיט דעם אַרויסקריגן, און ווען אין אַלעמענס אויגן, קוקנדיק אויף דעם, האָט אויפגעשײַנט אַ שטיק יאָמטעוו... ס'איז דאָך ניט קיין קלייניקייט: געווער, וואָס אָן דעם איז אויפשטענדלער קיין אויפשטענדלער — נול, אָן הענט און צו גאָרנישט ניט גערעכנט...

ס'האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אַרויסבאַקומען, וויפל נאָר ס'האָט זיך געלאָזט, און דערצו נאָך קימאַט אָן ריזיקע אויפגעדעקט אָדער אויסגעגעבן צו ווערן, מאַכמעס דאָס שוטפעס פונעם הער קווינקענקוואַס האָט געדינט פאַר אַ גאַראַנטיע, אַז, אַלנפאַלס, די ערשטע העלפט אָפּעראַציע, ביז צום אָנקומען צום געטאָ־טויער, וועט דורכגיין בעשאָלעם.

סאָפּקאָלסאָף אָבער האָט זיך אָט דער קוואַל אויסגעשעפּט. צי מ'האָט דעם הער אויפזעער איבער אַנדערע סיבעס פון זײַן אַמט אָפּגערופן, צי ער האָט, עפּשער טאַקע, אויך אַ שטיקל כּשאַד צו זיך דערוועקט — ווייס איך ניט. דעמאָלט האָבן די אונדזעריקע געפונען פאַר נייטיק אויך מיך פון מײַן אַרבעט־פּלאַץ אַוועקנעמען און מיך אײַנאָרדענען אויף אַן אַנדערן, ווי אויך דאָרט האָב איך געטאָן, וואָס אין די נײַע באַדינגונגען איז מעגלעך געווען, אויף ווידער אַרויסצוהעלפן אַנדערע, קעדיי דערנאָך אַליין געהאָלפן ווערן.

ווײַל ווירקלעך: אייניקע זײַנען שוין מיט דער הילף פון די אין די וועלדער זיך געפינענדיקע כאַווײרים דורך די צוימען פון געטאָ אַריבערגעצויגן געוואָרן, און אַנדערע שטייען דערווײַל נאָך אין דער ריי, מע זאָל מיט זיי אויך טאָן דאָס זעלבע, אין פאַל, ווען אַ גוטער, גינסטיקער מאָמענט דערצו וועט קומען.

און אויך איך בין אין דער ריי. כ'געפין זיך דאָך אונטער דער פּרוּוו און אויפזיכט פונעם אָנפירער פון אונדזער פּינפלינג, וואָס האַלט מיך, ווי איך באַמערק, אין אויג, און וואָס פון צײַט צו צײַט טו איך פון די קורץ־געהיימע באַגעגענישן און פון זײַן באַציִונג צו מיר אַרויספילן, אַז איך בין בײַ אים פאַרעכנט פאַר נישט פון די ערגסטע, און אַז זײַן צוטרוי צו מיר, ווי צו אַ צוגעצויגענער, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַרעכטיקט... איז אַלזאָ, בין אויך איך אין דער ריי.

* * *

טאָג... כוידעש... יאָר...

טײַערער טאַטע. און איצט געזעגן איך זיך, דאַכט זיך, מיט דיר. ס'קומט די אַנטשליסנדיקע שאָ, ווען כ'דאַרף אַריבער פון באַוווּסטן אין אומבאַוווּסטן — אין וואַלד, ווי איך וועל האָבן זיך צו באַגעגענען מיט אַזאַ סאָרט דערפאַרונג, וואָס אין קיין ביכל איז ניט פאַר־

שריבן און איז קיין קעגנשטאנד אין קיין שול צום שטודירן. און א שאָד, א שאָד... בענטש מיך, טאטע.

אָט וואָס ס'איז לעצטנס פאָרגעקומען. ס'האָט מיך איינמאָל אין אָוונט, קומענדיק צום פינפלינג אין אונדזער וויַיט־פארוקטער און געהיים־געהאלטענער וווינונג, בערל בענדער אין א זייַט אָפּ־גערופן און מיר א זאָג געטאָן, אז ווען אלע וועלן זיך צעגיין, זאָל איך מיט אים אף א קליינער ווײַלע אליין פארבלייַבן: ער האָט מיט מיר עפּעס איבערצורײדן.

כ'האָב, בלייַבנדיק מיט אים אליין, זיך דערוווּסט, אז מ'האָט באשלאָסן בעקאָרעוו ארויסשיקן מיך מיט א גרופּע געטאָ־כאוויירים, אָבער ניט סטאם, ניט געוויינלעך, נאָר מיט א מיסיע, וואָס ווערט מיר מיטגעגעבן אין וועג.

— אן ערנסטע, זייער אן ערנסטע, — האָט בערל בענדער, מיר דאָס פארטרויענדיק, צוגעגעבן.

די זאך איז באשטאנען אָט אין וואָס.

אין געהיימען צענטער פון די אונטערערדישע אָנפירנדיקע געטאָ־טוער און פון אויסער דער געטאָ האָט זיך אריַינגעכאפּט א פארעטער. ער האָט זיך צוערשט גרויס צוטרוי דערוואָרבן, שאפנדיק, לעפּאָנעס, וווּנדער אין די געהיימע אומשטענדן, דורכשלייַכנדיק זיך אונטער דער נאָז פון אלערליי נאָכשפּירער מיט אלערליי פארבאָטענעם, אָן שום שאָדן פאר דער זאך. ער האָט אלץ, וואָס ס'האָט זיך געפּאָדערט, דורכגעפירט ווי ס'געהער, פארבלענדזנדיק די אויגן פון די אייגענע, קעדיי די פארגלייבטקייַט אין אים זאָל שטייַגן אָן אופהער, און קעדיי ס'זאָל אויסגעשלאָסן זיַין, אז א וואָסער־ניט־איז שאָטן פון א וואָסער־ניט־איז פארדאכט זאָל ווען־ניט־איז אף אים פאלן. ער האָט צוערשט, צוליב פארעטערישע צוועקן, טאקע בעעמעס גרויס נוצן געבראכט, מיט אייַנשטעלן דרוקערייַען, מיט אייַנאָרדענען ראדיאָ־פּונקטן און מיט איבערפּעקלען אלץ, וואָס נייטיק, פאר די, וואָס קוקן אומגעדול־דיק ארויס אף דעם, ביז אפילע איבערפּעקלען, מיט גרויס־קלוימער־שטער געניטקייַט און באהאוונט זיַין אין דער זאך פון וועג־אָנווייַ־זעריַי, גאנצע גרופּעס געטאָ־אייַנוווינער, יוגנטלעכע, ווי אויך עלטערע, וועמען מ'האָט באשטימט אריבערפירן.

ס'איז קיינעם אפן זין ניט געקומען, אפילע ווען א דורכפאל פלעגט זיך מאכן, אים, דעם אזוי געטרייַען, דעם אזוי אייַנשטעלער, אונטערן שפּאקטיוו צו נעמען, אים בוידעק זיַין, וועלנדיק אין אים אויסגעפינען פאראט־באציַלן. אזוי אלע, אויסער איינעם, בערל בענ־דער, וואָס פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען ער האָט זיך מיט אים אף א צוזאמענקום מיט כאווײרים געטראָפן, האָט ער באלד אף אים אן אומכיין געוואָרפן, ניט וויסנדיק פארוואָס, אָדער בעסער געזאָגט: יאָ וויסנדיק. אן אויסערגעוויינלעכער, טיף־אייגנשאפטלעכער כוש, וואָס קומט פון פּראקטיק פון א לאנגיעריקער, אונטערערדישער

שול דורכמאכן, האָט אים גלײַך אונטערגעזאָגט, אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פויגל מיט פרעמד־פאַרפּוצטע פעדערן.

דער פאַרשוין — נאָך אַ יונגער, פאַר די דרײַסיק, אָבער עפּעס שוין איבעריק געפּאַקט אין קאַרק, אין דער ברוסט, אויך העכער דער ברוסט מיט איבעריק פלייש און פעטס; מיט אַן אומקלאָרן, שמאַלציק צעשוווּמענעם בליק; אויך מיט אַ צו גראָבער אונטערשטער צעשפּאָלטענער ליפּ, מיט אַ ווײַס־דאָרשטיק שרונטעלע אינדערמיט; האַלט זיך פרײַ, אויפגעבונדן, און דאָך מאַכט ער דעם אײַנדרוק, ווי ער וואָלט ערגעץ פאַרשפּיליעט געווען אַף הינטן, אַפן רוקן — פאַרקערט ווי אַלע.

אַז בערל בענדער האָט אָט דעם פויגל דערזען, האָט ער גלײַך דערפילט, אַז יענער האָט פאַרדינט, אַז נישט געקוקט אַף אַלע זײַנע פאַרדינסטן, זאָל מען אַף אים פון צײַט צו צײַט דאַפּקע יאָ דעם שפּאַקטיוו אָנשטעלן און יאָ בווידעק זײַן מיט פאַרדאַכט אַף באַצילן.

ער האָט גלײַך דערמלט וועגן דעם מיט זײַנע נאָענט־באַגליבטע כאַווײרים זיך געפּרוּווט טײלן; אָבער אַזוי ווי אַלע זײַנען אומגעהײער באַגײַסטערט געווען פון יענעמס אויפטועו באַם לייזן די שווערסטע אויפגאַבן, וועלכע מ'האָט אים פאַרגעבן, אַזוי, אַז פון וועגן צווייפלען אין אים האָט באַ קיינעם פון די כאַווײרים קיין שום רייד ניט געקאָנט זײַן — האָט דערום אָט דער בערל באַקומען פון אַלעמען אַזאַ סאָרט אָפּשניט, אַז ס'האָט געהאַלטן דערבײַ, אַז מ'זאָל פאַרקערט, אים, בערלען אַליין, האָבן כווישעד געווען, אַז ער מיינט אַ געטרײַנוצלעכן טוער באַזײַטיקן, צוליב, כאָלילע, — גאָר אייגענער אומגעטרײַשאַפט...

אַז ס'איז שפּעטער געשען אַ דורכפאַל, האָט מען אַלע דורכגעקאָנטראָלירט: עפּשער... אויסער אים, וואָס מ'האָט אַפילע אין זײַן זײַט ניט געקוקט, פון גרויס בעטיכעס, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו קוקן... אַזוי אויך דאָס צווייטע מאָל. די לעצטע צײַט אָבער, ווען ס'איז געשען אַזאַ מוירעדיקער בראָך אינעם גאַנצן אונטערערדישן ביניען, אַז ס'האָט אַלעמען אויפגעשיטערט, זעענדיק, אַז אָט־אָט וועט מען זיך שוין צו די לעצטע דערקלײַבן, האָט מען זיך ערשט דערמלט געכאַפּט אַ צווייפל טאָן אויך אין יענעם, און ווען מ'האָט אויסגעפונען צוערשט בלויז איינעם אַ קליינעם דעמאַסקירנדיקן פּאָדעם, האָט מען זיך באַלד צו דעם גאַנצן פאַרעטערישן קנויל דערביוועט: מ'איז אָנגעפאַלן אַף אַ שפּור, וואָס דורך אים איז מען דערגאַן, אַז אַלץ, וואָס איז פריִער געהאַט געשען, שטאַמט פון אים: זײַן האַנט, זײַן מעלאָכע... מ'האָט אָבער, פון פאָרזיכט־וועגן, זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט, קעדיי יענער זאָל, דערזעענדיק, אַז סײַווי וועט ער שוין מער נישט קאָנען זײַן צווייפּענעמדיקע שפּיל פאָרזעצן, ניט וועלן מיטאַמאָל, מיט איין מאָך מיט דער האַנט אַלץ מיטאַנאַנדער אויסגעבן און די

גאַנצע אונטערערד ביז ענד ליקווידירן. מ'האָט דערום באַשלאָסן אים באַזײַטיקן... נאָר קעדיי ער זאָל זיך וועגן באַשלוס ניט אָנשטויסן, האָט מען זיך געמאַכט ניט ווּיסנדיק פֿון גאָרניט און די קלוימערשטע כאַווערישע באַציִונגען מיט אים אָנגעהאַלטן אויך אַף ווײַטער. און פֿאַרקערט, מ'האָט אים צולעצט נאָך מיט אַ זייער פֿאַראַנטוואָרטלעך שליכעס באַפּולמעכטיקט, וואָס מ'איז זיכער געווען, אַז ער וועט זי אָנעמען, זײַענדיק פֿאַרינטערעסירט צו בלײַבן דאָס, וואָס ביז אַהער, דאָס הייסט פֿאַרעטעריש־פֿאַרמאַסקירט, קעדיי צו האָבן די מעגלעכקײַט אויך ווײַטער טאָן און שאַפֿן לעטויוועס די, וועמען ער האָט פֿאַר גוט געצאָלטס געדינט.

מ'האָט באַשלאָסן, ווידער מיט זײַן הילף און אונטער זײַן אָנפֿירונג, אַריבערפֿעקלען אַ גרופּע כאַווײרים אַהין, ווּהין נייטיק, אַזוי ווי מ'האָט דאָס טאַקע שוין ניט איין מאָל דורך אים דורכגעפֿירט, און ניט אָן דערפֿאָלג.

מ'האָט דאָ געוואָלט דערגרייכן צוויי צילן מיטאַמאָל: אי דורכצופֿירן און אַרויסבערענגען פֿון סאַקאָנע די כאַווײרים, וועלכע האָבן מער לענגער שוין דאָ נישט געטאָרט פֿאַרבלײַבן, און אין דער זעלבער צײַט זאָל מען דעם פֿאַרשווין אַליין אונטערפֿירן און אים אײַבערײַנטרעפֿן אין די הענט פֿון די, וועלכע וועלן זיך שוין מיט אים באַגיין ווי געהעריק — אים אומשעדלעך מאַכן...

ס'איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט, אַ קימאַט נישט געוועזענע ביז אַהער אין דער פּראַקטיק אַפֿילע פֿון זייער געניטע און אָפֿן שאַרף פֿון מעסער גייענדיקע אונטערערדלער: אויסנוצן אַף אַזאַ אַרט אויפֿן אַ פֿאַרעטער — אים צום אומקום און זיך לעטויווע...

ס'איז געווען, ווי געזאָגט, נאָך אַ שווערן בראָך, ווען די גאַנצע גרופּע זייער טיכטיקע און אויסגעשפּילטע קינסטלער פֿונעם אונטערערדישן פֿאַך זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די, וועלכע האָבן שוין לאַנג אַף זיי אַרויסגעקוקט זיך צו קאָנען די הערצער קילן און זיי אַרויסשטעלן אַלס מוסטער, צום באַווײַז, וואָס פֿאַר אַ סאָף ס'וועלן האָבן אַזוינע, וואָס די קעפּ זײַנען בא זיי ביליק.

צווישן זיי, צווישן מאַנצבלען און פֿרויען — אויך איינע, גאָר אַ יונגע, מיט שטאַרק צעעפֿנטע, טאָמיד זיך ווּנדערנדיקע אויגן, אונטער אַ הויכלעך־ווײַסן, אומשולדיקן שטערן, מיט טאָמיד פֿאַרלייגטע בייגל־צעפּ אַרום קאָפּ, ווי אַ קריינדל, וואָס אויך איך האָב זי געקענט און האָב זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז אַזאַ איינע קאָן האָבן אַ וואָסער־ניט־איז שײַכעס צו דעם, וואָס זי האָט בעעמעס יאָ געהאַט — און נאָך אַ מין האָבן.

אויסזעענדיק אומשולדיק־קינדעריש, איז זי געווען מײַסטער אַף צו קאָנען אַרויסטראָגן דורך די סאַמע אויסגעהיטסטע ערטער דאָס געדאַרפֿטע, מאַכנדיק דעם אײַנדרוק אַף די, וואָס האָבן, לויט זייער

אמת, נישט געטאָרט דורכלאָזן קיינעם אָן ניט גוט צו באקוקן, אָן רעכט צו באטאפּן, — אז זיי האָבן פאר זיך מישטיינסגעזאָגט א טאם, אף וועמען ס'לוינט זיך ניט צו קוקן, ווײַל וואָס פארשטייט אזוינס אין קאָנען פעלשן.

און זי האָט שוין דאפּקע יאָ געוווּסט. דערפאר האָט מען זיך אין איר באזונדערס נויקעם געוועזן — סײַ די, וואָס האָבן מיט איר צו טאָן געהאט ביים די אויספרעגן און ביים דער דערבײַיקער פּײַניקונג, ביים וועלכע זי האָט ווידער געוואָלט שפּילן די ראָל פון א טאם; און סײַ די הענקער דערנאָך, וואָס האָבן אָדער אף אייגענער אכרײַעס זיך צו דער מעשונעדיקער עקזעקוציע דערטראכט, צי אָדער זייער אייגענער קאָפּ אליין האָט דערוף ניט געטראָגן, און זיי האָבן באַקומען א באפעל, וויאזוי זייער זאך אויסצופירן, פון א העכערן און א מער ראפינירטן און אויסגעקליגלטן הענקער...

מ'האָט זי אופגעהאנגען האלב נאקעט, אָן די אייבערשטע טייל קליידער, און צו אירע צוויי לאנגע צעפּ, וואָס מ'האָט זיי איר אף איבער דער ברוסט אריבערגעוואָרפן, האָט מען אָנגעבונדן צוויי טויטע שטשורעס, צום פּוץ־פּאראד און שענדונג... אָט אקוראט, ווי איך האָב אמאָל געלייענט אין אונדזער געשיכטע, וויאזוי ס'האָבן זיך אופגעפירט די אורעלטערן פון די איצטיקע הענקער אין צוועלפטן, דרײַצנטן יאָרהונדערט, אין איינער א באוווּסטער שטאָט שפּײַער, אין איינעם אָן ענלעכן פאל, מיט איינער אָן אנדערער יידי־שער טאָכטער.

אלע האָבן זיך דערפילט באטריבט און נידערגעשלאָגן, נישט געקוקט, וואָס קיינע גרויליטאטן האָבן שוין דאָ, אין אונדזערע באַדינגונגען, קיינעם ניט געקאָנט איבעראשן. באזונדערס האָבן זיך אזוי געפילט די אייגענע, גאָר נאָענטע, די, וואָס האָבן מיט איר אין געהיים צוזאמענגעארבעט און וואָס האָבן זיך אין אירע ארטיסטישע פייִקײַטן געשפּיגלט און זיך גערימט מיט איר, ווי מיט אָן עווען־טאָוו. און גאָר באזונדערס האָט זיך אזוי געפילט דער אויבנדערמאָנ־טער בערל בענדער, אי דערפאר, וואָס ער איז געוועזן דער, וואָס האָט דער ערשטער וועגן דער סאקאָנע, וואָס מ'האָט צו דערוואַרטן פון דעם פארעטער־פארשוין, אליארמירט; אי דערפאר, וואָס זי, אָט די אונטערערדישע ארטיסטן, האָט זיך, דאכט זיך, אומיטלבאר אונ־טער זײַן אופזיכט און אָנפירונג געפונען — אויך אזא, ווי איך, א מיטגליד פון א פינפלינג, וועלכע מ'האָט בא אים איצט, ווי א שטיק לײַב מיט אָן אָפּצווענג, ארויסגעריסן.

און אָט, נאָך אָט דער געשעעניש, וואָס איז אלעמען באוווּסט געוואָרן, סײַ אין שטאָט, סײַ אין געטאָ, און וואָס האָט אָבער באזונ־דערס אָנגערירט און געטראָפן די, וועמען ס'האָט דערוואַרט דער זעלבער גוירל, וואָס יענע ארטיסטן, — אָט דעמלט איז בערל בענ־דער, ווי דערציילט, אין יענעם אָוונט, אין יענער געהיים־פארוקטער

ווינונג מיט מיר אליין פאַרבליבן און מיר דערציילט וועגן אָנגענו־מענעם באַשלוס בעסאָד; און דערבײַ האָט ער צוגעגעבן, אַז אויך איך וועל מיט דער אַרויסגעפירטער גרופּע געשיקט ווערן, אָבער צו־זאַמענזײַענדיק מיט אַלע, וועל איך אָפּ זיך אַ ספּעציִעלע מין מיסיע מוזן נעמען.

— אין ערנסטע, זייער אין ערנסטע, — האָט ער צוגעגעבן, נישט זאָגנדיק, אין וואָס זי באַשטייט.

זי איז באַשטאַנען אין דעם, מ׳זאָל, גייענדיק מיט דעם פּאַרשוין, אים האַלטן צוגעבונדן —ניט מיט שטריק, נאַטירלעך, נאָר מיט אַן אַנדער אינטערעס, דורך וועלכן ער וועט זיך לאָזן ציִען...

יאָ, אַגעוו, אָנעמענדיק דעם באַשלוס וועגן אַרויסמעשאַלייעכן און אומשעדלעך מאַכן דעם פּאַרשוין, האָבן די אָנפירנדיקע כאַווירים באַפּולמעכטיקט אַלעמען, און באַזונדערס בערל בענדער, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן פּאַר אַזוי פייִק באַם דערקענען און פּאָרויס־שפּירן דעם פּאַרעטערישן רייעך, וואָס זעצט פון אַזוינע, — זיך צו דערוויסן וועגן זײַנע נעטיִעס, לײַדנשאַפטן, אַדאַנק וועלכע אַזאַ איינער גליטשט זיך אָפּט אויס, און וועלכע דינען פּאַר דער סיבע, דורך וועלכער ער לאָזט זיך פון ווען־ס׳ניט־איז פאַנגען.

מ׳האָט זיך דערוווּסט: פרויען איז זײַן שוואַכקײַט... אַ טיף־צע־לייגטער, וואָס זײַן פאַרטונקלטער בליק און זײַן טרוקענע, עטוואָס אײַנדערמיט אָנגעשפּאָלטענע, אונטערשטע ליפּ ווערן אופדערלויכט און פעטלעך אופגעלעבט, ווען ער טרעפט זיך צוזאַמען מיטן צווייטן מין, וואָס האָט אָפּ אים גרויס ווירקונג און מאַכט זיך אים פאַרגעסן ביז שיקרעס און קאָפּשווינדל.

— פרויען? — האָב איך אַ פרעג געטאָן, אויסהערנדיק בערלען און באַנעמענדיק, וואָס ער מיינט.

— יאָ.

— איז וואָס פאָדערט זיך פון מיר?

דערוף, אָפּ אָט דער פראַגע, איז פון בערלס מויל מיר קיין ענטפער ניט געקומען. ער האָט אַפילע אייניקע רעגעס די אויגן צו די שפּיץ שיך אַראָפּגעהאַלטן פון בושע, פון פאַרלעגנהײַט און פון ניט האָבן וואָס צו זאָגן. און אָט די געציילטע, שווײַגנדיקע פאַר־לעגנהײַט־רעגעס וויל איך, טאַטע, אויסנוצן אָפּ זאָגן אַ פּאָר ווערטער צו זײַן פאַרטיידיקונג.

ס׳איז אים אוואָדע ניט לײַכט געווען אָנצוקומען צו מיר מיט אַזאַ פּאָרשלאָג — אים, דעם, וועמען כ׳האָב, דאָס ערשטע מאָל אים דערמאָנענדיק, אויסגעלויבט, און וואָס ווי איך האָב געזאָגט, איז ווען איך זאָל ניט זײַן אַזוי יונג און ער — ניט אין זײַן עלטער, ווען איך ניט אַזוי ווײַט־שטייענדיק פון דעם, פאַר וואָס ער איז גרייט זײַן לעבן שטרעקן, וואָלט איך געקאָנט זײַן די, וואָס וואָלט די ערשטע זיך אין אים פאַרליבט. ער, דער אַזוי זיטלעכער, אין וועמען איך זע

אײַן אײנעם פון יענע, װעלכע טראָגן מיפּול און מיט שװײס די ערשטע שטײנער פאר א נײַעם ביניען, װאָס דאָס ראָװ האָט נאָך פון אים קײן אנונג, נישט גלײבנדיק אין זײַן אופקומענדיקער מעגלעכקײַט און קינפטיקן קיִעם. מערער: ניט בלויז זײ זײַנען די טרעגער פון די שטײנער, נאָר זײ זײַנען אָפּט גרײט זיך אלײן אין די גרונטגריבער, אין די פונדאמענטן זיך פאר שטײנער לײגן, װאָס זײ טוען דאָס טאקע אָפּט.

און דאָ, נא דיר גאָר, ער, בערל, — און אזא פאָרשלאָג, מיט װעלכן מ'קומט ניט צו קײן ערגסטן אפילע...

— נײן, — האָט ער זיך געכאפּט נאָכן עטװאָס לענגלעכן שװײַגן אין פארלעגנהײַט און אראָפּקוקן צו די שפּיץ שיך אין בושע. — ער מײנט, כאָלילע, ניט קײן בײז... זאָל איך אים שלעכט ניט פארשטײן. װאָלט ער מיך געהאלטן פאר צו שװאך און װײניק שטאנדהאפטיק, װאָלט ער מיך, נאטירלעך, מיט אזא סאָרט מיסיע ניט באופטראָגט. אָבער אזױװי ער איז זיכער אין הײפעך: אזױװי ער האָט פאר דער קורצער צײַט פון אונדזער באקאנטשאפט באװיזן מיר נאָכקוקן און אויסשטודירן מײַן כאראקטער, אף װיפל ס'איז אים געװען מעגלעך, און אף װיפל ניט — האָט ער אויך בא אנדערע, װאָס קאָנען מיך נעענטער, זיך אָנגעפרעגט, — אף אזױפיל האָט ער אויך געקריגן דאָס בעטיכעס, אז זײַן אונטערנעמונג איז װײַט פון געפערלעך, און אז איך װעל דורכפירן דאָס, װאָס ס'פּאָדערט זיך פון מיר, אי זיך ניט צו שאָדן און אי דער אלגעמײנער זאך לעטויװעס.

— די צײַט, — האָט ער געזאָגט, האלטנדיק דעם קאָפּ אראָפּ, — איז דאָך, װי איך װײס, אן אויסערגעװײנלעכע, די אומשטענדן — פול פאראנטװאָרטלעך, — און נו, איז אויב ס'מאכט זיך אזא פאל, מוז מען דעמלט אײַנגײן צו פארבײגן אפילע אזא שטיק געװיסן, װאָס אן אנדערש מאָל לאָזט מען זיך בעסער א האנט אָפּהאקן, און גאָר אמאָל — אפילע דעם קאָפּ.

— אָבער, — האָט ער װײַטער געזאָגט, רײדנדיק װי צו זיך אלײן און פארענטפערנדיק זיך פאר זײַן פארבויגענעם געװיסן, — זאָל איך זיך ניט שרעקן... איך װעל ניט זײַן אלײן, נאָר אין דער געזעלשאפט פון כאװײרים, װען, כאָלילע, יענער װעט זיך װעלן מענגװולדיק צעגײן... און די גאנצע מײן־זאך װעט באשטײן נאָר אין דעם — אים לײַכט צוציִען, ניט צוציִען, דאָס הײסט, האלטנדיק אים אף א געװיסן מעהאלעך, אין דער זעלבער צײַט אים אויך ניט אָפּשטויסן. דעריקער אים ניט לאָזן אלײן, ניט לאָזן זיך באדענקען, אים פארײדן, פארינטערעסירן און אים מאכן מײנען קלוימערשט, װאָס ער מײנט...

— אנטשולדיק... — האָט בערל געפונען פאר נײטיק צו די לעצטע װערטער נאָך דאָס גאָר לעצטע װאָרט צוגעבן אין זײַן לעצטער פארלעגנהײַט, און דערבײַ האָט ער, זענדיק, אז איך האָב בא זיך

געפּויעלט און באַשטייט אויף זײַן פאַרשלאָג, גענומען מער אויספירלעכער מיר מײַן אופגאַבע דערקלערן און מיך אײַיצען, וויאַזוי זיך צו האַלטן און זיך אופירן אין וועג.

דערבײַ האָט ער ווײַטער צוגעגעבן, אַז איידער איך וועל זיך אין וועג לאָזן, וועט מיר נאָך מיטגעגעבן ווערן אַ שיפער־שריפט, אין מײַן קלייד אײַנגענייט, אויסגעפאַרטיקט פון די היגע אונטערערדישע כאַוויירים צו יענע, פאַר וועלכע איך וועל זיך מיט דעם פאַרשוין דאַרפן ווײַזן, אויף אים צו דעמאַסקירן און זײַן מעהוס אופדעקן...

* * *

און שוין. און איידער איך וועל זיך אין וועג לאָזן, וואָלט איך וועלן נאָך אויך וועגן זיך אַ פּאָר ווערטער זאָגן. דערמאָן זיך, טאַטע: איך, וואָס בין נאָך אַזוי יונג, וואָס קימאַט ערשט פון דער שול־באַנק אַראָפּ, ערשט קימאַט פון אונטער די פאַרליבטע בליקן פון די מײַן גלײַכן יונגנטלעכע, וועלכע האָבן זיך מער קיין גליקן ניט דער־לויבט; איך, וואָס האָב ערשט פויגל־פרײַ געטאַנצט, נישט באַנעמענ־דיק נאָך אַפילע מײַן אייגענע פרוויִשע באַגאַבונג פון צו קאָנען אויסנעמען און געפעלן, איך, טאַטע, פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף, אין אָט די, ווי אַ דונער אַראָפּגעפאַלענע, פאַרשאָלטענע אומשטענדן. ניט נאָר ניט צו דינען אין כאַוועריִשער פרייד דעם, וואָס ער וואָלט מיך אויסדערוויילט, און איך — אים, נאָר פאַרשאָלטן — פאַרקערט גאָר — צו דינען פאַר אַ ביליקן שפּילצײַג פאַר פאַרשיידענע עקל־לײַט, וועלכע האָבן געקראָגן די מעגלעכקײַט זייערע נימעסע הענט צו מיר צו שטרעקן, ווי צוערשט דער געביטס־קאָמיסאַר, דערנאָך דער הער אופזעער, און איצט נאָך אַזאַ ארכי־עקל, ווי אָט דער פאַרעטער־פאַרשוין, אין וועמענס נאָענטקײַט איך וועל זיך דאַרפן געפינען, און מעגלעך אויך, אין אַ וואָסערע־ניט־איז ווײַ־באַרירונג מיט אים קומען...

אָבער גענוג... איך פאַרענדיק, ווײַל באַלד גרייט איך זיך צו לאָזן אַהין, וווּ איך וועל פרײַ ווערן פון דעם אַלעם, און וווּ איך וועל אימשטאַנד זײַן צו געברויכן מײַן גוף, מײַן זעל און אַלע מײַנע פייִקײַטן אויף דעם, אויף וואָס איך בין, דאַכט זיך, באַרופן — ניט אויף שאַפן פאַרגעניגן פאַר מענגוואַלים, נאָר אויף זען און זיך מיִען, אַז דאָס גאָר מין זייערס זאָל אויף דער וועלט ווערן וואָס ווייניקער.

* * *

טאָג... כוידעש... יאָר...

הײַנט, טײַערער טאַטע, האָב איך זיך צום לעצטן מאָל געטראָפן מיט בערל בענדער, איך, צוזאַמען מיט דער גאַנצער גרופּע, וואָס דאַרף זיך אין וועג לאָזן, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין יענער געהיים־פאַרוקטער ווינונג, אין יענעם פאַרוקטן געסל, וווּ אַלע אונדזערע

ביזאהעריקע פאַרזאַמלונגען פּלעגן פּאַרקומען. דאָרט האָט מען מיר די פאַרשיפּרירטע שריפט אין קלייד פאַרנייט, צוזאַמען מיט מײַן פינגערל — דײַן געשאַנק, לויט מײַן באַקאַשע. בערל בענדער האָט נאָך צולעצט מיר געהאַט צו ראַטן און געוויסע אָנווײַזונגען געבן צו מײַן פאַרשטייענדיקער ראָל און אויפֿירונג.

מ'האָט זיך באַדאַרפט שיידן. מ'האָט באַשטימט אַ פּונקט, וווּהין די אוועקגייענדיקע גרופּע וועט זיך דאַרפן צונויפזאַמלען איינציק־ווײַז — ערגעץ אויסער דער שטאָט, נאָכדעם ווי מ'וועט מיט מאַזל די געטאָ האָבן פאַרלאָזן, וואָס דאָס איז, אַגעוו, גאָרניט גרינג: ווער ס'וועט זיך דאַרפן דורכשלײַכן דורך די געטאָ־צוימען, וועלכע ווערן שטאַרק באַוואַכט; און ווער גאָר דורך דער קאַנאַליזאַציע, ווו ס'איז פאַראַן אַ געפאַר אי פון פאַרבלאָנדזשעט ווערן אין די פינצטערע דורכגענג, פול וואַסער, געשטאַנק און שטשורעס, וואָס האַלטן זיך דאָרטן אין די מענגעס; און אי, ווידער, פון ניט קאָנען אַרויסקומען צום אָרט, ווו ס'איז שוין קיין מוירע ניט צו האָבן פאַר אַ שלעכט באַגעגעניש, נאָר פאַרקערט, פון שלעכט אָריענטירן זיך אין יענע גענג, — זיך גאָר אַרויסכאַפּן אַהין, ווו מ'קאָן לײַכט ארײַנפאַלן, און ווי ס'האָט זיך שוין נישט איין מאָל טאַקע געמאַכט...

מ'איז זיך צעגאַנגען יעדערער אין זײַן היים, ווו מ'האָט נאָך געהאַט צו מאַכן די לעצטע פאַרבערייטונגען. אויך איך בין אוועק, און אַז כ'בין געקומען אַף דער שוועל פון מײַן איצטיקער „היים", איז איידער איך בין אַרײַן אין שטוב, האָב איך זיך אויסגעקערעוועט צו יענער גאַס, מיטן פּאָנעם געווענדט צו יענעם הויז, ווו ס'איז אַמאָל געווען מײַן עמעסע היים, וועגן וועלכער כ'וויל איצט ניט דערמאָנען... ס'איז איצט ווינטער. ס'איז אַ שנייִקער, קאַלטער אוונט־דרויסן. אין די ווײַטלעכע וועלדער, וואָס אין אונדזער קאַנט, הוילן איצט די וועלף אין די געדיכטעניש, אומלויפנדיק טשאַטעסווײַז, און די, וואָס האַלטן זיך אַף די ראַנד־וועלדער, בלישטשען אַרום מיט פּאַספּאָרדיקע בליץ־בליקן און וואַרפן אָן פּכאָדים אַף פאַרבײַפאָרנ־דיקע פערד און רײַזנדע.

כ'האָב, שטייענדיק אין דרויסן, קיין קעלט ניט געפילט, כ'האָב אויך ניט געפילט, ווי טרערן האָבן זיך מיר געגאָסן וואַרעמע, באַ־האַרצטע, געזעגענענדיק זיך מיט דעם, וואָס איז מיר אַמאָל אַזוי ליב געווען, און וואָס כ'האָב אַזוי אומפאַרדינט, און נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, פאַרלוירן.

כ'האָב זיך געכאַפּט, אַז ס'איז שפּעט. כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז ס'איז ניט נאָר מײַן מוז, מײַן ווילן באַם איצטיקן אָפּגיין, נאָר אויך אַ טייל פון דײַן צוואָע, וואָס איך היט און וואָס וועט דיר געוויס זײַן לעראָצן.

כ'האָב זיך דערום באַלד אָפּגעדרייט פון מײַן פריִעריקער היים און בין אין מײַן איצטיקער אַרײַן. און מײַן איינציקע אַרבעט, וואָס

איך האָב נאָך געהאט אָפּצוטאָן, איז אָט די לעצטע פּאָר שורעס אָנצושרײַבן, זיך מיט דיר געזעגענען און בא דיר בעטן: בענטש מיך, טאטע, אף מײַן וועג...

2

דאָ ענדיקט זיך דאָס שרײַבן פון דער פלאָרען. און ס'איז אויך פארשטענדלעך, פארוואָס: זי איז דאָך אוועק אהין, ווו ס'איז קיין אָרט און קיין צײַט געווען אף האלטן א פען אין האנט, נאָר אָרט און צײַט אף האלטן עפּעס בילכערס — א ביקס.

אגעוו, זאָל דאָ אין קלאמערן געזאָגט ווערן, אז אויך דאָס ביסל ביז אהער פון איר אָנגעשריבענע האָט נאָך דעם, ווי זי האָט זיך באפרײַט פון די וואלד־באדינגונגען, ארײַנגעטראָפן אין א האנט פון א פּראָפעסיאָנאל, מיט דער געגעבענער אים רעכט צו אויספאריכטן, רעדאגירן און, אזוי צו זאָגן, דורך דער סטיליזירנדיקער שרײַב־מאשין דורכלאָזן... און אָט דער זעלבער פּראָפעסיאָנאל נעמט זיך איצט אונטער, אפן סמאך פון א מינדלעכן באריכט, וואָס ער האָט שפּעטער, באם באקענען זיך מיט איר, פון איר ארויסבאקומען — פאָרצוזעצן אין זעלבן סטיל און נוסעך, וואָס זי, דאָס, וואָס ס'האָט מיט איר ווײַטער, אין וואלד גייענדיק, געטראָפן.

און אָט וואָס דער פּראָפעסיאָנאל האָט צו דערציילן.

ניסים, גרויסע ניסים זײַנען איר געשען, ביים זי — אזא נאָך יונגע — האָט זיך געהאט צו באהערשן באם ארײַנקומען אין יענעם לאבירינט, וואָס ניט איר טאטע־מאמע, ניט אירע זיידעס־באָבעס זײַנען אים ווען־ניט־ווען אדורכגעגאן.

זי וואָלט באדארפט האָבן דורכגעמאכט א גרויסע שול פון גאָר אייגנארטיקע קעגנשטאנדן, וועלכע לערנען און ווײַזן אָן, וויאזוי צו האנדלען מיט א פארעטער, אָדער אויב ניט קיין שול, איז אלקאָל־פּאָנעם זײַן באוואָפנט מיט עפּעס מינים אײַנגעבוירענע יעגער־אייגנשאפטן, וויאזוי אזא כײַע ארומצוגיין, און אויב נישט קיין איינס פון די צוויי, איז האָט איר, זיכער, דאָ געדינט בלויז דער הוילער פרויען־כוש, ווי אויך דער באוווּסטזײַן, אז זי גייט אף דער שארף פון שווערדן, און אז קיין אנדער וועג, ווי אויסצוגעווינען די שפּיל, איז דאָ ניט שײַעך, ווײַל אנדערש וואָלט געהייסן — זיך מיט א גאנצער גרופּע, און אויך מער ווי די גרופּע — די גאנצע אונטערערד אונטערן כאלעף אונטערפירן.

אז די גרופּע, וואָס איז ארויס פון געטאָ, האָט, ווי אָפּגערעדט, יעדערער באזונדער, נאָך איבערגעקומענע מאטערנישן, זיך פארזאמלט אפן באשטימטן אָרט, פונוואנען מ'האָט באדארפט דעם ווײַטערדיקן מארש שוין צוזאמען מאכן; און נאָכדעם, ווי אויך דער פארעטער־פארשווין האָט, ווי אָפּגערעדט, וואָרט געהאלטן און האָט זיך אויך

אהין צוגעשטעלט, אזוי האָט מען באמערקט, ווי עפּעס איז זײַן שטערן שטארק פארפינצטערט — אָדער פון סתּם אזוי זויערע מאכשאָוועס, אָדער פון עפּעס אן אומווילן, ווי בא איינעם, ווען ער גייט טאָן א זאך, וואָס איז קעגן אים און אים ניט צום הארצן.

ער האָט א קוק געטאָן אף דער גרופּע, וואָס ער, א געניטער, האָט באדארפט זײַן איר אָנפירער — מיט האלב ביטל און האלב גלײַכגילטיק, און נאָך מער — ווי אָט אזעלכער, וואָס איז אים ווי צו א שווערער מאסע... אז ער האָט אָבער א שטיקל וועג מיט דער זעלבער גרופּע אין א באשטימטער ריכטונג אָפּגעשפּאנט און האָט זיך מער נעענטער און היימישער אין איינציקע פון די מיטגעפירטע אײַנגעקוקט, אזוי גלײַך האָט זיך אים געוואָרפן אין אויג זי, פלאָרא, מיט די עטוואָס הויכלעכע פּיס, און ער איז אן אנדערער געוואָרן...

ער האָט באלד אין איר אויך נאָך פרויען־מײַלעם דערזען — אזעלכע, וואָס אזא איינער לאָזט ניט דורך, ער זאָל זײַ גלײַכגילטיק פארבײַגיין... ער איז צו איר צו, און באלד האָט זיך איבער זײַן פינצטער־געוועזענעם שטערן ווי עפּעס א נײַ הײַטל איבערגעצויגן, ווי א נײַ שטיקל דעקאָראציע פאר א נײַער און מער אופגעלייגטער שפּיל. ער האָט אויך גלײַך א לעק געטאָן זײַן אונטערשטע, טרוקן־צעשפּאָלטענע ליפּ, אף וועלכער ס'האָט זיך געוויזן אן אָפּנטלעכער גלאנץ פון צופרידנקײַט, וואָס אָט די ביידע זאכן: אי דער באנײַטער שטערן, אי די איצט גלאנציקע ליפּ, האָבן געזאָלט זײַן א סימען, אז דער פארשוין האָט דאָ געמיינט האָבן אָנגעטראָפן, וואָס ער האָט זיך ניט געריכט צו טרעפן, און וואָס, פון דער אנדערער זײַט, אין די אינטערעסן פון עמעצן אנדערש — א סימען, אז זײַן אָנטרעפעניש וועט קאָנען דינען פאר יענעם האטשעק, אף וועלכן ער וועט זיך לאָזן פאנגען.

ער איז שוין נישט אָפּגעגאן פון איר. ער האָט פון אלעמען, ווער נאָר ס'האָט זיך געווענדט צו אים מיט וואָס־ניט־איז, דעם קאָפּ אָפּגעדרייט פון אום־אינטערעס, נישט הערנדיק קימאט, וואָס מ'פרעגט אים, האלטנדיק, פארקערט, דעם קאָפּ און דעם געהער צו פלאָרעס זײַט געווענדט, אז טאָמער, הייסט עס, האָט זי בא אים עפּעס־וואָס צו פרעגן, ער זאָל ניט דורכלאָזן און ניט פארשפּעטיקן מיט זײַן ענטפער.

ער האָט, גייענדיק צוזאמען, אמאָל זיך געזען ארויסרוקן מיט איר פאָרויס פאר אלע, און אן אנדערס מאָל, פארקערט, הינטערשטעליק בלײַבן און גיין צום לעצט, און דאָס אלץ צוליב דעם, ער זאָל אמאָל כאפּן איר א קוק טאָן אין פּאָנעם, און אן אנדערס מאָל הינטערווײַלעכס איר גאנצן קערפּער א מעסט טאָן מיט אזא מאָס, נאָך וועלכן די אויגן האָבן זיך אים מיט יעיצערהאָרעדיק־פרעסעריש שײַנדל צעגלאנצט.

ער איז נאָך אין די סאמע מאנצבלשע סאָקן געווען, בא די

דרײַסיק, גראָד אין שטאַלט, און א גענוג דערפאַרענער אינעם אַרומ־גיין און צו טאָן האָבן מיט פרויען, בא וועלכע ער האָט געמיינט עפּעס פּויעלן און ער האָט טאַקע געפּויעלט בא פּיל, צו וועלכע דער צוגאַנג איז אים געווען א פּראָסטער און וואָס אַף דערלאַנגען צו דערפאָלג האָט אים קיין איבעריקע מי ניט געקאָסט.

דאָ אָבער, האָט ער גלײַך דערפילט, איז עפּעס אַנדערש... אי ער אליין האָט צום אָנהייב ניט געהאַט די דרייסט זיך צו דערלויבן ניט מיט קיין וואָרט, און אוודאי ניט מיט מער, ווי אַלעמאָל דעמלט און דאָרט, ווו דער כּוש האָט אים געזאָגט, אַז פון צווייטן צאַד ווערט מען אים באַגעגענען מיט ווייל־וועלנדיקער צושטימונג; אי ער האָט געזען, אַז דאָ איז אויך ניט דאָס אָרט פאַר צו ראַש און איבעריק אײַליק זיך צו דערלויבן, ווי אומעטום...

ער האָט דערום געפּרוּווט צוגיין פּאַמעלעך, בעהאַדראָגע, און מײַסע־כּאַוועך האָט ער איר געגנומען אויסדערציילן און פאַרטרויען דאָס, וואָס פאַר אַנדערע וואָלט ער, קלוימערשט, נישט. ער האָט איר פאַרטרויט וועגן זײַנע אופטועך פאַר דער אונטערערד פון ביז אַהער, און וואָס ער דענקט אויך אופטאָן אַף ווײַטער.

דערבײַ האָט ער באַמערקט, ווי פלאָרא האָט, הערנדיק אים, קיין איין מאָל די אויגן ניט אופגעהויבן אַף אים א קוק צו טאָן מיט פאַרכאַפּונג אָדער מיט אַכטונג, ווי מ׳טוט מיט אַזא, וועמעס דער־ציילן ס׳פאַרכידעשט און איבעראַשט און וועמען ס׳קומט כאָטש אַלקאַלפּאָנעם אַף א שטילן אויפן צו באַלוינען, אויב ניט מער שטו־רעמדיקער און באַגײַסטערט. זי האָט, הערנדיק אים, ניט פאַר־שטענדלעך פאַרוואָס, גאָר געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ און אויסגעמיטן זײַן בליק. ער האָט דאָס צוערשט אויסגעטײַטשט צו זײַן גונסטן, רעכענענדיק, אַז דאָס נעמט זיך פון צופיל אַכטונג און פון צו גרויסער איבעראַשונג, ווען מ׳וויל זיך ניט אויסגעבן פאַרן צווייטן, באַזונדערס אין א פאַל, ווען א פרוי, א יונגע און אומדערפאַרענע, ווערט פון א מאַנצבל איבעראַשט. זי האָט אָבער אויך שפּעטער, ווען ער האָט שוין געמעגט מיינען, אַז ער האָט רעכט, זי זאָל זיך פילן מיט אים מער פרײַער, אַדאַנק זײַן פאַרטרויען, זיך ווידער ניט פרײַ געפילט און האָט אַלץ דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַלטן, אפילו דעמלט, ווען ער האָט שוין ניט דערציילט וועגן זײַנע אופטועך, נאָר סתּם זיך געטיילט מיט איר וועגן סתּם־זאַכן.

אַז ער האָט זיך געפּרוּווט זי א מונטער טאָן מיט א מער צוגע־לאָזט וואָרט, מינע אָדער מיט אָנרירן זי מיט א האַנט, וועלנדיק, קלוימערשט, איר א העלף טאָן אין גאַנג, ווי געוויינלעך, — האָט ער ווידער באַמערקט, אַז זי האָט אַלץ אָפּגעלייגט, און זיך א רוק געטאָן פון אים אין א זײַט, ווי פון אַזא, וואָס זײַנער א צוגעלאָזטער ריר שאַפט ניט נאָר ניט קיין אָנגענעמלעכקײַט, נאָר פאַרקערט — א ברי, ווי פון עפּעס אָפּשטויסנדיקס...

ס'איז נישט גוט געווען פון איר זײַט; נישט די ריכטיקע האַלטונג מיט אַזאַ, ווי ווערדליק די ראָל, וואָס זי האָט אַף זיך גענומען, האָט פון איר געפאָדערט. זי האָט זיך אָבער ניט געקאָנט באַהערשן צו־ערשט. זי האָט דאָס אויך אַוואַדע ניט געקאָנט שפּעטער, אין אָוונט פון דעם זעלבן טאָג, ווען ער, דער פּאַרשוין, דער געניטער פירער אין וועג, וועלכן ער האָט שוין נישט איין מאָל דורכגעמאַכט, האָט דאָס מאָל געבראַכט צו פירן די גרופּע אין איינעם אַן אומבאַקאַנטן כוטאָר, ווו ער האָט געפונען סטאַנציע פאַר אַלע בא איינעם ווידער אַן אומבאַקאַנטן פּויער, וועלכער האָט אַף נאַכטלעגער, נאָך וועטשע־רע, אַרײַנגעבראַכט אַ פּאַק שטרוי און זי אַפּן דיל אויסגעשפּרייט, אַז אַלע, די נאָרוואָס אָנגעקומענע און פון וועג מידע, זאָלן זיך אַף איר באַליינגן.

דעמלט האָט דער פּאַרשוין געפּלאַנירט, און הינטנאַרום, ווי קימאַט אָן אַ באַזונדער קאַוואָנע, אַזוי אײַנגעאָרדנט דעם אַוילעם, אַז זײַן אָרט אַפּן דיל איז אויסגעקומען לעבן איר, לעבן אָט דער פלאָרא, וועלכע ער האָט שוין געהאַלטן פאַר אַ מער נעענטערע צו זיך פון אַלע אַנדערע פון אים געפירטע, אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט מיט איר דעם גאַנצן טאָג אין היימישע געשפּרעכן פאַרבראַכט, און וואָס דאָס האָט אים, לויט זײַן פאַרשטעלונג, געגעבן אַ גרונט צו מיינען, אַז ער האָט זיך בא איר אײַנגעקויפט אין ווירקלעכער טאַקע היימישקײַט, וועלכע גיט אים אויך די רעכט אַפילע אַף אַזאַ סאָרט נאָענטקײַט, ווי איבערצונעכטיקן איינס לעבן איינס מיט איר.

דעמלט האָט פלאָרא שוין ווי גאָר אינגאַנצן איר ראָל פאַרגעסן. זי האָט אָפּן, אָן שום אָנשטענדיקע צערעמאָניעס, אַוועקגעשפּאַנט פון איר אָרט, וואָס יענער האָט איר לעבן זיך אויסגעטיילט און בישכיינעס באַשטימט, בעטנדיק אַ כאַווער פון דער אַהער געבראַכטער גרופּע, ער זאָל זיך מיט איר בײַטן, ווײַל דאָרט איז איר ניט באַ־קוועם, הייסט עס, זי וויל ניט דאָרט...

דאָס האָט דעם פּאַרשוין זיכער ניט געשמעקט, און ווי טונקל אין פּויערשן שטיבל איז ניט געווען, ווי ניט ווייניק און גאָר ניט געהויבן באַלויכטן, וואָלט מען דאָך געקאָנט באַמערקן, ווי־אַזוי דער פּאַרשוין איז אָן אָפּגעשמיסענער און באַליידיקטער אַפּן דיל ליגן געבליבן בישכיינעס ניט מיט דער, וואָס ער האָט געוואָלט לעבן זיך האָבן, נאָר גאָר מיט אַ פרעמדן אונטערגעשיקטן, וואָס פלאָרא האָט זיך מיט אים מיט די ערטער געביטן, אַזוי האָט זיך די דעקאָראַציע אַף זײַן שטערן ווידער געענדערט פון אופגעליינגט אַף פינצטער, און זײַן אונטערשטע ליפּ האָט אַ ווײַס טרוקן פּאַסיקל אין דער מיט געקריגן — אַ סימען פון עפּעס אַ דאָרשט, וואָס ס'שטייט אים פאָר ניט אַזוי גיך געשטילט ווערן.

די זעלבע סימאָנים זײַנען אים געבליבן אויך אַף מאָרגן, נאָכדעם ווי מ'האָט איבערגענעכטיקט, מ'איז גאַנצפרי אופגעשטאַנען און

מ'האָט זיך ווידער באַדאַרפֿט לאָזן אין וועג, און מ'האָט געזען, אַז יענעם איז עפּעס אָנגעזאָלעט, ווי גלײַך נאָך א הערינג־סודע מיט ליאַג. די שלעכטע שטימונג האָט אים ניט אָפּגעלאָזט דערנאָך אויך א שטיק אפֿן טאָג.

דעמלט האָט זיך פלאַרא אין איר מיסיע דערמאָנט, געדענקענדיק דעם אָנזאָג פֿון בערלען, ניט צו לאָזן יענעם אליין, קעדיי ער זאָל ניט בלײַבן מיט זײַנע מאַכשאָוועס, וואָס ווער ווייסט, צו וואָס זיי קאָנען אים ברענגען.

מ'האָט דאָך, ווי געזאָגט, באַדאַרפֿט מוירע האָבן, טאָמער וועט זיך דער פאַרשוין אין הונדערטסטן פאַל נעמען שטויסן, אַז מ'שפּילט מיט אים די לעצטע שפּיל, און אַז אָנשטאָט זיך לאָזן ווײַטער פאַרפירט ווערן פֿון אים, וועט ער דאָ אליין פאַרפירט...

דעמלט איז זי צו אים צו און האָט זיך מיט אים מיט די ראָלן געביטן. זי האָט, אַזוי ווי נעכטן ער, איצט אים גענומען מונטערן מיט א וואָרט, מיט א מינע און זיך אַפילע דערלויבט אים מיט א האַנט אָנרירן, קעדיי אים אין א היימישן געשפּרעך אַרײַנציִען און קעדיי אים די געדאַנקען צו צעשלאָגן.

ס'האָט געווירקט. ער האָט זיך סאָפּקאָלסאָף א דערמונטערטער אופֿדערוואַכט. ער האָט ווידער דעם נעכטיקן ראַש באַקומען אַף צו וועלן געפֿעלן אָט דער פלאָרען, באַ איר אויסנעמען און זיך דער־שלאָגן צום דערפֿאָלג אין דעם, אין וואָס נעכטן האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן.

ער איז אַדאַנק איר צוגעלאָזטקײַט אַזוי האָפֿערדיק געוואָרן, אַז בעשאַס זי איז מיט אים אליין געבליבן, ווידער ווי נעכטן אָפּגעזונ־דערט און אָפּגעטיילט פֿון דער גאַנצער גרופּע מיטגעפירטע, וועלכע זיי האָבן געלאָזט אָדער פֿאַר זיך אָדער הינטער זיך, — האָט ער, דער פאַרשוין, געהאַט די האָזע איר אַפילע שטילערהייט פאַרצוליייגן אַזאַ זאַך ווי אַז עפּשער וואָלט געווען א פּלאַן, זי זאָל זיך גאָר אינגאַנצן אָפּטיילן פֿון דער גרופּע, צוליב זײַנע, צוליב אירע, צוליב זייערע ביידנס, הייסט עס, אינטערעסן:

— ער ווייסט פֿון א דאָרף דאָ אינדערנאָענט, ווו ער האָט א גוטן באַקאַנטן, באַ וועמען זי וואָלט זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן אין פֿולשטענדיקער זיכערקײַט די גאַנצע צײַט, ביז וואַנען די סאַקאָנע און די נויט וועט זײַן.

— ער זעט, — האָט ער פאָרגעזעצט, — אַז דער וואַלד און די אופּשטענדלערישע ווילדעניש דאָרט איז ניט פֿאַר איר... און אויב זי האָט מוירע, מ'זאָל זי ניט כוישעד זײַן אין עפּעס א פעלשונג אָדער אין פאַכדאָנעס, וואָס צוליב דעם, קלוימערשט, איז זי אָפּגע־שטאַנען פֿון די איבעריקע, נעמט ער, דער פאַרשוין, אַף זיך איבער־צוריידן מיט וועמען מ'דאַרף, און צו דערקלערן, אַז דאָס האָט ער, אַף זײַן אייגענער אַכרײַעס, זי דאָרט פאַרהאַלטן צוליב פאַרבינדונג

און צוליב האָבן א שטענדיקן אייגענעם מענטשן אין דאָרף, אפֿן פֿאַל ווען מ׳דאַרף אזא האָבן.

יאָ, דער פֿאַרשוין איז דערגאַן צו אזא הויכן גראַדוס, ביז איר פֿאַרצוליינגן אזש דאָס אויבנגעזאָגטע.

— ניין, — האָט פֿלאָרא רויִק און איַינגעהאַלטן זיַין פֿאָרשלאָג אָפּגעלייגט, אין דער זעלבער ציַיט אים אליין ניט אָפּשטויסנדיק, און דערביַי געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי גליַיך זי איז ניט איבעראַשט, און אז פֿאַרקערט, אז אזא און ווענן ענלעכן פּלאַן וואָלט זיך אין אן אנדער, מער באַקוועמער ציַיט יאָ געלאָזט ריידן... זי פֿאַרשטייט, קלוימערשט, צוליב וואָס ער וואָלט זי געוואָלט זען אָפּגעזונדערט און אויסגעטיילט פֿון דער גאַנצער מיטגייענדיקער גרופּע...

— שיין... — האָט זי געזאָגט, — אָבער איצט ניט: איצט איז זי געבונדן מיט אַלע יענע, מיט וועלכע זי האָט אַלץ צוזאַמען ביז אהער אין געטאָ דורכגעמאַכט, און זי קאָן זיך בעיין־אויפֿן ניט דענקען אָן זיי...

דערביַי האָט פֿלאָרא, אינמיטן אָפּגעזונדערטן, אינטימען געשפּרעך מיט יענעם, פּלוצעם א גיי געטאָן אף פֿאָרויס, אָדער זיך א רוק געטאָן אף צוריק צו די אונטערגעבליבענע כאַוויירים, און דערמיט האָט זי באַוויזן, אז ניין, ס׳גייט ניט, און אז ס׳איז זי ניט אָפּצור־ריַיסן פֿון די יעניקע ווי אן אייווער פֿון אן אייווער.

דעמלט, ווידער, איז יענעמס פּאָנעם און שטערן צוריק פֿינצטער געוואָרן. זיַין קליינער, קלאָר־אַרויסצוזעענדיקער אומדערפֿאָלג בא אָט דער פֿלאָרא איצט, אינמיטן וועג, אף וועלכן ער פֿירט זי, זי האָבנדיק אין האַנט, ווי די גאַנצע גרופּע, אף אָדער זי צו דערפֿירן, ווו מ׳דאַרף, אָדער זי אומצוברענגען — האָט אים געמאַכט זיך פֿאַרקלערן וועגן אומדערפֿאָלג ביכלאַל...

אזוינע זיַינען דאָך, לויט זייער פֿאַלשער לאַגע, אָפּט פֿייִק ביכ־לאַל אָבערגלויבעריש צו זיַין און פֿול צווייפֿל, און לויט זייער ווירק־לעכער לאַגע זיַינען זיי דאָך אמאָל טאַקע אויך מעכוּיעוו א טראַכט טאָן, אז טאָמער, הייסט עס, האָבן די פֿון אים גענאַרטע די גאַנצע ציַיט אן עק פֿון פּאָדעם פֿון פּאַראַט אַריַינגעפּאַקט, דורך וועלכן זיי וועלן זיך צום גאַנצן קנויל דערקליַיבן; און דערום איז מעגלעך גאָר, אז אין דער ציַיט, ווען ער גייט און טראַכט, אז ער האָט יענע אין האַנט, געפֿינט ער זיך גאָר בא זיי געפֿאַנגען, אליין גאָר זיַין לעצטן גאַנג דאָ גייענדיק... ס׳איז דאָך מעגלעך, אז אזא זאָל זיך וועגן אזוינס פֿאַרטראַכטן.

ס׳איז געווען, ווי געזאָגט, ווינטער. דער פֿאַרשוין מיט דער גע־פֿירטער פֿון אים גרופּע האָבן זיך שוין דעמלט וויַיט פֿון שטאָט געהאַט געפֿונען, אין א שיטערלעך־באַפֿעלקערט אָרט, מיט ווייניק דערפֿער און מיט קנאַפּ־איַינגעפּאָרענע וועגן, אדאַנק דער מילכאָמע, וועלכע האָט פֿאַרקירצט דעם פֿאַרקער צווישן שטאָט און דאָרף,

אוביפראט די לעצטע צײַט, ווען יעדער דאָרף איז געשטאַנען אונטער א פארדאכט, אז ס'האָט עפּעס געהיימע, אויסבאהאלטענע מאכשאָוועס פאר דער שטאָט, דאָס הייסט פאר דער מאכט, וועלכע האָט צוליב דעם טאקע, צוליב מער זיכערקײַט, זיך דאָרט פארשאנצט און פאר־פעסטיקט...

פיל שניי האָט זיך אלע מאָל, ווינטער־צײַט, אין יענעם קאנט, בא די זײַטן וועגן, א ניט־געדירטער, געקליבן, וואָס איצט אָבער האָט ער, אדאנק דעם קנאפּן פארקער, אויך די וועגן אליין פארפּראָשעט, פארשאָטן, אזוי אז א גאנצפרי אָדער א פארנאכט איז שוין שווער געווען זיך פאנאנדערקלײַבן, ווו איז יאָ אָדער ווו איז ניט א וועג.

דאָס האָט דעם פירער־פּארשוין מיט די טונקלע מאכשאָוועס גע־געבן די רעכט זיך אלעמאָל אָפּצושטעלן ווי אף צו זוכן די שפּורן פון א לאנג שוין דורכגעפאָרענעם פור־וועג, ווײַל, קלוימערשט, ער ווייסט ניט, צי מ'גייט ריכטיק... א ביסל האָט ער טאקע רעכט גע־האט, ווײַל א ביסל האָט מען טאקע ניט געקאָנט וויסן, אָבער מער פון דעם איז געווען די סיבע פון זײַן אָפטן אָפּשטעלן זיך דאָס, וואָס עפּעס איז אים דעמלט, מעגלעך, טאקע א צווייפל באפאלן, פאָרויס־פילנדיק א שפּור, וואָס ס'שטייט אים, מעגלעך, פאָר...

אייניקע פון די געפירטע האָבן זײַן צערודערונג באמערקט. די פון זיי, ווען ס'איז אָנפארטרויט געווען צו וויסן וועגן לעצטן אקט אין דער ראָל, וואָס דער פּארשוין האָט דאָ, אין זײַן לעצטן גאנג, צו שפּילן, האָבן פון אים די אויגן אָפּגעקערט און זיך געמאכט ניט וויסנדיק, גלײַך זיי גלייבן בעעמעס, אז ער זוכט, וואָס מ'זוכט, ווען מ'פארלירט דעם וועג. זי, פלאָרא, אָבער האָט לויט דער ספּעציִעל איר פארגעבענער אופגאבע, געמוזט מער טעטיק זײַן, ווי די סטאם־וויסנדיקע, און איז געווען געצוווּנגען אף אלערליי אויפאנים אים זען אָפּציִען און ארויסשלעפּן פון זײַן אים דריקנדיקער פארפּלאָנ־טעניש.

ס'איז איר אָנגעקומען ניט גרינג. מ'האָט באדארפט אי אזוי, אי אזוי: אי זיך דערנענטערן, אי זיך האלטן פון ווײַטן; אי אים ניט לאָזן איבעריקס זיך פארטראכטן, אי אויך ניט לאָזן מיט איר צו היימיש ווערן.

ס'האָט דאָס מאָל דאָס דערפירן די גרופּע, ביז צום געווּנטשענעם אָרט, געדויערט לענגער, ווי אלע מאָל, ווײַל דער פּארשוין האָט גע־פּלאָנטערט — א ביסל אומבאוווּסטזיניק און א ביסל באוווּסט, האלטנדיק זיך די גאנצע צײַט אין יִישעוון און איבערלייגן זיך, צי טוט ער ריכטיק און צי וועט אים אויך דאָס מאָל געלינגען דאָס מאסקירן זיך פאר אן אייגענעם, פאר אזא, אין ווען ס'איז אומעג־לעך צו צווייפלען, קעדיי ער זאָל ווײַטער קאָנען בלײַבן בא דעם, וואָס ער איז, — א הינטנארום־פארקויפטער...

ביז איינמאָל, ווען אומבאַמערקט און איבעראַשנדיק אַפּילע פּאַר אים אַליין, האָט ער זיך מיט דער מיטגעפירטער גרופּע געטראָפן נאָענט צו יענער גרענעץ, ווּ די אופשטענדלעריִשע וואַך וואַרט אָפּ אַלע מאָל צו באַגעגענען די זייעריקע, ליגנדיק אין באַשטימט־פאַר־שטעקטע לאָקער־ערטער, פאַר פרעמדע, נישט־געוווּנטשטע אויגן ניט צו באַמערקן.

דעמלט איז מען אונטערגעקומען צו איינעם אַ וואַלד־ראַנד, אַן אָנהייב פון יענע וועלדער, וועלכע האָבן אַ שעם אין גאַנצן קאַנט און אויך אויסער אים מיט דעם פּיל־געווילד, וואָס האַלט זיך דאָרט פון אַלעמאָל־קאַדמוינים, און ווּ גאַנצע יאָרהונדערטער פלעגן די הערשער און גרויס־אייגנטימער פון יענעם קאַנט מיט יאַגד־הינט, מיט פיל דינערשאַפט, מיט געסט און זייער גלײַכן פון אייגענעם לאַנד, אויך אײַנגעלאַדענע פון פרעמדלענדער, דאָרט פראַווען וואָכנ־ווײַז, אין ווילטיק פאַרבערענגערשע געיעגן אַף וועלף, אַף בערן און אַנדערע, וואָס יעדעס מאָל איז דער דערפאָלג — דאָס פאַנגען אָדער אַף טויט דערשיסן אַן אויסגעשפּילטן עקזעמפּליאַר געפײַערט גע־וואָרן דערנאָך אין קיניגלעכע און אין גראַפישע שלעסער מיט גרויס פּאָמפּע, און מיט לאַנג אַרײַנהוליען ניט אין איין טאָג אַרײַן, נאָר אין גאַנצע וואָכן.

אַף דעמלט, ווען מ'האָט זיך צו יענעם וואַלד־ראַנד דערנענט, האָט זיך פּלוצעם דערהערט אַ קורץ־שנײַדנדיקער פײַף פון אַ פאַר־שטעקטן וואַכמאַן אין אַ לאָקער — אַ פײַף, אַף וועלכן אַלע האָבן שוין לאַנג־לאַנגע אָנגעשפּיצטע אויערן אָנגעגרייט געהאַט, וואַרטנדיק אים צו דערהערן מיט גרויס אומגעדולד און פרייד, וואָס זיי האָבן סאָפּקאָלסאָף נאָך אַזויפיל מי דערגרייכט צום ציל, צו וועלכן מ'האָט געשטרעבט, ווי צו דער לאַנג־געגאַרטער ישועה.

יאָ, אַלע, אויסער אים, דעם פאַרשוין, וואָס אופכאַפּנדיק דעם פײַף, האָט ער עפּעס אַן אומווילקן ציטער געטאָן, ווי מ'וואָלט געקאָנט באַמערקן.

באַלד האָט זיך פונעם פאַרשטעלטן און געהיים־געהאַלטענעם וואַך־אָרט איינער אַ באַוואָפנטער מענטש באַוויזן, גאָר ניט געהויבן געקליידט — האַלב מיליטעריש, האַלב ציוויל, און צוקומענדיק צו דער געפירטער גרופּע און צו דעם פאַרשוין, וואָס האָט זיך אַרויס־געשטעלט אַלס איר אָנפירער, האָט ער אַ זאָג געטאָן דאָס פּאַראָל־וואָרט און געוואַרט, מ'זאָל אים מיטן געהעריקן אַנטקעגנקומען... דער פאַרשוין, וואָס האָט געוווּסט דעם פּאַראָל, האָט אים עפּעס דאָס מאָל צו שטיל און מיט אָפּגעבלאַסטע ליפּן אַ זאָג געטאָן, אַרויס־געבראַכט.

דעמלט האָבן זיך פון אַנדערע ערטער אַרויסגעוויזן נאָך אייניקע, וועלכע האָבן גענומען ברידערלעך די נײַ אַהער געקומענע אין טיפן

וואַלד פירן, אַפן וועג מיט זיי היימיש שמועסנדיק און זיך אָנ־פרעגנדיק בא זיי אַף נײַס, וואָס איז קעדײַ זיך צו דערוויסן.

אַלע האָבן, אופגעלעבטע און ווי פון א לאַנגער קלעם אויסגע־לייזטע, זיך געטיילט מיט וואָס נאָר מעגלעך מיט יענע, וועלכע האָבן זיי באַגעגנט און כאַוועריש אין וואַלד געפירט. אַלע, אויסער ווידער איינעם — דעם פאַרשוין, וואָס האָט אַפן מויל ווי א שלאָס געהאַט, און דערצו נאָך ווי עפּעס א קוים באַמערקבאַרן פאַכעד אין די אויגן, וואָס האָט אים געמאַכט אַלע מאָל אין אַן אַנדער זײַט זיך אויסדרייען — אַמאָל אין איינער, אַמאָל אין א צווייטער, און אין אַנדערס מאָל גאָר אינגאַנצן אַפילע אַף צוריק זיך אומקוקן, גלײַך ער וואָלט געוואָרט, אַז עפּעס אַן אומגעריכטער זאָל דאָ מיטאַ־מאָל — פונוואַנען, פון וווּ, ווייסט ער ניט — אַף אים אָנפאַלן און אים באַם קאָלנער אָדער באַם קאַרק פּאַקן...

ס'איז אַף אים, ניט ווי אַף אַלע מיטגעפירטע, קיין יאָמטעוו ניט געווען צו זען, ניט ווי אַף יענע, וואָס זײַנען אָקאָרשט־ערשט פון אַזא ענגעניש אַרויס באַפרײַטע, נאָר פאַרקערט, ווי איינער, וואָס האָט אין א זינקענדיקן זומפּ אַרײַנגעטראָפן, וווּ דער באָדן איז קוואַטשיק און וואָס מאַכט דעם, וואָס טרעט אַרויף אַף אים, זיך הוידען און וואַקלען אין אומזיכערקײַט.

מ'איז לאַנג געפירט געוואָרן אין וואַלד, ביז מ'איז אָנגעקומען צו איינעם אַן אָרט, וווּ די געהיים־פאַרשטעקטע האָבן זיך געפילט, ווי אין דער היים, האָבנדיק דאָרט אײַנגעאָרדנט אַפילע עטוואָס ענלעכס אַף א יִישעוו ערד־שטיבלעך, מיט אַן אייגענער באַלעבאַטיש־קײַט, ווי פערד און וועגענער, מיט אַן אייגענער ברויט־בעקערײַ און אַפילע מיט ניט שלעכט אַוועקגעשטעלטע ווערקשטעלן אַף פאַריכטן און אויסבעסערן, וואָס מ'דאַרף.

דעמלט האָט מען די גרופּע מיט זייער אָנפירער געבראַכט צו פירן פאַר איינעם אַן ערד־שטיבל, אין וועלכן ס'האָבן געוווינט דער קאָמאַנדיר פון די אופשטענדלער צוזאַמען מיטן פּאָליט־טוער, מיט דעם, וואָס האָט צו זאָרגן פאַר דער, אַזוי צו זאָגן, גײַסטיקער וואַל־אײַנאָרדענונג פון די וואַלד־לײַט.

באַלד האָבן זיך יענעביידע באַוויזן, אַרויסקומענדיק פון שטיבל, ווי פון א הייל: דער קאָמאַנדיר — א יונגער, פאַרדרײַסיקיאָריקער רוס, א שטאַרק דראָטיקער אין דער האַלטונג, מיט העל־געלע רימענס איבער דער ברוסט און רוקן איבערגעקרייצט, אין א קורץ־ווינטערדיק פּעלצל ביז פאַר די קני און שטיוול; און דער צווייטער, דער פּאָליט־טוער, שוין אַריבער די פופציק, אין א שינעל, שוין מער סאָליד, אָבער נאָך גענוג מיליטעריש באַהאַונט, זײַענדיק, ווײַזט אויס, א וועטעראַן פון בירגערקריג, וואָס איז איצט געקומען צו דער זעלבער טעטיקײַט, וואָס דעמלט.

באַלד האָט דער קאָמאַנדיר זיך א ווענד געטאָן צו דעם פירער־

פאַרשוין, פֿאָדערנדיק די נייטיקע פּאַפּירן, וועלכע ווערן, געוויינלעך, מיטגעגעבן פֿון די ערטער, פֿונוואַנען מ׳ווערט אַרויסגעשיקט, אַף צו רעקאָמענדירן דעם געשיקטן אַלס אייגענע, אויסער דעם מיטגעגעבענעם פּאַראָל, וועלכער דינט בלויז צום אָנהייב, צו לעגאַליזירן זיך פֿאַר די, וועלכע באַגעגענען אויך צום ערשטן.

דער פֿאַרשוין האָט, נאַטירלעך, די פּאַפּירן געהאַט פֿאַרנייט אין די בגאָדים, וואָס פֿון דאָרט האָט ער זיי גענומען אַרויסציִען אין דער אָנוועזנהייט פֿון דער גאַנצער גרופּע.

דעמלט אָבער, ווען ער האָט אַ ביסל אַ בלאַסער, און אויך איצט, שטייענדיק שוין פֿאַרן קאָמאַנדיר און פֿאַרן פּאָליט־טוער, עפּעס אָן לאָשן גענומען דערלאַנגען, אַזוי האָט זיך פּלוצעם און אומגעריכט פֿאַרן פֿאַרשוין, און אַוואַדע אויך פֿאַר די, וואָס האָבן די פּאַפּירן פֿון זײַן האַנט באַדאַרפֿט באַקומען, זיך אַרויסגערוקט איינע אַ יונגפֿרוי פֿון די מיטגעפֿירטע מיט דער גרופּע. דאָס איז געווען פֿלאָרא, וואָס אויך זי, פֿון איר זײַט, האָט זיך צו ערגעץ אַ פֿאַרנייט אָרט אין איר בעגעד געווענדט, אַ זאָג געבנדיק דערבײַ:

— כאַווער קאָמאַנדיר, אויך איך האָב מיטגעבראַכט... אויך איך האָב פּאַפּירן.

זי האָט אײַליק און מיט אַ ציטערנדיקער האַנט דאָס פֿאַרנייטע אָרט אין בעגעד אויפֿגעריסן, פֿון דאָרט די איר מיטגעגעבענע שריפֿט אַרויסגעקריגן, און איידער נאָך דער קאָמאַנדיר האָט באַוויזן דאָס פֿון איר צוצונעמען, אַזוי האָט שוין דער פֿאַרשוין פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין מיט די זײַניקע ניט וואָס צו טאָן, אַז ער פֿאַרשפּאָרט זיי שוין דערלאַנגען. ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די צווייטע מיטגעבראַכטע פּאַפּירן וועלן לייקענען אין זײַנע, און אַז דאָס איז מען אים אַזוי אַרומגעגאַן און איבערגעקליגט און אַז זײַן גאַנצע ביזאַהעריקע פֿינצטערע קאַריערע, מיט זײַן פֿאַרברעכערישן דאָבֿרי־מאַזל זײַנען איצט צום לעצטן ראַנד שוין אונטערגעקומען...

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, וויִאַזוי דער קאָמאַנדיר, צוזאַמען מיטן פּאָליט־טוער, האָבן, נאָכן דורכלייענען דאָס פּאַפּיר פֿון דער פֿלאָרען, אַפֿן פֿירער־פֿאַרשוין אַ קוק געטאָן; איבעריק צו זאָגן, וויִאַזוי דער פֿאַרשוין האָט אַ געפֿאַנגענער, אַ באַ דער האַנט געפּאַקטער, אַ דעמאַסקירטער, אַף זיך אַליין געקוקט, דאָס הייסט, וואָס פֿאַר אַ צורע ער האָט דעמלט געקריגן און וויִאַזוי ער האָט, אַ געשלאָגענער, די אויגן און דעם קאָפּ ניט געהאַט ווו אַהינצוטאָן. דאָס אַלץ איז איבעריק צו זאָגן, ווײַל זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, און געזאָגט דאַרף דאָ ווערן נאָר דער שפּיץ — בעקיצער, און אָט וואָס:

אין דער זעלבער שטאָט, פֿונוואַנען די פֿלאָרא האָט געשטאַמט און פֿון וועלכער זי איז צוזאַמען מיט איר גרופּע פֿון געטאָ אין וואַלד אַריבערגעשיקט געוואָרן; אין יענער שטאָט, וואָס האָט פֿריִער, פֿאַר דער מילכאָמע, געקערט צו פּוילן, און וואָס איצט, נאָך איר, איז

זי אריבער, צוזאמען מיט א גרויסן שטיק קאנט, צו איינער פון אונדזערע מײַרעוודיקע ראנד־רעפובליקן, אין יענער שטאָט, אן אלטער און באוווּסטער, מיט א פיליאָרהונדערטיקער געשיכטע, מיט אלטע ביניאָנים, שלעסער און דענקמעלער, ווו ס׳געפינט זיך אויך א היסטאָרישער מוזיי, וועלכער האָט, אגעוו, ביים דער מילכאָמע מיט די הײַנטצײַטיקע וואנדאלן וואנדאליש שטארק געליטן און וואָס איצט ווערט ער צוריק אופגעשטעלט און אין אָרדענונג געבראכט; אין יענעם מוזיי איז, אכוץ די ביזאהעריקע אָפטיילונגען, וועלכע פארמאָגן אויצרעס־עקספּאָנאטן, ווי אויסגראָבונגען און געפינסן פון שטיין, ביין, בראָנזע, אײַזן און גלאָז, ווי אויך בגאָדים, בילדער, ביכער, דאָקומענטן און שריפטן, פון וועלכע מ׳באקומט א פאָרשטע־לונג וועגן די פארבאָרגענע טקופעס און צײַטן, איז איצט צוגעקומען נאָך איינע אן אָפטיילונג, וועלכע זאמלט מאטעריאלן צו דער געשיכטע פון דער לעצטער צײַט, דאָס הייסט פון דער אָקאָרשט ערשט נעכטן פאָרגעקומענער מילכאָמע דאָ, אינעם היגן קאנט, סײַ פון דער אָפענער און סײַ אויך פון דער אונטערערדיש־געהיימער.

און אָט: צווישן די פארשיידענע, שוין אָנגעזאמלטע מאטעריאלן פון יענער נײַער אָפטיילונג; צווישן פלוגבלעטלעך, אופרופן, פלאקאטן, בראָשורן, בריוו, טאָגביכער פון די אונדזעריקע, און פארקערט, די זעלבע פון סוינע, קאָן מען דאָרט איצט טרעפן אויך איינעם א פראָטאָקאָל פון א געריכט איבער איינעם א פארעטער — די באווײַזן פון פארעטער אף זיך צו פארטיידיקן און דאָס איידעס־זאָגן פון אנדערע צו זײַן באשולדיקונג; אויך דער אורטייל און וויאזוי ער איז אויסגעפירט געוואָרן, פאָרגעשטעלט אין א פאָר בײַגעלייגטע פאָטאָ־גראפישע בילדלעך, פון א ווייניק־דערפארענעם וואלדישן פאָטאָגראף און פון א שלעכטן אפאראט געמאכט, אף שלעכט, אָרעם פאפיר און אויך צאָרעדיק, אומבאהאָלפן טושירט.

דאָך קאָן מען זען אף איינע פון יענע בילדלעך א שטיק וואלדישן לאנדשאפט, וואָס ווי קליין דער פארנעם זײַנער איז ניט, קאָן מען פונדעסטוועגן באקומען א פאָרשטעלונג פונעם וואלד אינגאנצן, ווי פון אזא, וואָס דערמאָנט די באוווּסטע וועלדער פון א מיזרעך־אפריקע, יענע אורואלט־פינצטערע, ווו אף די הויך־ריזיקע און פארמאכטע ביימער האלטן זיך אוף די קליין־קריפלדיקע האלב־מענטשלעך, האלב־כײַעס — די פיגמייען.

אף איינעם א בוים, זעט מען, הענגט א מענטש, אין דער „פאָזע", ווי אלע אופגעהאנגענע. און לעבן דעם טליִע־בוים, בא א זײַט, שטייט א גרופע מיידלעך איינס לעבן איינס, און די סאמע ערשטע, די אמערסט אָנגעזעענע אפן בילדל, איז די אונדזער באקאנטע, די הויכפיסיקע פלאָרא, אין פארטיזאנישן „פוץ" אָנגעטאָן: אין וואטאָווע הויזן, אין פוישטן ארײַנגעלאָזט, אין א קורץ וואטאָווע רעקל, און מיט א ביקס אפן רוקן איבערגעוואָרפן.

יאָ, דאָס איז טאַקע זי, צוזאַמען מיט די אַנדערע פֿון דער גרופּע, וועלכע זײַנען גליקלעך פֿון דעם פּירער־פּאַרשוין אין וואַלד געבראַכט געוואָרן, ניצל געוואָרענע פֿון דער געפֿאַר אויסגעגעבן צו ווערן פֿונעם זעלבן; און וואָס פּאַרקערט, ער, דער פּאַרשוין אַליין, איז פֿון אַ פּירער אַ פֿאַרפּירטער געוואָרן, האָט זיך — אַ שיינע, ריינע קאַפּאָרע, אַרײַנגעכאַפּט און האָט באַקומען פֿון די געהעריקע הענט, וואָס איז אים געהעריק געקומען...

— קיין יויוודו — קאָן מען איבערלייענען פֿון פּלאָרעס גלײַכ־גילטיקן בליק אויף יענעם בילדל, בײַם זי קוקט אַרויף צום געהאַנגענעם.

יאָ, דאָס האָט דער קאָמאַנדיר זי מיט אירע באַווערטעס צום סאַמע פֿון פּאָרנט פֿון דער טליִע אַרויסגערוקט, קעדײַ זיי זאָלן גלײַך צום אָנהייב שוין האָבן דורכגעגאַן אַ שטיקל שול, וואָס לערנט, וויִאַזוי קיין ברעם טאָר זיך ניט קיין קרים טאָן אין אַלע יענע פֿאַלן, ווען מ׳האָט צו טאָן מיט אַ סוינע, אַ פֿאַרעטער.

דאָ האָט, אַגעוו, דער קאָמאַנדיר באַזונדערס אין זינען געהאַט די פּלאָרא, וועלכע ער האָט אויפֿן סאַמע פֿון פּאָרנט, אַמנאָענטסטן צום בוים אַוועקגעשטעלט, איבער איינער אַ סיבע, און אָט איבער וואָסערער: ווען זי איז אַהער געקומען מיטן פּירער־פּאַרשוין און האָט אין זײַן אָנוועזנהײַט אינעם נייטיקן מאָמענט, אײַליק, מיט ציטערדיקע הענט, דאָס פֿאַרנייטע אָרט אין איר בעגעד אויפֿגעריסן, אויף אַרויס־צוציִען די שיפֿער־שריפֿט, האָט דער קאָמאַנדיר באַמערקט, ווי צוזאַ־מען מיט דער שריפֿט האָט זי אַרויסגעכאַפּט עפּעס נאָך אַ זאַך — אַ פֿינגערל, מעג ער שווערן, — וואָס זי האָט דאָס באַלד מיט דער צווייטער האַנט פֿאַרנומען, וועלנדיק דאָס אויסבאַהאַלטן פֿאַר פֿרעמדע.

אַז ער האָט בײַ איר דערנאָך, נאָך פֿאַר דער עקזעקוציע, אַ פֿרעג געטאָן: וואָס האָט זי דעמלט, בײַם זי האָט זיך אַזוי געאײַלט, געוואָלט פֿאַרשטעלן, אַרויסבאַקומענדיק דעם שיפֿער, האָט זי אים געענטפֿערט: אַ פֿינגערל.

— וועמענס? — האָט ער ווײַטער שטרענג געפֿרעגט, וועלנדיק איר צו וויסן געבן, אַז פֿאַר קיין קאָמאַנדיר טאָרן קיינע אויסבאַהאַל־טענישן נישט זײַן.

— מײַנס, — האָט זי געענטפֿערט, — אַן אָנדענק פֿון מײַן טאַטן.

— און צי ווייסט זי, — האָט ער בײַ איר ווידער געפֿרעגט, — אַז דאָ געדענקט מען ניט קיין טאַטן, און אַז מ׳געדענקט בלויז איינס — צילן, שיסן און טרעפֿן?

— יאָ, — האָט זי געענטפֿערט, — זי ווייסט. אָבער דאָס וועט איר ניט שטערן, נאָר פֿאַרקערט, העלפֿן אין איר לערע, אין וועלכער זי האַלט ערשט בײַם ערשטן טראַף...

דעמלט האָט דער קאָמאַנדיר זי עטוואָס מער דערנענטערט און איר מער אויפֿמערקזאַמקײַט אָפּגעגעבן, ווי אַנדערע, און די ערשטע לעקציע, וואָס ער האָט איר דערלאַנגט בײַ דער ערשט מעגלעכער געלעגנהײַט,

איז געווען די, וואָס האָט זיך צוערשט געלאָזט דערלאַנגען: אויס־פּרוּוון זי אויף מוט, ווען זי וועט דאַרפֿן נאָענט שטיין בײַ אַזאַ זאַך, וואָס אין אַנדערע אומשטענדן ווערן אַפֿילו מער מוטיקע אַמאָל מוטלאָז...

* * *

זי האָט אויסגעהאַלטן, פֿלאָרא, די פּרוּוו, און נישט נאָר דאָס; זי האָט נישט נאָר די ערשטע איר געגעבענע לעקציע גוט באַנומען, נאָר איינס נאָך איינס אַלץ, וואָס האָט זיך פֿון איר אין די אופשטענדלערי־שע, וואַלד־באַדינגונגען געפֿאָדערט, ביז אַרויסצוווײַזן זיך פֿאַר איינע פֿון די פֿלינקסטע, פֿײַיִקסטע אויף אַלע הענט אויפֿגאַבן, וועלכע יעדער איינער דאָרט האָט אויסצופֿילן, סײַ וואָס ער נעמט אויף זיך פֿון אייגענער איניציִאַטיוו, און סײַ פֿון די, וואָס די העכערע קאָמאַנד־שאַפֿט שטעלט פֿאַר אים, אים באַפֿולמעכטנדיק.

זי האָט זיך אויסגעטיילט, אויסגעצייכנט אַזוי, אַז אין אַ קורץ שטיקל צײַט אַרום וואָלט איינער, וואָס האָט זי געקענט פֿון ערשט ניט לאַנג אין געטאָ, זיך ניט געגלייבט, אַז דאָס איז די זעלבע — די, וואָס ווען מ'האָט באַדאַרפֿט, האָט זי זיך בליץ־שנעל אויף אַ פֿערד געטראָגן; ווען מ'האָט באַדאַרפֿט צופֿוס אָנגרײַפֿן, איז צופֿוס, אָן מידקײַט, און נישט צו ציילן די טעג און נעכט, ווען מ'האָט יאָ געררוט, ווען ניט; און ווען מ'האָט נאָר באַדאַרפֿט, האָט זי געקאָנט אָפּליגן געדולדיק, מיט קיין אייוועו ניט רירנדיק און ניט אַרויס־ווײַזן זיך מיט קיין שום באַוועגונג, שאָענווײַז ערגעץ אין אַ לאָקער פֿאַר אַ דיווערסיע־אַקציע, ווען ס'פֿאָדערט זיך באַזונדערס זײַן שטיל און פֿאָרזיכטיק.

מיט איינעם וואָרט, זי האָט זיך אויסגעצייכנט אַזוי, אַז דער קאָמאַנדיר, דער יונגער, פֿאַרדרײַסיקיאָריקער רוס, דער גראָדער און דראָטיקער, מיט די איבערגעקרייצטע רימענס אויף דער ברוסט און אויפֿן רוקן, האָט איינמאָל אין אַ גוט־אויפֿגעלייגטער שעה, נאָך אַ שלאַכט־דערפֿאָלג, און האָבנדיק אויסזיכטן אויף נאָך גרעסערע דערפֿאָלגן, קוקנדיק אויף איר, ווען ער איז מיט איר אַליין געבליבן, איר אַ זאָג געטאָן אין ברידערלעכער אויפֿגעלייגטקײַט:

— עך, דו פֿלאָרא, פֿײַנע מויד... צי ווייסט זי, אַז ווען ניט דאָ און ווען ניט איצט, וואָלט ער איר געהאַט פֿאָרצולייגן איינעם זײַנעם אַ גאָר נאָענטן באַקאַנטן אויף לעבנלאַנגער שותּפֿעס...

פֿלאָרא האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס דער קאָמאַנדיר מיינט, אָן אײַ־בעריקע אויסטײַטשונגען, און ווען ער האָט איר דערצו נאָך, נאָך די נאָרוואָס געזאָגטע ווערטער, אַ האַנט אויפֿן אַקסל אַרופֿגעלייגט, אָן דערקלערונגען און אַ ביסל ניט ווי זײַן שטייגער, אַ ראָמאַנטיש־פֿאַרטראַכטער, האָט זי זיך בעקאָוועדיק אַ דריי אויס געטאָן פֿון

אונטער זייַן האַנט, האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר די טייַטש פון איר אויסדריי איז געווען:

ריכטיק, ניט איצט איז די צייַט און ניט דאָ דאָס אָרט פאַר אַזוינע פאָרשלאָגן...

ווייַל ווירקלעך: ס'איז געווען שניט־צייַט, שוין ערעוו דעם, ווען מ'האָט באַלד באַדאַרפט אַראָפּנעמען דאָס אויסגעוואַקסענע מיט געזאַנג, נאָכדעם, ווי מ'האָט אַזוי בלוטיק פאַרזייט, אין אַזאַ טרויער. ס'איז געווען ערעוו ניצאָכן, ווען אָט באַלד־באַלד וועט די ווירקלעכקייַט שוין האָבן איבערגעגאַן אין אַ לעגענדע, ווען וועלכער יעדער איינער מער ווייניקער אָנטיילנעמער און שפּעטער אירער וועט זיך האָבן גענוג־גענוג אָנצודערציילן, און ווען וועלכע אויך זי, פלאָרא, וועט האָבן גענוג, ווי אַן אָנטיילנעמערן.

זי וועט דאָס אויך טאָן... זי האָט דאָך צו דערציילן ניט נאָר וועגן די פּאַסירונגען פון ביז אַהער, ביז זי איז אין וואַלד אַרייַן, וואָס דאָס איז, דעם עמעס געזאָגט, באַ איר ניט מער ווי בלויז אַן אַרייַנפיר צום איקער, נאָר דעריקער טאַקע וועגן דער רעכטער־געדיכטער אופשטענדלערישער טעטיקייַט, צו וועלכער זי האָט אַליין געשטרעבט און אַף וועלכער זי האָט באַ איר טאַטן אַ בראָכע געבעטן, און נישט נאָר באַ איר טאַטן, נאָר באַ אַלע אירע אָוועס־אַוויסעהאָ — באַ אירע עלטערנס־עלטערן, ביז אַפילע אַ רוף צו דער מוטער דווירע, דער אַמאָל־אַמאָליקער פאָלקס־זינגערן...

נו, און דערווייַל אָבער, ביז וואָס ווען, ביז זי וועט זיך דערפאַר נעמען און ביז מיר וועלן פאַר די אויגן האָבן איר קינפטיקע שריפט און וועלן זיך איבערציילן מיט דעם, וואָס זי האָט אונדז שפּעטער צו זאָגן, שטעלן מיר אַ פּונקט און ווילן נאָר צוגעבן אַ פּאָר קלייניקייַטן צו דער ביזאַהעריקער דערציילונג.

3

יאָ, ווען, ווו, און באַ וואָס פאַר אַן אומשטענדן האָבן מיר זיך באַקענט מיט אָט דער פלאָרא?

— האַ? ווו און ווען.

ס'איז דער נייַנטער מייַ, 1945, אין מאָסקווע.

אין איינער אַ יִדיש־געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע, געגרינדעט און אופגעקומען אין מילכאָמע־צייַט אַף זאַמלען און פאַרשפרייטן יעדִיעס וועגן די אַזוי טרויעריק באַרימטע מייַסים־טאַטוִים פונעם סוינע, איז אין אָוונט פון יענעם נייַנטן מייַ, לעקאָוועד דעם זיג איבערן סוינע, פאָרגעקומען אַ באַל, אַזוי ווי אומעטום און איבעראַל דעמלט באַ אונדז אין לאַנד, און נישט נאָר באַ אונדז, נאָר אין אַלע פרייַהייט־ליבהאָבנדיקע און אין קאַמף מיטן סוינע שטייענדיקע לענדער.

ס'זײַנען אײַנגעלאַדן געװען, פאַר אַלעמען, די מיטאַרבעטער פון יענער אינסטיטוציע, װי אױך אַנדערע — פון אַנדערע, װעלכע האָבן געהאַט צו דער געגעבענער א װאָסערע־ניט־איז שײַכעס, װי אַקאַדע־מיקער, קינסטלער, שריפטשטעלער, און דעריקער מיליטער־פאַרשטײער, אָנהײבנדיק פון די הױכע ראַנגען פון א גענעראַל, ביז אַראָפּ נידעריקער, װעלכע זײַנען דעמלט, אַגעװ, אַלע, אָן אױסנאַם, געװען באַהאַנגען מיט אַזױפיל שלאַכט־אױסצײכענונגען, מיט אָרדענס און מעדאַלן, אַז װען מ'זאָל זײ געװען װעלן נאָך עפּעס־װאָס אָנהענגען, װאָלט שױן, דאַכט זיך, אױף זײערע ברוסטן קײן אָרט ניט געװען. צװישן די מיליטערישע — אױך פאַרטיזאַנער פון בײדע געשלעכטן — האַלב מיליטעריש אָדער גאָר ציװיל געקלײדט.

ס'איז געװען א געדראַנג און אױפגעלײגטער טומל אין דער גע־בײַדע פון יענער אינסטיטוציע, שױן אונטן, אינעם ערשטן שטאָק, בײַ דעם גאַרדעראָב און אין אַלע אַרבעט־צימערן, אײדער מ'האָט דעם אױלעם אינעם אױבערשטאָק, אין דער קאָנפערענץ־זאַל, װוּ אַלע מאָל קומען פאָר מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, אײַנגעלאַדן.

ס'איז געװען א זשום, װי אין א בינשטאָק, װען באַקאַנטע, נאָר־װאָס אָנגעפּאָרענע פון פאַרשײדענע פראָנטן מיליטער־לײַט, װעלכע האָבן זיך לאַנג ניט געזען אײנס מיט אײנס נאָך לאַנגער צעשײדונג, האָבן זיך איצט אָפּסניי באַגעגנט צװישן זיך און אױך מיט ציװילע, װאָס האָבן די גאַנצע מילכאָמע־צײַט, צוליב מילכאָמע־צװעקן, אין הינטערלאַנד פאַרבראַכט.

ס'איז געװען יאָמטעװ אױף אַלעמען. און װען שפּעטער איז דער אױלעם אין אױבערשטאָק אַרױפגערופן געװאָרן, װוּ מ'האָט אין דער דערמאָנטער קאָנפערענץ־זאַל זיך געטראָפן פאַר לאַנגע, רײַך־געדעקטע טישן, אױסגעשטעלט בײַ די דרײַ װענט פון זאַל אין א פאָרם פון א כעס; און װען דער אױלעם האָט זיך אַהין גענומען אײנציקװײַז, פּאָרלעכװײַז און גרופּעסװײַז צונױפגײן, אַזױ האָט מען געקאָנט זען, װי צװישן די עטװאָס שפּעטער און צום לעצט אַרײַנגעקומענע האָט זיך באַװיזן עפּעס נאָך אײנע א פּאָר — אַן עטװאָס נידעריק־פעסטער מאַנצבל, שױן ניט קײן יונגער, מיט הױכלעכע שטערן־װינקלען, אָבער נאָך מיט שװאַרצלעכע שװאַקס־אױגן און א ביסל פרעמדלעך־בעריש אין זײַן האַלטונג און גאַנג; און בײַ זײַן זײַט — א יונגפרױ — אַזאַ, װאָס זי ניט צו באַמערקן איז אַפילע צװישן גאָר א גרױסן אױלעם געװען אױסגעשלאָסן און ניט שײַעך.

דאָס איז געװען בערל בענדער און פלאָרא, װעלכע האָבן, נאָכדעם װי אױך בערל איז אַרױס פון געטאָ, זיך צוזאַמענגעפונען אין אײנער און א זעלבער טײל פון אַן אײנער און דער זעלבער װאַלד־מאַכנע. זײ האָבן זיך פיל פריִער באַפרײַט, װי די שלאַכטלײַט פון דער רע־גולערער אַרמײ, דעמלט, װען די לעצטע האָט זײער קאַנט אַריבערגע־שפּאַנט, ציִענדיק אױף מײַרעװ, און אין זײ, אין די אונטערערדישע

אופשטענדלער, האָט מען זיך שוין נישט איבעריקס געניייטיקט. מ׳האָט זיי פון זייערע שלאכט־ערטער און פּאָסטנס אף רו צעלאָזט. ווער ס׳איז אהיים אוועק, איז אוועק, און ווער ס׳האָט קיין היים ניט געהאט, ווי אָט אזא בערל און פלאָרא, וועלכע האָבן, ווי פיל, אלץ אָנגעוווירן, האָבן זיך געלאָזט, וווּהין ווער ס׳האָט געוואָלט.

די לעצטע האָבן באגערט קיין מאָסקווע. מעגלעך, צו קרויווים, מעגלעך, צו פרײַנט, און מעגלעך, אז אליין צו דער שטאָט, וואָס איז זיי אי א פרײַנט, אי א קאָרעוו.

א סוואָרע, אז פלאָרא האָט טאקע דאָ אָנגעטראָפן אף קרויווים, ווײַל קוקנדיק אף איר איצט, ווען זי האָט זיך צווישן די פארשפּעטיקטע אין זאל ארײַנגעשטעלט, האָט מען געקאָנט זען, אז זי קומט פון א שטוב און פון, ווי ס׳ווײַזט אויס, א פארמעגלעכער שטוב, ווײַל איר אָנטאָן, אויסזען און באל־ און סאלאָן־פייִקײַט האָט ארויסגערופן כידעש ניט נאָר בא מענער, נאָר אויך בא אלע די דאָ בײַזײַענדיקע פרויען, וועלכע האָבן קיין „וואלד״ אין די אויגן ניט געזען און צו פארטיזאנען־פּראקטיק קיין שײַכעס ניט געהאט.

זי האָט אויסגענומען ניט נאָר מיט איר אויסערלעכקײַט, נאָר מיט זיך אליין. אגעוו, אויך דאָס אויסערלעכע האָט דאָ צוגעהאָלפן... צי זי האָט צופעליק אף אזא קלייד אָנגעטראָפן, קומענדיק אין קליידער־מאגאזין, צי זי האָט ספּעציִעל טאקע געזוכט אזא, נאָר ס׳האָט זיך געמאכט, אז סײַ דאָס שטאָף, סײַ דער קאָליר, סײַ דער פאסאָן זײַנען ענלעך געווען אף יענע, וואָס איר פאָטער האָט, ווי מיר געדענקען, איר ספּעציִעל געלאָזט נייען צום ארויסלאָז־באל אין שול, ווען זי האָט זיך נאָך א גליקלעך קינד אונטער זײַן שוץ־פליגל געפונען, — מיט דעם זעלבן גורט פון זעלבן ווײַסן שטאָף אף הינטן, אפן רוקן געבונדן, מיט צוויי עקן ביז אראָפּ צום זוים פון קלייד אראָפּגעלאָזט.

זי האָט שוין גלײַך, ווי זי איז ארײַן, די מערסט־גרעסטע אופ־מערקזאמקײַט אף זיך פון קימאט אלע זי דערזעענדיקע געצויגן — אף אזוי ווײַט, אז אייניקע האָבן זיך גלײַך גענומען צו איר שארן, נעענטער אונטערקומענדיק, און אייניקע, פון דעם רעשט נאָך בא אונדז אלט־פארבליבענע עסטעטישע סנאָבן, האָבן פון גרויס היספּײַ־לעס גענומען זוכן א פארגלײַך צו איר ניט אין אונדזער דאָר, נאָר ערגעץ גאָר אין דער געשיכטע.

— זעט, — האָט אזא איינער א זאָג געטאָן, — ס׳איז דאָך א הענגריִעטע הערץ פון אמאָליקן דײַטשישן שטורעם־און־דראנג־פּעריִאָד; דאָס שלעגל־ווײַב, וואָס א גאנץ גייענדיקער דאָר ראָמאנטיקער האָבן געקלעפּט ארום איר, ווי פליגן ארום זים...

— און אזוינס האָט פארטיזאנעוועט, — האָט געזאָגט א צווייטער, — צום דײַטשס קאָפּ און צו זײַן פארשריגענעם יאָרהונדערט.

מ׳האָט זיך אויסגעזעצט בא די רײַך־געגרייטע טישן, פול מײַכאָלים און מאשקע לעקאָוועד דעם יאָמטעוו...

בעראָש, באַם ערשטן מיטלסדיקן טיש, האָט מען געקאָנט זען די אמערסט בעקאָוועדיקע מעכוטאָנים, אַזוי צו זאָגן, פון דער הײַנטיקער פירערונג — די מיליטערישע, וואָס זיי די ערשטע זײַנען אויך באַערט געוואָרן די ערשטע טאָסטן צו האַלטן.

מ׳האָט גערעדט און געהויבן דעם קאָס, צוערשט, נאַטירלעך, פאַר די אָנפירער און אָרגאַניזאַטאָרס פונעם צווישנפעלקערלעכן זיג, דערנאָך פאַר די פעלקער אַליין, דערנאָך פאַר די מיט מעסירעסנעפעש קעמפנדיקע אַרמייען, און יעדער מיליטערישער האָט פאַר די קורצע מינוטן, וואָס זײַנען אים אויסגעטיילט געוואָרן אף זײַן וואָרט, געהאַט צו ברענגען אַ היפּש ביסל גאָר געהויבענע בײַשפּילן פון זײַן אייגע־נער שלאַכט־פּראַקטיק, ווי אויך פון זײַנע נאָענטע און אין זײַן רעשום זיך געפינענדיקע מיטהעלפער, וועלכע האָבן באַוויזן, ווי ווײַט מוטיק, דרייסט אַלע, אָן אויסנאַם, ווער ווו, אף וואָס פאַר אַ פּאָסטן ער איז ניט געווען געשטעלט און אַ וואָס פאַר אָן אופגאַבע ער האָט ניט געהאַט אויסצופילן, האָט געטאָן און אויסגעפילט, נישט געדענקענדיק אין זיך, נישט אין זינען האָבנדיק זײַן אייגן לײַב און נעפעש, אַבי דער אַלגעמיינער זאַך פון זיג זאָל דאָס דינען, און אַבי דער סוינע זאָל מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן וואָס גיכער, וואָס גיכער זײַן אייגע־נע, ענדגילטיקע מאַפּאָלע דערזען.

ס׳האָבן גערעדט אויך ניט־מיליטערישע, וואָס האָבן בײַם דער מילכאָמע אין הינטערלאַנד געהאַט צו טאָן און וואָס אויך זיי האָבן געהאַט געגנוג וואָס צו דערציילן.

מ׳האָט אַ וואָרט געגעבן אויך בערל בענדער, ווי אַ פאָרשטייער פון אונטערערדישע אופשטענדלער, צו וועמען מ׳האָט זיך באַזונדערס צוגעהערט, ווי צו איינעם אַ זייער באַשיידענעם העלד צווישן נאָך אַזוינע, ווי ער, העלדן, וואָס אָן שליפעס, אָן אַמוניציע, אָן געווער, נאָר מיט הוילע הענט קימאַט זײַנען זיי אַרויסגעטראָטן קעגן אַ פון קאָפּ ביז די פיס באַוואָפנטן סוינע, און וואָס צו באַזינגען אָט די העלדישקײַט זייערע וועלן זיך פאָדערן גאָר באַזונדערע מינים מינע־זינגער און באַרדן.

דעמלט איז געגעבן געוואָרן אַ וואָרט צו אַ טאָסט אויך פלאָרען, ווי אַ פאָרשטייערן פון פרויען העלדן, וואָס איז נאָך מער בידעש, און וואָס ווען זי האָט זיך נאָר פון איר אָרט אַ הייב געטאָן און זיך אַ שטעל געגעבן מיט אַ זײַט אַ ביסל, געוווּנדערט ניט נאָר צו די, וואָס זײַנען בײַ איר טיש געזעסן, נאָר צו אַלע, אַלעמען אין זאַל, אַזוי איז שווין דער אויילעם, נאָך איידער ער האָט פון איר אַ וואָרט דערהערט, גרייט געווען צו אַפּלאָדירן — אַליין איר וווּקס, אַליין איר האַלטונג, אַליין איר אויסזען, וואָס איז זיך קלאָר ניט געווען פאָרצושטעלן, אַז זי, אַזאַ, איז ערשט פון וואַלד און פון יענער האַרבער אופשטענדלערישער ווירקלעכקײַט אַרויסגעקומען.

זי האָט זיך א שטעל אוף געטאָן, און דערזעענדיק זיך אין אן אײגנשטאמיקער סװיװע, פון װעלכער זי איז א צײַט געװען אָפּגעריסן, האָט זי א רעד געטאָן אף איר אײגן לשון, פון װעלכן זי איז שױן אױך א צײַט, אין װאלד זײַענדיק, געװען אָפּגעװױנט, אזױ, אז אלע האָבן זיך גענומען פארגאפט גרױסן סײַ מיט איר אלײן, סײַ מיט דעם, װאָס דער פאָלקס-קװאל האָט ניט אױסגעטריקנט, זעענדיק דאָ א סימען, אױך נאָך אזא בראָך, װאָס האָט אונדז געטראָפן, זײַנען נאָך, צום גליק, אונדז פארבליבן אזעלכע טעכטער מיט אזא אױסזען, מיט אזא שטעל און מױל.

אז זי האָט, פארבײַגײענדיק, דערצײלט א פּאָר עפּיזאָדן פון איר פּארטיזאנען-פּראקטיק, האָט עס דעם אױלעם אזױ אופגעריסן, אז מ'האָט זיך, אומבאמערקט פאר זיך אלײן, אלע פון די ערטער אופ-געהױבן, קעדײ זיך בעסער אין איר אײַנצוקוקן און קעדײ זי בעסער צו הערן.

מ'איז געשטאנען מיט אָפענע מײַלער און געװארט, זי זאָל װײַטער און נאָך דערצײלן, מיט אזא דאָרשט, נײַגעריקײַט און פארכאפּונג, װי דאָרשטיקע קוקן אמאָל, לעכצנדיקע נאָך רעגן.

דעמלט האָט זי גענומען רײדן אױך װעגן דער גטאָ, אופקלערנ-דיק דעם אױלעם, װעלכער האָט ניט געװוּסט, װאָס דאָס איז אזױנס — װאָס מיט דעם װאָרט איז געמײנט, זאָגנדיק דערבײַ, אז װען ס'זאָל מעגלעך געװען זײַן אנדערש, דאָס הײסט, װען ניט די אומשטענדן, װאָס דער סױנע האָט געשאפן אף ניט צו דערלאָזן צו קײן יִדישער העלדישקײַט, װאָלט, מעגלעך, יעדער אומגעבראכט קינד אָדער זאָקן געלאָזט נאָך זיך אזא באװונדערנדיקן בײַשפּיל, װאָס װאָלט שװער געװען אים צו נאָכטאָן.

— און דערום, — האָט פלאָרע געזאָגט, פאָדערנדיק ערע פאר דער דערמאָנונג פון גטאָ, װעלכע האָט ניט באװיזן אָפּצוגעבן בעפּױעל דאָס, װאָס זי האָט פארמאָגט בעקױעך, — לאָמיר פאר איר די קעפ פארנײגן...

דעמלט האָט פלאָרען אױסגעפעלט לאָשן פון פארערנדיקער שטילקײַט, װאָס האָט א װײַלע געהערשט אין זאל.

דעמלט, װידער, האָט זי אופגעהױבן די רעכטע האנט, װאָס אפן פאָרלעצטן פינגער, האָט מען געזען, האָט זי עפּעס א פינגערל געהאט, און אראָפּנעמענדיק עס מיט דער לינקער האנט, האָט זי דאָס הױך געהאלטן װי אף צום שעצן און צום באװײַזן, און קערעװענדיק זיך צום פרױען-טײל פונעם אױלעם, װאָס האָט זיך אין זאל געפונען, האָט זי א זאָג געטאָן:

— שװעסטער, דאָס איז א יערושע-פינגערל פון מײַן טאטן, װאָס איז אומגעקומען, און װאָס געבנדיק דאָס מיר, האָט ער װי געפאָדערט א כױװ — אופצושטעלן א דאָר, װאָס זאָל װערט זײַן ציִען דעם פאָדעם פון אונדזער פאָלקס-קיִעם. לאָמיר, שװעסטער, — האָט זי

געזאָגט און האָט ווידער מיט דער לינקער האַנט דאָס פינגערל אף דער רעכטער אָנגעטאָן, ווי פארקנאַסנדיק זיך אליין צום געגעבענעם צוזאָג, וואָס זי האָט אָקאָרשט ארויסגעבראַכט.

דאָ האָט עס דעם אוילעם אופגעריסן.

— יאָ, שוועסטער, — זײַנען אייניקע צו איר צוגעפאַלן און זיך געגומען מיט איר קושן.

און אַז שפּעטער, ווען די טאָסטן האָבן זיך אויסגענומען, די סודע האָט זיך געענדיקט און דעם אוילעם איז גענוג לופט אונטער דער הויט ארונטערגעקומען אף ניט צו באַנוגענען זיך בלויז מיט דעם ביזאַהעריקן און מ׳האָט געוואָלט נאָך און מער ראַשיקער פאַר־ברענגען, אַזוי האָט די דינערשאַפט דאָס געשיר, די לאַנגע טישן, בענקלעך, שטולן פון זאַל אפּירגענומען און געמאַכט אָרט פאַר פאַרווײַלונג.

דעמלט האָט זיך איינער א מוזיקאַנט געזעצט צום אינסטרומענט, וואָס האָט זיך באַשטענדיק אף אַזוינע פאַלן אין זאַל געפונען, און באַלד האָט ער איבער די קלאַווישן מיט ביידע הענט אַן אופמונטערנ־דיקן גיי געטאָן און דער אוילעם האָט דערהערט, אַז ער ווערט צום טאַנץ אײַנגעלאַדן.

באַלאָנים האָבן זיך געפונען גענוג. צום ערשט אָבער האָט דער אוילעם טענצער זייער באַנגער אָפּגעהאַלטן, דערזעענדיק, ווי צווישן אַלערליי פּאָרלעך האָט זיך באַוויזן א פּאָר, וואָס מ׳האָט זיי דעם ערשטן קאָוועד און די ערשטע אופמערקזאַמקײַט געמוזט אָפּגעבן, אליין זיך דערווײַל אָפּהאַלטנדיק פון טאַנצן.

דאָס איז געווען בערל בענדער מיט פלאָרען, וועלכע איז איצט פון איר ענגסטן, פון איר נאָענטסטן, פון דעם, וואָס זי האָט מיט אים אַזאַ שטיק געטאָ, וואַלד און געפאַר־געשיכטע דורכגעמאַכט, אײַנגעלאַדן געוואָרן.

דער אוילעם האָט זיי ארומגעשטעלט. מ׳האָט געהערט, ווי בערל, איר „קאַוואַליער”, האָט איר א זאָג געטאָן: „פלאָרא, — אונדזעריקס...”

דעמלט האָט ער מײַסע־קאַזאַק ארום איר אין א רעדל געגומען ארומגיין... ער האָט אף א ניט־ייִדישן אויפן צוערשט די רעכטע האַנט צו דער רעכטער זײַט פּאָטיליצע א הייב געטאָן, גייענדיק פּוס־טראָט און קײַלעכיק ארום איר, וועלכע האָט אים צוגעשמייכלט, אים אונטערגעגעבן, אים צופליעסקענדיק, און א שמייכלענדיקע, מיט אים מיטגעטאַנצט.

דעמלט האָט ער געביטן די רעכטע האַנט אף דער לינקער, און האַלטנדיק זי אף דער לינקער זײַט פּאָטיליצע, האָט ער דורכגעמאַכט דאָס זעלבע, — דאָס מאָל מיט געבויגענע קני, אין האַלב־ווּקס די גרייס און ווי זיצנדיק געטאַנצט.

אויך זי האָט אים נאָכגעטאָן: אים געלאָזט שטיין ווי אינמיטן א קרײַז און זי האָט זיך ארום אים געדרייט פּוסטראָט און קײַלעכיק,

און מיט אלע יענע האוויַעס, וואָס וויַזן אף העפקער און אף גאַטס באראָט, ווי מ'זאָגט, און אז אזוינע טענץ ווערן נים אין קיין זאלן, נאָר אף הוילער ערד ערשט רעכט־גוט אויסגעטאנצט.

דער אוילעם האָט אוואדע זיי באגיטיקט און באדאנקט. מ'האָט אָבער געזען, אז בערל איז בלויז א כאוועד, אָבער נישט קיין פּאָר, מאכמעס זיַין עלטער און מאכמעס ער איז שוין צו סאָליד פאר איר...

און דערפאר, שפּעטער, אז מ'האָט אופגעשפּילט, איַינלאדנדיק צום צווייטן טאנץ, האָט זיך שוין דער ריכטיקער געפונען — א מיליטער־יונג, וואָס מ'פרעגט אף אים, א קאוואלעריסט, דאכט זיך, מיטן קנאק און מיט שפּאָרן...

דעמלט האָט מען א טאנץ געטאָן מאָדערן — אזא, צו וועלכן די יוגנט איז געוווינט און בײַם וועלכן זי פילט זיך אין איר סטיכיע.

דעמלט האָט פּלאָרא, ארופלייגנדיק א האנט אפן קאוואליערס אקסל, שוין דעם ערשטן גאנג, וואָס זי האָט געמאכט, באוויזן אזא „קלאס", אז דער גאנצער, זיַיטיקער, נישט־טאנצנדיקער אוילעם האָט זיך אין שפּאליערן אויסגעשטעלט, ווארטנדיק, זי זאָל זיך פארביַי־טראָגן און מ'זאָל זי וואָס נענטער, וואָס נעענטער פאר די אויגן האָבן.

ס'איז שוין דאפקע געווען אף וואָס צו קוקן: ווען דעם קאוואַ־ליערס האנט אף איר טאליע, און אירע — אף זיַין אקסל, און ווען פון איינעם א פינגער פון איר זעלבער האנט האָט זיך אלע מאָל, ווען זי האָט זיך פארביַיגעטראָגן, א וויַיז געטאָן דאָס פינגערל, וואָס האָט איר אזויפיל כיין געגעבן, און באזונדערס נאָך, ווען מ'האָט זיך דערמאָנט, פונוואנען ס'שטאמט און אז ס'דינט פאר א געדע־כעניש פון איר פאָטער, וועגן וועלכן זי האָט אין איר טאָסט געזאָגט.

— לעבן זאָל אזא! — האָבן געזאָגט, נישט געזאָגט, נאָר געטראכט אלע אין די שפּאליערן שטייענדיקע עלטערע, זעענדיק פאר זיך א קינד, וואָס פארשעמט נים קיין עלטערן, און וואָס איז פארקערט — זיי א צירונג.

— מיידל־טריומף!.. שוין יענץ מיידל! — האָבן נאָכגעקוקט יונגע מיט קינע נאָך דעם, וואָס ער האלט זיַין האנט אף איר טאליע און האָט זי לעבן זיך אזוי נאָענט.

אן אווירע נאָר, זאָגן מיר דאָ, וואָס צווישן די אין די שפּאליערן שטייענדיקע האָט זיך דעמלט נישט געפונען נאָך איינער א צושויער, — דאָס מיינט מען פלאָרעס פאָטער, וועלכער וואָלט אויך איצט, ווי דעמלט, ווען ער האָט זי געזען בײַסן ארויסלאָז פון שול, באשיידן צווישן אוילעם זיך געווים פארוקט און פון נישט וועלן איר געבן קיין איַינהאָרע — זיך געמאכט נים זעענדיק. א שאָד, א שאָד...

מאָסקווע. אפּרעל—מײַ 1946

װידערװוּקס

דאָ גייט די רייד װעגן צװיי האַלבע פאַמיליעס (אַ מאַן אָן אַ װײַב און אַ װײַב אָן אַ מאַן), װאָס האָבן געװוינט אַ טיר קעגן אַ טיר, אַף איין עטאַזש, אין איינעם אַ הויז, אין איינער אַ סאָװעטישער הויפּטשטאָט.

קיין איבעריקע פּראָטים װעגן זיי און זייערע באַשעפטיקונגען פאָדערט זיך דאָ ניט. ס׳װעט גענוג זײַן צו זאָגן, אַז איינער, דער דאָקטער זעמעלמאַן — אַן עלטערלעכער, בייזלעכער כירורג, אַ שװײַ־גער, מיט אַ נעטיִע צו איינזאַמקײַט, אַ מענטש מיט אַ נאָמען אין זײַן פאַך אי דאָ אין שטאָט, אי שוין קימאַט אין גאַנצן לאַנד — פון איין זײַט; און פון דער צװייטער — פרוי זײַעץ, אַ באַװוּסטער פּעדאַגאָג, װאָס האָט געדינט אין פאָלקאָמבילד אַלס אָנפירערן פון איינעם אַ סעקטאָר. און מער גאָר.

צום פאַרשטיין דאָס שפּעטער־קומענדיקע דאַרף דאָ נאָך געזאָגט װערן, אַז ביידע זײַנען שוין לאַנג אָפּגעפרעמדט פון זייער ייִדישן

אָפּשטאם און ווײַט פון אלעם, וואָס ווערט געטאָן און געשאפן אין די געדיכטעניש פון יענע מאסן.

באביידע צו איינציקע קינדער. בא דאָקטער זעמעלמאַן — א זון, און בא פרוי זײַעץ — א טאָכטער. ביידע קימאט פון איין עלטער, וועלכע האָבן זיך געלערנט פריִער אין שול, דערנאָך געשטיגן העכער, און אזויווי מ׳האָט געווינט איינס קעגן אנדערן פון קליינערהייט אָן, איז צווישן די קינדער, נאטירלעך, געשלאָסן געוואָרן באקאנטשאפט. און אזויווי אויך די עלטערן פון איין שטאנד, פון איין אינטעליגענטישן ראנג, זײַנען זיך אויך די עלטערן צונויפגעגאן, אף וויפל ס׳מעגלעך בא שטארק באשעפטיקטע מענטשן, וועלכע זײַנען פארטאָן איבערן קאָפּ יעדערער אין זײַן געביט, וואָס פארשלינגט אים, ניט לאָזנדיק קיין איבעריקע צײַט פאר פּערזענלעכן, ווי ס׳פּירט זיך.

אז די קינדער זײַנען אונטערגעוואקסן, האָבן זיי זיך פיל מער דערנעענטערט. זיי האָבן געהאט פיל געמיינזאמס סײַ אין לערנען, סײַ אין פארברענגען די רו־טעג, קאניקולן, וועלכע זיי האָבן אויסגענוצט אפן יוגנטלעכן אויפן, אמאָל בלויז צווישן זיך, אמאָל מיט נאָך כאווײרים יוגנטלעכע.

ווען די עלטערן האָבן אמאָל צײַט געהאט, פלעגן זיי הינטן־ארום כאפּן א קוק אף די באציִונגען צווישן די אונטערוואקסנדיקע, וועלכע האָבן בא זיי קעגנזײַטיק אויסגענומען: פרוי זײַעצס טאָכטער — באם עלטערלעכן, בייזלעכן כירורג, וואָס פלעגט אריבערקוקן איבער דיברילן און זען, אז יענע איז פאר זײַן זון ווי אָנגעמאָסטן, און דערום אויך פאר אים זייער און זייער געווונטשן. און דאָס זעלבע פארקערט, פרוי זײַעץ, קוקנדיק אף איר טאָכטערס אויסדערווילטן, האָט זיך געפילט מוטערלעך־פארגעניגנט, וואָס איר טאָכטער איז ניט אויסגעקומען זוכן ווײַט און וואָס איר באשערטער איז איר צוגעשיקט געוואָרן אָן מי, טיר קעגן טיר, אף איין פלאטפאָרם, אין איין הויז, און איז פאר איר ווי געבוירן.

ווען ס׳זאָל ווײַטער געוועזן אזוי גיין, וואָלט אָט באלד אָדער שפּעטער געשען, וואָס ס׳געשעט אין אזוינע פאלן — א צוזאמענשלוס פון ביידע האלבע פאמיליעס, וועלכע ביידע יוגנטלעכע וואָלטן זיי פארגאנצט און פארייניקט, צום נאכעם און וווּל פון זייערע עלטערן.

איז אָבער געשען עפּעס אנדערש: ס׳איז אָנגעקומען דאָס 41־טע יאָר, מיטן בראָך פארן לאנד, פאר אלע אײַנוווינער אין לאנד, דערין אויך פאר די ביידע מישפּאָכעס, וועלכע ווערן דאָ באהאנדלט.

ביידע יוגנטלעכע, ניט געקוקט, וואָס זיי זײַנען די ערשטע צײַט ניט אופגעפאָדערט געוואָרן אף מילכאָמע־דינסט, האָבן זיך ארויסגערופן צו גיין פרײַוויליק, אזוי ווי ס׳האָבן געטאָן גרעסטנטייל לערן־יוגנט סײַ דאָ, אין דער הויפּטשטאָט, ווו יענע האָבן געווינט, סײַ אין אנדערע שטעט, אומעטום, אָן אויסנאם.

דעם כירורגס זון — א שיין אויסגעוואקסענער יונג, אן ענער־גישער, א ווילנספולער, האָט זיך באַם פֿאָטער ניט אָנגעפֿרעגט, זיך ניט געייצעט, שטעלנדיק אים פֿאַר א פֿאַקט, ווי מע זאָגט: איז אוועק, וווּ מ׳דאַרף, און זיך געמאָלדן געזונט און דינסטפֿייִק, ווי דער עמעס איז געווען. די צווייטע, די טאָכטער פֿון פֿרוי זיַיִע, האָט, אָדער פֿון ניט וועלן אָפּשטיין פֿון איר כאַווער, אים נאָכגעטאָן, אָדער, מעגלעך, ווען ניט איר כאַווער, וואָלט זי סײַווי פֿירגענומען דאָס זעלבע, לויט אייגענעם געוויסן און ווי די בירגער־פֿליכטן האָבן פֿון איר געפֿאָדערט.

די עלטערן האָבן, פֿאַרשטייט זיך, נישט דערווידערט: זײַענדיק אַליין געטרײַע בירגער און וויסנדיק, אַז קיין שום טײַערס קאָן איצט ניט אויסבאַהאַלטן ווערן פֿאַר זיך, ס׳זאָל ניט אָפּגעגעבן ווערן פֿאַר דער אַלגעמיינער נויט און נוצן. דאָך, אַז ס׳איז געקומען צום געזעג־געגענען זיך, דעם לעצטן טאָג, ווען דער איינציקער זון פֿון דאָקטער זעמעלמאַן האָט באַדאַרפֿט נעמען אָפּשייד פֿונעם פֿאָטער, וועלכער האָט אים, אַגעוו, לאַנג פֿאַרביטן אויך די מוטער, וואָס יענער האָט פֿרי אָנגעוווירן, — אַז ס׳איז געקומען צום געזעגענען זיך, האָט דער פֿאָטער די גאַנצע צײַט, ווען דער זון האָט זיך געפּאַקעוועט, זיך געזען אויסדרייען פֿון צו קוקן אין זײַן זײַט. ער האָט אַלעמאָל, קלוימערשט, באַדאַרפֿט האָבן אין א צווייטן צימער, און ניט אין דעם, וווּ דער זון האָט זיך געפּונען. און נאָר צום סאָף, ווען זיי זײַנען שוין געשטאַנען איינס קעגן אַנדערן און ווען דער זון האָט אים א האַנט דערלאַנגט, האָט דער פֿאָטער מער ניט געקאָנט טאָן, ווי נאָר זיך צובייגן און א שטומען קוש טאָן דעם זון אין שטערן. ער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, ווײַל, ווי ס׳ווײַזט אויס, האָבן אים די טרערן געוואָרגן.

דאָס זעלבע אין דער צווייטער, אַנטקעגנבערדיקער דירע, בא פֿרוי זײַיִע, ווען זי האָט זיך באַדאַרפֿט שיידן מיט דער טאָכטער, בײַם יענע האָט באַדאַרפֿט אוועק, איז די טאָכטער געווען געצוווּנגען א לאַנגע צײַט צו גלעטן דער מוטערס קאָפּ און שטערן, זי באַרויִקן און אַלעמאָל איבערכאַזערן איינס און דאָס זעלבע: „מאַמע, כ׳בין דאָך ניט איינע... אַלע גייען... און פֿאַר א מעדיצין־שוועסטער איז גאָר ניט אַזאַ סאַקאָנע“.

ביידע זײַנען אוועק. די טירן פֿון די צוויי איינס קעגן אַנדערן ווױנענדיקע אױף דעם איינעם עטאַזש האָבן, נאָכן פֿאַרשווינדן פֿון די יוגנטלעכע, אויסגעזען פֿיל מער געשלאָסן, ווי פֿריִער. די עלטערן פֿלעגן, קעדיי זיך צו פֿאַרגעסן, גאַנץ פֿרי אוועק אױף דער אַרבעט, א גאַנצן טאָג דאָרט פֿאַרברענגען, ביז העט שפּעט, שפּעט אין אָוונט, ווען זיי פֿלעגן צוריק קומען זיי אופּשליסן. א היימישע קאַץ, וואָס האָט זיך אַמאָל אױף א ווײַלע אַרויסגעכאַפּט פֿון יענע הײַזער, האָט דערנאָך געמעגט קומען זיך דראַפּען און מיאַוקען הינטער דער טיר,

וויפל זי וויל, און קיינער פון אינוויייניק האָט זיך ניט אָנגערופן און איז ניט ארויס א קוק טאָן, ווער ס'דראַפּעט זיך.

דאָקטער זעמעלמאַן האָט שוין דעמלט געהאַט פיל צו טאָן באַ די פּאַרוואונדעטע, וועלכע מ'האָט געבראַכט פונעם ניט ווײַטן פראָנט, און פון יעדער שלאַכטמאַנס א ווונד האָט ער ווי אָפּגענומען א גרוס פונעם זון, וואָס, ווער ווייסט, וואָס ס'געשעט אים דאָרט... פון דער צווייטער זײַט, זײַן שכיינע, פרוי זײַעץ, כאָטש דאָס שול־וועזן, ווי דער שטייגער ביים מילכאָמע, איז אָפּ פיל געקירצט געוואָרן, דאָך האָט מען געטאָן אַלץ, וואָס ס'לאָזט זיך אפילע אין געקירצטע און קלאַל ניט גינסטיקע מילכאָמע־באַדינגונגען; און וואָס געהער איר, דער פרוי זײַעץ אליין, האָט זי געטאָן מער פון אלע, ווײַל זינט די טאָכטער איז פון איר אוועק, האָט איר די היים אויסגעזען אַזוי פּוסט, אַז זי וואָלט גערן איינגאַנצן זיך אהין ניט געוויזן, און ווען מעגלעך, וואָלט זי אפילע אויך גענעכטיקט אין אַנשטאַלט.

ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז באַלד, ווי די ביידע יונגנטלעכע זײַנען אוועק, אַזוי איז מיטאַמאָל ווי זייער זייבער אויסגערונען און קיינע יעדיִעס האָבן זיך ניט באַקומען ניט פון דער טאָכטער צו דער מוטער און ניט פונעם זון צום פאָטער.

די עלטערן, ווי באַקאַנטע, ווי שכיינים, און ווי אָט־אָט שיר ניט געוואָרענע גאָר נאָענטע מעכוטאָנים, פלעגן זיך אמאָל, אין א רו־טאָג, צונויפגיין און זיך נעמען טיילן ניט מיט דעם, וואָס זיי האָבן יאָ געוווּסט פון זייערע קינדער, נאָר מיט דעם, וואָס — ניט... מ'פלעגט זיך שטיל דורכשמועסן און איינס דאָס אַנדערע פלעגט זיך נעמען קעגנזײַטיק באַרויִקן. בעיין־ברייירע: „ס'נאָך פרי... ס'וועט נאָך זײַן"... האָט אמאָל דער מאַנצבל די פרוי באַרויִקט, און אמאָל פאַרקערט: די פרוי דעם מאַנצבל, וועלכער האָט, זי אויסהערנדיק, געקוקט אין א זײַט, אָדער אַראָפּ צו די שיך, גלײַך ער וואָלט זיי ניט דערקענען פאַר קיין אייגענע.

און אַזוי־ווי מילכאָמע איז מילכאָמע, האָט זיך ווײַטער געמאַכט, אַז אין א קורץ שטיקל צײַט אַרום האָט צוערשט דער דאָקטער זעמעלמאַן באַקומען א קורצע יעדיִע פון קאָמיסאַריאַט איבער מיליטער־איניאָנים, אַז זײַן זון איז העלדיש געפאַלן אין שלאַכט, אָן שום פּיירושים... דערנאָך האָט ער פון איינעם א קריגס־כאַווער פון דער זעלבער טייל, וווּ זײַן זון האָט געדינט, באַקומען אַן אויספירלעכן בריוו, ווו מ'האָט אים מיטגעטיילט, אַז זײַענדיק אין אויסשפּיר, האָט זײַן זון באַקומען א קויל, פון וועלכער ער איז גלײַך געפאַלן, אָן מאַטערניש, און אַז אַלע זײַנע כאַווירים האָבן אים באַגראָבן און מיליטעריש באַערט, ווײַל ער איז זייער געליבט געווען פאַר זײַן דרייסט, פאַר כאַווערשאַפט אין שלאַכט, און אַז זײַן אָנדענק איז דערום באַ אַלעמען טײַער.

דער פֿאָטער האָט דאָס ברייוול פֿיל מאָל איבערגעלייענט, און אוואדע האָט דאָס אים געטרייסט. אָבער קיין זון האָט ער שוין ניט געהאַט.

און אין דער זעלבער צײַט, נאָר א ביסל שפּעטער, האָט זײַן שכיינע, די, וואָס האָט אָט־אָט שיר ניט געזאָלט ווערן זײַנע א גאָר נאָענטע, ווען זייערע קינדער זאָלן זיך געווען מער נעענטער צונויפּ־גיין, — באקומען אן ענלעכע, גאָר ניט קיין פריילעכע ידיעה, פון זעלבן נוסעך, פון זעלבן קאָמיסאריאַט, אַז איר טאָכטער איז בײַם דעם סוינעס אן אָנפֿלי אפֿן שפּיטאָל, ווו זי האָט זיך געפֿונען, אומ־געקומען אף איר פּאָסטן.

ביידע שכיינים, טיר קעגן טיר, אפֿן איינעם עטאזש, האָבן זיך שוין איצט פאַרשפּאָרט צונויפּגיין און איינס דאָס אנדערע זיך באַ־רויִקן... צו וואָס?.. און זיי האָבן קימאט די באקאנטשאפֿט איבערגע־ריסן פון ניט האָבן זיך צו זאָגן איינער צום אנדערנס טרייסט.

אף וויפֿל מעגלעך, האָבן זיי געזען, שוויַיגנדיק און מיט ווירדע, ווי ס׳פּאסט פאר אזעלכע, אראָפּצושלינגען זייער צאר און אים ניט ארויסווײַזן פאר קיינעם, זײַענדיק יעדערער אף זײַן ארבעט; אָבער ווען זיי פלעגן קומען אהיים און זי טרעפן הויל־לײדיק און, דעריי־קער, — שוין אָן האָפֿענונג, זי זאָל ווען־ניט־איז ווידער אופגעלעבט ווערן מיטן צוריקער פון די, וואָס זײַנען ביז ערשט ניט לאנג געווען פאר טאטע־מאמע אזוי לעבעדיק־טײַער, — האָט יעדערער פון אָט די עלטערן אוואדע קיין אָרט זיך ניט געפֿונען פון גרויס אנגסט, וואָס האָט צו זיי ארויסגעקוקט פון יעדער ווינקעלע...

ווײַל יאָ, נאטירלעך: אז ניטאָ, איז ניטאָ, נאָר אז מ׳האָט און מ׳פֿארלירט, ביפּראט קינדער, ביפּראט איינציקע קינדער, ווערט אוואַ־דע דאָס לעבן פון די, וואָס ווערן זיי אָן, אף דרײַ פערטל כאָרעוו.

נאָר באלד אָבער זײַנען אונטערגעקומען אזעלכע געשעעניש, וואָס ווי די אויבנדערמאָנטע צוויי האָבן דאָס ניט געוואָלט, האָבן זיי דאָך א ביסל געמוזט פארגעסן דעם פּערזענלעכן צאר, וועלכער האָט זיי געהאלטן א צײַט געצווימט.

זיי האָבן, ערשטנס, באדארפֿט דורכמאכן א צײַטווײַליקע עוואַ־קואציע צוזאמען מיט א טייל באפעלקערונג פון דער שטאָט, וועלכער ס׳האָט געדראָעט א סאקאָנע פון שיר ניט באצווונגען ווערן פונעם סוינע; צווייטנס, איז ווי נאָר זיי האָבן זיך צוריק אומגעקערט פון דאָרט, ווּהין זיי זײַנען געהאט אָפּגעפֿאָרן, נאָך דעם, ווי די סאקאָנע איז פארבײַ, און נאָך דעם, ווי שפּעטער האָבן גענומען אויך באַ־פרײַט ווערן גאנצע געביטן, וועלכע זײַנען פריִער פארכאפּט געוואָרן, און פון אָט די געביטן האָבן זיך אָנגעהויבן באקומען געוויע ידיִעס וועגן דעם אומענטשלעכן באגיין זיך פונעם פײַנט מיט דער דאָרט־פארבליבענער באפעלקערונג ביכלאל, און ביפּראט מיט ייִדן, וואָס ווי מ׳האָט נאָך פון פריִער געוווּסט, האָט ער זיי פארמישפּעט

צום אויסראָטן, — אָט דעמלט, ווען אָט די ביידע צוויי, וועלכע האָבן אליין אויך געשטאמט פון יענע געביטן, האָבן זיך גענומען פארינטערעסירן מיטן גוירל פון זייערע קרויווים און רעשטלעך מישפּאָכע, וועלכע זײַנען זיי דאָרט פארבליבן, וועלנדיק דערגיין, צי האָבן זיי זיך געראטעוועט, צי ניין, ווי אויך מיטן גוירל פון גאנצן קלאל, פון וועלכן זיי האָבן א צײַט לאנג זיך געפילט דערווײַטערט, — האָבן אין דער שײַן פון די גרויליקע געשעענישן, וואָס האָבן דערלאנגט צו זיי פון דאָרט, זייערע פערזענלעכע איבערלעבונגען אין א זײַט און עטוואָס אין דער טונקל געמוזט אָפגערוקט ווערן.

אָט דעמלט, ווידער, איז, ווי די אויבנדערמאָנטע צוויי זײַנען ניט געווען גוואלדיק באשעפטיקט יעדערער אין זײַן פאך, ווי אלע איצט ביים מילכאָמע, און ווי אויך זיי זײַנען זיך ניט פאנאנדערגעגאנגען און ניט אָפגעפרעמדט געוואָרן צווישן זיך פאר דער צײַט פון עוואקואציע, ווען זיי זײַנען זיך צעפאָרן אין פארשיידענע שטעט, ווו זיי האָבן באדארפט איבערווארטן די סאקאָנע; און ווי אויך ביכלאל נישט אָפגעפרעמדט נאָכן טויט פון זייערע קינדער, ווען זיי האָבן נישט געהאט צוליב וואָס פאָרזעצן און ווײַטער אָנהאלטן זייער באקאנטשאפט, — נישט געקוקט אף דעם אלעם, האָבן זיי דאָך איצט ווידער אָנגעקניפּט באציִונגען, אָבער שוין נישט אפן באָדן פון סטאם שכיינעשאפט, נאָר אפן באָדן פון א מער העכערער געמיינשאפטלעכקײַט, וואָס האָט זיי צונויפגעפירט און פארייניקט.

אזוי, לעמאָשל, האָט דאָקטער זעמעלמאן, וואָס האָט, ווי געזאָגט, פון אלעמאָל געהאט א נעטיִע צו איינזאמקײַט, און ביפראט נאָכן טויט פון זײַן זון, ווען ער האָט זיך גענומען האלטן אָפגעזונדערט פון יעטווידער געזעלשאפט, — זיך דאָך איינמאָל דעמלט ארײַנגעשטעלט צו זײַן שכיינע, צו פרוי זײַעץ, און האלטנדיק די גאנצע צײַט פון באזוך די אויגן אראָפגעלאָזט צו די שיך, גלײַך ער דערקענט זיי ניט פאר זײַנע, האָט ער פלוצעם, צווישן אנדערן, איר א זאָג געטאָן:

— זי ווייסט, פרוי זײַעץ: ווי טײַער זײַן זון איז אים נישט געווען, דאָך האלט ער אי זיך, אי דעם זון פאר גליקלעך, וואָס ער איז געטראָפן געוואָרן פון א קויל, אבי נישט ארײַנגעפאלן פאר קיין געפאנגענעם, וואָס דעמלט וואָלט מען זיך, ווי מע ווייסט, מיט אים באגאן, ווי מיט אלע געפאנגענע, און באזונדערס מיט א ייִדן...

— יאָ, — האָט פרוי זײַעץ, פארשטייענדיק די סיבע פון דאָקטער זעמעלמאנס דערקלערונג, מיט אים מאסקים געווען, דערמאָנענדיק זיך אין איר טאָכטערס אומקום און אויך אין איר גליק, וואָס אי זי, אי די טאָכטער געטראָפן.

אגעוו, אָט דער געשפרעך איז פאָרגעקומען דעמלט, ווען דאָקטער זעמעלמאן האָט זיך געהאט צו טיילן מיט פרוי זײַעץ וועגן גאָר א געהויבענעם פאק יעדיִעס, וואָס ער האָט געקראָגן פון זײַן געוועזענער

היים אין די נאָרוואָס באַפרײַטע ערטער, און ווען צווישן אַנדערן האָט ער זיך אויך דערוווּסט וועגן דעם טויט פון זײַן עלטערן ברו־דער — אַ פּראָפעסאָר, וואָס האָט געוווינט אין איינער אַ רעפּובּלי־קאַנישער הויפּטשטאָט, ניט ווײַט פון דער געוועזענער גרענעץ.

מע האָט אים דערציילט, וויאַזוי דער ברודער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זײַן אַלט, קראַנק ווײַב, וואָס האָט שוין ניט געקאָנט אַראָפּ פון בעט און וואָס איבער איר איז ער אין שטאָט פאַרבליבן און זיך ניט געקאָנט אַרויסרײַסן פון דאָרט.

אַ מעלדונג, — האָט מען דערציילט, — איז געווען אַרויסגע־האַנגען אין יענער שטאָט, וווּ דער ברודער האָט געוווינט, גלײַך די ערשטע טעג, ווי דער סוינע איז אַהין אַרײַן:

„...אין דעם און דעם טאָג... דעמלט און דעמלט אַזייגער... מוזן אַלע פון ייִדישן אָפּשטאַם, סײַ קליין, סײַ גרויס, אָן אויסנאַם, זיך צונויפזאַמלען אױף יענעם און יענעם פּלאַץ, פונוואַנען זיי וועלן אַרויס־געפירט ווערן אויסערן שטאָט, וווּ זיי טאָרן זיך פון איצט אָן ניט געפינען".

ס'געווען ווינטער. אַלע פאַרבליבענע ייִדן האָבן זיך געזעגן גע־צוווּנגען, בעיין־ברייִרע, זיך פאַרזאַמלען אפן פּלאַץ. „אַנדערש, — איז געווען געזאָגט אין דער מעלדונג, — איז טויט אפן אָרט, ווען מען וווּ נאָר מ'וועט טרעפן".

אַזוי־ווי דעם ברודערס ווײַב איז געווען קראַנק און האָט זיך ניט געקאָנט רירן, האָט דער ברודער, אַליין שוין אַן אַלטער און ניט האָבנדיק קיין הילף פון קיינעם, זי געמוזט נעמען שלעפּן אױף אַ שליטעלע, וואָס ער האָט ערגעץ־ווו געקראָגן.

ס'האָט זיך געלאָזט אַ צוג פון טויזנטער און איבער טויזנטער — אַלט און יונג, פרויען מיט קינדער אױף די הענט, זקיינים, וואָס מ'האָט זיי געמוזט אונטערהאַלטן, אַאַוו.

ווער פון דער ניט־ייִדישער באַפעלקערונג ס'האָט נאָר געהאַט האַרץ צוצוקוקן, וואָס דאָ געשעט, האָט, שטייענדיק אױף די טראָטואַרן און אױף די שוועלן פון טויערן און הײַזער, — געוויינט.

איינער אַ יונגער ניט־ייִדישער סטודענט, דעם ברודערס אַ שילער, וואָס האָט צופעליק דערזען, ווי יענער שלעפּט אָן קויעך זײַן ווײַב אפן שליטעלע, איז אַרײַן צווישן אוילעם, ווויהין ס'געווען פאַרבאָטן אַרײַנצוקומען אַ ניט־ייִדן, קעדיי העלפן און איבערנעמען די הענט בײַ זײַן פּראָפעסאָר. מ'האָט דאָס דערזען, און דער יונגער ניט־ייִדישער סטודענט איז רעכט צעשלאָגן געוואָרן פון פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע, וועלכע האָבן דעם צוג באַגלייט.

און דערפאַר, ווידער, וואָס ס'האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט זיך געוואָלט אײַנשטעלן און פאַרלײַכטערן דעם ברודער, האָט מען געטאָן פאַרקערט און מ'האָט אים דאָס קראַנקע ווײַב פון שלי־

טעלע אראָפּגעשטויסן און אים באַפוילן זיך מיט איר הייבן און זי נאָכאַמאָל ארופליגן.

מ׳האָט זיך ניט באַנוגנט מיט איין מאָל, און מ׳האָט דאָס איבער־געבאַזערט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ביז די אַלטע האָט דאָס ניט אויסגעהאַלטן, און נאָך א צוויי־דריי מאָל אַראָפּ־ארויף האָט זי די נעשאָמע אָפּגעגעבן און מ׳האָט זי שוין ארופגעהויבן א טויטע.

אויך דער ברודער האָט פון הארצווייטיק דאָס ניט איבערגע־טראָגן, און, זעענדיק, אַז דאָס ווײַב איז שוין אויס, האָט ער פּלוצעם עפּעס שלאַבעריק מיט דער האַנט א מאַך געטאָן, א פאַל געגעבן און לעבן זײַן ווײַב געבליבן.

דעמלט האָט מען באַפוילן א מער ייִנגערן און געזינטערן פון דער געטריבענער ייִדישער מאַסע זיי צו פאַרנעמען ביידע אפן שליטן.

— ווי? — האָט יענער אָפּגעפרעגט. — אַפן שליטעלע איז דאָך קיין אָרט ניטאָ... ס׳קלעקט קאַם פאַר איינעם.

— איינס אַף איינס! אים אַף איר! — האָט פּאָליציי געשפּאַסט און זיך געלאָזט ווילגיין...

* * *

יאָ, ווי דער דאָקטער זעמעלמאַן איז נישט געווען שטאַרק אָפּגע־פרעמדט פון זײַן קלאַל פאַר לאַנגע יאָרן נישט האָבן מיט אים קיין מאַגע־מאַסע, איז אָבער איצט, ווען ס׳האָט זיך אָנגערוקט אַזאַ כמאַרע אַף צו פאַרוויסטן דעם קלאַל, האָט ער זיך גענומען פילן זייער און זייער אָנגעהעריק און א נאָענט שײַכעס האָבנדיק צו אָט דער פאַר־וויסטונג.

דאָס איז, געוויס, געשען נישט נאָר אַליין מיט אַזאַ, ווי דאָקטער זעמעלמאַן, נאָר מיט פיל, ווי ער, ווי אָט, צום בײַשפּיל, זײַן שכיינע, פרוי זײַעץ.

נו, און ווײַטער? און וואָס פאַרא פאָלגן האָבן זיך באַקומען פון דאָקטער זעמעלמאַנס קער צום קוואַל?

אָט:

ער האָט איינמאָל, אין א פרײַער צײַט, זיך ווידער ארײַנגעשטעלט צו פרוי זײַעץ, און שמועסנדיק מיט איר וועגן זײַטיקע זאַכן, האָט ער פּלוצעם זיך א ווענד געטאָן מיט פאָלגנדיקער פראַגע:

— ווי דענקט זי צו באַערן דעם אָנדענק פון איר טאָכטער, וואָס זי ווייסט, דאַכט זיך, אַפילע ניט, וווּ איר קיוווער געפינט זיך?

פרוי זײַעץ איז געווען אין פאַרלעגנהײַט, ניט וויסנדיק, וואָס צו זאָגן.

— נו, און ווי קוקט זי דערויף, אשטייגער, מע זאָל נעמען א קינד אַף דערציִען אין איר אָנדענק?

דאָקטער זעמעלמאַן האָט גערעדט וועגן פרוי זײַעץ, אין זינען האָבנדיק אויך זיך — זײַן זון, וואָס אויך זײַן קיוועער איז אים געווען אומבאַוווּסט.

— האָ? זי האָט ניט געטראַכט דערפון. ס'וואָלט אוודאי געווען רעכט... כאָטש דעם עמעם געזאָגט, וואָלט איר זײַן שווער צו זען א פרעמד קינד אָנשטאָט איר אײגענעם. נאָר אַף וויפל דאָקטער זעמעלמאַן האָט איר שוין געמאַכט דעם פאָרשלאָג, זעט זי ניט קײן סיבע זיך פון אים אָפּזאָגן.

ווירקלעך, ווי שווער ס'איז ניט געווען פרוי זײַעץ שאָלעם צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז א פרעמד קינד זאָל פאַרבײַטן איר אײגנס, דאָך האָט זי, נאָך לאַנגן יִישעוו, נאָך דעם ווי דאָקטער זעמעלמאַן האָט איר אופגעגעבן דעם געדאַנק, זיך געלאָזט ריידן, און אפילע האַלב שוין קימאַט מאַסקים געווען, בעטנדיק נאָר, אַז דער דאָקטער זעמעלמאַן זאָל איר געבן א ביסל צײַט אַף מער־בעסער זיך באַטראַכטן, ביז זי וועט אינגאַנצן און ענדגילטיק זיך באַשליסן.

זי האָט זיך, לעסאָף, טאַקע אויך באַשלאָסן, נאָך דעם, ווי זי האָט געזען, אַז אויך דאָקטער זעמעלמאַן איז גרייט צו טאָן דאָס זעלבע — און אַז זײַן פאָרשלאָג איז געמאַכט געוואָרן נישט לײַכטזיניק, נאָר ערנסט, און אויך, ווײַזט אויס, נאָך לאַנגן יִישעוו.

ביידע האָבן שפּעטער, ביים א שפּעטערדיקן באַזוך פון דאָקטער זעמעלמאַן, גענומען אַרומריידן און באַהאַנדלען די פּראָטים: וואָס פאַר א קינד ווער ס'וואָלט וועלן נעמען — א יִינגל, צי א מיידל — און פון וואָס פאַר אַן עלטער.

מ'איז געקומען צום אויספיר, אַז אַזוי ווי ביידע זײַנען שטאַרק פאַרנומענע אַף אַרבעט, וועלכע דערלויבט ניט האָבן צו טאָן און אַרומגיין אַרום קליינוואַרג, וואָס פאָדערט פיל צײַט און אופמערקזאַמקײַט, איז דערום דאָס בעסטע — נעמען שוין אופדערוואַקסענע און אַזוינע, וואָס קאָנען אַרום זיך אַליין אַרומגיין און ס'גענוגט נאָר פון צײַט צו צײַט אַף זיי א קוק טאָן און האָבן אַף זיי אַן אייבערשט ביסל האַזשגאָכע.

מ'האָט ניט אָפּגערעדט אויספירלעך, וועגן וואָס פאַרא קינדער ס'גייט א רייד, נאָר אפילע אומגערעדט איז קלאָר געווען, אַז דאָ ווערט געמיינט די לעצט־פאַרומגליקטע קינדער פון פּליטים, אָדער נאָך מער — פון יענע עלטערן, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין יענע געביטן, וואָס דער סוינע האָט צײַטווײַליק געהאַט דעראָבערט.

ווירקלעך: ווי פרוי זײַעץ איז עפּשער ניט געווען אַזאַ, וואָס איז פייִק צו דענקען אין דער אויבנדערמאָנטער ריכטונג, ווי א דאָקטער זעמעלמאַן, איז אָבער אויך איר איצט געווען אייגנטימלעך א מער מיטלײַדנדיקע באַציִונג צו די, צו וועלכע איר האַרץ איז געלעגן אַמנאָענטסטן, ווי צו אַזוינע, וואָס דער סוינע האָט אויסגעטיילט צום ערגסטן.

מ׳האָט באַשלאָסן, אַז גאָר אינגיכן, ווען מ׳וועט האָבן אַ פֿרײַען טאָג, זאָל מען אַוועק אין די געהעריקע אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן די פֿליכט אויפֿצוזוכן און באַזאָרגן אַזוינע קינדער אין ספּעציעלע פֿאַר זיי אײַנגעאָרדנטע אַלגעמיינע היימען, און צו מעלדן, אַז זיי, דאָקטער זעמעלמאַן און פֿרוי זײַעץ, זײַנען גרייט צו נעמען אַ פּאָרל אויף זייער פּריוואַטער באַזאָרגונג און אײַנאָרדענונג.

דאָקטער זעמעלמאַן האָט באַגערט צו באַקומען אַ ייִנגל, וואָס וועט אים, ווי אַ מאַנצבל, מער אונטערגיין, און פֿרוי זײַעץ — אַ מיידל. און באַלד, אין אַ קליין שטיקל צײַט אַרום, איז זייער ווּנטש דערפֿולט געוואָרן, און מ׳האָט זיי צוגעשיקט, וואָס זיי האָבן באַגערט... ניין, מער, ווי באַגערט: נישט סתּם קינדער, נאָר קינדער פֿון טאַט, קינדער שוין מיט אַ געשיכטע אונטער זיך, קינדער, אין פֿלאַם און אין רויך דורכגעגאַנגענע, מיט איינעם וואָרט: קינדער פּאַרטיזאַנער.

דאָס יאַטל, פֿון אַ יאָר 14—15, מיטן נאָמען מױשקע, איז אַרויס פֿון די ווײַסרוסישע וועלדער, וועלכע האָבן אין דער צײַט פֿון דער מלחמה געווימלט מיט הונדערטער און טויזנטער אונטערערדישע אונטערײַסער, וועלכע זײַנען, נאָך דעם ווי די רעגולערע אַרמיי איז צו זיי אונטערגעקומען, אַרויס פֿון דעם צוויי־דרײַיאָריקן געיעג און געיאָגט ווערן, ווי די הייל־מענטשן, אויף דער ליכט, אויף דער פֿרײַ, שוין צום אָפֿענעם קאַמף...

און דאָס מיידל — עטוואָס ייִנגער פֿונעם ייִנגל, פֿון אוקראַיִנע געקומען. און אַזוי ווי דאָס יאַטל, אַזוי האָט אויך זי געהאַט פֿיל דורכצומאַכן, איידער זי האָט זיך דערשלאָגן צו די איריקע, שטייענדיק צוערשט מיט אַ גאַנצער איידע ייִדן פֿון איר שטעטל, אייגענע, באַקאַנטע, קרויווים און עלטערן, גרייט אַוועקגעשאָסן ווערן, און נאָר אַדאַנק אַ צופֿאַל האָט זי זיך געראַטעוועט פֿון צו זײַן איינע פֿון די קדושים פֿון יענער גרוב.

דאָס יאַטל — נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט אַ לאַנגע צײַט צוזאַמענגעלעבט מיט עלטערע, האַרטע קריגער אין גאָר נישט קיין ווייכע וואַלד־באַדינגונגען, וועלכע וואָלטן באַדאַרפֿט אויך אים פֿאַרהאַרטעווען און אים מאַכן אויס קינד, אויס יוגנטלעכער, — האָט דאָך פֿאַרהיט אַ ווײַסע הויט, אַ ייִנגלש מויל מיט ווײַסע ציין, אויך ראָזלעך־פּאָכעדיקע נאָזפֿליגל, ווי בײַ אַ יונגן הירש, ווי אויך אַ הויכלעך זויבער־ווײַסן שטערן, ווי בײַ אַ גאָר גראָטענעם ווויללערנער.

אָט דאָס יאַטל האָט זיך באַדאַרפֿט נאָר איין גוטן וואַש טאָן, נאָך יאָרן זיך ניט אויסטאָן און ניט איבערטאָן אין וואַלד, ס׳זאָל פֿון אים אויך אַראָפּלויכטן אַ היפּש ביסל קענטעניש, וואָס ער האָט באַוויזן זיך דערוועבן אויף דער שול־באַנק, און וועלכע ער האָט נישט נאָר אויספֿאַרהיט אין זײַנע נישט־לערניאָרן, ווי אַן עווען־טאָוו, נאָר ער האָט זיך נאָך געקליגט זיי פֿאַרמערן, — אויב נישט דורך ביכער,

וועלכע האָבן אין די וואַלד־באַדינגונגען, נאַטירלעך, אויסגעפעלט, איז אַליין פון לעבן, ווי מ׳זאָגט, וואָס לערנט אָן אַנדערשמאָל פיל מער, ווי ביכער.

ווען דאָקטער זעמעלמאַן האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען, באַטראַכט און שוין דעם ערשטן אָוונט זיך גענומען צייַט מיט אים זיך נעענטער צו באַקענען, איז ווי זייַן פּאַטער־האַרץ האָט זיך ניט געפילט פאַרלוירן, צוזעענדיק, ווי אָט דאָס יאַטל קומט צו ווערן אַ טוישעוו אין זייַן שטוב און פאַרנעמען אָרט אין זייַן אופמערקזאַמקייַט, — ווי שווער ס׳איז אים ניט געווען, האָט ער דאָך, קוקנדיק אַף אָט דעם יאַטל, וואָס האָט אויסגעזען ענלעך צו אַ פילזאָפטיקער צווייַג, וועלכע ער האָט פאַרטראַכט צו פאַרפלאַנצן אין זייַן עלנט־געבליבענעם מישפּאָכע־בוים, זיך דאָך דערפילט עטוואָס באַפרידיקט און אופגעמונטערט — נישט אַזוי פון די אויסזיכטן צו זען זיך אַליין אָפּסנייַ אופגעבליט, נאָר ביכלאַל, ווי ווען מ׳קוקט אַף אַ יונג באַשעפעניש אין דער סאַמע צייַט פון בלי, ווען ס׳שפּאַרט דערפון מיט רייַפע און אויך אומרייַפע כיינען...

באַלד האָט שוין דאָקטער זעמעלמאַנס גוט־געניטע געפיל דער־גרייכט אַזוי ווייַט, אַז ווען דאָס יאַטל האָט, אַף דער אופאָדערונג פון דאָקטער זעמעלמאַן, גענומען אויסדערציילן, ווער ער איז, פון וואַנען ער שטאַמט און וואָס פאַרא מער ווי טויזנט־און־איין־נאַכט־פּאַסירונגען ער האָט געהאַט דורכצומאַכן, איידער ער האָט אַרייַנגעטראָטן צו זייַנע וואַלד־ברידער און רעטער, ווען דאָס יאַטל האָט גענומען דערציילן אַפּן פרעמדלעכן לאָשן פון דאָקטער זעמעלמאַן, פילנדיק זיך ניט גאָר אינגאַנצן פרייַ צו קאָנען אויסדריקן אַלץ, וואָס ער האָט פון זייַן גאָר רייַכער דערפאַרונג מיטגעבראַכט, — האָט דאָקטער זעמעלמאַן צוערשט אים גענומען אַרויסהעלפן פון זייַן ענגעניש, אונטערזאָגנדיק אים אַמאָל אַ וואָרט, אַמאָל אַ גאַנצע פראַזע, און דערנאָך, ווען דאָקטער זעמעלמאַן האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס יאַטל האָט דאָך אַן אייגן לאָשן, אַף וועלכן ער האָט זיך אין דער היים, בײַ די עלטערן אויסגעלעבט, און אַף וועלכן ער האָט דער־וואָרבן זייַן רעכט ביסל שילער־קענטעניש, האָט ער אים אַ זאָג געטאָן, זעענדיק זייַן מאַנגל:

— זאָל מוישקע ריידן, ווי ער וויל, ווי אים איז באַקוועמער, ווייַל, נישקאָשע, ער, דאָקטער זעמעלמאַן, פאַרשטייט אויך מוישקעס לאָשן.

דעמלט האָבן בײַם יאַטל די אויגן אופגעלויכטן, ווי בײַ אַן אופגע־בונדענעם און בײַ אַזאַ, בײַ וועמען מ׳האָט אַראָפּגענומען אַ פּענט פונעם צונג, און ס׳האָט פון אים אַ גיי געטאָן אַזאַ וואָרט־שעפע פון אַ צעעפנטן שפּראַך־שפּייַכלער, אַז ווי דאָקטער זעמעלמאַן האָט דאָס צוערשט ניט באַנומען, האָט אים דאָך האַנאָע געטאָן, און אפילע ווילד האַנאָע, שוין אַליין דער קלאַנג פון יענעם פרעמדלעכן אייגנס,

וואָס דאָס פאָלק, פון וועלכן ער איז געווען אָפּגעריסן, האָט אײַנגע־היט, און הערנדיק איצט אָט דאָס יאָטל, האָט ער שטיל, אין זיך, אפילו ווי אונטערגעקוואָלן, ווי גלײַך ער זאָל אָפּנעמען א גרוס פון אן אלטער, ליבער היים, וועלכע לאָזט זיך קיינמאָל ניט פארגעסן.

דאָס זעלבע, נאָר א קליין ביסל אנדערש, איז פאָרגעקומען אין דער צווייטער אנטקעגנגיבערדיקער שטוב פון דאָקטער זעמעלמאַן, בא פרוי זײַעז, וואָס אויך זי האָט ארײַנבאקומען, וואָס זי האָט געוואָלט — א מיידל.

יענע — עטוואָס נידעריקער געוואָקסן, ווי וועדליק פאר אירע יאָרן, אויך א ביסל א מער צעשטרייטע, ווי ס'געהער — ווײַזט אויס, פון מילכאָמע־איבערלעבונגען, וואָס זײַנען ניט געווען פאר דער אופּ־נעמפיייִקײַט פון אירע מויכעס... דערפאר אָבער, זעט אויס, פון זייער א געזונטן שוירעש: אזוי ברייט אין די מיידלשע אקסל גע־בויט, מיט אזוינע פול געפּאקטע באקן, הארט געקנאָטן, מיט אזוינע פיל־שפּילנדיקע ביין־גריבלעך אין זיי, אז ס'האָט מאמעש געכידעשט, ווי איז דאָס געשען, וואָס אָט דאָס באשעפעניש, אָן א היים, אָן אופזיכט, אויסשטייענדיק דערצו אזוינע סאקאָנעס, האָט באוויזן זיך אופּהיטן און ארויסקומען, נישט געקוקט אף אלעם, אזוי געהארטעוועט.

מיט איינעם וואָרט, אין זינען פון געזונט — א שטיק אויסנאַם, דערפאר אָבער איז זי אין קאָפּ און אין קענטעניש געווען געשלאָגן. מעגלעך, אז זי האָט ווייניק פון שול געגומען, נישט באוויַזנדיק נאָך די באנק דאָרט אָנוואָרעמען; מעגלעך אויך, אז וואָס זי האָט יאָ באקומען, האָט זי פאר די יאָרן ניט־לערנען פארגעסן. אָבער ניין, ביכלאל, דאכט זיך, טאקע עטוואָס טעמפּלעך... דערפאר אָבער, ווידער, האָט דאָס נעפעש פארמאָגט א שטים, א שטיק רוי־געשאנק פון גאָט, נישט באארבעט, נישט קולטיווירט, וואָס אז זי האָט געעפנט דאָס מויל, האָט גלײַך גענומען דאכטן, אז אליין די ניט־איבערגעשפּיצטע מאמע־נאטור האָט אײַך וואָס צו זאָגן און אף אירן אן עכט־רויען אויפן ארויסצוזינגען.

זי האָט אליין פארפאסט לידער, אליין אויך די מעלאָדיעס צו זיי, לויטן געוויסן פאָלקס־נוסעך.

> אוי, הינט זאָלן דאָס אף דיר צערײַסן!
> זאָלסט איבערגיין אף אזא שטייגער, ווי איך... —

האָט מען באדארפט הערן זי ארויסזינגען א קלאָלע־ליד, ווי פון דער טויכעכע, וויינענדיק אף אירם א קלייד, וואָס זי האָט באקומען יערושע פון דער מוטער, מיט וועלכער זי האָט א צײַט צוזאמענגע־ווינט אין געטאָ, איידער יענע איז אוועק צו דער שכיטע־גרוב, און וואָס א זשאנדארם האָט עס בא איר דערזען און דאָס אוועקגענומען פאר זײַן געליבטער...

„אוי, הינט זאָלן עס אַף דיר צערייַסן!"... — האָט זיך געהערט איר שעלטנדיקע שטים מיט אזא קראַפט, גלייַך ס'וואָלט ניט נאָר פון איר איינעם מויל אליין געקומען, נאָר פון די מייַלער פון אלע, אלע, מיט איר צוזאמען אין געטאָ וווינענדיקע, פארורטיילטע און בארויבטע.

אז זי איז אריַין צו פרוי זייַעץ, א ביסל א פארשעמטע, א ביסל א זיך ניט פריַי־פילנדיקע אין איר שטוב, ווי אין אלע שטיבער, פון וועלכע זי איז געווען אָפּגעווינט, אָפּזייַענדיק א צייַט אין וואלד, — האָט צוערשט פרוי זייַעץ דעם קאָפּ אָפּגעקערעוועט, נישט קאָנענדיק קוקן אַף דער, וואָס איז געקומען דאָס אָרט פון איר טאָכטער פאר־בייַטן... באלד אָבער האָט זי זיך באהערשט, געגומען היימישער ווערן, זי מעקארעוו זייַן און אויספרעגן בא איר אלץ, אלץ, וואָס ס'איז געשען מיט איר — מיט א קינד, וואָס איז געלאָפן פון כאלעף, אָן א דאך, אָן מיטגעפיל, אַף א ברענענדיקער ערד און אונטער א קיין הילף דערלאנגענדיקן הימל.

עלקע האָט מען זי גערופן, דאָס מיידל. און אזוי ווי מוישקע באם דאָקטער זעמעלמאן, אזוי האָט אויך זי נישט רעכט באהערשט דאָס לאָשן, אַף וועלכן זי האָט געגומען דערציילן דער פרוי זייַעץ. זי האָט דאָס געמישט מיט אוקראַיִניש, ווי אויך אפילע א ביסל מיט דייַטש, מיט וועלכן זי האָט זיך אָנגעהערט, זייַענדיק א צייַט אין געטאָ, אונטער דער הענקער־בייַטש. און אויך איר, עלקען, ווי דאָקטער זעמעלמאן זייַן מוישקען, איז פרוי זייַעץ אלע ווייַלע געקומען צוהילף, ווען יענע האָט זיך פארהאקט פון מאנגל, פאַרלייגנדיק איר צו ריידן, ווי איר איז גרינגער, און אַף יענעם לאָשן, וואָס זי האָט מיטגע־בראכט פון איר פארלוירענער היים, ווי א ליבן איבערבלייַב נאָענט בא איר לייַב אויסבאהאלטן...

הערנדיק אָט די עלקע און זעענדיק אירע ברייטע אקסל, אירע הארט־געקנאָטענע באקן מיט די כיין־גריבעלעך, און מיטן גראָוו־שמאלציקן וואסערל אין די אויגן, א סימען אַף קינפטיקער מוטער־שאפט, האָט אפילע זי, פרוי זייַעץ, אָן אָפּגעפרעמדטע, זיך איצט געפילט געבונדן מיט יענעם פיל־געפרוּווטן און געטראָפּענעם קיבעץ, וועמעס טרעפעניש ס'וואָלט געווען געקאָנט זייַן אויך אירע, ווען זי זאָל צופעליק צווישן אים זיך געווען געפונען.

קוקנדיק אַף אָט דער עלקע, האָט זיך בא איר אי גרוים ראכמאָ־נעס דערוועקט צו יענעם קיבעץ, אי זי האָט זיך דערפילט שולדיק און ווי א באלכויוו פאר אים, וואָס אין געשטאַלט פון אָט דער עלקע האָט ער איר ווי א לעבעדיקע צוואָע געלאָזט, זי זאָל זען זייַן רעשטל פארהיטן און אז זייַן נאָמען און נאכלע זאָלן ניט אויס־און אָפּגעמעקט ווערן.

נו, און די קינדער זייַנען פארבליבן — דער אויבנדערמאָנטער מוישקע באם דאָקטער זעמעלמאן, און די עלקע בא פרוי זייַעץ. דאָס

האָט, אגעוו, די אפּסנײַ־געוואָרענע עלטערן אפּסנײַ און פּיל־נעענטער צונויפגעפירט אפן באָדן פון קעגנזײַטיקן אינטערעס, פון צו וועלן מער בעסער באַזאָרגן זייערע דערצוויגלינגען, וועגן וועלכע זיי האָבן זיך אלעמאָל איצט געהאט צו אייצען און זיך אָנפרעגן איינס באַם צווייטן: ווי גייט עס, און ווי געראָט זיי זייערע ביידנס אונטער־נעמונג.

אזוי, לעמאָשל, פלעגט דאָקטער זעמעלמאַן, ווי א מאַנצבל, וואָס איז אי שטאַרק באַשעפּטיקט, אי נישט באַהאַוונט אין איניאָנים פון דערציִונג, זיך אָפּט אריַינשטעלן צו פּרוי זײַעץ, האָבנדיק זיך צו דערפרעגן בא איר וועגן זײַן מוישקען, וועלכער האָט בא אים זייער אויסגענומען, און וואָס, אגעוו, שוין דעם ערשטן אָוונט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געלאָזט אויסדערצייילן פון יענעם, וואָס מיט אים איז געשען, איז פאַרן שלאָפן גיין, איידער ער האָט זיך באַדאַרפט מיט אים שיידן, איז ער צו אים צוגעגאַן, א פאַרשעמטער, און אים א קוש געטאָן אין שטערן, פילנדיק דערבײַ אי ווייטעק, ווי גלײַך ער וואָלט געקושט דעם טויטן זון, אי דאָך אויך עטוואָס צופרידן, וואָס ער האָט נאָכן זונס אומקומען זײַן פאָטערלעכע ליבע ווו אהינטאָן.

יאָ, אָט דער מוישקע האָט באַם דאָקטער זעמעלמאַן באַלד טאַקע שוין דאָס רעכטע אָרט פאַרנומען.

מ׳האָט געקאָנט באַמערקן, וויִאזוי ביים דער דאָקטער זעמעלמאַן פאַרזיצט זיך אמאָל שפּעט אין אָוונט אין זײַן קאַבינעט, ווען זײַן דערצוויגלינג שלאָפט שוין אין א באַזונדערן צימער, וועלכער איז אים אויסגעטיילט געוואָרן, אזוי קומט ער שטיל אף דער שוועל פון יענעם צימער, דרייט אוים די שײַן אף א ווײַלע, טוט א קוק אפן שלאָפנדיקן, און באַלד מאַכט ער צוריק אוים די שײַן און קערט זיך אום, פונוואַנען ער איז געקומען, געהיט און פאָרזיכטיק, קעדיי ניט צו שטערן...

מ׳האָט נאָך געקאָנט זען, וויִאזוי דער דאָקטער זעמעלמאַן קומט, ווען ער האָט צײַט, ווידער אין יענעם צימער, וואָס איז אויסגעטיילט פאַר זײַן דערצוויגלינג, ביים יענער גרייט די לימודים פאַר דער שול, אין וועלכער ער איז איצט אָנגעקומען, נאָך יאָרן איבערײַיס, — וויִאזוי דאָקטער זעמעלמאַן בייגט זיך אָן קורצזיכטיקלעך איבער דעם ביכל אָדער איבער דעם העפט, אין וועלכן יענער לערנט, אָדער שרײַבט עפּעס אריַין, פאַרהאַלט זיך ניט לאַנג, שטערט ניט, מישט זיך ניט, מאַכט קיינע באַמערקונגען, גלײַך ער איז זיכער אין דעם, וואָס זיצט איצט פאַר אים, אז ער וועט אליין מאַכן אלץ, ווי מ׳דאַרף און ווי ס׳געהער. יאָ, ס׳האָט געניגט דעם דאָקטער זעמעלמאַן בלויז א קוק טאָן, בלויז אָן אייבערשט ביסל האַזשגאָכע, מיט וועלכער ער קומט צו זײַן דערצוויגלינג פון צײַט צו צײַט — נישט ווי צו א קינד, וועלכן מ׳דאַרף איבעריקס נאָכקוקן, נאָר ווי צו א זעלבשטענדיקן באַרדאָס.

ווירקלעך, יענער טאקע אזא: אזוי ווײַט, אז ער האָט אפילו געהאט פארשטענדעניש זיך נעמען צײַט אױף צו פארצייכענען די אלע פּאַסירונגען, בא וועלכע ער איז בײַגעווען אן איידעס און וועלכע ער האָט פארגעדענקט ביז א מינדסטן, — די ערטער, דאטעס, אָנטיילנעמער — פאר א זייכער לעדוירעס; אזוי, אז אפילו עכטע געשיכטלער האָבן זיך מיט זײַן ארבעט געמעגט פארינטערעסירן, ווי ס'איז טאקע, אגעוו, דערנאָך געשען.

א זעלטענער זיקאָרן האָט אים צוגעהאָלפן, א קלוג יִינגלש אויג און פײַנע פייִקײַטן אויסצודריקן, וואָס ער וויל, קלאָר, גלאט און אױף א פארשטענדלעכער שפּראך. און אָט האָט ער, אויסער דער שולארבעט, נאָך געפונען צײַט זיך צו פארנעמען מיט דעם, וואָס זײַן יונגער געוויסן האָט פון אים געפאָדערט, און וואָס ער האָט דאָס געטאָן מיט גרויס פלײַס, ווי א דערוואקסענער, ווי שטעלנדיק א מאציייווע אי זײַנע אייגענע, יונג־בארויבטע יאָר, אי אלץ דעם און די, וואָס ליגן שוין אָפּגעקומענע אפּן פאָלקס־בייס־האכאַים.

און דאָ, אז דאָקטער זעמעלמאַן פלעגט אמאָל טרעפן זײַן דערצוויגלינג בא אָט דער ארבעט, פלעגט ער זיך שוין יאָ פארהאלטן, זיך מער פארינטערעסירן, ניט אָפּגיין אזוי גיך און א פרעג טאָן:

— הא, ווי האלט ער, און וואָס האָט ער דאָ נאָרוואָס פארצייכנט אין דער שפּראך, אין וועלכער דאָקטער זעמעלמאַן קלײַבט זיך ניט איבעריק פאנאנדער?

מוישקע פלעגט אים ארויסלייענען אמאָל איינעם אן עפּיזאָד, אמאָל א צווייטן, און אלעמאָל, נאטירלעך, פון יענעם מין, וואָס האָט געגעבן דעם דאָקטער זעמעלמאַן א גענויע פאָרשטעלונג פון דעם, וואָס דער אומגליקלעך־אויסגעטיילטער קלאל און פּראט האָט געהאט אויסצושטיין פון סוינע: דער ערשטער — ביזן אומקומען, און דער צווייטער, ווי זײַן דערצוויגלינג, אָט דער מוישקע, — ביז ער האָט זיך געראטעוועט פון אומקום.

דאָס האָט אויך, דארף מען קלערן, געגעבן דעם דאָקטער זעמעלמאַן געגנוג שטאָף אױף נאָכדענקען דעם געהערטן, דאָס הייסט, אז אָדער ס'זאָל אים אמאָל באלד, אפּן אָרט, אין די אויגן שווארץ ווערן, אָדער אז ס'זאָל אים ערשט שפּעטער אָט דער מוישקע, מיט אלע דעם, וואָס האָט צו אים א שײַכעס, אין פארשיידענע כאלוימעס און שטילע קאָשמארן זיך פּלאָנטערן, ווי זײַן שטייגער.

ווי אָט האָט ער אים איינמאָל געזען צוזאמען מיט זײַן זון. יענער — מיליטעריש געקליידט, מיט א ביקס, דאכט זיך, און מוישקע מיט א פּען אונטערן אויער, און דער ערשטער, איז צו זען, איז ניט מעקאַנע דעם צווייטן, וואָס ער פארנעמט זײַן אָרט באם פאָטער. פארקערט, ער גיט אים די האנט אױף ברודערשאפט און ווינטשט אים, ער זאָל טאָן מיט אָט דעם — מיט דער פּען, מיטן וואָרט, הייסט עס, — וואָס ער האָט מיט טאט ארויסגעבראכט.

א צווייט מאָל האָט ער אים געזען קומען מיט עפּעס אַן עלטער־לעכן מאַן אין א טוך אײַנגעהילטן קימאַט ביז איבער די אויגן און אויך דאָס פּאָנעם ביז די ליפּן אײַנגעהילט — א מין קלאָג־נאָווי, וואָס לאָזט זיך אַף איינעם א האריגע־פּלאַץ, אַף וועלכן ער דענקט, ווי ס'זעט אויס, זיך לעגנער פארזאמען און דאָרט טאָן, וואָס אַזא נאָווי דאַרף טאָן... און דער דערציילינג, דער יונגער מוישקע, ווי א יונג באַדינערל פון נאָווי, טראָגט אים נאָך א מעגילע, ווי אויך א פּוס־בענקעלע אַף זיך זעצן, ווען יענער וועט מיד ווערן פון באַווײַנען דעם בראָך.

און אָט האָט ער אים א דריט מאָל געזען: גאָר צוזאמען מיט יענעם פארשוין, וואָס מיט די האלבע געקירצטע, שווארצע מײַזן־װענצעלעך, דער, וואָס מיטן אויסזען פון א קליינקאליבערדיקן פאר־ברעכער, וועמען דער גוירל האָט אָבער באַשטימט צו באַקומען א גאָר גרויסן שעם, צו דער שאנד פון יענעם לאנד, וואָס האָט אים ארויסגעגעבן. מיט איינעם וואָרט, דער, וואָס איז ניט קעדײַ זײַן נאָמען צו דערמאָנען, ווײַל ווי דעם מויל, וואָס האָט אים צוערשט ארויסגערעדט... — ווי ער, יענער, שטייט אַף עפּעס א הויכבערגלדיק אָרט, און זעט אויס העכער, ווי זײַן ווּקס; געקליידט אין א יעגער־קאָסטיום פון זײַן לאנד, מיט א גרינעם הוט און מיט א פּאַווע־פּעדערל פון אונטן; נאָר אָנשטאָט א סטעק, ווי ס'וואָלט געפּאַסט צו אָט דער קליידונג, האלט ער א היצעלשע קליוטשקע, מיט א פּאר־גרייטן שלייף צום פּאנג.

ער שטייט, וואָרט, קוקט אַף עפּעס ארויס, ביז ס'ווײַזט זיך אָנקומען פאר אים א גרויסע מאַסע פּארורטיילטע, אין לעצטן גאָלעם גייענדיק, צו דער גרוב געטריבענע, וואָס אליין שוין אָט דאָס בילד פון אָט די גייענדיקע טוט אים, זעט מען, ווילד האנאָע. אָבער ס'געניגנט אים ניט, ס'איז אים קארג, וואָס אנדערע וועלן מאכן מיט אָט די, וואָס מ'דאַרף... ער וויל אליין... און ער טוט א וואָרף די קליוטשקע, כאַפּט אוף איינעם פון דער מאַסע, פּארציט און קוקט מיט פּארגעניגן, ווי יענער צאַפּלט זיך, וואַרפט זיך און ווערט אין ענגעניש דערוואָרגן. אַזוי טוט ער מיט איינעם צו זײַן האנאָע, אַזוי מיט א צווייטן...

און אָט דערזעט דאָקטער זעמעלמאַן מיטאַמאָל אויך זײַן דער־ציילינג, זײַן מוישקען, אַף דער קליוטשקע. אָבער יענער טוט זיך מיטאַמאָל א ריס אָפּ, צום ווילדסטן פארדראָס פונעם היצעל־פאר־שוין, וואָס שרײַט אויס צו די אים געהאָרכזאַמע מיט פּארביטערטן קאָס: כאַפּט אים, נעמט אים, גיט מיר אים ארײַן אין שלייף... מוישקע אָבער, זעט דער דאָקטער זעמעלמאַן, לאַכט... און מיטאַמאָל, זעט ער ווידער, ווערט פון אָט דעם מוישקען — מוישע — דער, וואָס דער באַוווּסטער מיטלאַלטערלעכער מײַסטער האָט אים פון שטיין אויסגעפורעמט מיט זײַן מעכטיקן, מענטשלעך־געטלעכן, פּאַרזאָרגטן

פּנעם פון אַן אוראַלטן גענעץ־קריצלער, מיט דער לאַנגער, געפּאַלדעוועטער באָרד ביז די קני, ווי אויך מיט די שפּיזלדיקע שטראַלן פון שטערן, ווי אַנדערע מאָלן אים. און דאָקטער זעמעלמאַן זעט, ווי איינער א שטראַל פֿאַלט אויפֿן פּנים פון יענעם היצעל־פֿאַרשוין, פון וועלכן ער ווערט פֿאַרבלענדט, פֿאַרפּלייצט און מוז, ווי א מעפּיסטאָפעלישע פלעדערמויז, דעם קאָפּ אָפּקערן, אים אראָפּבייגן און ביז דער ערד באַגראָבן.

אָט דאָס איז דער מוישקע, וועלכער האָט געמאַכט כאָלעמען דעם דאָקטער זעמעלמאַן באַנאַכט, און ווי ס'ווײַזט אויס, האָט ער אויך אויף דער וואָר און וואַך זײַענדיק, אין אים געוואָלט זען די פּאָרזעצונג פון דעם, וואָס יענער היצעל־פֿאַרשוין האָט געוואָלט האָבן פון דער ערד אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט און אָן שום סימאָנים פֿאַריבן.

אָט דאָס איז דער מוישקע, די יונג־געראָטענע קיילע, וואָס האָט געקוועלט מיט פייִקײַטן און וואָס אויב ס'האָבן זיך אים ווען אמאָל געמאַכט שוועריקײַטן אין לערנען, צו וועלכן ער האָט זיך איצט ווידער גענומען, ווי געזאָגט, נאָך א היפּש־יאָריקער האַפּסאָקע, איז האָט זיך געפאָדערט, מ'זאָל אים בלויז א ווײַז טאָן מיט א פינגער, ער זאָל דאָס איבעריקע זיך שוין אליין שטויסן.

אויב ער אזא, האָט אָבער דער עלקען, וואָס איז אָנגעקומען צו פּרוי זײַעץ, לעהייפּעך צו אָט דעם מוישקען, נישט געניגט בלויז א פינגער צו ווײַזן, נאָר טאַקע א גאַנצע האַנט, און דעריקער טאַקע אין לערנען, אין וועלכן יענע איז געווען אָפּגעשטאַנען, און פּרוי זײַעץ האָט אין אירע פרײַע שאָען געזען זי אונטערציִען, און ווי א גערולדיקער פּעדאַגאָג איר ארויסהעלפן ווי ווײַט מעגלעך.

ס'האָט איר קיין צײַט ניט געקלעקט, און זי האָט צוגעצויגן זיך צוהילף דעם דערצויגלינג פון איר שאָכן, אָט דעם מוישקען, וועלכער האָט אָן אַן ערעך מער געוווּסט פון דער איריקער, און וואָס, ווי מ'דאַרף זיך פֿאָרשטעלן, האָבן אָט די ביידע צוויי, מוישקע מיט עלקען, גלײַך נאָר, ווי זיי זײַנען אָנגעקומען — דער ערשטער צו דאָקטער זעמעלמאַן, און די צווייטע — צו פּרוי זײַעץ, צווישן זיך געשלאָסן באַקאַנטשאַפט, אדאַנק דער באַקאַנטשאַפט פון זייערע פּאַטראָנען, וועלכע האָבן געוווינט אין איין הויז, אויף איין פּלאַטפּאָרם, א טיר קעגן א טיר, און וואָס פלעגן זיך צוליב זיי טאַקע איצט ווידער גאָר אָפּט צונויפגיין.

דאָקטער זעמעלמאַן האָט, נאַטירלעך, ניט געהאַט קעגן דער הילף, וואָס האָט זיך געפאָדערט פון זײַן מוישקען, ווײַל, פֿאַרקערט, ווײַל ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען דעם דערצויגלינג פון זײַן שכיינע, פון פּרוי זײַעץ, קימאַט אין איין עלטער מיט זײַנעם, די, וואָס מיט די ברייט־צעוואַקסענע אַקסל, מיט די האַרט־געקנאָטענע באַקן, מיט די כיין־גריבעלעך און מיטן שטענדיק גראָוון וואַסערל אין די אויגן, איז אים אפילע דורכגעלאָפן א שאַדכאָניש־שמייכ־

לענדיקער גערדאנק, אז ס'וואָלט ניט שלעכט געווען, ס'וואָלט גאָר ניט געשאַדט, אז אָט די ביידע זאָלן מיט דער צײַט זיך איינס דעם אנדערן נאָענט ווערן, זיך נעענטער צוגויפגיין אאוו.

ס'געווען, ווי געזאָגט, נאָר א שמייכלענדיקער, פארבײַ־אײַלנדיקער גערדאנק, בא וועלכן דאָקטער זעמעלמאַן האָט זיך ניט לאנג פארהאַלטן, ווײַל, — האָט ער זיך באלד צוריק געכאַפּט, — ס'דאָך קינדער, און ווער ווייסט, וואָס מיט אזוינע קאָן זיך מיט דער צײַט נאָך מאכן... שפּעטער אָבער, ווען אָט דאָס פּאָרל איז, אדאנק דער נאָענטקײַט פון דאָקטער זעמעלמאַן מיט זײַן שכיינע, פרוי זײַעץ, אויך צווישן זיך מער נעענטער געוואָרן; און באַזונדערס דערנאָך, ווען פרוי זײַעץ האָט זיך געווענדט מיט דער ביטע צו איר שאָכנס דערצוויגלינג, צו מוישען, ער זאָל אמאָל באַהילפיק זײַן דער איריקער, דער עלקען, אין די לימודים, אין וועלכע זי שטייט אָפּ; און ווען דאָקטער זעמעל־מאַן פלעגט אמאָל בײַזײַן, ביים יענער, מוישקע, האָט מיט אָט דער עלקען די לעקציעס אײַנגעשטודירט און לעבעדיק־לײַכט איר דער־קלערט, וואָס יענער איז איבער איר טעמפּלעכקײַט ניט לײַכט געווען צו באַנעמען; צוזעענדיק, ווי מוישקע מאכט דאָס קונציק, מיט יונגנטלעכער היץ און לײַכטן לאָשן, און ווי יענע, זײַן אָפּגעשטאַנענע שילערן, קוקט אים אין מויל אי מיט קינע, אי מיט א מין ערפורכט, ווי צו אַן עלטערן און מער־וויסנדיקן פון איר, אי מיט נאָך עפּעס אזוינס, וואָס איז אייגנטימלעך בלויז אופגעוואַכטן געשלעכט, צוקוקנדיק דאָס אַלץ, האָט זיך באַם דאָקטער זעמעלמאַן שוין מער געשטאַרקט דער גערדאנק פון צו וועלן זען אָט דאָס פּאָרל איינס צום אנדערן זיך דערנעענטערן.

ווײַל יאָ, ווײַל א קליין ביסל האָט שוין דאָקטער זעמעלמאַן אויך רעכט געהאַט דערויף... ווײַל ווען מ'וואָלט נאָכגעקוקט אָט דעם פּאָרל פון דער ערשטער מינוט פון זייער באַקאַנטשאַפט, אזוי וואָלט מען געזען, ווי צום אָנהייב האָט יענער, מוישקע, זיך באַצויגן צו דער, וואָס האָט זיך גענייטיקט אין זײַן הילף, עטוואָס צוריקגעהאַלטן און פרעמדלעך, ווי ביכלאַל א יינגל צו א מיידל פון זײַן עלטער, אובי־פראַט צו א פיל־אָפּגעשטאַנענער פון אים — א ביסל פון אויבן אראָפּ, קילבלעך און אפילע אויך א קליין ביסל גרויסהאַלטעריש. אין דער צײַט, ווען אָט די עלקע, די עטוואָס יינגערע פון אים, האָט פון דער ערשטער מינוט, ווי נאָר זי האָט אים דערזען, שוין פון אים די אויגן ניט געקאָנט אָפּרײַסן, ווי זי וואָלט זײַן צוגעקלעפּט מיט א קליי פון קינע, פון דערעכערעץ, און, ווי געזאָגט, מיט נאָך עפּעס, וואָס זאָגט מער פון יענע ביידע.

שפּעטער א ביסל האָט מען געזען, ווי אויך אָט דער מוישקע האָט זײַן באַציִונג געביטן — נישט מאכמעס זײַן שילערן האָט באַוויזן פיל אופצוטאָן און גרויס דערפאָלג האָבן אין די הילף־לעקציעס, וועלכע זי האָט בא אים באַקומען. ניין, נאָר מאכמעס די אלציינע

לאַגע אין די הײַזער, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפֿונען, האָט זיי, ווײַזט אויס, צוזאַמענגעבונדן, ווי צוויי ראָבינזאָן־קינדער, וואָס אַן אַלציינע כוואַליע האָט זיי נאָך שיפֿברוך אַף אַ רעטנדיק אינדזל אַרויסגעשלײַדערט.

יאָ, דאָס האָט זיי, ווײַזט אויס, פֿאַרייניקט. דערצו נאָך האָט מען געקאָנט זען, ווי אָט די עלקע, אָט די ברייטביינערדיקע און צעוואַקסענע אין די אַקסל, איז ווי נאָר זי איז אַרויס פֿון די ראָבינזאָנישע וואַלד־באַדינגונגען, ווי זי האָט געהאַט צו קעמפֿן און פֿאַרטיידיקן איר רויען קיום, און איז אָנגעקומען אין אַ יישעוו, אין אַ שטאָט און צווישן מענטשן, און איז נאָך דערצו באַוואָרנט געוואָרן מיט אַ דאַך, מיט אַ קלייד און אַ העמד אַפֿן לײַב, אַזוי איז זי גלײַך אַרײַן אין איר אייגנטימלעכער ראָל, באַקומענדיק די פֿרווייִשע פֿייִקײַט פֿון צו קאָנען און וועלן אָפּטיילן אַ שטיק פֿון איר ליבע־גאָב, מיט וועלכער זי איז באַשאָנקען, פֿון זיך אויך פֿאַר אַנדערע.

זי האָט צוערשט געקוקט אַף מוישקען ווי אַף אַ ברודער, וועמען מ׳קאָן זײַן געטרײַ. שפּעטער אָבער, ווען די ביידע זײַנען אונטערגעוואַקסן און זיך מער צונויפֿגעגאַן, אַזוי האָט מען געקאָנט זען, ווי בעשאַס די עלקע קוקט אַמאָל עטוואָס לענגער אַף מוישקען, אַזוי טוט זיך אָפּ דאָס שמאַלציק וואַסערל פֿון אירע אויגן, גלײַך איר בליק וואָלט אָנגעטראָטן אַף עפּעס אַ פֿײַערל, וואָס מאַכט דאָס אויסטריקענען...

זי האָט, ווי געזאָגט, אים שטענדיק אין מויל געקוקט, אַי מאַכמעס ער האָט אַלע מאָל איר געהאַט צו זאָגן מער, ווי זי איז פֿייִק געווען צו באַנעמען, און אַי אויך מאַכמעס דעם, וואָס אַפֿילע ווען ער וואָלט געשוויגן, וואָלט זי אויך איר אויג פֿון אים ניט געקאָנט אָוועקנעמען פֿון מיידלשער פֿאַרגאַפֿונג.

אויך ער, אָט דער מוישקע, האָט, ווי שוין דערמאָנט, זײַן באַציִונג געביטן. ס׳האָט זיך שוין שפּעטער אַ ביסל געלאָזט מערקן אַ פּיל מער היימישקײַט צווישן אָט די ביידע צדאָדים — דערצויגלינגען, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט, וואָס ווײַטער, אין אַלץ מערמאָליקן זיך זען און צוזאַמען פֿאַרברענגען.

דאָס האָט, נאַטירלעך, ניט ניט געקאָנט באַמערקן אַ דאָקטער זעמעלמאַן, וואָס האָט דאָס שוין אַ ביסל פֿון פֿריִער פֿאָרויסגעפֿילט, און דעריקערשט אויך שטיל אונטערבאַגערט...

ער האָט נישט איין מאָל, צוליב אָט דעם טאַקע, זיך אַרײַנגעשטעלט צו זײַן שכיינע, צו פֿרוי זײַעץ, וואָס אויך זי, ווי יעדער פֿרוי מיט אַ געניט אויג, איז מעסוגל אויפֿכאַפּן, וואָס צווישן צוויי יוגנטלעכע אין דעם עלטער קאָן זיך נעמען קנאָספּעדיק אויספּיקן; פֿרוי זײַעץ, ווי איר שאָכן, דאָקטער זעמעלמאַן, האָט דאָס שטילערהייט עפּשער אויך באַגערט: אַי, ווידער, ווי איעדע פֿרוי, ווען זי איז אַ צוטרוילעכער איידעס פֿון יוגנטלעכע צוזאַמענבאַציִונגען; אַי ווי אַ מוטער,

ווען ס'האָט ניט געגליקט דאָס צו זען ארויסקומען בא איר אייגן קינד, און זי באַנוגנט זיך מיט דעם, וואָס זי קוקט דאָס צו בא די, וועלכע זי האָט פאַררעכנט פאַר אייגענע; און אי צוליב דעם, וואָס מעגלעך, אַז אַן אויסבאַהאַלטענער כוש האָט אויך איר, ווי איר שאָכן, דעם דאָקטער זעמעלמאַן, הינטן־אַרום און אומבאַוווּסט באַפֿוילן, נאָכצושפּירן אָט די ביידע, ווי נאָך א לעצט רעשטל, א צעצווייט צווײַגל, וואָס דער שטאַם וויל זיי האָבן צו זען אַפּסנײַ און צוזאַמען פֿאַרפּלאַנצט...

יאָ, אויך פרוי זײַעץ האָט דאָס, מעגלעך, באַגערט...

אַזוי אַז ווען דאָקטער זעמעלמאַן פלעגט צו איר די לעצטע צײַט, אַמאָל אין א פרײַער שאָ, זיך אַרײַנכאַפּן, קעדיי זיך נעמען טיילן מיט איר מיט די מיינונגען וועגן זייערע דערצויגלינגען ביכלאַל, פּרעגנדיק, וואָס זי, אַלס פּעדאַגאָג, טראַכט וועגן דעם, וואָס ביידע זיי האָבן ביז אַהער שוין אָפּגעטאָן פאַר יענע, ווי אויך וועגן דעם, וואָס ווײַטער טאָן און וואָס ס'לאָזט זיך אויסבעסערן, אויב זיי האָבן עפּעס פֿאַר־פֿעלט, — אַז דער דאָקטער זעמעלמאַן פֿלעגט פֿאַרפירן א שמועס מיקויעך דעם, אַזוי האָט זיך געפילט אין זײַנע רייד ניט נאָר אַן אינטערעס פון אַן איינעם, וואָס האָט גענומען א פרעמד קינד אַף דערציִונג, נאָר ווי א פאָטערלעכער צו אַן אייגן קינד, וואָס ער וויל עס רעכט־גוט באַזאָרגן.

ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילע אַמאָל ארויס פאַר פרוי זײַעץ מיט א האַלב־טמימעסדיקער מעכוטן־פראַגע, ווי:

— האַ, ווי מיינט פרוי זײַעץ? זי דאַרף דאָך וויסן, ווי א פרוי... איאָ, ס'קאָן זיך אַמאָל עפּעס באַקומען צווישן אָט די ביידע — געמיינט, א שטיקל שידעך.

— יאָ, — פלעגט פרוי זײַעץ מיט א שמייכל און באַגיטיקנדיק מאַסקים זײַן, מײַסע־מעכוטענעסטע, אויך פון איר זײַט — מיצאַד האַקאַלע, הייסט עס...

מערער: אַזויווי דאָקטער זעמעלמאַן איז שוין געווען אין ראָש פון וועלן זען עפּעס נײַ־געבויט, נײַ־געפּאָרט אינעם נײַעם לעבן, אַזוי האָט ער זיך די לעצטע צײַט שוין אַליין אויך געזען גענייגט א מער נעענטערער אָנטיילנעמער זײַן אין אָט דער בוױונג.

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, אַז ער, דאָקטער זעמעלמאַן, וואָס האָט שוין לאַנג פון קיין מישפּאָכע־לעבן ניט געוווּסט, זײַענדיק, ערשטנס, אי שוין נישט יונג, און צווייטנס, מאַכמעס ער האָט זיך אינגאַנצן געווידמעט דער דערציִונג פון זײַן זון, וועלכער האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אין אַלעם איבעריקן, וואָס געהער מישפּאָכע — האָט איצט, נאָכן אומקום פון זײַן זון, און נאָכדעם, ווי ער האָט אויפֿגענומען דאָס פרעמדע קינד אַף דערציִען, דערפילט אין זיך אויפֿ־דערוואַכט ניט נאָר דעם פאָטער־באַרוף, נאָר אויך דאָס געפיל פון א

באַל־מישפּאָכע — מיטן אויסרייד, מיקלאָמערשט, אַז אַזויווי אַליין זײַן אייגענע געטרײַשאַפט און האַזשגאָכע געניגט ניט פֿאַר זײַן אופֿגענומענעם דערצויגלינג, איז וואָלט ער זי גערן פֿאַרמערט דורכן צונויפֿגיין זיך און קריגן אַ מיטהעלפֿער, אַ פֿרוי, אַ מוטער צו אים.

מעגלעך, אַז ער האָט רעכט געהאַט: אַז דער מאָטיוו — אַ מאָטיוו. מעגלעך אָבער אויך, אַז זײַענדיק אין טראַנס און אין שטרעבונג צו ווידער־אופֿבויונג, וואָס האָט אים פֿאַרכאַפּט, ווענדיק דאָס זען אָנגעווענדט בענעגייע אַנדערע, ייִנגערע פֿון אים, האָט ער דאָס איניינוועגס, אײַלנדיק, איבערגעטראָגן אויך אויף זיך, און נישט נאָר אויף זיך, נאָר אויף אַלע, אַלע לעצט־פֿאַרבליבענע, ווי אים האָט געדאַכט, פֿון זײַן שטאַם, וועמען ער וואָלט איצט געייצעט און גערופֿן טאָן דאָס זעלבע, וואָס ער.

ער האָט מיט פֿאַרגעניגן איצט געקוקט, האָט מען באַמערקט, אויפֿן יונגן, אונטערוואַקסנדיקן פּערל, וואָס דערנענטערט זיך, וואָס ווײַטער, אַלץ מער צוזאַמען, מיט אַ מין פֿאַרבאָרגענעם פֿאָטערלעכן נאַכעס און אויסזיכטן אויף שפּעטער... און אין דער זעלבער צײַט פֿלעגט ער אַמאָל אויך כאַפּן הינטן־אַרום אַן עלטערלעך־פֿאַרליבטן קוק אַריבער די ברילן אויף פֿרוי זײַעץ, וועלכע ער האָט געדענקט צוציִען — ניט באַלד, ניט מיטאַמאָל — צו פֿאָטער־מוטערלעכן צוזאַמענלעבן, זעענדיק, אַז זי פֿאַרשטייט אים אויפֿן האַלבן וואָרט, און ווי זי לאָזט אַראָפּ די אויגן צו דער ברוסט, ווען ער, דאָקטער זעמעלמאַן, דערזאָגט דערווײַל ניט דאָס, פֿאַר וועלכן ער האָט נאָך קיין קלאָרע ווערטער ניט.

דאָקטער זעמעלמאַן איז, אַדאַנק אָט דעם נײַ־אויסבאַהאַלטענעם באַגער, איצט געוואָרן וואָס מער אָפֿטער אײַנגייער צו פֿרוי זײַעץ, פֿאַרטרויענדיק איר וואָס ווײַטער אַלץ מער פֿון דעם, וואָס ער האָט ביז אַהער אומגעטראָגן אין זײַן איינזאַמקײַט; און פֿאַרגעסנדיק אָפֿט, אַז ער האָט שוין נישט איין מאָל באַ איר זיך אָנגעפֿרעגט, פֿלעגט ער נאָכאַמאָל אַ פֿרעג טאָן:

— האַ, ווי מיינט זי, פֿרוי זײַעץ, איאָ, ס׳וועט, דאַכט זיך, זײַן... געמיינט אי צווישן פּערל, אי אויך צווישן אים און איר, מיט וועלכער ער האָט זיך איצט געוואָלט זען אונטער איין סטעליע, אין איין מישפּאָכע פֿאַראייניקט — זי מיט איר געבראַכטן נאַדן — מיט דער עלקען, ער — מיט זײַן מוישקען, וואָס דעמלט וועט מיקלאָמערשט פֿיל בעסער, פֿיל לײַכטער זײַן זיי צו דערציִען.

נאַ, און אין אָט דער ריכטונג האָט זיך, לעצטנס, אים שוין אַפֿילע אויך גענומען כאָלעמען.

אָט איז זײַנער אַ לעצטער כאָלעם — אַ שטילער קאָשמאַר.

ער דערזעט זיך צוזאַמען מיט זײַן שכיינע, פֿרוי זײַעץ, אײַנגעשפּאַנט אין אַ שליטעלע, אין וועלכן ס׳ליגן טויטע זײַן ברודער מיט זײַן ווײַב, איבער וועלכער ער האָט זיך ניט באַוויזן פֿון שטאָט אַרויסקלײַבן. ער מיט פֿרוי זײַעץ שלעפּן לײַכט, אָן שום מידקײַט און

לויפּיק... און מיטאָמאָל שטעלן זיי זיך אָפּ, קערעווען זיך אויס אױף צוריק, דערפילנדיק ווי עפּעס לעבעדיקס אונטער זיך, און זיי דערזעען, ווי דער ברודער מיטן ווײַב זיצן אופגעזעצט, צופרידענע און גוט שמייכלענדיקע — ווײַזט אויס, דערפון, וואָס ער, דאָקטער זעמעלמאַן, און פרוי זײַעץ, פירן זיי לײַכט, אָן שום אָנשטרענגונג, און ביידע יענע טוען דערבײַ מיט האַלב־לעבעדיקע, האַלב־טויטע מײַלער א זאָג: „מאַזלטאָוו. גוט, וואָס איר זײַט דאָ, גוט, וואָס אינײנעם, און זאָל אײַך דער וועג גרינג זײַן"... איצט זעען זיי אויס שוועבנ־דיק־באַרוט, אַלע מיט ליכט אין די הענט, און די ליכט פלעמלען זיך פײַערלעך, פון קיין ווינט, קיין ווינטעלע ניט אָנגערירט און אין קיין זײַט ניט אָפּגענייגט.

דער צוג שפּאַנט אין רייען און יאָמטעווודיק־פאַרורטיילט... און מיטאָמאָל דערהערט זיך א שטים, וואָס איז געווענדט צו דעם, וואָס הערט אים, צו דאָקטער זעמעלמאַן, וואָס ניט אַלץ אָבער באַנעמט ער, וואָס דאָס קאָל האָט צו זאָגן, בלויז נאָר דאָס, וואָס איז אים, ווײַזט אויס, דערלויבט צו הערן:

— איינס צום פאַרגעדענקען: דעם געבאָט פון וואַקסן און ווידער וואַקסן, נישט געקוקט אױף אַלץ, וואָס האָט געטראָפן אַלעמען, און באַזונדערס — אונדז...

און דאָ כאַפּט זיך אוף דער דאָקטער זעמעלמאַן שוין מיט א פאַר־טיקן באַשלוס, אַרויסצוקומען מיט קלאָרע דיבורים פאַר פרוי זײַעץ און אַרויסריידן דאָס, וואָס ער האָט ביז אַהער פאַר איר האַלב אויס־באַהאַלטן...

1946

העשל אנשעלעס

(וועגן איינעם א פאל
אינעם איצטיקן אָקופּירטן פּוילן)

1

העשל אנשעלעס איז געווען גרוים באוווּסט בא דער אינטעליגענץ פון שטאָט — בא זשורנאַליסטן, ליטעראַטן אאַ. מ׳פלעגט צו אים אָפט קומען פרעגן מעווינעם שוין אף פּאַרטיקער מעלאָכע, און ווען מ׳האָט פירגענומען אן ארבעט, וועלכע האָט געפאָדערט גענוי וויסן אין א געוויסן געביט, אין וועלכן מע האָט אליין אונטערגעהונקען, פלעגט מען בא אים פאָרויס שעפן יעדיעס, ווי אין א הילף־בוך, אין אן ענציקלאָפּעדיע.

ער איז געווען פיל באַלאָדן. כאָטש נאָך יונג, פון א יאָר פינף־זעקס און צוואַנציק, אָבער שוין אזוי וויַיט באַלערנט און באַלעזן, אז ער האָט אויסגעזען אויך א ביסל איבערגעלאָדן. דער קאָפּ באַם קאַרק עטוואָס ארפּגעבויגן, דאָס פּאָנעם מער אָפּגעצויגענער און בלאַסער,

ווי ס'פּאַסט אפילו פאַר אַזאַ, וואָס פאַרנעמט זיך בלויז מיט לערנ־זאַכן, די האָר פון קאָפּ שוין היפּש שיטערלעך, די שלייפן איינגעפאַלן און די הויט פון די הענט אַזוי דין און דורכזיכטיק, ווי דאָס לייב פון אַ יונגן אייפעלע, ווען מ'בלאָזט דעם צווישן די פעדערלעך.

מ'דאַרף זאָגן, אַז אַ שטיק שווערע ירושה האָט זיך אים אויך נאָכגעשלעפּט. ערשטנס, זיין מוטער, וואָס נאָך ליגנדיק מיט אים אין קימפּעט, האָט מען באַמערקט, ווי ס'איז אַף איר פּלוצלינג אָנגעפאַלן אַ שווייגעניש, און זי האָט אופגעהערט ענטפערן אַף די ווינטשעוואַניעס, אַף די מאַזלטאָווס, וואָס אייגענע און באַקאַנטע זיינען נאָענט מיט זיי צו איר בעט אונטערגעקומען. זי האָט זיך גלייכגילטיק באַצויגן צום קינד, צום זויגלינג, ניט ווי אַנדערע מוטערס: האָט מען איר צוגעבראַכט דאָס קינד צום בעט צום אָנזויגן, האָט זי דעם די ברוסט געגעבן, ניט — ניט, אַליין האָט זי זיך ניט דערמאָנט, און אָפט פלעגט זי אפילו בעשאַסן זויגן אַליין אין דעם פאַרגעסן און זיך עפּעס ווילד פאַרטראַכטן.

דאָס שווייגן האָט אויך נאָכן קימפּעט פון איר ניט אָפּגעלאָזט. פאַרקערט, האָט זיך נאָר מער געשטאַרקט און דערגרייכט אַזאַ מאָס־מאַדרייגע, אַז מע האָט אָנגעהויבן מוירע האָבן איר דאָס קינד צו פאַרטרויען, זי זאָל זיך אַמאָל אַזוי ניט פאַרגעסן, אַז זי זאָל דאָס גאָר פון די הענט אַרויסלאָזן.

אַ סוואָרע, אַז איינמאָל האָט דאָס טאַקע מיט איר געטראָפן, און דעמלט האָט מען זיך גענומען אייצען מיט דאָקטוירים, און אַז יענע האָבן זי גוט באַטראַכט און עטלעכע מאָל איינער מיטן אַנדערן אַף קאָנסיליום זיך דורכגעשמועסט, אַזוי זיינען זיי צום אויספיר געקומען, אַז דאָס קינד דאַרף מען זען באַ איר אַוועקנעמען, ווייל אין אַזאַ צושטאַנד איז זי ניט פייִק אירע מוטער־פליכטן אויסצופילן, און אַז זי אַליין דאַרף מען אָפּגעבן אין אַ געהעריקן שפּיטאָל צום היילן.

אַזוי האָט מען געטאָן, און ס'איז ניט אַוועק קיין סאַך צייט, אַז איר לאַגע האָט זיך פאַרערגערט. זי איז אַלץ מער אין זיך פאַרזונקען, זיך אָפּגעזאָגט פון עסן, טרינקען און ניט דערלאָזט, מע זאָל זי אפילו מיט גוואַלד האָדעווען, און דער סאָף איז געווען גאָר אַ שלעכטער. אין איינעם אַ טאָג, ווען די שפּיטאָל־באַדינער האָבן ניט באַמערקט און פון איר אַוועקגעקוקט, האָט זי געקריגן עפּעס אַ שאַרפע זאַך, אַ מעסער צי אַ גאָפּל, מיט וועלכן זי האָט זיך געפּרוּווט דעם האַלדז דורכשטעכן. און אַז מע האָט זי יענץ מאָל אָפּגעראַטעוועט און איר אויסגעהיילט די ווונד, האָט זי זיך פאַרטייעט אַף אַ צייט און קלוי־מערשט ניט געוואָלט קיין שאַרפע זאַכן אין די הענט נעמען און אפילו אַף זיי ניט קוקן, ביז אַ צווייטער גינסטיקער פאַל האָט זיך איר געמאַכט, און דאָס מאָל האָט זי מיט זיך ענדגילטיק פאַרענדיקט: זי האָט זיך דעם האַלדז ביז טיף און אַף טויט דורכגעשניטן.

דאָס — די מוטער. דער פאָטער, וואָס האָט, זעט אויס, זי שטאַרק ליב געהאַט, האָט זיך די זאַך אַזוי שטאַרק צום האַרצן גענומען, אַז ער האָט געהאַלטן אויך זײַן לעבן פאַר פאַרענדיקט. ער איז אומגע־גאַן אַ לאַנגע צײַט צעמישט, זיך ניט געלאָזט טרייסטן, ניט אויס־רעדן... און ווען, ווי דער שטייגער, האָבן שפּעטער צו אים אין שטוב זיך גענומען אַרײַנשטעלן שאַדכאָנים מיט פאַרשיידענע פאָרשלאָגן, ווי מע קומט אַלעמאָל צו אַ יונגן אַלמען, האָט ער ניט נאָר זיי ניט געוואָלט אויסהערן ביזן סאָף, נאָר שוין באַ די ערשטע ווערטער אָף זיי אָנגעשריגן און זיי פּאַשעט דורכגעטריבן. די שאַדכאָנים האָבן צוערשט בלויז מיט די אַקסלען אָוועקגעמאַכט, מײַנענדיק, אַז ס'איז צײַטווײַליק, ווײַל דער צאַר איז נאָך פריש; אָבער אַז זיי האָבן נאָכאַ־מאָל און נאָכאַמאָל געפּרוּווט אַרײַנקומען, און יענער האָט ווידער און נאָך מער בייזער אָף זיי זיך צעשריגן, האָבן זיי געזען, אַז ס'איז ערנסט, ס'איז ניט געמאַכט און ניט בלויז לעפּאָנעס, און זיי האָבן אָנגעהויבן זשאַלעווען שיך און מער זיך צו אים ניט געוויזן.

ער, דער פאָטער, האָט זיך אויך פון געשעפט אָפּגעוואָרפן. שטאַ־מענדיק אַליין פון רײַכע עלטערן, וועלכע האָבן אים באַזאָרגט מיט היפּש נאַדן סײַ פון זייער צאַד, סײַ אויך פון קאַלעס צאַד, און וואָס דאָס האָט מעגלעך געמאַכט, ער זאָל באַלד נאָך דער כאַסענע זיך אַ נעם טאָן צום גרויס־האַנדל, מיט אויסזיכטן אָף גאָר גרויסע רעוואָ־כים, ווי ס'טוען אַלע רײַכע זײַן גלײַכן נאָך דער כאַסענע, — האָט איצט, נאָך דעם, ווי דער אומגליק האָט אים געטראָפן, זיך באַזײַטיקט און אַרויסגענומען פון דעם... ער איז געוואָרן היימזיצער און ניט געוואָלט אויסהערן קיין מוסער ניט פון זײַנע עלטערן און ניט אויך פון אַנדערע אייגענע, אַז „וואָסי?.. ס'טרעפט... ער איז נאָך יונג און מע דאַרף זיך זען אין די הענט נעמען!"... זיך ניט געלאָזט. ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דעם קינד, וועלכן ער האָט אַ מוטער פאַר־ביטן. און וואָס געהער געשעפט און שטוב־באַלעבאַטישקײַט, האָט ער זיך פאַרלאָזט, ערשטנס, אָף זײַן מעשאָרעס, אָף איינעם, דעמלט נאָך אַ יונגן פאַרשוין, מיטן נאָמען שאַמײַ, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אָף געטרײַשאַפט, ווי אויך אָף דער אַם און אָף דער דינסט, וואָס איינע האָט מיטן קינד געהאַט צו טאָן, און די צווייטע — מיט דער שטוב.

די געשעפטן האָט ער ליקווידירט. און פאַרן צונויפגעזאַמלטן געלט פון נאָך דער ליקווידאַציע האָט ער זיך געקויפט אַ גרויס הויז אָף אַן אָנגעזעענער גאַס אָף פּאַרנאָסע. און אָנפירן מיטן הויז, אַכטונג געבן אָף דעם, אופמאָנען דירע־געלט, רעמאָנט אאַ. — האָט גענומען אָף זיך זײַן לײַב־מעשאָרעס שאַמײַ, וואָס ער איז אים געווען אי באַדינער, אי קאַסירער, אי קימאַט באַלעבאָס אָף אַלץ, ווײַל קיין אייגן לעבן האָט ער ניט געהאַט און קיין אייגענע פאַמיליע האָט ער זיך ניט געדענקט אײַנצושאַפן.

דאָס — דעמלט, ווען דער פֿאָטער נאָך יונג און ווען דער אומגליק האָט אים געטראָפֿן. און איצט, ווען מיר דערציילן דאָ, איז ער שוין עלטער מיט אריבער א פֿערטל יאָרהונדערט. ער גייט ארום שטענדיק אין כאלאט און אין די שטעקשיך אין שטוב. צו די געשעפֿטן האָט ער זיך אלץ ניט אומגעקערט, כאָטשע האָבן — אויך ניט. ער איז נאָך אלץ באלעבאָס פֿון יענעם גרויסן הויז אויף דער אָנגעזעענער גאס, ווי אמאָל. ער האלט זיך נאָך אלץ מיט זײַן מעשאָרעס שאמײַ, וועלכער האָט זיך, נאטירלעך, אויך ווי דער באלעבאָס, געעלטערט און וואָס האָט זיך אזוי אײַנגעלעבט מיט יענעם, אז ער טראָגט אויך די זעלבע קליידער, וואָס יענער, אמאָל — וואָס פֿון יענעם פֿאלט אראָפּ, און אמאָל אויך נײַע, פֿון א מער ביליקערן שטאָף, אָבער אין זעלבן שניט, וואָס דער באלעבאָס, געגייט. ער עסט מיט אים צוזאמען, גייט מיט אים אינײנעם אין באָד, און אין פֿרײַע שאָען שפּילן זיי בײדע א שטילן שאָך באשטענדיק.

אויך די שטוב האָט זיך מיט גאָרנישט ניט געענדערט. די פֿינף־צימער־וווינונג אפֿן צווייטן שטאָק פֿון אייגענעם הויז איז, ווי פֿריִער, אויך איצט רײַכלעך אויסגעשטאט. א ביסל נאָר דאָס ווייכלעכע מעבל אָפּגעבליאקעוועט, א ביסל אויך די פֿאָרהאנגען פֿון אמאָל אָפּגעפֿאָרן אין פֿארבן. אָבער אלץ איבעריקע, ווי געווען. און דאָס איינציקע, וואָס האָט יאָ עטוואָס געענדערט דאָס פּאָנעם פֿון דער שטוב, איז דעם באלעבאָס' אונטערגעוואקסענער זון, וואָס צו זײַן באנוץ איז איצט אָפּגעגעבן געוואָרן דעם באלעבאָס' אמאָליקער קאבינעט, וועלכן ער, דער זון, האָט בא אלע פֿיר ווענט באשטעלט מיט אָנגעגלאָזטע ביכערשאפֿעס ביז דער סטעליע ארויף אויבן און וואָס אהין קומען איצט אָפֿט מיט באזוך מענטשן, מיט וועלכע ניט דער באלעבאָס און ניט אויך שאמײַ זײַן מעשאָרעס פֿארגינען זיך ניט קיין מינדסטע קענטשאפֿט צו פֿארפֿירן, האלטנדיק זיך פֿון ווײַט און האנאָע האָבנדיק פֿון זונס, העשלס, קענטשאפֿט.

זיי קוקן מיט שטאָלץ און איבערנעמערישקײַט, ווי אזוי די באזורכער טרעטן אלעמאָל מיט דערעכערעץ העשלס שוועל אריבער, דענקענדיק, אפֿאָנעם, זיך צו דערוויסן און צו קריגן בא אים דאָס, וואָס בא אנדערע איז דאָס ניט צו דענקען... ס'גרויסט זיך מיט זײַן זון ניט נאָר דער פֿאָטער, בעשאס ער זעט, וויִאזוי די באזוכער קלאפּן אָן אין דער טיר פֿון זײַן זון איידל, נאָר אויך שאמײַ, וואָס אויך בא אים איז העשל פֿאר א שטיק זון פֿארעכנט און וואָס אלע מאָל, ווען ער זעט דעם באלעבאָס אין זײַן איבערנעמערישער און עטוואָס בארימערישער געדולע, האלט ער אים אונטער און בארעכטיקט אים זײַן שטאָלץ מיט א זאָג געבן דערבײַ: „העשעניו, באלעבאָס, איז, קיין אײַנהאָרע, א מענטש, וואָס אנדערע, מאשמאָעס, דארפֿן צו אים אָנקומען...”

דאָס — פֿון איין זײַט — נאכעס. פֿון דער אנדערער זײַט אָבער ערגערט זיי זייער, ווען זיי באמערקן, אז העשל האלט זיך אלץ מער

אלטבאָכעריש אין דער פּלייצע בייגן און אַז דאָס בלאָס אויסזען פון זײַן פריִער יונגנט אָן האָט, מיט זײַן עלטער, פון אים ניט אָפּגע־לאָזט, זיך ניט אויסגענומען, נאָר פאַרקערט, זיך מער געשטאַרקט און אַזאַ שטענדיקער גאַסט אויף זײַן פּאָנעם געבליבן, אַז ווען דער פּאָטער טוט אָפּט פאַרשטעלטערהייט אַ קוק אויף העשלען, אַזוי דער־זעט ער מיט דערשרעק די גוואַלדיקע ענלעכקײַט פון אים צו זײַן מו־טער אין יענער צײַט, ווען זי איז מיט אים אין קאַמפּעט געלעגן און ווען די געוויסע טרויעריקע שווײַגעניש איז זי באַפאַלן.

דאָס האָט דעם פּאָטער און שאַמײַ פיל אַנגסט פאַרשאַפט. זיי האָבן זיך אָבער געטרייסט דערמיט, וואָס העשל איז אַ היים־זיצער און אַ גרויס־געלערנטער, און פאַר אַזאַ איז אײַנגעטימלעך און ס'פּאַסט זיך אויך אין קערפּער עטוואָס אָפּגעשטאַנען צו זײַן און אין געזונט געמינערט... און נישקאָשע, — האָבן זיי זיך געזאָגט, — ס'וועט נאָך קומען אַ צײַט, ווען העשל וועט מער מיט דער וועלט אין באַריר קומען, און דעמלט וועט זיך אים אויך זײַן געזונט ענדערן צום מער געוווּנטשענעם. „האַ, ווי מיינט ער, שאַמײַ?״ — פלעגט דער באַלע־באָס, ווען זײַן זאָרג וועגן זײַן זון פלעגט אים באַפאַלן, צו זײַן באַ־דינער זיך ווענדן און באַ אים אַ פרעג טאָן.

— יאָ, באַלעבאָס, — פלעגט יענער דעם באַלעבאָס אונטערהאַלטן און אים שטיצן אין זײַן טרייסט. אָבער ביידע פלעגן דאָך באַ זייער ניט־אַרויסגערעדטער און שטיל־אויפגעהאַלטענער מאַרעשכוירע בלײַבן, און באַזונדערס דער באַלעבאָס, וועמען ס'איז שוין אַ שטיק צײַט גאָר אַ שווערער שטיין אויפן האַרצן געלעגן, טראַכטנדיק וועגן גוירל פון זײַן זון.

דאָס איז פון דעמלט, ווען העשל איז אײנמאָל עפּעס קראַנק גע־וואָרן און אַ דאָקטער האָט אים באַזוכט. און ווען דער דאָקטער האָט אים אָפּבאַטראַכט, האָט ער זיך פלוצעם גענומען דערפרעגן וועגן זײַן מוטער, פון וואָס זי איז געשטאָרבן. און אַז ער האָט זיך דערוווּסט, האָט ער נאָכאַמאָל אַ גאָר־גאָר באַאַבאַכטנדיקן בליק געוואָרפן אויף העשלען. און בעשאַס דער פּאָטער האָט אים פון דער טיר און פון דער שוועל אַראָפּבאַגלייט און ווידער און נאָכאַמאָל וועגן זונס איצ־טיקער קרענק זיך געהאַלטן אין דערפרעגן, אַזוי האָט אים דער דאָק־טער דעמלט אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איצטיקע איז גאָרניט, סע וועט פאַריבערגיין, נאָר דערױ־קער וואָלט מען דעם זון באַדאַרפט זען היטן פון דערשיטערונגען.

— וואָס הייסט? — האָט דער פּאָטער אַ פרעג געטאָן, וועלנדיק אויפקלערן און זיך דערוויסן דעם גענויעם מיין פון דאָקטערס ווער־טער.

— דאָס הייסט, קיינע איבעראַשונגען, קיין דערשרעק, פון וועלכן מ'פאַרלירט זיך אַמאָל און מ'קאָן דערנאָך שווער צוריק צו־זיך קומען.

דער פּאָטער האָט דאָס פאַרגעדענקט און פלעגט אָפט ניט שלאָפן פאַר מאָרעשכוירע, און אַלעמאָל פלעגט ער וועלן מיט העשלען וועגן דעם איבערריידן, אַז יענער, העשל, הייסט עס, זאָל זיך זען היטן, מאַכמעס דער דאָקטער האָט דעמלט און דעמלט דערפאַר און דערפאַר געוואָרנט, אָבער ער האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי צוצוטרעטן צו העשלען מיט אַזוינע רייד, ניט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן און צי וועט אים יענער, העשל, גאָר פאַרשטיין. און העשל אַליין האָט, ווײַזט אויס, ניט פאַרשטאַנען, און דאָס איז שוין פאַר העשלען גאָר ניט גוט געווען — אַ סימען, אַז ער ווייסט ניט, ווו ער האַלט, ווייסט ניט, וואָס ס׳ליגט און ס׳וואַרט אויף זײַן טיר און שוועל אויף אים, און אויב אַזוי, קאָן אים דער אומגליק אַמאָל טרעפן אומגעריכט, ווען אַ געוויסע סיבע זאָל דאָ אופקומען און זיך ווײַזן — אַזאַ, וואָס איז מעסוגל אַרויסצורופן בײַ אַזוינע, ווי ער, אַן אומגליק.

יאָ, נאָר דערווײַל אָבער האָבן זיך קיינע סיבעס ניט געמאַכט. דערווײַל איז העשלס לעבן בײַ זײַן פּאָטער אין הויז געפלאָסן, ווי געוויינלעך, אין די אַמאָליקע דורכגעלייגטע ברעגעס, אָן ענדערונג. צו דעם פּאָטער, וואָס איז פאַרבליבן אַן אַלמען, און צו שאַמײַ, וואָס איז אַ באָכער פאַרזעסן, איז מיט העשלס אונטערוואַקסן צוגעקומען נאָך איינער, וואָס לויט אַלע סימאָנים וועט אויך ער פאַרזיצן — מיטן איינעם כּילעק נאָר, וואָס העשל האָט זיך פאַרקנאַסט צו זײַן קאַבינעט, וואָס דער פּאָטער האָט אים צו זײַן באַנוץ אָפּגעטראָטן, און וואָס ער, העשל, האָט אים באַשטעלט מיט הויך־אָנגעגלאָזטע ביכער־שאַפעס אַרום אַלע פיר ווענט ביז דער סטעליע אַרויף אויבן, און וואָס אַלעמאָל האָט מען אים דאָרט געקאָנט טרעפן בײַ לייענען אַ בוך — אַמאָל אַן אַלטן, וואָס די בלעטער זײַנען פאַרגעלט און שמעקן מיט צײַט־עלטערלעכן שימל, און אַמאָל אַ נײַעם, אַן ערשט צעשניטענעם, פון וועלכן די פאַרב פון דרוק און פון פּריש פּאַפּיר פּילט זיך אַרויס.

העשל וואָלט, עלטער ווערנדיק, ווי זײַן פּאָטער, שוין גאַנצע טעג אין כאַלאַט און אין שטעקשיך אומגעגאַן, און צום שטילן שאָך, וואָס דער פּאָטער האָט אָפט געשפּילט מיט שאַמײַ, וואָלט אַ דריטער — העשל, צוגעקומען, וואָס וואָלט אַמאָל געשטאַנען הינטער די פּלייצעס פון איינעם אַ שפּילער, און אַמאָל הינטער די פּלייצעס פון אַ צווייטן, זיך ניט אַרײַנמישנדיק און קיינמאָל קיינעם אַפילע קיין אייצעס ניט געבנדיק.

מעגלעך, אַז ווען ס׳טרעפט מער ווײַטער גאָרניט, וואָלט ער, אויף אַזאַ אויפן, אויך זײַן שווער שטיקל יערושע איבערגעקומען און דאָס מעגלעך קרענקלעכע אין אים וואָלט אַזוי אײַנגעשלאָפן, ניט האָבנדיק קיין סיבע צום אופוואַכן, ווי די זוימען פון געוויקסן אַמאָל, ווען זיי האָבן ניט די געהעריקע באַדינגונגען — באָדן, זון און פײַכטקײַט — צו זייער וווּקס.

אָבער מיטאמאָל האָט יאָ עפּעס געטראָפן — און דאָס איז די מילכאָמע, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין 1939, און בא וועלכער מיר אלע און די גאנצע וועלט זײַנען איצט איידעס.

2

אז דאָס פאשיסטישע כאַיל איז ארײַן אין שטאָט, ווי העשל אַנ־שעלעם האָט געווינט, איז איידער זייער מאכט האָט אײַנגעפירט די נײַע אָרדענונג, איידער זי האָט באוויזן די ייִדן פון זייערע הײַזער ארויסזעצן און זיי באפוילן אריבערפאָרן אין יענע ערטער, וואָס זי האָט באשטימט פאר זיי — אין די געטאָ־קווארטאלן, — האָט זי דערווײַל צעשיקט קווארטיריערן איבער דער שטאָט, אויסצוגעפינען ווינונגען פאר אירע מיליטערישע און ציווילע פאָרשטייער, פאר אָפיצערן, באאמטע אא. — ניט אויסגעשלאָסן אויך אין די ייִדישע ווינונגען.

אז מ'איז צוגעקומען צו העשלס פאָטערס הויז, וואָס אַף דער אָנגעזעענער גאס, האָט איינער א שאָכן, צי מיט א בייזן מיין, צי ניט מיט קיין בייזן, א ווײַז געטאָן אפן באלעבאָס' ווינונג אליין, ווי אַף דער סאמע באקוועמסטער און פאסיקסטער פאר אזוינע לײַט, וועמען מ'דענקט דאָ אײַנצוקווארטירן.

העשלס פאָטערס ווינונג איז געפעלן. און באלד טאקע האָט זיך אַף דער פּאראד־טיר, אין אונטערשטן שטאָק, איינער אן אָפיצער באוויזן, שוין מיט געפעק, גרייט צו פארנעמען, וואָס מע וועט אים אָנווײַזן. א ווײַלע נאָר האָט ער דאָס געפעק אונטן געלאָזט, אז דער סטרוזש, אָדער אנדערע, זאָלן דערוף אכטונג געבן, און אליין האָט ער ארוף אויבן געשטײַגט, אין צווייטן שטאָק, זען, וואָס מ'האָט פאר אים אויסגעפונען.

די ווינונג איז אים געפעלן. באזונדערס העשלס קאבינעט, ווו ער האָט געדענקט זיך באזעצן. און באלד האָט ער א באפויל געגעבן, אז אליין די באלעבאטים זאָלן מיט אים אראָפּ אונטן גיין, אים העלפן דאָס געפעק ארופברענגען.

ס'האָט זיך, נאטירלעך, באלד געוואָלט לאָזן די דינסט. אָבער דער אָפיצער, דער קווארטיראנט, האָט מיט דער האנט אוועקגעמאכט: ניין, די דינסט דארף ער ניט. „איך", — איז שאמײַ דער מעשאָרעס אונטערגעשפּרונגען, זיך גלײַך ארויסגעשטעלט און געוואָלט די דינסט פארבײַטן. „ניין, אויך דיך ניט", — האָט דער אָפיצער אויך שאַ־מײַם ווילן און באדין־גרייטקײַט אָפּגעוואָרפן און ניט דערלאָזט. דעמלט האָט זיך ארויסגערופן דער באלעבאָס אליין, העשלס פאָטער, מיטן אָפיצער אראָפּצוגיין, אָבער אויך אים האָט יענער מיט א האנט ווי באזײַטיקט. „ניין, דער", — האָט ער געזאָגט, אָנווײַזנדיק אַף העש־לען, וואָס איז געשטאנען בא א זײַט, עטוואָס מער בלאס, ווי אלע־

מאָל, צוזעענדיק דעם אָפּיצערס קאָמאַנדע און ניט פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס אַלעמען האָט ער אָפּגעוואָרפן און אים, בלויז אים, האָט ער אויסדערוויילט צו אָט דער טראָג־מלאָכע.

— פאַניע... הער אָפּיצער... — האָט זיך דערווײַל העשלס פאָטער צום אָפּיצער מיט תּחנונים געווענדט, — ס'איז מײַן איינציקער זון. ווי ער זעט, דער הער אָפּיצער, פון די ביכער אין זײַן קאַבינעט — אַ געלערנטער, — און דערצו, ווי ער זעט אויך, אַ שוואַכער אין געזונט. איז צו וואָס גראָד דער זון, ווען אַלע אַנדערע זײַנען גרייט דעם הער אָפּיצער באַדינען און אים די געפעליקײַט טאָן מיט גרויס פאַרגעניגן.

— אַך, אַזוי, אַ געלערנטער? — האָט דער אָפּיצער אַ קוק געטאָן אַף העשלען, ווי אַף אַ וואַנץ אָדער אַנדער נישטיקײַט, — נישקאָשע, זאָל ער זיך צוגעוווינען. ער וועט זיך געוווינען נאָך צו ערגערס.

— שנעל! — האָט ער אַ באַפעל געטאָן, ווי צו אַ ליאַדע שיק־יִינגל, צו העשלען און מיט אַ האַנט אים אָנגעוויזן, ער זאָל גיין פאָרויס, אַראָפ אונטן, אָן טײַנעס.

ס'האָט, נאַטירלעך, ניט געהאָלפן. ס'האָבן זיך בלויז נאָך דעם, ווי העשל מיטן אָפּיצער האָבן זיך פון דער טיר אַרויסגעלאָזט, אויך אַלע איבעריקע אין שטוב, ווי גוילעמער, זיי זיך נאָכגעלאָזט — סײַ דער פאָטער, סײַ שאַמײַ דער מעשאָרעס, סײַ אויך די דינסט, פון הינטן גייענדיק — ניט דערפאַר, האָט מען געזען, וואָס זיי וועלן דאָרט צוניץ קומען און מיט עפעס העשלען קאָנען העלפן, נאָר גלאַט אַזוי, ווײַל אַ בלינדלעכער קויעך האָט זיי אונטערגעטריבן און זייערע פיס געמאַכט שפאַנען.

דער אָפּיצער האָט, אַראָפקומענדיק, העשלען אַף דעם געפעק אָנגעוויזן. דאָס זײַנען געווען צוויי טשעמאָדאַנעס. איינער אַ גרעסערער און מער שווערער, און דער צווייטער אַ מער לײַכטער. העשל האָט זיך אָנגעבויגן און געוואָלט בײדע אין בײדע הענט נעמען, נאָר דאָ האָט דער אָפּיצער אַ באַפעל געטאָן: „ניין! דעם, — האָט ער אָפן שווערערן אָנגעוויזן, — אין די הענט, און יענעם, דעם לײַכטערן — מיט די ציין".

— וואָס? — האָט העשל, שוין אַ שטיק פריטשמעליעטער פון פריִער, איצט, די לעצטע ווערטער דערהערנדיק, אָפן אָפּיצער אַ קוק געטאָן, ניט פאַרשטייענדיק, וואָס יענער מיינט, און מיינענדיק, אַז ער האָט ניט גוט געהערט.

— יאָ, יִיד... דעם — מיט די ציין.

אַ ווײַלע זײַנען אַלע בײַוועזנדיקע ווי פאַרגליווערט געוואָרן. דער פאָטער האָט זיך באַלד פון אָרט געוואָלט אַ לאָז טאָן, דעם אָפּיצער צו די פיס צופאַלן, בא אים אויסבעטן, ער זאָל צוריק נעמען זײַן באַפעל. אויך שאַמײַ האָט, דאַכט זיך, געוואָלט טאָן דאָס זעלבע. דאָס זעלבע — אויך די דינסט. אָבער דעמלט האָט דער אָפּיצער אַזאַ

געשריי געטאָן „שנעלער!", ווענדנדיק זיך צו העשלען, אַז יענע אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז קיינע טאַכנונים און צו דער ערד פאַלן וועלן דאָ ניט העלפן, און אַז ווער ס'האָט אויגן און קאָן צוקוקן, וואָס דאָ ווײַטער דאַרף פּאַרקומען, זאָל ער קוקן, און ווער ס'איז דאָס ניט אימשטאַנד, דער זאָל דעם קאָפּ אָפּקערעווען און אָוועקקוקן.

העשל אַליין האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, ניט קוקנדיק ניט אויפן פּאָטער און ניט אויפן באַדינער, וועלכע האָבן האַלב טויט אויסגעזען, און אויך ניט אויף דער דינסט, וואָס האָט זיך מיטן פאַרטעך די טרערן געווישט, האָט ער זיך צום געפּעק אָנגעבויגן, דעם שווערן טשעמאָדאַן מיט דער האַנט גענומען און צום צווייטן, בעיין־ברייערע, מיטן פּאָנעם זיך דערנעענט... אַ ווײַלע נאָר האָט מען געזען, ווי דער רוקן קווענקלט זיך אים, זיך אַראָפּ זאָן אַרויף בייגנדיק, נאָר באַלד האָט זיך אויך זײַן רוקן אופגעהערט קווענקלען... אָבער — ווי די יאָרן... אָנגעבויגן צום געפּעק האָט זיך איינער אַ מענטש מיטן נאָמען העשל, און אופגעשטעלט, דעם טשעמאָדאַן שוין אין די ציין טראָגנדיק, האָט זיך אופגעשטעלט אַן אַנדערער, אַ צווייטער שוין, מע קאָן זאָגן, ניט קיין מענטש, אַלנפאַלס, ניט ער.

ווער ס'וואָלט דעמלט אויף העשלען אַ מער אופמערקזאַמען קוק געטאָן, וואָלט געזען, ווי מיטאַמאָל האָט זיך אים דער בליק געענ־דערט. זײַנע אויגן, אַלעמאָל פון עטוואָס גראָוולעכן קאָליר, זײַנען איצט ווי גאָר ווײַס געוואָרן, גלײַך דער מאַמעס מילך וואָלט אים אין זיי געקומען... ער האָט, אַזוי גייענדיק, אין איין האַנט דעם שווערן טשעמאָדאַן געטראָגן און דעם צווייטן, דעם גרינגערן, אין די ציין. אַ שטילע לעווײַע פון אָפּיצער און פון די אייגענע איז אים נאָכגעגאַן. דער אָפּיצער, וואָס איז, ווײַזט אויס, געוווינט געווען צו אַזוינס, און אויך, ווי ס'ווײַזט אויס, ניט אַזאַ, וואָס זאָל זיך מאַכן מאַכשאָוועס און פּייַיק זײַן אָפּצומעסטן די גרייס פון דער דערנידערונג און באַ־לײדיקונג, וואָס ער דערלאַנגט אַ מענטשן, צווינגענדיק אים צו אַזאַ סאָרט דינסט, — איז נאָכגעגאַן, ווי מ'גייט נאָך אַ געוויינלעכן גע־פּעק־טרעגער, וועלכער טראָגט דיר אָפּ אויף אַ געוויינלעכן אויפן דײַן געפּעק, — קאַלט, גלײַכגילטיק, גלײַך ס'געשעט גאָרניט. און העשלס אייגענע, דער פּאָטער, שאַמעס דער באַדינער און די דינסט, וואָס האָט געהאַלטן די גאַנצע צײַט אין איין ווישן זיך די טרערן מיטן פאַר־טעך, זײַנען נאָכגעגאַן, ווי מ'גייט נאָך אַ מעס, ווען קיין ווערטער אין מויל זײַנען ניטאָ, ווען דער בראָך איז דיר אַזוי גרויס, אַז דו ווייסט ניט, צי דער קאָפּ איז דײַנער און צי דײַנע אייגענע פיס גאָר טראָגן דיך.

נאָר דאָס אַלץ איז נאָך געווען גאָרניט אַנטקעגן דעם, וואָס שפּע־טער, ווען מ'איז אין שטוב אַרײַנגעקומען און העשלען ביז אין זײַן קאַבינעט אַרײַנבאַגלייט, איז געשען. אַרײַנקומענדיק אין קאַבינעט, איז העשל מיטן געפּעק שטיין געבליבן, ווי ניט האָבנדיק קיין קויעך

אָדער קיין ווילן אים ארויסצולאָזן, און אז דער אָפּיצער האָט זיך אָן ווערטער צו אים א ווענד געטאָן: „גו"... דאָס הייסט, לאָז אראָפּ, — איז ער ווײַטער אזוי געשטאנען.

די דינסט האָט דעמלט צו אים א גיי געטאָן און דעם שווערן פּאַק פון די הענט ארויסגענומען, און דער צווייטער, וועלכן ער האָט אין מויל געהאט, איז אים אויך ווײַטער געבליבן אין מויל, ביז די דינסט איז ווידער צו אים ניט צו און אויך דעם צווייטן בא אים אוועקגענומען. העשל איז אָבער אויך ווײַטער מיט אן אָפן מויל געשטאנען — אָפן אף אזויפיל, אף וויפל דאָס הענטל פון טשעמאָדאַן האָט פריִער בא אים אין מויל פלאַץ פארנומען.

— מײַן זון! — האָט דער פאָטער, דערזעענדיק זײַן פארגליווערטן אומגליק פאר די אויגן, צו העשלען א גיי געבנדיק, אויסגעשריגן. באלד אָבער האָט ער זיך צוריקגעכאפּט, א קוק געבנדיק אפן אָפּיצער, וועלכער האָט זיך שוין אין קאבינעט באלעבאָס געפילט און זיך געוואָלט נעמען צו זײַן באלעבאטישקײט, זיך מאכן באקוועמלעך, און אָט די פרעמדע מענטשן, דאָס מיינט מען, דער באלעבאָס, זײַן זון און די איבעריקע, האָבן אים געשטערט.

— העשעניו! — האָט אויך דער געטרײַער מעשאָרעס צום באלעבאָס' זון א גיי געטאָן, אים וועלנדיק דערוועקן און צו זײַן פריִערדיקן שטאנד אים אומקערן.

— מארש! — האָט א געשריי געטאָן דער אָפּיצער, און העשל האָט זיך ווײַטער פון אָרט ניט גערירט און דעם אָפּיצערס אויסגעשריי האָט אף אים קיין אײַנדרוק ניט געמאכט, ער זאָל אים וועלן אויספאָלגן. ער איז אויך ווײַטער אזוי געשטאנען מיטן געעפנטן מויל פארגליווערט, ביז דער באלעבאָס און דער מעשאָרעס האָבן, וויינענדיקע, זיך איצט צו זײַנע ביידע זײַטן אוועקגעשטעלט, אים פאר די הענט אָנגענומען און אים ארויסגעפירט פון קאבינעט.

— ווײ דעם טאטן! — האָט העשלס פאָטער, ארײַנפירנדיק העשלען אין צווייטן צימער און זעענדיק, אז יענער, העשל, בלײַבט אויך דאָ, ווי דאָרט, אינעם ערשטן, אין קאבינעט, א שווײַגנדיקער און מיטן אָפענעם מויל שטיין, אויסגעשריגן.

— העשעניו, וואָס איז מיט דיר? — האָט דער מעשאָרעס, דעם באלעבאָס אונטערהעלפנדיק, זיך צעוויינט און איז גלײַך נאָך א דאָקטער אוועקגעלאָפן.

ער האָט געבראכט א היימישן — אזא, וואָס פלעגט אלעמאָל דאָס הויז באזוכן. יענער האָט באטראכט, געקוקט, און א שווײַגנדיקע אומבאהאָלפנקײט האָט זיך אף זײַן פּאָנעם אָנגערוקט, ווײַל העשל איז שוין ניט געווען העשל און דער דאָקטער האָט שוין ניט געהאט מיט וואָס זײַנע אייגענע צו טרייסטן.

אוים!.. פון דעמלט אָן האָט העשל שוין ניט געוווּסט, וואָס ארום אים טוט זיך. ניט געוווּסט, אז אין א שיינעם טאָג, באלד נאָך דעם,

ווי דער אָפיצער האָט זיך צו זײַן פּאַטער אין וווינונג אַריבערגעצויגן, איז געקומען אַ באַפעל, אַז זיי, די אייגנטימער פון הויז, דאַרפן זיך פון דאָרט אַרויסציִען. מע האָט עס געטאָן און מ'איז גאָר אין אַ געמיינער דירע, ערגעץ אין אַ פינצטערלעכן, אָפּגעלעגענעם קוואַרטאַל, אָנגעקומען.

העשל האָט אויך ניט געוווּסט, אַז ער האַלט די גאַנצע צײַט דאָס מויל אָפן, און אַז דער פּאַטער אָדער שאַמײַ דער באַדינער האָדעווען אים, ווי מע האָדעוועט אַ קינד אָדער אַ ציטערנדיקן זאָקן, וואָס נייטיקט זיך אין אַ צווייטנס הילף. ער האָט ניט באַמערקט, ווי מע פירט אים אָפט שפּאַצירן אין יענעם קוואַרטאַל, וווּהין פיל, ווי זיי, זײַנען אַריבערגעקומען אויסגעליידיקטע, אָן געלט, אָן אויסשטאַטונג און באַנומענע ביז די מאַלבושים; אָבער דאָך איז דער אומגליק פון זײַן פּאַטער פיל גרעסער, ווי בא אַנדערע, און יעדעס מאָל, ווען מע האָט געזען דעם פּאַטער אָדער זײַן מעשאָרעס פירן אים, העשלען, אַפן שפּאַציר, אַזוי פלעגט מען זיך פאַרהאַלטן, קוקן, ווי יענער, העשל, האַלט דאָס מויל אָפן, גלײַך ער איז מיט אָט דעם פעלער אַזוי געבוירן.

— ווי די יאָרן, — האָט מען אים באַדויערט, — אַף וואָס מע איז איבערגעקומען, אַז ווער וועמען האָט דאָ באַדאַרפט דאָס געפּעק טראָגן.

— און וויאַזוי...

— אַוואַדע איז פאַר אַזאַ מענטשן אַזאַ ביזאָיען ניט צום אַריבערטראָגן.

— זאָל מען זיי שוין אַרויסטראָגן, — האָט מען זיך שטילערהייט אין פאָלק געווונטשן, — אַפן אומריינעם אָרט, ווי קעץ און הינט און אַלע אַנדערע פּגאָרים.

העשל האָט ניט באַמערקט, ווי דער פּאַטער איז פאַר אַ קורצער צײַט אײַנגעבויגן און געבראָכן געוואָרן, אַרויסגעיאָגט פון זײַן היים, אין דער פרעמד, און דערצו נאָך מיט אַ קראַנקן זון אַף דער עלטער.

אויך שאַמײַ איז שטאַרק אַראָפּ. ער האָט נאָך דעם, ווי ער מיטן באַלעבאָס, מיטן זון זײַנעם פון זייער אײַנגעזעסענער היים אַרויסגעריסן געוואָרן, ווי אַלע, אָן מיטלען, אָן מאַלבושים, און דערצו נאָך ווילד דערנידעריקט, מיטן ספּעציִעלן שאַנד־צייכן — מיט דער געווייסער לאַטע, וואָס ייִדן האָבן, לויטן באַפעל, געמוזט טראָגן אַפן אַרבל, אָדער אַפן רוקן, אָדער אַף ביידע, — נאָך דעם, אַז שאַמײַ דער מעשאָרעס, וואָס איז צו זײַן באַלעבאָס' שטוב שטאַרק צוגעבונדן געווען, ווי צו זײַן אייגענער, האָט איצט דערזען דעם באַלעבאָס אין אַזאַ צאָרע, האָט ער אַף זיך גענומען פירן די געמיינע און געקירצטע באַלעבאַטישקײַט, אַף וויפל דעם באַלעבאָס' לעצט־געבליבענע מעזומאָנים האָבן אים געקלעקט. ער האָט אויך גענומען אַף זיך העשלען

נאָכצוקוקן, ווען דער באַלעבאָס, מיד און פון דערשלאָגנקייט שוין אָפּט קרענקלעך, פלעגט צו בעט ליגן.

שאַמיי איז אויך אַראָפּ. ער פלעגט שוין אָפּט, ווי אַן אויוועד־באָטל, ריידן צו זיך אַליין, ניט הערנדיק, וואָס ער זאָגט, און אַמאָל פלעגט ער, שפּאַצירנדיק מיט העשלען, א רייד טאָן צו יענעם ווי צו א פארשטאַנדיקן. „אוי, העשעניו, — פלעגט ער זאָגן, — וואָס דיך און אונדז האָט דאָ געטראָפן... גאָט דער דערבאַרעמדיקער וואָלט זיך שוין געמעגט אַרומקוקן".

העשל האָט דאָס אַלץ ניט באַנומען. ניט באַנומען אויך, ווען איי־ניקע זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע און פאַרערער, וואָס אויך זיי האָבן זייערע היימען אָנגעוווירן, און אויך זיי האָבן, ווי העשל און העשלס מישפּאָכע, אהער, אינעם אָפּגעלעגענעם פינצטערן קוואַרטאַל אַריינגע־טראָפן, — פלעגן אים באַזוכן און מיט גרויס באַדויערונג אים קו־מען געווווירע ווערן, און אָט די באַזוכער פלעגן פאַר אים אין פּאָנעם רעדן וועגן אים און זיין געזונט־צושטאַנד, ווי וועגן א פרעמדן, אָן זיין אָנטייל.

ס'פלעגט אים ניט אָנגיין, ניט אָרן... ער איז נאָך אַלץ געבליבן אין זעלבן שטאַנד, ווי באַלד נאָך דעם, ווען דער אומגליק האָט אים געטראָפן, ווען ער האָט אָפּגעטראָגן און געבראַכט דאָס געוויסע גע־פּעק, ווי א הונט טראָגט נאָך זיין באַלעבאָס א זאַך אין די ציין, מיט אַן אָפן מויל, און אינגאַנצן ער, ווי ניט קיין הינגער, מיט א פאַרגלי־ווערטן בליק אין זיינע אַלעמאָל גראָוו־קאַליריקע אויגן, וועלכע האָבן איצט באַקומען די מאַרע, ווי בא א זויג־קינד, ווען דער מאַמעס מילך קומט אין זיי.

עמעס, זעלטן־זעלטן פלעגט זיך אים דער בליק אויך ענדערן צום בעסערן, צום מער באַוווסטזיניקן. אָבער באַלד איז ער אים גלאָזיק־שטייף געוואָרן און די מילכיקע צעשוווּמענקייט האָט באַקומען אַזאַ דראָענדיקן אויסדרוק, אַז מע האָט זיך געקאָנט שרעקן, אַז אָט־אָט גייט ער איבער פון שטילשטאַנד צו אופגערייסענער ווילדעניש, וואָס איז אַף אַלץ פּייַיק.

דאָס איז פאַרגעקומען אַלעמאָל דעמלט, ווען שפּאַצירנדיק אין יענעם קוואַרטאַל, וועלכער איז באַשטימט געווען פאַר א וווין־אָרט בלויז פאַר יידן, פלעגט ער באַגעגענען א מענטשן פון דער פרעמד־אָנגעקומענער מאַכט — א מיליטערמאַן, אַן אָפיצער אין דער זעלבער קליידונג און פון זעלבן קאַליר, וועלכע ס'האָט געטראָגן יענער, וועל־כער האָט מיט אים די געוויסע שפּיל אָפּגעשפּילט און וואָס נאָך איר האָט אים געטראָפן, וואָס געטראָפן.

ווען ער פלעגט אַזאַ־אָ אין דער געוויסער אוניפאָרם באַגעגענען, אַזוי פלעגט ער זיך פלוצעם א שטעל טאָן, א ציי אויס טאָן, גלייך ער האָט עפּעס אין קערפּער אַריינבאַקומען אַזוינס, וואָס האָט אים שטרענג אָנגעשטאָלט. ער פלעגט זיך פאַרהאַלטן און אָפּשטעלן אינ־

מיטן גיין, און יעדעס מאָל האָט ער דעמלט יענעם אין דער האַנט געקוקט, צי טראָגט ניט יענער עפּעס א זאַך, וואָס באַלד וועט ער זי אים הייסן איבערנעמען און אים צוהעלפֿן טראָגן — און ניט נאָר אין דער האַנט, נאָר אין מויל, ווי דעמלט... העשל פֿלעגט דעמלט דאָס מויל עטוואָס ברייטער עפֿענען.

דאָס האָט זיך געמאַכט זעלטן, ווײַל יענע מיליטערלײַט האָבן דאָ, אינעם אָפּגעלעגענעם קוואַרטאַל, ניט צו טאָן געהאַט. דאָס אָרט — א פֿאַרשריגנס, און מאַכמעס דער ענגשאַפֿט, צונויפֿגעדריקטקײַט און איבערפֿולקײַט פֿון דער באַפֿעלקערונג איז דאָ אויך ניט איבעריק ריין געווען, אַז יענע, אַז אָנגעזעענע מיליטערלײַט זאָלן אַהער קומען זייער לײַדיקע צײַט פֿאַרברענגען, אָדער ווען אַמאָל דאָרט שפּאַצירן גיין. און דאָך פֿלעגט אַמאָל אַזאַ איינער יאָ אַהין פֿאַרבלאָנדזשען. און קומען אַהער פֿלעגט ער בלויז צוליב איין זאַך, בלויז צוליב איין ציל: צוליב רעציכע, דאָס הייסט צוליב כאַפּן א קוק, וויאַזוי זייער פֿײַנע מאַכט האָט דאָ די פֿײַנע מעלאָכע אָוועקגעלייגט, שאַפֿנדיק די קויטיקע אָרעמיקלעכס פֿאַר די, וואָס זי האָט זיי אָוועקגעשטעלט אויסער נאָרמע און פֿון יענער זײַט פֿון יעדן אָרט געזעץ.

ס'האָט זיך געמאַכט, אַז העשל האָט איינמאָל, אַזוי שפּאַצירנדיק פֿאַרטראָגן אין זײַן קרענק, אין דער באַגלייטונג פֿון זײַן אָפּגעקומענעם און דערשלאָגענעם פֿאָטער, אין דער באַגלייטונג אויך פֿון שאַמײַ, וואָס איז בײַ זײַן צווייטער זײַט געגאַנגען, — האָט זיך פֿלוצעם אָנגעשלאָגן אָף א גרופּע מיליטערלײַט, א דרײַלינג, וואָס איז אים פֿון דער אַנטקעגנזײַטיקער ריכטונג אין פּאָנעם אָנגעקומען.

ס'האָט זיך ווײַטער געמאַכט, אַז איינער פֿון די מיליטערלײַט, געקליידט אין דער זעלבער אוניפֿאָרם, ווי אָט יענער, וועלכער האָט העשלען מיט זײַן געפּעק טראָגן באַערט, האָט איצט אויך עפּעס געטראָגן, — ניט קיין גרויסע זאַך, וואָס ס'זאָל אים שווער זײַן, ווײַל דעמלט וואָלט ער געוויס איינעם א קוואַרטאַל-אײַנוווינער „אײַנגעלאַדן", ער זאָל דאָס אים נאָכטראָגן, ווי ס'פֿירן זיך אַלעמאָל אַזוינע „לײַט" אין אַזוינע קוואַרטאַלן. ניין, ניט קיין שווערס, נאָר א געוויינלעך האַנט-פּעקעלע.

און דאָ האָבן פֿלוצעם העשלס פֿאָטער פֿון איין זײַט, ווי אויך שאַמײַ, וואָס איז פֿון העשלס צווייטער זײַט געגאַנגען, באַמערקט, ווי העשל האָט זיך מיטאַמאָל א לאָז געטאָן צו יענע דרײַ אַנטקעגנדיקע; און איידער העשלס פֿאָטער און אויך שאַמײַ האָבן זיך באַוויזן אומצוקוקן, אַזוי איז העשל שוין צו צו יענעם, וועלכער האָט דאָס פּעקעלע אין האַנט געטראָגן, זיך צו אים מיטן פּאָנעם און מויל א בייג געטאָן, ווי וועלנדיק דאָס בײַ יענעם אָוועקנעמען... און אַז יענער האָט זיך געוווּרט, זיך אויך א ביסל דערשראָקן, זעענדיק, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, און אויך אין כּעס ווערנדיק, וואָס ער, אָט דער דולער, הייסט עס, האָט די האָזע געהאַט אים גאָר אינמיטן וועג

אָפּשטעלן און פארהאלטן און זײַן שפּאציר אים שטערן; און ער האָט אים געוואָלט אָפּשטויסן, — אזוי האָט מען פּלוצעם דערהערט א ווילד געשריי פון יענעם, ווי פון א מענטשן, וואָס מע וואָלט אים מיטאמאָל הייסן פּעך אפן קאָפּ א גאָס געטאָן; און איידער יענעמס באגלייטער, ווי אויך העשלס פאָטער און שאמײַ האָבן זיך באוויזן אומצוקוקן, אזוי האָט מען דערזען העשלען א צוריק אופגעשטעלטן פון פריִערדיקן אָנבייגן זיך צו יענעמס האנט. זײַן מויל איז אים געווען פארבלוטיקט און אין מויל האָט אים געשטעקט א זאך, וואָס ער האָט עס צו שטארק און ווי צו טײַער מיט די ציין צוגעהאלטן.

אין יענער רעגע האָט העשלס פאָנעם געלויכטן אי אופגעלעבט, אי פול מיט באזיניקטער האנאָע, גלײַך ער וואָלט דאָ אָקאָרשט ארויס א זיגער און א גרויסבאפרידיקטער פון אן אָפּגעטאָנענער טאט, אף וועלכער ער האָט זיך אליין ניט געריכט, צי איז ער אף איר, אף אָט דער טאט, גאָר פייִיק.

העשל האָט אין מויל א שטיק אָפּגעביסענעם פינגער פונעם מיליטערמאנס האנט אין די ציין פארקלאמערט געהאט, און אן איבערגרויס גליק, האָט מען געזען, האָט אים ווי געטראָפן, וואָס פאר דער גאנצער צײַט, זינט זײַן אומגליק איז אים געשען, האָט ער איצט מיט פולער האנאָע דאָס מויל צוגעמאכט, — ניין, ניט צוגעמאכט, נאָר צוגעשלאָסן, — ניין, ניט צוגעשלאָסן, נאָר אזוי פארכאסמעט, אז מע האָט ווידער געזען, אז אלע טײַערקײַטן פון דער וועלט וועלן אים ניט צווינגען דאָס צוריק עפענען און דאָס ארײַנבאקומענע, דאָס אָפּגעביסענע, ארויסצולאָזן.

באלד זײַנען יענע צוויי, וואָס האָבן דעם געשעדיקטן מיליטערמאן באגלייט, פון דער ערשטער איבעראשונג, פון דער פּלוצעמדיקײַט פון אָנפאל און פון זייער כאווערס אויסגעשריי, צו־זיך געקומען און זיך באלד פארן געוועזער געכאפּט. זיי האָבן, איינער פון איין זײַט, און דער צווייטער — פון דער צווייטער גענומען שיסן אין העשלען פון די רעוואָלווערן, וועלכע זיי האָבן אײַליק פון די קאָבורעס ארויסגעכאפּט, — אין קאָפּ, אין דער ברוסט, אין שלייף, און ווידער אין קאָפּ, און העשל איז באלד אנידערגעפאלן, ווי א סנאָפּ.

ס׳איז באלד אן אָנגעלויף געוואָרן פון פּאָליציי און מאכט־לײַט, וואָס האָבן דאָ דערזען אן איבערפאל אף א זייעריקן, און באלד וואָלט שוין דער גאנצער קווארטאל אין סאקאָנע געשטאנען פאר מיטגעפיל צום איבערפאלער, און א ווילדע גזיירע וואָלט דאָ אויסגעבראָכן אף אלע. די גזיירע איז אָבער דערווײַל אָפּגעלייגט געוואָרן: די מאכט האָט צײַט אויך שפּעטער זיך אָפּצורעכענען.

מ׳האָט באלד דעם מעס וועהין מ׳דארף אָפּגעפירט ביז דער גענויער אויספאָרשונג. מ׳האָט אפילע דעם פאָטער און שאמײַ ניט צוגעלאָזט זייער אייגנעם צו באגלייטן און צו זאָגן א פארענטפערנדיק וואָרט פאר אים.

מע האָט העשלען לאנג דערנאָך אויך דער קעהילע צום באגראָבן אפן יידישן בעסוילעם ניט געוואָלט ארויסגעבן. לעסאָף, אז ס'איז געלונגען דעם מעם ארויסצוקריגן, האָט מען אים גענומען טאָן דאָס רעכט, ווי מ'טוט מיט אלע מייסים: אים ארומוואשן און גרייט מאכן... נאָר אז מע האָט זיך גענומען צו זײַן מויל, געוואָלט דאָס עפענען און ארויסבאקומען, וואָס ער האָט פון בים ארײַנגעכאפּט, — דעם מיליטערמאנס פינגער־גליד, — האָט מען דאָס בעשום־אויפן ניט געקאָנט: דאָס מויל איז אים געווען אזוי ענג פארקלאמערט, אז מע האָט מיט קיינע קויכעס אים די אנגלען ניט געקאָנט אופרײַסן.

כעוורע קאדישע האָבן זיך געאמפּערט און גענומען באהאנדלען די זאך לויטן דין און לויטן מינהעג. טייל איז נויטע געווען צו זאָגן: מע טאָר ניט, ס'ניט רעכט... מיט א פרעמדנס אן אייווער אין מויל. און אנדערע, דאפקע די מער פרימערע, האָבן געדרונגען פארקערט: דאפקע מיט דעם, און זאָל מען דאָרט זען, ווי מע האלט...

א סוואָרע, אז אזוי טאקע האָט מען אים באגראָבן, מיטן ביינדל, ניט קאָנענדיק דאָס בא אים ארויסבאקומען.

אווגוסט 1942

מייער לאַנדשאַפט

פראַגמענט

(וועגן א צווייטן פאל
אינעם איצטיקן אָקופּירטן פּוילן)

1

ס'איז געווען עטלעכע טעג נאָך זייער אַרײַנקומען... מ'האָט געשמועסט, אַז דער שטאָט־קאָמענדאַנט האָט זיך שוין געווענדט צו דער יידישער קעהילע און זי באַפולמעכטיקט דורכצופירן אַלע באַפעלן און פאַראָרדענונגען, וועלכע די מאַכט וועט האָבן אַרויסצוגעבן ספּעציעל פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

באַ מייער לאַנדשאַפט אין שטוב, ווי אין אַלע יידישע שטיבער, איז מען אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ... מייער לאַנדשאַפט — אַן אויסגענומענער טיפּ פּויליש־יידישער סויכער, א שווײַגער, א געלערנטער און א בען־טויווים, דאָס הייסט א מעיוכעס, אויך א פרומער, וואָס די

פרומקייט אָבער האָט אים ניט געשטערט נישט אין דער יוגנט און
נישט אויך איצט, ווען ער איז שוין אריבער די פופציק, ארײַנצוקוקן
אַמאָל אין די ספּאָרים פון א שאדאל, פון רעב נאכמען קראָכמאל און
אפילע אויך אין ניט־ייִדישע, אין וועלכע ער איז געווען באהאוונט,
ווי אין א קלאָפּשטאָק אָדער שילער; אָט דער מייער לאנדשאפט —
א הויכלעכער, מיט א ברייט־צעוואקסענער בלאָנדער באָרד, מיט
בלאָנדלעכע ברעמען איבער סיווקאָליריקע אויגן, וואָס האָבן אים
ארויסגעקוקט פון צווישן זײַנע וויִעם, ווי שטילע אָזערעס ארומגע־
שטעלט מיט טשערעט; אָט דער מייער לאנדשאפט, וואָס אליין זײַן
שטענדיק זויבערע קליידונג האָט געפאָדערט פון יעדן אין זײַן אָנ־
וועזנהייט זיך צו האלטן עטוואָס שטילער, ווי ער האלט זיך בא זיך,
און וואָס יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך ווײַזן אין שטוב, ארײַנקור־
מענדיק פון גאס אָדער ארײַנגייענדיק פון א צווייטן צימער, בעשאס
עמעצער האָט געוואָרט אף אים, האָט ער געצווּנגען דעם עמעצן, מע
זאָל זיך אפילע עטוואָס אופשטעלן פון זײַן קאָוועד וועגן; אָט דער
מייער לאנדשאפט, וואָס אין אלערליי לאגעס, אפילע אין די שטארק
געענגטע, ווי ווען א קינד איז קראנק אָדער ביים אן אנדער צאָרע
אין שטוב, איז אף זײַן פּאָנעם קיינמאָל ניט געווען צו זען קיין
ענדערונג, ווײַל זײַן אינערלעכער גלויבן האָט אים ניט דערלויבט
צו צווייפלען און צו אופהערן זיכער זײַן אין א מער בעסערן אויס־
גאנג אפילע פון דער גרעסטער ענגעניש; אָט דער מייער לאנדשאפט
האָט איצט, נאָך דעם, ווי מע האָט זיך פריִער גענוג אָנגעלייענט אין
די צײַטונגען, וואָס די נײַע מאכט האָט אָפּגעטאָן צוערשט מיט די
ייִדן פון איר אייגן לאנד, ביפראט דערנאָך, ווען זי האָט זיך געלאָזט
מיט מילכאָמע אף פּוילן, ווען מ'האָט זיך דערוווּסט, וואָס זי האָט
געטאָן מיט די פּוילישע ייִדן פון פארשיידענע שטעט און שטעטלעך,
וועלכע זי האָט דעראָבערט און באצווּנגען, — איצט, ווען אָט דער
מייער לאנדשאפט האָט, ווי פיל אנדערע, ניט באוויזן צו פארלאָזן
די שטאָט, ווּוהין דער סוינע איז ארײַן פלוצלינג, איידער מ'האָט זיך
אומגעקוקט און געקאָנט כאפּן א ייִשעוו, צי בלײַבן, צי ניט, — איצט
האָט אפילע אָט דער מייער לאנדשאפט זיך דערפילט, ווי אין א
פּאסטקע ארײַנגעכאפּט, און גענומען ארויסגיין פון זײַן אלמאָליקן
אײַנגעשטעלטן גֿעדער — פון צו גלייבן אין בעסערס...

מ'האָט דאָס געזען אין זײַנע סיוולעך־קאָליריקע אויגן, וועלכע
האָבן ארויסגעקוקט פון צווישן זײַנע וויִעם, ווי ביים א שטארקן
שטורעם, וואָס טוט זיך אַמאָל דערקלײַבן אפילע צו די שטילסטע
אָזערעס, מיט טשערעט פארשטעלט; מ'האָט דאָס דערקענט פון זײַנע
אומרויִקע, אָפּגעהאקטע ענטפערס, ווען מ'פלעגט זיך צו אים ווענדן,
ביים ער פלעגט יענע טעג זיך צוריקערן פון שטאָט, ווּוהין מ'איז שוין
נישט ארויס צו האנדלען — קויפן, אָדער פארקויפן, — נאָר בלויז
זיך צו דערוויסן נײַס, הערן, וואָס מע זאָגט און וואָס מע שמועסט

מיקויעך דעם, פאַרוואָס מע שרעקט זיך אַזוי שטאַרק... ער האָט אפּילע אַף די פראַגעס פון זײַן ווײַב כאַנע-גיטל, וועלכע איז אַלעמאָל געגאַנגען מיט אים האַנט-בא-האַנט, האָט אים גרויס ערלעך געהאַלטן, אים געליבט און געקוקט אין מויל אַרײַן, גרייט צו באַפרידיקן זײַן יעדן באַגער און אפילע פאַרלויפן פאָרויס פאַר זײַן באַגער, — אַף אַלע אירע פראַגעס: וואָס הערט מען און וואָס שמועסט מען אין שטאָט? — האָט ער געענטפערט: נישט, נישט... מע רעדט נישט, מע שמועסט נישט... און ער פלעגט זיך אָפּקערעווען, נישט קוקן אין די אויגן און זיך נעמען אומדרייען און טאָן אַזוינע זאַכן אין שטוב, ווי מ'טוט אַמאָל, איידער מע דאַרף זיך פון אַ שטוב אַרויסציִען, אָדער איידער מע דאַרף זיך לאָזן אין אַ רײַזע, ווען מ'איז צעטומלט און מ'ווייסט ניט, פאַר וואָס מע נעמט זיך.

איצט האָט ער זיך אופגעפירט גאָר ניט ווי זײַן שטייגער פריִער, וואָס יעדעס מאָל, ווען נאָר ניט באַם עסן, אָדער ווען ער איז געווען פאַרנומען מיט מענטשן, פלעגט מען אים קעסיידער זען מיט אַ סייפער אין דער רעכטער האַנט, אַ ביסל קורצזיכטיק אונטערגעטראָגן צו זײַן רעכטן אויג און רעכטן טייל פּאָנעם, און אין אים אַרײַנקוקן. איצט מער נישט. איצט זײַנען אים קיין ספאָרים אין קאָפּ ניט געלעגן. און אויב ער האָט יאָ ווען-ניט-ווען געקאָנט אויסטיילן אַ קליין מינוטקעלע צײַט אַרויסצוקומען פון די פערזענלעכע דײַגעס, וועלכע זײַנען באַפאַלן אים, מייער לאַנדשאַפט, ווי אַלע ייִדישע אײַנוווינער דעמלט אין שטאָט, האָט ער אָט די מינוט אויסגענוצט נאָר דערוף, ער זאָל אומגיין, אַן אָפּגעזונדערטער און מיט קיינעם זיך ניט טיילנדיק, פון וואַנט צו וואַנט און פון ווינקל צו ווינקל אין שטוב, זיך ברעכן די פינגער, ווען קיינער זעט ניט, און שעפּטשען נאָר איינס: רבונו של עולם, הכלה אתה עושה? דאָס הייסט צי האָט גאָט טאַקע, כאָלילע, באַשלאָסן צו מאַכן איצט אַן עק, און אויס מיט ייִדן?..

אָבער ניין, אויך דערוף האָט אים קיין צײַט ניט געקלעקט, ווײַל דעריקער און פאַר אַלעמען איז ער געווען פאַרנומען מיט זאָרגן וועגן זיך און זײַן הויזגעזינד, אַף וועמעס קאָפּ ער האָט געזען די שווערד אומשוועבן... דאָ ווידער אָבער איז אים צום אַלעם ערשט געקומען אַפן געדאַנק ניט קיינער פון זײַנע אייגענע — ניט ער אַליין, וועלכער איז געווען אײַנגעשטעלט באַגלײַך מיט אַלע, ניט זײַן ווײַב כאַנע-גיטל, וועלכע איז מיט אים אַ גאַנץ לעבן געגאַן האַנט-בא-האַנט, האָט אים אַלעמאָל אין מויל געקוקט, גרייט צו באַפרידיקן זײַן יעדן באַגער און אפילע פאָרויסלויפן פאַרן באַגער; נישט זײַנע שוין אויסגעגעבענע זין און טעכטער מיט די איידעמס און שניר, מיט זייערע קינדער — זײַנע אייניקלעך, — נישט קיינער איז אים אַזוי ניט געקומען אַפן געדאַנק דעמלט, ווען ער האָט גענומען זוכן לופט און אויסגאַנג פון דער שטײַג, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען געפאַנגען, דאָס הייסט פון די פאַרשיידענע קלאַנגען, איינער שרעק-

לעבער פון אנדערן, וועלכע האָבן דערגרייכט צו זייַן אויער, — קיינער ניט אזוי, ווי זייַן יונג טעכטערל, זייַן מיזינקע ווײטל, אָדער וואנדע, ווי מע האָט זי גערופן אין גימנאזיע, ווו זי האָט זיך גע־לערנט און האָט שוין געהאלטן באַם ענדיקן.

2

זי האָט געהאט צערטלעך־לאנגע פינגער, וואנדע, — א סימען פון א שטארק אויסגעיידלטן שטאם, און נאָך עפשער א סימען אַף א פארשפעטיקטער פרוכט פון עלטערן, וואָס האָבן זי געבוירן, נאָך פיל קינדער האָבן, שוין צולעצט. זי האָט זיך אויסגעטיילט פון אלע קינדער מיט גרויס ענלעכקייַט אפן פאָטער, מיט שטילער און פייַנער מאנירלעכקייַט — נישט ווי די איבעריקע קינדער, מער ענלעכע אַף דער מוטער, אַף כאנע־גיטלען, וועלכע האָט געשטאמט נישט פון אזא הויך מעיוכעסדיקן גראד און וואָס, ווי מ׳האָט געשמועסט, האָט איר פּראָסטלעכער פאָטער, קעדיי אריינצובאקומען אזא איידעם, ווי מייער לאנדשאפט, זיך היפּש געלאָזט קאָסטן.

זי איז אויך געווען דעם פאָטערס ליבלינג, אי ווי די מיזינקע, אי אויך דערפאר, וואָס דער פאָטער האָט אין איר געזען א שטיק אָפּשפיגלונג פון זיך, און כאָטש אויסערלעך האָט ער איר ניט ארויס־געוויזן מער צערטלעכקייַט, ווי צו די איבעריקע קינדער, דאָך האָבן אלע אין שטוב זי געפילט ווי אן אויסנאם, וועמען דער פאָטער טיילט אוים, אויב ניט מיט קיין ווערטער, איז מיט א שטיל פארליבטן בליק, וואָס ער לאָזט אַף איר פאלן פון צייַט צו צייַט.

פארשטענדלעך, אז ניט די מוטער, ניט אויך די קינדער האָבן איר ניט מעקאנע געווען, נאָר פארקערט — האָבן צום פאָטערס אויסנעמלעכער ליבע צוגעלייגט אויך זייערע, מע האָט איר ניט מעקאנע געווען, וואָס דער פאָטער האָט איר דערלויבט, וואָס די אנדערע קינדער — ניט: זיך צו לערנען אין גימנאזיע, וואָס, אגעוו געזאָגט, האָט מען צוליב איר אויסגעפּועלט באַם קסיאָנדז, באַם לערער פון רעליגיע, זי זאָל זיך ניט לערנען אום שאבעס, מאכמעס זי האָט געגעוג פליַים ארויסגעוויזן אָפּצוטאָן, וואָס זי דארף, אינ־דערוואָכן.

מיט איין וואָרט, וואנדע — אן אויסנאם אי אין דער היים, אי אויך צווישן כאווערטעס, צווישן וועלכע זי האָט זיך געהאלטן שטרענג־געשלאָסן, זיטלעך־זויבער, — אן אָפּבילד פון איר טאטנס האלטן זיך, וואָס האָט געהאט א שעם אי אין זייַן מישפּאָכע, אי אין שטאָט. צווישן אלע האנדלס־לייַט, צווישן כאווערטעס האָט מען געשמועסט, אז וואנדע לאָזט זיך קיינמאָל פון קיין שילער, אן איר־גלייַכן, קיין פרייַ וואָרט ניט זאָגן, דערלויבט קיין פרייַ־ייִנגלשן צוגאנג צו זיך. און נאָך: אז זי זעט אפילע אירע מיידלשע פאָרמען אויסבאהאלטן,

אײַנציִען, גלײַך זי װאָלט זיך שעמען מיט זײ און װי זי װאָלט באַדױערט, װאָס זי איז ניט געבױרן אין קײן פּאַנצער.

און אָט זי, אָט די װױטל־װאַנדע, די זיבעצניאָריקע שלאַנק־בלאָנדע באַשעפעניש, מיט אַ גרױסער מאָס נאָך קינדער־אומשולד, װאָס האָט אַרױסגעקוקט פון אירע אױגן, עטװאָס פאַרטראַגענע, און מיט אַ דין, דין טרױם־הײַטל פאַרצױגענע, האָט איצט דער פאָטער, מײער לאַנד־שאַפט, אַמערסט אין זײַן געהאַלטן און אַמערסט פאַר איר זאָרג געטראָגן דערפאַר, װײַל איר איז די מערסט־גרעסטע סאַקאָנע פאַר־געשטאַנען — זיך צו װאַרפן אין די אױגן און צו געפעלן װערן די, װעמען מע דאַרף ניט און ס׳איז קלאַל־אוקלאַל ניט געװוּנטשן.

דאָס מאָל האָט דער פאָטער שױן זײער אָפּט אױף איר זײַן בליק געװענדט, און װער ס׳האָט זיך דעמלט ניט געקערט צו אים מיט אַ װאָסער־ניט־איז װיכטיקײַט, האָט ער אינמיטן שמועס זיך אָפּגעדרײט פון יענעם און אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו איר, װי מוירע האָבנדיק זי צו פאַרלירן און פון אױג אַרױסלאָזן.

— פאַרװאָס? — װײַל אַחוץ די קלאַנגען, װעלכע האָבן זיך דער־טראָגן װעגן די פּײַנע מײַסים, װאָס די נײַע מאַכט איז שױן געהאַט באַגאַנגען אין אַלע יענע ערטער, װוּהין זי איז נאָך פון פריִער אַרײַן, און װעגן דעם זעלבן, װאָס זי האָט שױן אָנגעהױבן באַגײן דאָ אין שטאָט, װוּ מײער לאַנדשאַפט האָט געװױנט, — אַחוץ דעם אַלעם, שױן אַלײן אױך געננוג גרױליקן — האָט נאָך צו מײער לאַנדשאַפטס אױער, װי צו די אױערן פון אַנדערע פאַרינטערעסירטע פאָטערס, זיך דערטראָגן אַ קלאַנג, װאָס האָט גאָר געמאַכט אױפציטערן: אַ קלאַנג װעגן געװיסע הײַזער, װוּהין ס׳װערן פאַרנומען יונגע פרױען: מײד־לעך, װײַבלעך צום שאַנד־פאַרגעניגן פון די פאָרשטײער אָדער פון די פּאָשעטע זעלנער פון דער מאַכט...

ס׳איז שױן באַלד אױך גאָר קײן קלאַנג ניט געװען. מ׳האָט איבערגעגעבן אױף זיכער, אַז די ייִדישע קעהילע האָט שױן אַפּילע באַקומען אַ בעפּײרעשע פאַראָרדענונג מיקױעך איר צושטײַער מיט אַ צאָל ייִדישע פרױען צום שאַנד. מ׳האָט דאָס נאָך געהאַלטן בעסאָד און ניט געלאָזט װיסן קײנע פּראָטים פאַרן ברײטן עולעם, מײנענדיק זיך מישטאַדל זײַן און פּויעלן בא דער מאַכט, זי זאָל אָפּשאַפן די גזײרע. מ׳האָט אָבער ניט געפּויעלט. און דעמלט איז שױן דער עולעם אַװאַדע מיט פאַרװײסטע קעפּ אומגעגאַן, און בעסױכעם און, װי ס׳האָט געדראַכט, מער פון אַלע, — אָט דער מײער לאַנדשאַפט, װאָס האָט אױסגעזען אַזױ געפּלעפט, אַז מ׳האָט שױן פון אים קײן װאָרט ניט געהערט אַרױסקומען, נאָר געזען, װי ער ברעכט די פינגער שטילער־הײט... דאָס — אײנס. און דאָס צװײטע: אינדערפרי, פאַרנאַכט און אָפּדערנאַכט, װען עמעצער װאָלט זיך צוגעהערט צו זײַנע געבעטן אין הימל, װאָלט ער אַרױסגעהערט בלױז אײן באַגער, אױסגעדריקט אין די װערטער פון אַ פּאָסעק דאַפּקע ניט פון דאַװנען: כּנשר יעיר

קנו... יקחהו ישאהו על אברתו... וואָס ווערט אויסגעטײַטשט, אַז אַזוי ווי דער אָדלער האָט קיין מוירע ניט פאַר קיין רויב־פייגל, העכער פליִענדיק פון אים, נאָר פאַר יעגער, נעמט ער דערום זײַנע קינדער, פליִענדיק מיט זיי, נישט אונטער זיך, נאָר איבער זיך, זאָגנדיק: זאָל בעסער די פײַל אַרײַן אין מיר, איידער אין מײַנע קינדער, — אַזוי אויך האָט זיך געווונטשן מייער לאַנדשאַפט: בעסער אין מיר, איידער אין די מײַניקע, דאָ געמיינט — וואַנדע.

3

פון גרויס פאַרלוירנקייט האָט מייער לאַנדשאַפט זיך אופגעהערט ווײַזן צווישן מענטשן, איז געבליבן גאַנצע טעג אין שטוב, און קעדיי כאָטש מיט וואָס־ניט־איז זיך באַשעפטיקן, האָט ער גענומען טאָן אַזוינע זאַכן, ווי שאַרפן די שטוב־מעסערס, וואָס דאָס פלעגט ער אַלעמאָל טאָן בלויז פרײַטיק, לעקאָוועד שאַבעס — אַן אַלטער מינ־העג בא אים אײַנגעפירט.

— וואָס איז פלוצלינג? — האָבן כאַנע־גיטל, אויך די עלטערע קינדער, דערזען אים אינמיטן וואָך בא דער נישט־געוווינטער מעלאָכע, א פרעג געטאָן.

— גאָרנישט... גלאַט... — האָט ער געענטפערט און ניט געקוקט אין פּאָנעם, ווי אַלע לעצטע טעג, ווען מ'האָט זיך צו אים געווענדט. און פון גרויס קאָוועד און אָפּשײַ האָבן ניט כאַנע־גיטל, ניט אויך די קינדער אים מער ניט איבערגעפרעגט, פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס ער פאַרנעמט זיך איצט מיט אַזוינע אומנוצלעכקײַטן און אויך פאַרוואָס ער שפּאָרט ווערטער און ענטפערט ווייניק.

ער האָט, זיצנדיק אַזוי און שאַרפנדיק די מעסערס, געוויס קיינע מאַכשאָוועס נישט געהאַט, אויסער עפּשער נאָר וועגן דעם, וואָס ער, ווי א ווייסנדיקער מענטש, האָט אַמאָל ערגעץ אויסגעלייענט, וויִאַזוי אין שווערע, און ענלעכע צו די איצטיקע, צײַטן פאַרן פאָלק זײַנען פאָטערס אַמאָל געווען געצוווּנגען באַגיין זיך מיט אייגענע קינדער, ווי טאַליאָנים — מיט פרעמדע: אַליין זיי אומברענגען, קעדיי זיי ניט לאָזן אין פרעמדע הענט אַרײַנפאַלן... ער האָט ניט געוווּסט, וויִאַזוי דאָס איז געטאָן געוואָרן און ווו האָט זיך אַהינגעטאָן דער „כרחם אב על בנים", אָבער ווי אַמאָל, — האָט ער זיך געטראַכט, — איז ראַכמאָנעס די גרעסטע אומדערבאַרעמדיקײַט, וואָס מע דאַרף אויס־רײַסן און זען אין זיך דערוואָרגן.

ער האָט געוויס א ציטער געטאָן בא אָט דעם געדאַנק... אָבער נאָך א גרעסערן ציטער האָט ער געטאָן איינמאָל, בעשאַס ער איז אַזוי געזעסן באַם טיש בא דער שאַרף־מעלאָכע, און ווען ער האָט פלוצעם דערהערט א קלונג אין טיר, וואָס איז געקומען געוויס ניט פון קיין היימישן, וועלכן מ'וואָלט זיכער דערקענט, נאָר פון

א פֿרעמדער האַנט, וואָס האָט שטאַרק די קנאָפּקע געדריקט און לאַנג, פֿעסט און פֿאָדערנדיק דאָס גלעקל געלאָזט דרינדזשען.

דאָס איז געקומען זיכער אָדער פֿון א פֿאָסט־טרעגער, א טעלעגראַם־ברענגער, ווען ער אײַלט, אָדער פֿון מענטשן פֿון דער מאַכט, ווען זיי פֿאָדערן, מ׳זאָל זיי וואָס גיכער עפֿענען, אַרײַנלאָזן, אָן איבעריקן דערעכבערעץ צו די, צו וועמען זיי קלינגען.

מייער לאַנדשאַפֿט האָט פֿון דערשרעק פֿון קלונג זיך א ניט־געראָטענעם ריר געטאָן און געכאַפּט א שניט אין א האַנט, פֿון וועלכער ס׳האָט זיך דאָס בלוט געלאָזט. ער האָט אָבער ניט דעם שניט, ניט דאָס בלוט באַמערקט. באַלד, האָט ער געהערט, האָט זיך עמעצער פֿון די שטוב־אייגענע געלאָזט צו דער טיר און זי אויפֿגעעפֿנט. און פֿון דער שטילקײַט בײַסן עפֿענען און באַגעגענען זיך מיט דעם, אָדער מיט די, וואָס האָבן אָנגעקלונגען, האָט מייער לאַנדשאַפֿט באַשלאָסן, אַז דאָס זײַנען טאַקע ווירקלעך ניט קיין געוויינלעכע באַזוכער די שוועל אַריבערגעטראָטן און אין זײַן שטוב איצט אַרײַנגעלאָזט געוואָרן.

אין קאָרידאָר, וואָס פֿאַרן עס־צימער, ווו מייער לאַנדשאַפֿט האָט זיך געפֿונען, האָבן זיך דערהערט סאָלדאַטן־טריט, שווער־באַזוילטע, און די שטיל־איבעראַשטע — און, ווי ס׳ווײַזט אויס, דערשראָקענע באַגעגעניש פֿונעם שטוב־אייגענעם מיט די, וועמען ער האָט אויפֿגעעפֿנט, האָט זיך געלאָזט פֿילן איבער אַלע צימערן.

מ׳איז אַרויס און מ׳האָט זיך גענומען זאַמלען אין עס־צימער, ווו מ׳האָט געפֿילט, אַז די אָנגעקומענע וועלן זיך ווענדן צוערשט, ווי אין ערשטן צימער, וואָס פֿון קאָרידאָר זעט זיך אָן א טיר אַהין. ס׳איז טאַקע אַזוי געווען. אַלע שטוב־אייגענע האָבן זיך דערמלט אין דער היים געפֿונען, ווי בכלל אַלע יענע טעג, ווען אין שטאָט האָט געהערשט די אומבאַשטימטקײַט פֿון דעם נאָך נישט אויסגעקלאָרטן פּאַרצעף פֿון דער מאַכט פֿאַר דער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג, אָבער שוין זייער און אויסגעקלאָרטן פֿאַר דער ייִדישער, וועלכע האָט זיך דערפֿילט עלנט און שוין אויף דרײַ פֿערטל פֿאַרווּרטיילט.

אַלע מייער לאַנדשאַפֿטס אייגענע זײַנען, דערשראָקענע, אויסגעבלאָסטע, אין עס־צימער זיך צונויפֿגעגאַן. און ווי נאָר זיי זײַנען אַהין אַרײַן און ווי נאָר דער אָנגעקומענער סאָלדאַטן־טייל האָט אויך אַהין א פֿוס אַריבערגעשטעלט, אַזוי האָבן אַלע, סײַ די סאָלדאַטן, סײַ מייער לאַנדשאַפֿטס אייגענע, דערזען, ווי מייער לאַנדשאַפֿט האָט, ווי ריכטנדיק זיך פֿון פֿריִער, פֿון זײַן אָרט זיך אויפֿגעהויבן — אויך א בלאַסער, — און דערזעענדיק אַלע אין צימער פֿאַרזאַמלט, האָט ער מיטאַמאָל נאָר איינס א וואָרט געהאַט פֿון מויל אַרויסצוברענגען: וואַנדע, דאָס הייסט, אַז פֿון אַלע אייגענע זאָל וואַנדע צו זײַן נאָענטקײַט צוטרעטן און בײַ זײַן זײַט זיך שטעלן.

— הענדע האָך! — האָט זיך דערהערט א צווייט קאָל, העכער פון מייער לאַנדשאַפטס, פון מויל פונעם אָנפירער פון דעם סאָל־דאַטן־טייל ארויסקומען, און באלד נאָך אָט דעם באפעל האָט זיך פון זעלבן אָנפירער א צווייטער דערהערט: — אין א ריי זיך אויס־שטעלן! מאַנצבלען באַזונדער און פרויען באַזונדער, און קיינער זאָל ניט וואגן זיך א ריר טאָן...

מ'האָט געפאָלגט. מ'האָט דאָס געמאכט שטיל. מייער לאַנדשאַפט האָט באקומען צו זײַן לינקער האנט די מאַנצבלען פון שטוב אויס־געשטעלט, זײַנע זין און איידעמס, און גלײַך בא זײַן רעכטער האנט האָט זיך געטראָפן פון אלע שטוב־פרויען די נאָענטסטע צו אים וואנדע, וועלכע ער האָט פריִער, בייסן ווײַזן זיך פון דעם סאָלדאַטן־טייל, צו זיך ארויסגעפאָדערט, און נאָך איר, נאָך וואנדען, זײַן ווײַב, און נאָך יענער — זײַנע שניר און טעכטער.

דער אָנפירער, א לייטענאנט, האָט צוערשט שווערלעך־שווײַגנדיק באקוקט די שערענגע, זען, צי איז זי אין אָרדענונג און צי איז ריכטיק אויסגעפילט זײַן באפעל און צי ס'רירט זיך ניט קיינער... — אין אָרדענונג. דעמלט האָט ער זיך א ווענד געטאָן צו איינעם א מאַן, ניט קיין מיליטערישן, וואָס איז ארײַן צוזאמען מיט דעם זעל־נער־טייל, — און דאָס איז געווען איינער א פאַרשטייער, באַפול־מעכטיקט פון דער קעהילע און פון דער נײַער מאכט געצווונגען מיטצוגיין איבער די יידישע הײַזער, ווי אָט איצט צו מייער לאַנד־שאַפט אין הויז, און צו טאָן, וואָס ס'האָט זיך פון אים געפאָדערט: דאָס מאָל בײַצווזײַן בא עפּעס א סאָרט רעגיסטראַציע, וועלכע די מאכט האָט געהאט נייטיק.

— צייל, — האָט דער לייטענאנט א באפעל געטאָן צו אָט דעם קעהילע־באפולמעכטיקטן. — אָבער... ניין!.. — האָט ער זיך פאַר־כאַפּט און א זאָג געטאָן, א קוק געבנדיק פריִער אױף דער מענער־ריי, דערנאָך אױף דער פון די פרויען, ווו ער האָט זײַן פארגעניגנטן בליק אָנגעשטעלט אױף וואנדען און אױף איר אים לענגער פארהאַלטן.

ווען פון די שטוב־אייגענע ס'איז נאָך פארבליבן א ביסל זין פון דערשרעק פון אָט דער דערנידעריקנדיקער צערעמאָניע, האָט געקאָנט זען, אז דער לייטענאנט, דער אָנפירער פון דעם סאָלדאַטן־טייל, איז מער באַטרונקען, ווי ניכטער. און דאָס האָט מען באמערקט אין זײַנע בלאָוו־בוימלדיקע אויגן, וועלכע האָבן אי געגלאַנצט, אי ווי אומגעשוווּמען אין פעטס, ווי אויך אין די ניט איבעריק זיכערע באוועגונגען, גאָר ווײַט פון גלײַכגעוויכטיק.

ער האָט גענומען ציילן פון דער לינקער ריי, פון די מאַנצבלען, טײַטלענדיק מיט א פינגער אין יעדערנס ברוסט ארײַן: איינס, צוויי, דרײַ, ביז ער איז געקומען צו דער ברוסט פון אליין מייער לאַנד־

שאפט, וועלכער האָט, ווי אַלע, געהאַלטן די הענט אין דער הייך אויפגעהויבן און וואָס דעם קאָפּ און די אויגן האָט ער די גאַנצע צײַט געהאַלטן געווענדט ניט צו דער מאַנצבל־ריי, וואָס אין זײַן לינקער זײַט, נאָר צו וואַנדען, וועלכע האָט זיך געפֿונען רעכטס פֿון אים.

באַ מייער לאַנדשאַפֿט האָט זיך דער לייטענאַנט, איידער ער איז איבערגעגאַן מיטן פֿינגער צו דער פֿרויען־ריי, אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן. דעמלט האָט ער אַ שטרעק געטאָן זײַן צײַלנדיקע האַנט צו וואַנדען, קוקנדיק לעבלדיק־נאַשעריש אַהין, וווּהין ער האָט לײַכט־לײַכט מיט זײַן פֿינגער אָנגעטראָפֿן — אויף וואַנדעס ברוסט, גלײַך ער וואָלט אים געהאַלטן אין האַניק, פֿון וועלכן ער איז זיך גרייט צו באַלעקן.

דעמלט האָט זיך דערהערט אַ קאָל פֿון מייער לאַנדשאַפֿט — פֿון אים, אַ מענטש אַ שווײַגער, וואָס האָט קיינמאָל צו קיינעם קיין הויך וואָרט ניט באַנוצט און איז, דאַכט זיך, אויך גאָר ניט פֿייִק געווען דערויף.

— הענדע וועק! — האָט זיך דערהערט פֿון מייער לאַנדשאַפֿטס מויל אַ שטרענג, באַפֿוילעריש וואָרט, וואָס באַ אַלע, אויסער באַ אים אַליין, האָבן זיך פֿון דערשרעק פֿון דערהערטן די הענט אַראָפּגעלאָזט, פֿאַרגעסנדיק, אַז מ׳דאַרף זיי הויך האַלטן, לויטן לייטענאַנטס באַפֿעל.

— וואָס?! — האָט דער לייטענאַנט ווי ניט פֿאַרשטאַנען, וועמען מע מיינט מיט אָט דעם אומדערעכערעצדיקן, דראָענדיקן אויסגעשריי — אַז טאַקע אים: אַז טאַקע ער, דער הער אָפֿיצער, הייסט עס, זאָל זײַנע טאָמע הענט דערווײַטערן פֿון דעם, וואָס איז ניט פֿאַר אים און וואָס ער דאַרף בלײַבן דערפֿון ווײַט אָפּגעשיידט.

— וואָס?! — האָט ער, אַ קוק געבנדיק אויף מייער לאַנדשאַפֿט, אַ רעווע געטאָן און איז באַלד אָפּגעטראָטן אַ פּאָר שפּאַן פֿון אָרט, וואָס ער האָט פֿאַרנומען, קעדיי ער זאָל אים, אָט דעם מייערן, מער בעסער פֿון דער ווײַט באַטראַכטן. — וואָס האָט ער געזאָגט? וואָס האָט ער געוואַגט צו זאָגן אַ דײַטשישן אָפֿיצער?

און דאָ האָט ער אַ פֿאַרזשמורעט־שיקערלעכן בליק געטאָן אויף מייער לאַנדשאַפֿט און דערזען, ווי יענער שטייט מיט די הענט אַרופֿגעהויבן, און ווי פֿון איינער אַ האַנט גייט אים בלוט און רינט אין אַרבל.

— בלוט?! — האָט ער אַ צווייטן רעווע געטאָן, גלײַך ער וואָלט דאָס דערזען אויף זײַן אייגענער האַנט, וואָס עמעצער האָט זי אים אָקאָרשט־אָ געהאַט פֿאַרוווּנדעט. — וואָס פֿאַר בלוט? — האָט ער אַ געשריי געטאָן און זיך גענומען אומקוקן פֿאַרדעכטיק אויף דער שטוב, אויף די מענטשן אַרום, גלײַך מ׳וואָלט דאָ, איידער ער איז אַהער אַרײַן, וועגן אים עפּעס שלעכטס פֿאַרטראַכט און געשאַרפֿט געווער, מיט וועלכן מ׳האָט זיך צעשניטן.

ווירקלעך: ער האָט א קוק געטאָן אפּן טיש און דערזען מעסערס און א שארפשטיין, וואָס, ווי ס׳ווײַזט אויס, האָט דאָ עמעצער נאָרוואָס, פאר זײַן אָנקומען, זיי אין די הענט געהאלטן און זיי אויסגעפּארטיקט און צוגעגרייט צו א פּאַרדעכטיקן געברויך — האָט אים געדאכט.

— ווער האָט דאָס געמאכט און ווער — געשארפט? — האָט דער לייטענאנט א פרעג געטאָן, אָנווײַזנדיק אַף די מעסערס, וואָס אפּן טיש.

— איך! — האָט מייער לאַנדשאפט געענטפערט, און ס׳האָט זיך געפילט א הויך־צופרידנקײַט אין זײַן ענטפער — אפאָנעם דערפאר, ווײַל מיט דער מײַסע מעסערס ציט ער אָפּ די אופמערק־זאמקײַט פון דעם לייטענאנט פון צו קוקן אַף דער, וועלכע איז אים געפאלן אין אויג און צו וועלכער ער האָט מיט אזא האנאָע זײַן באהאָניקטן פינגער אויסגעשטרעקט.

ס׳האָבן געדויערט עטלעכע רעגעס, ביז דער לייטענאנט האָט זיך געכאפּט, וויאזוי דאָ צו האנדלען... (אגעוו, זאָל דאָ געזאָגט ווערן צו דער האנדלונג, אז דאָס אלץ דערציילטע איז פּאַרגעקומען דעמלט, ווען יענע מאכט האָט נאָך ניט באוויזן צו צעבינדן די רעכטע האנט אַף אויסצופירן איר פּארטראכט בענעגייע צו ייִדן אין יענע געגנטן, אין וועלכע זי איז אָקאָרשט אָנגעקומען און זיי ערשט פריש געהאט באהערשט, האלטנדיק זיך נאָך אין געוויסע, קלוימערשט, געזעצלעכע ראמען — נישט, ווי איצט, ווען מיר שרײַבן דאָ, ווען אזא לייטענאנט וואָלט מיט אזא ווי א מייער לאַנדשאפט קיין לאנגע שיעס ניט געמאכט און — איינס־צוויי — אים אוועקגעלייגט קאלט, אָן שום איבער־לייגעניש, פאר א מינדסטן וואָרט, וואָס וואָלט אים ניט געפעלן, ווי ביכלאַל מיט א ייִדן, יאָ — שולדיק, ניט — שולדיק, מיט וועמען מ׳דאַרף זיך באגיין, ווי מיט א מאגייפע־שטשור: אים פארניכטן...)

5

— פארנעמען! — האָט דער לייטענאנט, באלד ווי ער האָט זיך געכאפּט, וואָס מ׳דאַרף דאָ טאָן, א געשריי געטאָן צו די זעלנער, וואָס זײַנען מיט אים מיטגעקומען. — פארנעמען אָט דעם בלוט־ייִדן, וואָס שארפט מעסערס אַף דער מאכט.

— ...אוי, ניין, — האָט זיך דאָ פּלוצעם ארויסגערוקט מייער לאַנדשאפטס טאָכטער, וואנדע, פון דער ריי... און ווי צניִעסדיק איר האלטונג איז ניט געווען מיט די איר־גלײַכן, מיט די באקאנטע שילער, וועמען זי האָט קיינמאָל ניט דערלויבט קיין פרײַ וואָרט, קיין מינדסטע אָנצוהערעניש בענעגייע זיך, ווי צום צווייטן, פרויען־מין, האָט זי אָבער דאָ, אין מאָמענט פון סאקאָנע פאר איר פאָטער, וועלכער איז איר, אפאָנעם, אזוי טײַער געווען, ווי זי — אים, נישט ארויסברענ־

גענדיק דאָס פאר די ליפּן, נאָר טראָגנדיק אין מיידלשער אויסבאהעלטעניש, ווי דער פּאָטער זײַן ליבע צו איר — אין זײַנע בליקן... ווי צניעסדיק וואנדעס האלטונג איז ניט געווען ביז אהער, נישט אויסנוצנדיק אירע מעגלעכקײַטן קיינמאָל קיינעם צו געפעלן, האָט זי אָבער איצט, קומענדיק פארן לייטענאנט און וועלנדיק ראַטעווען איר פּאָטער פון דער צאָרע פאר זײַן צו שטאַרקן שטעל, וואָס ער האָט זיך דערלויבט בענעגייע יענעם, דעם לייטענאנט, — האָט זי פּלוצעם, מ׳ווייסט ניט וויאזוי, געלאָזט אופשפּילן אין זיך יענע פייִקייט, וואָס איז אייגנטימלעך פאר אלע פרויען אין א געוויסן מאָמענט, ווען זיי האָבן נייטיק גויסע־כּיין זײַן און עפּעס פּויעלן פארן כּיין...

— אוי, ניין, הער לייטענאנט, — האָט זי א זאָג געטאָן, דאָס ערשטע מאָל פאר איר לעבן זיך ארויסשטעלנדיק, ווי א גרויסע, פאר דער מישפּאָכע, פארן הויזגעזינד פון איר פּאָטער און מוטער. זי האָט באקומען לויפּיק לאָשן, און האלטנדיק איר בליק אָט אראָפּ פון איר געוויינלעכער צניִעס, ווי ווען זי פּלעגט אלע מאָל שטיין פאר א פרעמדן מאנצבל, און אָט ארויף, דאפקע צו אָט דעם פרעמדן מאנצבל אים געווענדט, האָט זי אפילע מיט ערגעץ א געקראָגן שמייכעלע א זאָג געטאָן:

— אוי, ניין, הער לייטענאנט, ס׳א טאָעס. ס׳ניט פאר דער מאכט קיין מעסערם. מײַן פּאָטער איז ניט אזא. ס׳איז בא אונדז א מין מינהעג, וואָס דער פּאָטער פירט אים אלע מאָל אוים פרײַטיק אנטקעגן שאבעס, און איצט, ווען איבער דער צערודערונג אין שטאָט איז אין די געשעפטן ניטאָ וואָס צו טאָן, האָט ער זיך גענומען דאָס מאכן אינדערוואָכן, און זאָל ער זען, הער לייטענאנט, ס׳איז דאָך געוויינלעכע שטוב־מעסערם.

דערבײַ האָט וואנדע מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן לײַכט־לײַכט אונטערגעשמייכלט און ווײַטער געלאָזט אופשפּילן אין זיך יענע פייִקײַט, וועלכע האָט געזאָלט מאכן פארגעסן דעם, פאר וועמען זי איז איצט אָופגעטראָטן, דעם לייטענאנט, די באליידיקונג, וואָס ער האָט ארײַנגעכאפּט פון איר פּאָטער, ווען יענער האָט אים אופגעפּאָדערט, ער זאָל אוועקנעמען די הענט, מיט וועלכע ער האָט זיך דערלויבט נישט אָנשטענדיקס... זי האָט א גיי געטאָן צום פּאָטער און זיך א צערטלעכן טוליע געטאָן צו אים, קעדיי צו באווײַזן זײַן אומשולד, פאר וועלכן זי איז אָרעוו מיט איר נאָענטקײַט און אײַנשטעלן זיך פאר אים, דאָס הייסט פאר דער מײַסע־מעסערם, וואָס, ווי דער הער לייטענאנט זעט, איז דאָס א שפּאס, וועגן וועלכן ס׳ניט קעדײַ אפילע אן איבעריק וואָרט צו פארלירן.

וואנדע האָט געווירקט. מ׳האָט געזען, ווי אין לייטענאנטס בליקן האָבן זיך געוויזן פײַערלעך, געמישט מיט שאָטנדלעך, בעיס ער האָט געקוקט אף איר צוערשט, ווען זי איז ארוים פון דער ריי, און ווען

זי האָט זיך קעגן אים אוועקגעשטעלט מיט די פאַרענטפערונגען פאַר איר פאָטער און באַזונדערס דערנאָך, ווען זי האָט אים אָפגעפאַרענטפערט און האָט זיך א לאָז געטאָן צו אים מיט צערטלעכקייט און זיך א לייכטן רייב געטאָן אין אים.

דער שיקערלעכער לייטענאַנט האָט נאָכגעגעבן, און א האָר איז אָפגעגאַן: נאָך א ביסל, נאָך א ביסל, ווען וואַנדע זאָל געווען אין זעלבן פאַרענטפערנדיקן טאָן נאָך א פאָר ווערטער זאָגן לעטויוועס דעם פאָטער, און ווען דער פאָטער, מייער לאַנדשאַפט, זאָל זיך אויך ווייטער, שווייַגנדיק, געווען לאָזן פון איר פאַרטיידיקן — איז א האָר אָפגעגאַן, אַז דער לייטענאַנט זאָל זיין גאָרן רויִגעז פאַרגעסן און זיין באַפעל וועגן אַרעסטירן מייער לאַנדשאַפט צוריקנעמען.

ס'איז אָבער ניט אַזוי געשען. ווייל ווי נאָר וואַנדע האָט זיך צערטלדיק צום פאָטער צוגעשטעלט, און ער, דער פאָטער, האָט דערזען, מיט וואָס פאַרא מיטלען זי, זיין וואַנדע, וויל דאָ דערווערבן דעם לייטענאַנטס גוט־געניגטקייט און יענעמס בייז פון אים אָפווענדן; ווי ער האָט דערזען, אַף וואָס פאַר אַן אויפן וואַנדע וויל אים אויסקויפן, אַזוי האָט ער זי א קליינעם שטויס אָפ געטאָן פון זיך, און ווי ס'האָט שוין געהאַלטן דערבייַ, אַז דער לייטענאַנט זאָל, אַף וואַנדעס אָרוועס און איר צוליב, איר פאָטער פון אַלערליי כשאָדים באַפרייַען און מער אים צו באַשולדיקן זיך נישט אומקערן, — אַזוי איז מייער לאַנדשאַפט, אומפאַרשטענדלעך צוליב וואָס, פלוצעם פון דער ריי אַרויס און קעגן לייטענאַנט זיך אוועקגעשטעלט, און נאָך פלוצעמער און אומגעריכטער האָט ער מיטאַמאָל אַן אומזיניקן זאָג געטאָן און איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע וואָרט, וואָס ווען דער לייטענאַנט האָט זיך פריִער צו אַלעמען געווענדט, פרעגנדיק: „ווער האָט די מעסערס געשאַרפט?", האָט ער, מייער לאַנדשאַפט, זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַלע, האָט עס אַף זיך גענומען און א זאָג געטאָן: „איך!"

— איך! — האָט ער איצט נאָכאַמאָל דאָס זעלבע וואָרט איבערגעכאַזערט, ווי געוואָלט דערמאָנען, אַז ניט קיינער, נאָר טאַקע ער, מייער, האָט עס געזאָגט, און אַז ער האַלט זיך אויך איצט באַם געזאָגטן, פון וועלכן ער וויל ניט אָפטרעטן, האָט קיין כאַראָטע ניט און נעמט ניט אָן קיינע הישטאַדלעסן, וואָס מ'איז זיך מישטאַדל פאַר אים פאַרן לייטענאַנט, אַפילע ניט פון אָט דער, אַזוי געליבטער טאָכטער, וואַנדע.

— וואָס?! — האָט דער לייטענאַנט, דערזעענדיק מייער לאַנדשאַפטס טראָציקייט און קוקנדיק אַף אים, ווי ער וואָלט אים פלוצעם דערזען פון דער ערד אַרויסוואַקסן, אין גרויס פאַרוווּנדערונג אויסגעשריִען. ער האָט ניט געגלייבט זיינע אויערן צו דערהערן פון דעם, וואָס האָט אָקאָרשט געקאָנט אַרויס א באַפרייַטער פון זיין צאָרע, ער זאָל זי, אָן שום סיבע, ווי דעם לייטענאַנט האָט זיך געדאַכט, ווידער דערוועקן און ווידער זי וועלן אַף זיך נעמען. ס'איז דאָך גלייַך, ווי

איינער וואָלט מיט א געזונטן, אומשולדיקן קאָפּ געקראָכן אין א טליִע־שטריק.

— מייער! — האָט כאַנע־גיטל, זיַין וויַיב, צו אים הויך א זאָג געטאָן אין גרויס שרעק און פאַרווונדערונג, זעענדיק אים, איר מאַן, דאָס ערשטע מאָל אין זיַין לעבן צו באַגיין אַזאַ אומזיניקייַט, ווי אָט איצט, אַרויסזאָגנדיק דאָס, וואָס קאָן, כאָלילע, אי אים אַליין, אי אַלעמען ברענגען אַף פיַיער.

— וואָס טוט דער מענטש?! — האָט זיך אומווילִיק און מיט גרויס פאַרשטעלטער און אויסבאַהאַלטענער מוירע אַרויסגעכאַפּט א פראַגע אויך בא דעם פאָרשטייער פון דער קעהילע, וואָס איז די גאַנצע צייַט בייַגעווען בא אָט דער סצענע, ווען ער האָט דערהערט מייער לאַנדשאַפטס טראָציק וואָרט, פון וועלכן ער האָט זיך געוואָלט ווי באַגראָבן, זעענדיק, ווי יענער, אָט דער מייער, שלעפּט אַליין דעם אומגליק אַף זיך, אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס: ס'האָט דאָך שוין, אָט־אָט, זיך געקאָנט ענדיקן בעשאָלעם און אַפן בעסט־געוווּנטשענעם אויפן, ווי ס'געשעט זעלטן אין אַזאַ פאַל.

— וואָס טוט ער? — האָט דער קעהילע־מאַן צו זיך אַליין א זאָג געטאָן, און בייסמיַיסע האָט ער דעם קאָפּ אָפּגעקערעוועט פון נישט קאָנען קוקן אַף מייערן און אַף זיַין אומזיניקייַט. — גאַזלען און מאבד עצמו לדעת — זעלבסטמערדער, הייסט עס, — האָט ער שיִר ניט אין דער הייך אַרויסגעזאָגט, נישט באַנעמענדיק, וואָס ס'געשעט מיט אָט דעם מענטש, וועלכער פאַרשטייט ניט אַזאַ זאַך, אַזאַ אַלעפּבייס, דאַכט זיך, ווי:אַזוי מע דאַרף זיך האַלטן ביכלאַל פאַר א מאַכט, אוביפּראַט פאַר אַזאַ מאַכט, ווען זי איז דיך אין עפּעס־וואָס כווישעד, זאָל זיַין אַפילע אין א נאַרישקייַט, וואָס ס'קאָן דער־פון אַרויס אַן ערנסט, פון וועלכן מע דאַרף זיך רייַנוואַשן, — און ער, נישט נאָר ער פאַרענטפערט זיך אַליין ניט, נאָר לאָזט נאָך דורך אַזאַ מעגלעכקייַט ווי די ווירקונג פון זיַין טאָכטער, וואָס אָט־אָט האָט זי אים געקאָנט גאָר אינגאַנצן פון גרוב אַרויסציִען.

אַזוי האָט זיך געדאַכט דעם קעהילע־מאַן, אַזוי אויך מייערס וויַיב כאַנע־גיטל און אַזוי אויך אַלע איבעריקע פון זיַין הויזגעזינד, וואָס זיַינען, קוקנדיק אַף אים, געבליבן געפּלעפט און אָן לאָשן אין מויל, נישט פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס ער שלעפּט אַף זיך דעם שלאַק, ווי א בעגעד, וואָס איז אים ליב.

מייער לאַנדשאַפט אַליין האָט אָבער יאָ פאַרשטאַנען און געהאַט א גרונט און באַרעכטיקונג פאַר זיַין טאַט, ניט וועלנדיק דערלויבן אַפילע אַף קיין איין מינוט צו לאָזן פאַלן דעם לייטענאַנטס פאַרליבט אויג אַף וואַנדען, זעענדיק, ווי:אַזוי יענער קוקט און באַטראַכט זי פון קאָפּ ביז פוס, און ווי אַף יעדער איר אייוועריִ לאָזט ער פאַר־האַלטן זיַין פרעך־אופגעריסענעם און טרייף־אָפּיצערישן בליק מיט האַנאָע...

6

— נעמט אים! — האָט דער לייטענאנט א געשריי געטאָן צו די זעלנער נאָך דעם, ווי מייער לאַנדשאַפט האָט דאָס צווייטע מאָל דערוועקט זײַן קאָס און אים, פון גרויס אופגעבראכטקײַט, אפילע געמאכט פארגעסן אין וואנדען, ווען ער האָט נאָרוואָס מיט אזא כיישעק נאָכגעקוקט און וואָס ווען מע וואָלט אים דערלויבט כאָטש א קליין קאפעלע זײַן צוגעלאָזט צו איר, וואָלט ער פון אלערליי פארדאכטן און באשולדיקונגען זיך אָפּגעזאָגט.

— נעמט אים! — האָט ער א זאָג געטאָן הארב, אנטשלאָסן, און נישט געקוקט שוין מער אף וואנדען, טוענדיק זײַן אָפּיצערן־פליכט. — דעם אָפּענעם סוינע, אָט דעם ייִד, וואָס שארפט מעסערס אף דער מאכט, פון וועג אָפּראמען.

— טוט דאָס ניט, הער אָפּיצער! — האָבן זיך באַם לייטענאנט גענומען גלײַך בעטן צוערשט כאנע־גיטל, דערנאָך אויך אירע און מייער לאַנדשאַפטס עלטערע קינדער, דערנאָך וואנדע, וועלכע האָט א זאָג געטאָן דעם לייטענאנט: — מיך, הער לייטענאנט, נעמט מיך אָנשטאָט אים!

— נעמט אים! — האָט דער לייטענאנט צום דריטן מאָל באפוילן, נישט הערנדיק און נישט וועלנדיק קוקן אף די אלע, וועלכע האָבן אים ארומגערינגלט מיט זייערע באקאָשעס.

מ׳האָט אים פארנומען, מייער לאַנדשאַפט... וואנדע און אויך די איבעריקע קינדער האָבן אים געפרווט באגלייטן אין קאָמענדאטור, ווו מ׳איז מיט אים אוועק, האלטנדיק זיך די גאנצע צײַט בא א זײַט און נישט וועלנדיק אָפּשטיין פון אים. אָבער אז מ׳איז צוגעקומען, וווהין געדארפט, — צום הויכן, ברייטן מויער די לענג אף א גאנצער גאָס, און מ׳איז צו צו איינער א גלעזערנער פאראד־טיר, וועלכע איז ברייט געעפנט געוואָרן פון א וואכמאן אף אהין ארײַנגעלאָזן ווערן, און נאָך דעם, ווי די קינדער זײַנען א צײַט לאנג אָפּגעשטאנען אפן טראָטואר, קעגניבער יענעם מויער, ווארטנדיק, ער זאָל צוריק ארויס, און ער האָט זיך ניט געוויזן, האָבן זיי זיך מעיאעש געווען פון אים צו זען הײַנט ווידער א באפרײַטן און זיי זײַנען אוועק טאָן דאָס, וואָס מע טוט אין אזוינע פאלן: זיך מישטאדל זײַן, לויפן זוכן הילף בא דער קעהילע און בא פריוואט־לײַט, בא ייִדן, ווי בא ניט־ייִדן, בא וועמען נאָר מ׳האָט געגלייבט די הילף צו קאָנען קריגן.

* * *

א נארישקײַט... אין פלוג, דאכט זיך, א שפּאַס... אָבער שוין אליין דאָס, וואָס מ׳האָט מייער לאַנדשאַפטן געבראכט אין קאָמענדאטור באגלייט פון א באשולדיקונג פון שטעלן זיך קעגן דער מאכט, ערגער — פון שארפן מעסערס אינמיטן העלן טאָג, וואָס אזא מענטש,

געוויינלעך, פאַרנעמט זיך ניט דערמיט; אַליין דאָס, און דאָס אײדעס זאָגן פון דעם לייטענאַנט, וואָס האָט באַשטעטיקט, אַז ווען ער האָט אים געטראָפן בײַ אָט דער שאַרף־מעלאָכע און האָט אים אַ פרעג געטאָן, וואָס ער טוט, האָט יענער ניט געלייקנט, נאָר פאַרקערט, האָט גאָר טראָציק אָפּגעענטפערט, אַז יאָ, אַז דאָס האָט ער זיך טאַקע מיט אָט דעם באַשעפטיקט, — אָט דאָס אַלץ איז גענוג געווען, מ'זאָל זיך מיט מייער לאַנדשאַפטן ערנסט פאַרנעמען און מ'זאָל אים גלײַך איבערגעבן אין די הענט פון אַ געוויסן אויספאָרשער, צו וועמען מ'האָט אים אָפּגעפירט אין אַ געהיים־געהאַלטענעם און פאַרוקטן צימער אין דער גרויסער, טויב־קלינגענדיקער קאָמענדאַטור־געבײַדע.

דער אויספאָרשער — אַ הויכער, אַריסטאָקראַטיש־אויסזעענדיקער פאַרשוין, מיט שטאַרק־אויסגעריבלטע באַקן, ווי ס'זעט אויס, פון זינד־נעכט און פון פיל לעב־יאָרן, איצט אַ שטרענגער, אַ שטאַרק שווײַגנדיקער, מיט אַ זײַטלדיקן קוק, ווי בײַ אַ האָן, און אין אויג אַ מאָנאָקל. מ'קאָן ניט זאָגן, אַז מ'האָט אים דאָרט שטאַרק געפּײַניקט, מייער לאַנדשאַפטן. נאָר אַליין דער אָפּגעזונדערטער און שטאַרק פאַרוקטער צימער אין לאַנגן, טויבן קאָרידאָר פון דער קאָמענדאַטור־געבײַדע, אַליין דאָס שווײַגנדיקע האַלטן זיך און זײַטלדיקער קוק פונעם אויספאָרשער, וואָס איין אויג זײַנס האָט בײַ אים אויסגעזען, ווי בײַ אַן אַלטן, קרענקלעכן בערקוט מיט אַ שלעכטן געוויסן, — אַליין דאָס איז גענוג געווען, אַז מייער לאַנדשאַפט, אַ שטילער, אַ געלערנטער און אַ מעיוכעס, וואָס האָט קיינמאָל מיט קיין מעלוכע־מאַכט ניט צו טאָן געהאַט און קיינמאָל זיך ניט געטראָפן אין דער לאַגע פון צו דאַרפן זײַן אויסגעפאָרשט, אויבּיפּראַט פון אַזאַ סאָרט אויספאָרשן, — אַליין דאָס איז גענוג געווען, ער זאָל זיך גלײַך פון אָנהייב אָן פילן, ווי אין איינער אַן אָפּטיילונג פון גיהענעם...

ער האָט, עמעס, צוערשט זיך געפּרוּווט האַלטן פרײַ און ניט געצווּנגען פאַרן אויספאָרשער, זײַענדיק דאָ אַליין און אויסער דער סאַקאָנע, וואָס איז אָקאָרשט אין דער היים פאָרגעשטאַנען זײַן וואַנדען... ער האָט די קלוימערשטע באַשולדיקונג, וואָס מ'האָט אים אויסגעשטעלט, געהאַלטן פאַר גרינג און פאַר אַזאַ, וואָס ס'וועט אים לײַכט זײַן זי צעשלאָגן און מאַכן צוניש. ער האָט, קומענדיק פאַרן אויספאָרשער, אויך צוזאַמענגענומען זײַן גאַנץ ביסל קענטעניש, דערוואָרבן אין די ביכער, וואָס זײַנען געשריבן אַף יענער שפּראַך, אַף וועלכער ס'האָט זיך צו אים געווענדט דער אויספאָרשער, דענקענדיק אי באַשיידן, אי אויך אַ ביסל באַרימעריש זיך אַ באַווײַז טאָן, אַז ער, דער אויספאָרשער, זאָל, הייסט עס, זען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן ניט מיט אַבי־וועמען, נאָר מיט אַ מענטש, וואָס אויסער זײַן לאַגע אַלס אָנגעזעענער מענטש אין שטאָט, פאַרשטייט ער נאָך אין די ווערק פון אַ קלאָפּשטאָק, אַ שפּילהאַגען און שילער, וואָס דערפון דאַרף יענער, דער אויספאָרשער, בעמיילע פאַרשטיין, אַז אַליין דאָס האָבן

א שײַכעס און באהאוונט זײַן אין אזוינע זאכן איז שוין, דאכט זיך, א גענוגע גאראנטיע און קאָן דינען פאר א שטיק שוץ פאר אזא איינעם, אז קיין שלעכטע אויסטראכטעניש און קיין שום כשאד זאָל צו אים ניט צושטיין...

דער אויספאָרשער האָט אױף אים געקוקט גלײַכגילטיק. ער האָט אים געלאָזט זיך אויסריידן און ווי אים געמאכט גלייבן, אז אלץ, וואָס ער זאָגט, מייער לאַנדשאַפּט, נעמט ער אָן ווי א גיל־טיקע אוןווערטיקע מאטבייע — א באווײַז אױף זײַן אומשולד, און אז דער לייטענאנט, וואָס האָט אים געבראכט אהער, האָט קלוימערשט געמאכט א פעלער, כוישעד זײַענדיק א מענטש, וואָס שטייט אויסער כשאד.

דער אויספאָרשער האָט אים אויסגעהערט, ער האָט לאַנג אים אין מויל געקוקט און, שווײַגנדיק, ווי געציילט זײַן יעדעס וואָרט, ביז א לעצטנס, וואָס דאָס האָט שוין דערלויבט מייער לאַנדשאַפּטן צו מיי־נען, אז אָט־אָט וועט מען זיך אפילע פאר אים אנטשולדיקן, אים הייסן גיין א פרײַגעלאָזטן און א מענטש, וואָס האָט בעעמעס אומ־זיסט און אומנישט ארײַנגעטראָפּן אהין, וווּהין ער קער נישט.

אזוי האָט ער געמיינט, און דאָ האָט זיך מיטאמאָל דער אויס־פאָרשער א הייב געטאָן פון זײַן בענקל, אױף וועלכן ער איז געזעסן, וואָס דאָס האָט געצווונגען מייער לאַנדשאַפּטן, — ער ווייסט ניט פארוואָס, — אז אויך ער זאָל זיך פון אנטקעגן יענעם פון זײַן בענקל אופשטעלן, דערפילנדיק אין דער לעצטער מינוט, אז יענעמס אופ־הייבן זיך איז עפּעס ניט צום גוטן. ווירקלעך...

מע קאָן ניט זאָגן, אז אויך איצט איז זיך דער אויספאָרשער באגאנגען מיט מייער לאַנדשאַפּטן, ווי ס׳פלעגן זיך באגיין אלע יענע מאכט־אויספאָרשער, לויט דער אײַנגעשטעלטער פּראקטיק, נאָכן פאר־הער. מ׳האָט אים ניט ארײַנגעשלײַדערט אין א זײַטיק צימער, ווו געוויסע געסטאפּא־לײַט זאָלן אים נעמען אין דער „ארבעט״: אים באפוילן ארופקריכן אױף א טיש און זיך זעצן אױף א בענקל, וואָס איז דאָרט געשטאנען, און דערנאָך זאָל דאָס בענקל ארויסגעשלאָגן ווערן פון אונטער אים, ער זאָל פאלן און רוק־און־לענד ברעכן; מ׳האָט אים ניט געשלאָגן מיט קיין גומי־שטעקן; אויך ניט דערלאנגט מיט א פויסט אין קין, ציין ארוף, און געצווונגען צו פארײַסן דעם קאָפּ אלץ העכער, ביז דער האלדז זאָל זיך אים שיר ניט איבערברעכן.

ניין, דאָס מאָל האָט דאָס דער אויספאָרשער געמאכט אליין, אָן קיינעמס הילף, אי דאָס אויך ניט אזוי הארב... ער איז נאָר שטיל, אָן ווערטער, צוגעגאנגען צו מייערן, און אזוווי יענער איז פאר אים געשטאנען עטוואָס א פארווונדערטער און שוין אן איבערגעשראָקע־נער, אזוי האָט ער אים אָנגענומען מיט ביידע הענט פאר די ביידע זײַטן באָרד און מיטאמאָל אזא האסטיקן רים און צופּ געטאָן, אז באלד האָבן זיך באם אויספאָרשער אין די הענט צוויי זשמוטעס

שטאַרק פאַרקלאַמערטע האָר שטעקן געטראָפן, און בא מייער לאַנדשאַפטן ביידע באַקן אויסגעפּליקט, מיט אַ קלײנעם נישער האָר־סימאָנים אַף זיי, ווי סטערניע נאָך שניט — מער ניט.

— גיי, — האָט דעמלט דער הויכער, אַריסטאָקראַטיש־אויסזועגדיקער אויספאָרשער, מיטן בליק פון אַ קראַנקן בערקוט און מיט אַ שלעכטן געוויסן, אַ זאָג געטאָן צו מייער לאַנדשאַפטן, — גיי, און דאָס האָסטו דיר פאַר די מעסערס, וואָס דו האָסט געשאַרפט, ווי דו זאָגסט, פאַר דײַן ייִדיש־פאַרשטונקענעם שאַבעס. פאַרנעם זיך, און אַז מ׳וועט דיך דאַרפן, וועט מען דיך נאָך רופן, אָן אָפּגעפּליקטן.

7

ער איז אַרויס... אָבער ווער פון די היימישע און באַקאַנטע ס׳וואָלט אים דעמלט באַגעגנט, אַהיים גייענדיק פון דער קאָמענדאַטור, וואָלט אים זיכער ניט דערקענט: אַזוי האָט ער זיך געביטן פאַר דער צײַט פון זײַן אָנקומען אַהין ביז זײַן צוריק אַרויסגיין פון דאָרט, אי דערפון, וואָס די האָר פון באָרד זײַנען אים געמינערט געוואָרן, אי דערפון, וואָס זײַן געוויינלעכע שטילקייט האָט זיך אַף אַזויפיל געמערט, אַז מיט זײַן הויכלעכן וווּקס און מיט זײַן שטילן און פאַרדימיענטן שפאַן האָט ער שוין שיר־שיר ניט געכאַפּט דעם אָנבליק פונעם באַוווּסטן טרויעריקן ריטער, ווי מ׳מאָלט אים, דאָס הייסט ווי איינער, וואָס האָט אינערלעך אָפּגעברענט און אַליין זעט ער אויס ווי אַ שטעקן געבליבענער קוימען אַף זײַן געוועזענעם ביניען.

אַז ער איז אַהיים געקומען, האָט מען אים פאַרשפּאָרט פרעגן, וואָס איז געשען, מ׳האָט געזען, ניט פרעגנדיק, און מ׳האָט גלײַך פאַרשטאַנען זײַן פאַרשטעלטן און נישט אַרויסגעזאָגטן מיין: צו בלײַבן אַליין אין זײַן אָפּגעזונדערטן צימער, ביז דער ביזאָיען וועט איבערגיין און ביז די האָר פון באָרד וועלן אים אָנוואַקסן.

מ׳איז אים נישט נאָכגעגאַן אין צימער, נישט קיינער פון זײַן הויזגעזינד, אויסער נאָר כאַנע־גיטל זײַן ווײַב, אַף אים צו דערלאַנגען און באַדינען, און אַפילע זי, ווען זי איז צו אים אַרײַן, האָט זי די ערשטע שאָען און אויך אַפילע די ערשטע טעג קיין איינציק וואָרט קימאַט פון אים ניט געקאָנט אַרויסציִען. אָפּאָנעם, אַז מיטן ריס פון אויסן איז אים אויך אינערלעך עפּעס אָפּגעריסן געוואָרן. ער איז געבליבן פאַרשטומט. און דאָס איינציקע, וואָס האָט אים געהאַלטן, געשטאַרקט און געטרייסט אין זײַן אָפּגעזונדערטקייט, איז געווען, מעגלעך, נאָר דער געדאַנק, וואָס מיטן נעמען אַף זיך דעם ביזאָיען פון דער קאָמענדאַטור און פון יענעם אויספאָרשער־פאַרשוין מיט די גריבלדיקע באַקן, מיט די לאַנגע פּיס און מיטן מאָנאָקל — מיט נעמען אַף זיך דעם ביזאָיען פון פילן דעם ריס פון יענעמס הענט,

האָט ער, מייער לאַנדשאַפּט, פּאָרט דאָך געראַטעוועט די ערע פֿון זײַן קינד, פֿון וואַנדען, װעמען ס'איז פֿאָרגעשטאַנען אַף אַ פּיל ער־נערן אויפֿן, ווי ער, געשענדעט ווערן.

— אַ דאַנק דעם האַשעם־ייִסבאָרעך, — האָט ער געוויס געטראַכט אַלעמאָל, ווען כאַנע־גיטל איז צו אים אַרײַן און ווען ער האָט זיך גענומען באַ איר דערפֿרעגן: וואָס הערט זיך אין שטאָט, וואָס רעדט מען, וואָס שמועסט מען, און... וואָס מאַכט וואַנדע? — האָט ער אַלע מאָל זײַן אויספֿרעגן פֿאַרענדיקט, בלײַבנדיק ווײַטער אין זײַן אָרעמיקלעט פֿאַרשפּאַרט, נישט וועלנדיק זיך ווײַזן פֿאַר דער וועלט און פֿאַר מענטשן אָן זײַן געוויינלעכן האַדראַס־פּאָנעם.

ס'האָט אָבער אויך אָט די טרייסט נישט לאַנג געדויערט: נישט אומזיסט איז דער לייטענאַנט מיט זײַן זעלנער־טייל דעמלט צו אים מיטן באַזוך געקומען. מ'האָט אין פּיל ייִדישע הײַזער, ווי אויך אין ניט־ייִדישע, פּיל פֿרויען פֿאַרעגיסטרירט, אויסגענומען פֿרויען, וואָס האָבן זויג־קינדער, אויסגענומען אויך מעובערעסע, און פֿון מייער לאַנדשאַפּטס שטוב האָט אין צעטל פֿאַרעגיסטרירטע אַרײַנגעטראָפֿן וואַנדע... וויאַזוי מע האָט דאָס געמאַכט און וויאַזוי מ'האָט פֿאַרנומען אָט די פֿרויען אַף אומדערהערטער שענדלעכקײַט, איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך, וואָס האָט אין קיינע רישעסדיקע כראָניקעס, וואָס די וועלט ווייסט, צו זיך קיין גלײַכן. וויאַזוי מ'האָט אָפּגעריסן קינדער פֿון היימען, ווי מ'האָט זיי געפּאַקט אין פֿראַכט־וואַגאָנעס, נאָר מיט איין קליין פֿאַרגראַטעט פֿענצטערל באַ איינער אַ וואַנט פֿון אויבן; וויפֿל מ'האָט אין איין וואַגאָן אָנגעשטאָפּט; וויאַזוי מ'האָט זיי אַפֿן וואָקזאַל געזאַמלט און נישט דערלאָזט קיין עלטערן, קיין קרויווים זיך קומען געזעגענען, און וויאַזוי די געפּאַקטע צוגן מיט אָט די פֿאַרנומענע האָבן זיך פֿון די וואָקזאַלן גערירט, און וויפֿל טרערן, געװיינען און שטילע כאַלאָשעסן ס'האָבן זיך אַרויסדערהערט פֿון די אָפּגעשלאָסענע וואַגאָנעס דורך די פֿאַרגראַטעטע פֿענצטערלעך, — וועגן דעם רעדט מען ניט איבעריקס, ווײַל ס'גענוג, וואָס מ'ווייסט.

מ'דאַרף זיך פֿאָרשטעלן, וואָס אין אָט די אַלע הײַזער האָט זיך אָפּגעטאָן, בײַם קינדער האָבן צום ערשטן מאָל טאַטע־מאַמעס שוועל אַריבערגעטראָטן אַף שוין קיינמאָל זיך ניט אומקערן, און אויב יאָ זיך אומקערן, איז שוין בעסער, דאַכט זיך, וואָלט מען זיך געווונטשן, אַז ביידע זאָלן דאָס ניט דערלעבן, ניט אַליין די פֿאַרנומענע און ניט יענע, וועמען זיי זײַנען אייגן און טײַער געווען.

מ'דאַרף זיך פֿאָרשטעלן, וואָס באַ מייער לאַנדשאַפּטן האָט זיך געטאָן — מיט אַלע, מיט כאַנע־גיטלען, מיט די עלטערע קינדער, מיט די שוועסטער און ברידער, אָפּגערעדט שוין — מיט וואַנדען אַליין, אָבער מער ווי מיט אַלע, מיטן פֿאָטער, מיט מייער לאַנדשאַפּטן. ער, מייער, האָט די גאַנצע טעג, ווען מ'האָט וואַנדען אויסגעריכט אין וועג

(לויט דער פֿאָראָרדענונג, האָט מען באַדאַרפֿט מיטנעמען שיך, קליי־
דער און עסן אויף אייניקע טעג, קלוימערשט מ׳פֿאָרט אויף אַרבעט), ווען
אין שטוב האָט זיך אַלע מאָל דערהערט אַ קריי, אַן אויסגעשריי אַמאָל
פֿון איינעם, אַמאָל פֿון אַ צווייטן פֿון די שטוב־אייגענע, וואָס האָט
היסטעריש אויפֿגעפּלאַצט; אין די אַלע טעג האָט זיך מייער לאַנד־
שאַפֿט ניט געוויזן. אויך ניט דעם לעצטן טאָג, ניט די לעצטע שאָ
און די לעצטע מינוטן אַפֿילו, ווען וואַנדע האָט זיך שוין מיט אַלע
אָפּגעזעגנט, באַלייט פֿון ווילדע קוילעס פֿון דער מוטער, כאַנע־גיטל,
ווי אויך פֿון ברידער, שוועסטער און אַנדערע קרויווים, — אַפֿילע
דעמלט, ווען וואַנדע איז צום פֿאָטערס אַלקער צוגעקומען און פֿון
צווישן אַלע געשרייען אין שטוב האָט זיך פֿון דער זײַט אַלקער־טיר
געהערט איר קאָל מיט אַ געבעט: „טאַטע, עפֿן, כ׳וויל זיך מיט דיר
געזעגענען״, — אויך דעמלט האָט מייער לאַנדשאַפֿט זיך ניט אָפּ־
גערופֿן, ניט געעפֿנט די טיר און אויף וואַנדעס האַלדז זיך ניט אַרופֿ־
געוואָרפֿן. ער האָט די ערשטע מינוט געשוויגן, דערנאָך האָט אַ זאָג
געטאָן: „ניין, טאָכטער, כ׳קאָן ניט״. — נישט פֿון אַכזאָריעס, פֿאַר־
שטייט זיך, נאָר דערפֿון, וואָס קיין האַרץ האָט אים ניט געקלעקט.
שטייענדיק אַזוי הינטער דער טיר, האָט וואַנדע דעמלט, דאַכט זיך,
דערהערט אַ געוויין, וואָס האָט זי לאַנג אין וועג באַגלייט און פֿאַר־
פֿאָלגט, — אַ געוויין פֿון אַ מאַנצבל, וואָס קלאָגט ניט נאָר אויף זײַן
אייגענעם כורבן, נאָר ווי אויף אַ כורבן פֿון אַ גאַנצער וועלט.

דאָס האָט שוין וואַנדע ניט איבערגעטראָגן און איז אַוועק...
זי האָט נאָר, אין אָוונט, אַפֿן וואָקזאַל, ווען דער צוג איז אָפּגעפֿירט
געוואָרן אויף אַ ווײַטער ליניע און ווען אייניקע פֿון די פֿאַרנומענע און פֿון
קיינעם ניט באַלייטע האָבן זיך צוגעשטעלט אין יענעם וואַגאָן, ווו
ס׳האָט זיך געפֿונען אויך וואַנדע, צום הויכן פֿענצטערל, צו וועלכן
זיי האָבן קוים דערלאַנגט, געזעגענענדיק זיך מיט לעצטע בליקן מיט
זייער היים, פֿון וועלכער זיי זײַנען אַרויסגעריסן געוואָרן, — אָט
דעמלט האָט אויך וואַנדע, צווישן אַנדערע, דעם קאָפּ צום פֿענצטערל
געשטרעקט... זי האָט קיינעם דעמלט אין זינען ניט געהאַט, אַפֿילע
ניט די מוטער, וואָס אירע לעצטע ליב־קושונגען האָט זי נאָך געפֿילט
אויף איר קאָפּטל, נאָענט לעבן דער ברוסט, ווען יענע האָט בייסן
געזעגענען אין איר ברוסט אַרײַנגעוויינט און לאַנג דאָרט דעם קאָפּ
באַגראָבן געהאַלטן, נישט קאָנענדיק זיך פֿון איר אָפּרײַסן, — ניין,
נישט די מוטער, ניט קיינעם האָט זי געהאַט אין זין, נאָר געדענקט
האָט זי בלויז דעם פֿאָטער, פֿאָרשטעלנדיק זיך, וויאַזוי ער שטייט
הינטער דער פֿאַרשלאָסענער טיר, הערט איר געבעט, דאָס געבעט פֿון
זײַן מיזינקע, וואַנדע, און וויאַזוי ס׳קלעקט אים קיין האַרץ ניט די
טיר צו עפֿענען, אַרויסגיין און אויף איר כאָטש אַ קוק טאָן פֿאַרן אָפּגיין.

1943

ריווע יאָסל בונציעס

(וועגן א דריטן פאל
אינעם צײַטווײַליק אָקופּירט־געוועזענעם פּוילן)

זי איז שוין אפילע אינעם אלטפרענקישן פרום־אָפּגעשטאנענעם ייִדיש־פּוילישן קליין שטעטל געווען א כידעש — א מין געשיכטלעך רעשטל, אין א מוזיי זי ארויסצושטעלן.

— ווער?

— ריווע יאָסל בונציעס, וועלכע מ'האָט געקאָנט זען סײַ ווינטער, סײַ זומער אין א לאנגן ראָק מיט ניט־פארשפּיליעטע פּאָלעס, מיט אן אלטמאָדישן קאפּאָר נאָך פון מיילעך סאבעצקיס צײַטן, מיט א יאמ־שענעם שטאָק מיט א ווײַסביינערנער סקיפּקע, ווי בא אן עפּיסקאָפּ, אין איר ברייט־צעשטעלטן און סאָלידן שווערלעכן גאנג ווי פון א הויך־גײַסטלעכן.

מ'האָט זי אויך אלע מאָל געזען ניט אליין, נאָר מיט אן אונטער־געוואקסן מיידל, א יעסוימע, וועלכע האָט זיך בא איר אופגעהאָדע־וועט, זיך דערצויגן, און וואָס זי, ריווע, האָט געהאלטן פאר איר

מיצווע צולעצט זי אויסגעבן, זי כאַסענע מאַכן, און אפֿן אָרט פֿון דער אויסגעגעבענער באַלד אײַנקריגן אַ נײַע צום דערציִען.

די יעסוימע, וואָס פֿלעגט זי באַגלייטן, פֿלעגט טראָגן אַ צדאָקע־פּושקע, מיט וועלכער ריווע פֿלעגט זיך אָפּט לאָזן איבער דער שטאָט, — מערסטנטייל, צו די היגע באַלעבאַטים אָף צו קלײַבן פּאָר נויטבאַדערפֿטיקע, און אַן אַנדערשמאָל צו פֿרעמד־אָנגעפֿאָרענע סאָכ־רים, הענדלער, וואָס פֿלעגן זיך, ווען־ניט־ווען, אין שטעטל באַווײַזן.

די באַל־אַכסאַניעס פֿלעגן איר ווען די אָנגעפֿאָרענע מוידיִע זײַן, און דעמלט פֿלעגט זי זיך אַרײַנשטעלן מיט איר גאַנצער גרייס, מיטן ניט־פֿאַרשפּיליעטן ראָק, מיטן יאַמשענעם שטאָק צום אוירעך, באַ וועמען זי האָט געמיינט עפּעס קריגן, און אַ זאָג געבן נישט ווי קיין געוויינלעכע גאַבעטע מיט זיסלעכע רייד און געמאַכטע טאַכנונים, נאָר באַפֿוילעריש, גלײַך ס׳קומט איר, און דערבײַ אויך און ניט אירצנדיק קיינעם, סײַ יונג, סײַ אַלט.

— סויכער, גיב צדאָקע אָף אָרעמעלײַט.

ווער ס׳האָט, זי דערזעענדיק, גלײַך געגעבן, אָן טײַנעס, איז גוט, ווער אָבער ס׳האָט זיך געוואָלט דערוויסן, ווער זי איז, — צי סטאַם פֿון נײַגער, צי קעדיי זיך מעשאַער זײַן, וואָס פֿאַר אַ סאָרט נעדאָווע ער זאָל אויסטיילן לויט איר ראַנג, און האָט אַ פֿרעג געגעבן: „ווער זײַט איר? און אָף וואָס נעמט איר צונויף דאָס געלט?" — פֿלעגט ריווע ענטפֿערן:

— פֿרעג נישט, סויכער־מויכער, נישקאָשע, שטאָט קען מיך און ווייסט, אַז ניט איך, ניט מײַנע אָרעמעלײַט וועלן דײַן נעדאָווע ניט פֿאַרנאַשן.

אַז אַזאַ איינער האָט אַמאָל געקאַמצנט און נישט געגעבן, ווי וועדליק ריווע האָט אים געשאַצט לויט זײַן אויסזען און פֿאַרמעג, פֿלעגט זי אָף אים אַ שטרענג־מאָנענדיקן קוק טאָן פֿון אויבן ביז אַרונטער און אַ זאָג געבן:

— ברייטער! מילדער! סויכער־מויכער... צעעפֿן, צעעפֿן גאָטס בײַטל, וואָס איז ניט דײַנער...

מ׳האָט געזען, אַז מיט אַזאַ דאַרף מען זיך ניט אָנהייבן. זיך ניט קענגנשטעלן, ניט דערווידערן. מ׳האָט נאָכאַמאָל די האַנט אין קעשענע אַרײַנגעטאָן און נאָך עפּעס צוגעטראָגן צו דער פּושקע, און דעמלט פֿלעגט ריווע צושאָקלען מיטן קאָפּ מיט האַסקאָמע און ווידער צוגעבן:

— גיב, גיב, נישקאָשע, וועסט צו דײַן גאָב ניט דערלייגן.

זי פֿלעגט, באַקומענדיק וואָס געדאַרפֿט, זיך אויסדרייען מיט איר גרויסמענערישן גוף, וואָס האָט זיך שוין נישט גלײַך געהאַלטן אָף אירע פֿיס, נאָר אַ ביסל איבערגעבויגן פֿון דער רעכטער זײַט אָף דער לינקער, ווי עטוואָס צוהינקענדיק פֿון עלטער; און קוקנדיק אָף איר אַלטמאָדישן קאַפּאָר, וואָס האָט זיך געבונדן מיט צוויי בענדלעך אָף אונטער איר גאָמבע פֿון פֿאָרנט, און וואָס אונטן האָט ער אויסגעזען,

ווי א מין פרעמד־פויגלשער טשוב, האָט מען זי ארויסבאליייט אי מיט פאַרוווּנדערונג, אי מיט א ביסל שמייכלענדיקן דערעכערעץ, נישט ווייסנדיק, פאַר וואָס דער שמייכל און פונוואַנען דער דערעכערעץ...

אזוי פרעמדע. דאָס אייגענע שטעטל אָבער האָט זי גוט געקענט און זי שטארק ערלעך געהאַלטן, ווי א מין אַלגעמיינע באָבע, פון וועמען אַלע קומען ארויס, און מאַנצבלען האָבן איר דעם געהעריקן קאָוועד אָפּגעגעבן און ווייַבער פלעגן זיך צו איר קומען בענטשן.

ס'איז ניט געווען קיין כאַסענע אין שטעטל, אַף וועלכע ריווע זאָל די ערשטע כאָסן־קאַלע ניט צוווינטשעווען, קיין ברים, ווו ריווע זאָל ניט נעמען קוואַטערשאַפט, און מיט פאַרשיידענע ווייַבערשע שיַילעס און נאָך אייצעס איז מען צו איר געגאַנגען מער ווי צום ראָוו.

זי האָט דאָס אויך פאַרדינט: אי א ווווילקענענדיקע, אי אַזאַ, וואָס שטעלט אַף זיך ווי א שטאַרקער טאַקיף אין דער דייע, — האָבן דערום ווייַבער געקוקט אַף איר, ווי אַף אַן אָנפּירערן, וועמען מ'דאַרף הערן, פאָלגן און מיט איר וואָרט זיך רעכענען.

זי האָט טאַקע געשפּילט די ראָל פון אַזאַ: מ'האָט זי באַדאַרפט זען, זאָגט מען, אַמאָל טישעבאָוו אָפּדערנאַכט, צו קינעס, ווען א האַלב שטעטל ווייַבער פלעגן זיך צו איר צונויפקומען און האָבן זיך געפונען אויסגעזעצט אַפּן פאָל, מיט קאָלדרעס פאַרשפּרייט, מיט ריווען אינדערמיט, וואָס האָט אויסגעזען, ווי א קייסערן, וואָס האָט פון איר גדולע אַראָפּגענידערט — אַף א קישן, מיט א ליכט אין דער האַנט, ארויסלייענענדיק פאַר אַלע פונעם טייַטש־כומעש וועגן כורבן בייסהאַמיקדעש.

מ'האָט באַדאַרפט הערן די שטרענגע ריווע, וויִאַזוי זי לייענט, — מיט וואָס פאַר אַן אויסדריקלעכקייַט, און ווי יעדער בילד פון כורבן קומט בא איר ארויס אזוי בוילעט, ווי גלייַך ס'איז ערשט נעכטן געשען; וויִאַזוי, לעמאָשל, דער ראָשע נעוווּזאַראַדן טרייַבט די יידן, אַלט און יונג, אין קייטן געשמידט דורך דער מידבער, ווו זיי האָבן באַקומען צו עסן נאָר געזאַלצנס, און אַז זיי האָבן זיך געבעטן א טרונק, האָט מען זיי דערלאַנגט לאָגלען אָנגעפּולט מיט לופט, צו וועלכע זיי האָבן זיך דאָרשטיק צוגעכאַפּט און זייַנען געבליבן דערשטיקט; און וויִאַזוי, ווידער, אַז מ'איז געקומען צו די טייַכן פון באָוול, האָבן די פּענגער געפאָדערט בא די לעוויִים, זיי זאָלן זיי זינגען, שפּילן אַף זייערע קיילים פון די לאַנד־לידער, און וויִאַזוי די אופגעפאָדערטע געפאַנגענע האָבן זיך, ריכטנדיק דערוף, אָפּריִער די פינגער אָפּגעהאַקט, און האָבן אָפּגעענטפערט די פּענגער: „אייך נאָשיר?.. וויִאַזוי זאָלן מיר שפּילן? זעט, מיר האָבן קיין פינגער ניט"...

און דערבייַ האָט ריווע פאַר די אַף דער ערד פאַרזאַמלטע און אויסגעזעצטע ווייַבער א האַנט אופגעהויבן צום באַווייַז, און ווייַבער האָבן, קוקנדיק אַף איר, זי געזען ווי בא די לעוויִים — אַן אָפּגעהאַקטע...

אזוי אויך האָט מען זי באַדאַרפט זען אַן אַנדערס מאָל, ראָשע־שאָנע, צו די רעכטע־געדיכטע טפילעס, ווי, לעמאָשל, צום אונסאַנע־טויקעף, ווען די וואָגשאָל אין הימל וויגט זיך: אָט וועגן אַריבער די זינד, אָט די זכיִעס... צום לעבן, אָדער, כאָלילע — פאַרקערט... און ווען דאָס האַרץ באַ אַלע בעטנדיקע פאַלט אָקאָרשט נישט אַרויס פון פּאַכעד פאַרן גוירל, וואָס דאַרף אָט באַלד אָנגעצייכנט ווערן פאַר זיי, פאַר זייערע מאַנען, קינדער און אייגענע... אָט דעמלט האָט מען באַדאַרפט זען ריווען, ווי נאָכדעם, ווי זי האָט אָפּגעבעטן, וואָס גע־דאַרפט, אַליין פאַר זיך, פלעגט זי זיך אופהייבן פון אָרט באַם שטענ־דער, ווו זי זיצט, אין איר גאַנצער גרייס, און אָנגעשפּאַרט אין שטענקן, וואָס אָן אים האָט זי זיך שוין נישט געקאָנט באַגיין, האָט זי גענומען אומשפּאַנען צווישן אַלע איבעריקע שטענדערס, ווו אַלע אַנדערע זיצן; און ווי א הויכער קאָמאַנדיר, וואָס האָט צו זאָגן און צו באַפוילן זײַנע זעלנער, נעמט דערוועקן די הערצער פאַרן שלאַכט, איידער אַלעמענס מאַזל לייזט זיך, אַזוי האָט זי, ריווע, דעמלט א זאָג געטאָן אין דער הייך, אַז אַלע זאָלן הערן:

— ווײַבעלעך, הערט... קוקט זיך נאָר אַרום, צי איז נישטאָ דער מאַלעך־האַמאָוועס צווישן אײַך...

יאָ, שטאָט האָט זי געאַכטעט, און מ׳האָט איר אַנטקעגן געטראָגן אי דעם קאָוועד, אי דאָס, וואָס יעדערער האָט באַדאַרפט געבן, לויט איר פאָדערונג, קומענדיק מיט דער יעסוימע מיט דער פּושקע, לע־טויוועס אירע נויטבאַדערפטיקע, וואָס זי האָט זיך אונטערגענומען זיי צו באַזאָרגן.

זי האָט זעלטן ווען באַדאַרפט מיט עמעצן זיך דינגען, אײַנריידן, און אויב זי האָט אַמאָל באַמערקט, אַז מ׳קווענקלט זיך, פלעגט זי זאָגן:

— ...שויטע איינער... וואָס? ווילסט ניט? איז ניט!.. וועל איך פאַר דיר געבן... כ׳וויל נאָר באַ דיר די מיצווע ניט צונעמען... איך האָב גענוג...

און עמעס טאַקע, זי האָט געהאַט, ריווע. אויסער דער מיצווע פון דערציִען יעסוימעס ביז א געוויסן עלטער און דערנאָך זיי באַסענע מאַכן מיט גרויס פּאָמפּע, מיט שיינעם אויסשטײַער, מיט קלעזמער, מיט קלייקוידעש, באַ דעם אָנטייל קימאַט פון גאַנץ שטאָט באַלעבאַ־טים; אויסער דעם און אויסער אירע זאַמלונגען לעטויוועס אָפּענע אָרעמעלײַט און אויסבאַהאַלטענע יאָרדים, וועגן וועלכע קיין אַנדערע האָבן נישט באַדאַרפט וויסן; אויסער דעם, האָט זי געהאַט נאָך איינע א מיצווע — צו באַלייטן אַף א יִדיש־לײַטישן אויפן אַן עלנטן מעס, אָן קינדער, אָן קרויווים, ווי א פאַרוואָגלטן לאַנד־גייער, וואָס די יאָרן זײַנען אים אויסגעגאַן דאָ אין שטעטל, און וואָס אויסער איר, ריווען, איז ניט געווען, ווער ס׳זאָל זיך מיט אים מעטאַפּל זײַן.

דעמלט האָט מען זי געקאָנט זען אָן דער יעסוימע, אליין, מיטן זעלבן נישט־פארשפּיליעטן ראָק, מיטן שטאָק און מיטן קאפּאָר, טראָגנדיק א פּאָר זילבערנע, אויסגעשייַערטע לייַכטער פון פייַנער מעלאָכע, מיט א ברייטלעכן געשטעל און פארשיידענע באפּוצונגען. זי פלעגט קומען צום מעס, וועגן וועלכן כעוורע־קאדישע האָט איר אפּריִער צו וויסן געטאָן, אָנצינדן ליכט אין זיי, זיי אוועקשטעלן צו־קאָפּנס באם מעס, און איידער מ׳האָט דעם מעס זייַן רעכט געטאָן, פלעגט זי ארום אים ארומגיין און אויך באווייַנען, ווי מ׳דארף.

אז מ׳האָט זי דערזען גיין מיט די לייַכטער, האָט מען געוווּסט, אז אין שטאָט איז א מעס־מיצווע, צו וועלכן ס׳האָבן זיך צוערשט גענומען קלייַבן ווייַבער פון פארשיידענעם עלטער, דערנאָך אויך מאנצבלען, ביז צום סאָף האָט זיך שוין אָנגעקליבן אזא אוילעם, אז די לעווייַע איז אלע מאָל, אין אזא פאל, געווען א סאך א גרעסערע אפילע ווי בא א מערסט־באַוווּסטן טוישעוו אין שטאָט.

אגעוו, מ׳דארף זאָגן, אז אָט דאָס צוגויפגיין זיך פון גאנץ שטאָט צו דער לעווייַע פלעגט פּאָרקומען ניט אזוי פון דערעכערעץ פארן מעס, ווי פון דערעכערעץ פאר די זילבערנע לייַכטער, וועלכע ריווע האָט פייַערלעך געטראָגן, ווי א מין היילִיקייַט, וואָס איז איר אמערסטן טייַער.

און טאקע: דאָס זייַנען געווען די לייַכטער פון איר פאָטער יאָסל בונציעס, וואָס פארן טויט האָט ער זיי אָפּגעשריבן דעם מאן פון ריווען, פון זייַן איינציקער טאָכטער, ער זאָל זיי האָבן אָנגעצונדן אלע מאָל באם לערנען, וואָס נאָר מיט דעם איז ער געווען באשעפטיקט, נישט וויסנדיק פון קיין אנדער טועכץ.

ער איז געווען א צאצקע, אן אויסגעשפּילטע קיילע, לויט דער פרום־פּארצייַטיקער פאָרשטעלונג, ריוועס מאן, און יאָסל בונציעס האָט אף אים אי די וועלט אי יענע אויסגעשטעלט. די וועלט, ווען יענער וועט אים זייַן א לעבעדיקער קאָוועד, און יענע, ווען יאָסל בונ־ציעס האָט זיך דערמאָנט, וויִאזוי זייַנע לייַכטער וועלן טאָמיד זיך געפינען פאר די אויגן פון דעם, וואָס איז פארטאָן אין טוירע, פון וועלכער ער טוט ניט אָפּ זייַן אויג און מויל ניט באטאָג, ניט בא־נאכט, ניט קימאט קיינמאָל.

אָט די לייַכטער פלעגט יאָסל בונציעס זיך דערלויבן אויסנוצן נאָר ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער, מאכמעס זייער גאָר גרויסער כשי־וועס, און דעם איידעם האָט ער זיי געגעבן, זיי זאָלן אים א גאנץ גייענדיק יאָר דינען.

כאָטש יאָסל אליין איז אויך ניט געווען קיין אבי־ווער, קיין קאטלע־קאניע, ווי מ׳זאָגט, כאָטש ער אליין אויך א מענטש פון דאוונען און לערנען, דאָך אָבער איז ער זייַן מערסטע צייַט געווען פארנומען מיט עפּעס אנדערש, האָבנדיק צו טאָן מיט פּריצים, פון וועלכע ער האָט געצויגן זייַן פארמעגלעך־נעגידישע כאיונע, ליפערנדיק זיי וואָס

זיי דאַרפן צו זייער פּריצישן געברויך, און אָפּקויפנדיק בא זיי, וואָס אין זייער פעלד־ און וואַלד־ווירטשאַפטן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַף מיסכּער.

ער, יאָסל בונציעס, איז אויך געווען פון דער זעלבער גרייס און וווקס, ווי זײַן טאַטער ריווע: א מענטש א מאַשין, מיט א היפּשן שטעל און ברייטער דייע צווישן זײַנע שטעטלשע אײַנוווינער און קאָהאָל, און א ביסל מיט א קלענערן שטעל, פאַרשטענדלעך, צווישן פּריצים, צו וועלכע ער האָט באַדאַרפט אָנקומען און וואָס מיט זיי האָט מען זיך געמוזט האַלטן געשטילטער און מיט ווייניקער טראָץ און טקיפעס. דאָך האָט ער זיך אויך צווישן יענע נישט געפילט קיין ניכנע, נישט אָפּהענגיק, גלײַך ער שטייט נישט אין זיי, — ווילן זיי, איז גוט, נישט, איז נישט, — און זײַן וואָרט, דאָס הייסט זײַן פּרײַז, וועלכע ער האָט אַלעמאָל פאָרגעלייגט סײַ באַם קויפן, סײַ באַם פאַרקויפן, האָט ער קיינמאָל ניט געענדערט, גלײַך ווי ס'זײַנען גאָר קיין אַנדערע קויפער־פאַרקויפער, קיין קאָנקורענטן ניטאָ.

מ'האָט אים דערום ערלעך געהאַלטן און געהאַט צו אים גרויס צוטרוי, האַנדלענדיק מיט אים אַף נעמאָנעס, דאָס הייסט ווען ער האָט אַפּריִער אויסגערעדט, אַז אַזויפיל שטעלט ער זיך צו פאַרדינען בא דער קניִע אָדער מעכירע, און אויב מ'באַשטייט ניט, איז ניט, איז ער גרייט אָפּטרעטן זײַן אָרט און כּאַזאָקע פאַר דעם, וועמען פּריצים האַלטן מער ערלעך...

מ'האָט אים אויסגעטיילט צום בעסערן פון אַלע אַנדערע, האָבנדיק א לעבן־לאַנג געשעפטן בלויז מיט אים, און ווען אַן אַלטער פּאַרעץ האָט באַדאַרפט פון דער וועלט גיין, פלעגט ער פאַרן טויט אָנזאָגן זײַן זון, דעם יוירעש, אַז נאָר מיט אים, מיט אָט דעם יאָסלען, וואָס ער קען אים און איז פאַר אים אָרעוו, זאָל ער ווײַטער די געשעפטן פירן.

ס'איז דערגאַן אַזוי ווײַט דער צוטרוי און דאָס גוטגענייגטקײַט צו אים, אַז אַלעמאָל האָט מען אים אין פּריצישע הויפן אַף יאָמטובים, אַף כּאַסענעס און בעלער פאַרבעטן; און, פאַרקערט, האָט מען פון אים געפאָדערט, אַז טאָמער מאַכט זיך בא אים א סימכע, זאָל ער אומבאַדינגט און לעמאַנהאַשעם אויך זיי זען אײַנלאַדן, ווײַל אַנדערש וועט דאָס הייסן, אַז ער באַליידיקט זיי און שטויסט אָפּ זייער גוטפרײַנטשאַפט.

פון נויט און לעפאָנעם האָט עס יאָסל טאַקע אַמאָל געמוזט טאָן: זיי אײַנלאַדן... און באַזונדערס האָט ער דאָס געמוזט, ווען ער האָט כּאַסענע געמאַכט זײַן איינציקע טאָכטער ריווקען פאַר דעם געבענטשטן אײדעם, פאַר דער אויסגעשפּילטער קיילע, וואָס ער האָט אַרײַנגעכאַפּט, און ווען ער, יאָסל, איז זיך דעמלט ווילד צעגאַן אין זײַן גדולע (ווײַל וואָס נאָך אַנדערש האָט ער צו דערלעבן, אויסער זײַן איינציקע טאָכטער, זײַן באַסיעכידע אויסגעבן); דעמלט, ווען ער

האָט אויסגעבויט א שאַלאש פאר גאנץ שטאָט, פאר יונג און אלט, אָן אויסנאם; אראָפּגעבראכט עטלעכע קאפּעלעס קלעזמער, וועלכע האָבן געשפּילט זיבן־אכט טעג דורכאנאנד, גלײַך אלע טאָג וואָלט זײַן כא־סענע, דעמלט, ווען אזא סימכע איז ניט אויסצובאהאלטן געווען ניט נאָר פאר שטאָט, נאָר אפילע פאר דער ווײַטער סוויווע ארום; דעמלט האָט יאָסל אוואדע געמוזט אויך זײַנע באקאנטע פּריצים־קונדן אײַנ־לאדן, וואָס זיי, פון זייער זײַט, האָבן זייער גערן זײַן אײַנלאדונג אָנ־גענומען, קומענדיק מיט דער גאנצער פּריציש־צעלייגטער ברייט — מיט קאטשן, מיט עקאָנאָמען, מיט הינט, אויך מיט פּאניטשעס און פּאניענקעס, קעדיי צו דערפרייען דעם ייִד־ליפעראנט, וואָס איז זיי ליב און זיי ווילן אים ארויסווײַזן אכטונג.

מאָלט אײַך, יאָסל האָט, כויץ אכטונג, געהאט אויך גענוג צאָרעס פון זיי, פון אָט די פּריצים־מעכוטאָנים, וועלכע האָבן, עמעס, מיטגע־בראכט גאנצע פּעק מאטאָנעס, דראָשעגעשאנק, ווי טײַערע געוואנטן, פײַנע כפייצים אין די פּודן; אָבער דערפאר האָט יאָסל אלע מאָל גע־מוזט פון זײַנע אייגענע זיך אָפּרײַסן און א קוק טאָן צו זיי, וואָס מ׳האָט זיי אויסגעטיילט א באזונדער טיש, זען, אז ס׳זאָל דאָרט גאָר־ניט פעלן, מ׳זאָל זיי באדינען אפן בעסטן אויפן און זיי זאָלן זיך פילן קאָנטעט.

באזונדערס האָט ער געהאט גרויס ערגער, יאָסל, ווען שפּעט שוין, ביים דער כופּע־וועטשערע, ווען פּריצים האָבן זיך צעהוליעט פון היפּש געטראנק, וואָס זיי האָבן ארײַנגעכאפּט, און ס׳האָט זיך זיי פארוואָלט טאנצן, און דאפקע ניט איינס מיט איינס, פּאָרעץ מיט פּאָרעץ, נאָר מיט ייִדישן קאָהאָל, דאָס הייסט מיטן ראָוו, מיטן שוי־כעט, מיט כאָסן־קאלע, און אליין מיטן מעכוטן, מיט יאָסלען בעראָש.

יאָסל האָט געמוזט נאָכגעבן, בעטנדיק דעם ראָוו, ער זאָל מיפּניי דארקע שאָלעם — צוליב ניט דערגאזענען, הייסט עס, קיין פּריצים, מאסקים זײַן זיי א האנט געבן און גיין מיט זיי אין איין רעדל.

פּריצים האָבן געלאכט, טאנצנדיק מיטן ראָוו, מיטן שויכעט, מיט כאָסן־קאלע און מיט יאָסלען אליין, אָבער דער ראָוו האָט דערנאָך, באהאלטענערהייט, די הענט געריבן, גלײַך זיי וואָלטן זיך אים לאנג געפונען אין א קלעם; אויך דער כאָסן האָט זיך געפילט גאָר נישט דוימע לעמעלעך, נאָר ווי א פארלוירענע שאָף, האלטנדיק זײַן האנט אין א פּריצישער, און יאָסל אליין האָט געדאנקט גאָט, ווען ס׳האָט זיך געענדיקט און דער פּריצישער קאפּריז איז אראָפּ בעשאָלעם...

די כאסענע איז אריבער, ווי ס׳דארף, און יאָסל האָט אוואדע נאָך מער געדאנקט גאָט, וואָס ער האָט אויסגעגעבן די טאָכטער פאר דעם, וואָס ער האָט געוואָלט, און וואָס קיין גרעסער גליק האָט ער זיך גאָר ניט געווונטשן: אן איידעם א מײַדים, א קאָוועד און קרוין אף דער וועלט און א זכוס אף יענער, וואָס גלײַך ווי ער האָט אים ארײַנגעקריגן, האָט ער שוין גענומען טראכטן, מיט וואָס אים צו

באלוינען פֿונעם בעסטן, וואָס ער פֿארמאָגט, און איז געקומען צום גדאנק, אז דאָס בעסטע וואָלט זײַן, אז וויפֿל אים, יאָסלען, איז באשערט צו לעבן, זאָל ער זען טאָן, אז יענער, דער איידעם דער מײַדים, דער וויל־לערנער און צאצקע, זאָל נאָך זײַן טויט פֿארשפּאָרן זיך פֿארנעמען מיט דעם, וואָס ער, יאָסל, דאָס הייסט האנדלען מיט פּריצים, וואָס דאָס וועט אים שטערן צו זײַן בארוף.

ער האָט טאקע אזוי געטאָן די לעצטע יאָרן — ראק געזאמלט לעטויוועס דעם, וואָס האָט געזאָלט זײַן געביין פֿארבײַטן און ציִען דעם שנור פֿון זײַן דווירעסדיקן קיִעם, אופֿשטעלנדיק א נײַעם דאָר...

עמעס, צו דעם האָט ער ניט זויכע געווען — ניט בא זײַן לעבן, אויך ניט נאָך זײַן טויט: זײַן טאָכטער ריווע האָט קיין קינדער ניט געהאט, — צי ווײַל זי איז געווען צו גרויס, צי ווײַל איר מאן צו קליין, דאר און באנומען... נאָר דערפֿאר אָבער האָט ער יאָ זויכע געווען צו זען, וויִאזוי זײַן ציטעריקע אכטונג צום איידעם האָט זיך אויך זײַן טאָכטער איבערגעגעבן, און ער איז געווען זיכער, אז זי וועט אים ניט אָפּהאלטן פֿון צו גיין אינעם דערעך, וועלכן יענער האָט זיך אויסגעקליבן, נאָר, פֿארקערט, זי וועט טאָן אלץ, ווי גלײַך ער, יאָסל, אליין, אז יענער זאָל פֿון אים ניט אָפּקערן.

ער האָט זיך געהאט אף וועמען צו פֿארלאָזן, זעענדיק, ווי זי, די טאָכטער ריווע, קוקט דעם איידעם אין מויל, ווארטנדיק אף זײַן יעדער וואָרט, וואָס איז בא איר ווי הייליק, קוקנדיק אים אויך אין די אויגן, ווי וועלנדיק פֿארלויפֿן פֿאר יעדער זײַן באגער, איידער ער רעדט אים נאָך ארויס, ווי א מוטער, וואָס ווייסט די צײַט, ווען ס׳קומט דעם קינד זויגן...

נו, און אז יאָסל בונציעס האָט דאָס דערזען, האָט ער געהאלטן זײַן שעליכעס אף דער וועלט פֿאר פֿארענדיקט. באזונדערס נאָך, ווען ער האָט שטילערהייט זײַן כעזשבן קסאָפּים געמאכט און זיך איבערצײַגט, אז נישט זײַענדיק קיין מענטש פֿון אייסעק, וועט דאָך דעם איידעם אף לאנג און גענוגנד קלעקן אליין דאָס, וואָס ער, יאָסל, האָט באוויזן אָנצוזאמלען.

ער האָט ניט לאנג געקרענקט. ער איז די גאנצע צײַט פֿארן טויט געווען באם קלאָרן זינען, און צולעצט, שרײַבנדיק זײַן צוואָע, און טראכטנדיק וועגן דעם, וואָס נאָך אזוינס פֿון זײַן בעסטן זאָל ער לאָזן דעם איידעם אף געדעכעניש, האָט ער זיך דערמאָנט אין די לײַכטער, וואָס זײַנען צו אים, ווײַזט אויס, פֿון א כאָשעוון פֿאָטער אָדער זיידן אריבער, און ער האָט אָפּגעזאָגט דעם איידעם, נישט קוקנדיק דערוף, וואָס די פּניי, וועלכע זײַנען בײַגעווען בייס שרײַבן די צוואָע, האָבן אים אונטערגעזאָגט, ער זאָל זיי לאָזן אף אוילעמעס, אָפּן שטאָטישן בעסמעדרעש, ווּ זיי וועלן זײַן א שטענדיק שײַנדל שאבעס־יאָמטעוו אָפּן אָמעד.

— נישקאָשע, — האָט יאָסל אָפּגעענטפערט די פּניי, — מײַנער איז אליין א שטיקל אָמעד, — און דאָס האָט ער געמיינט דעם אייִדעם, אף וועלכן ער האָט זיך אויך פארלאָזט, אז יענער וועט בא דער שײַן פון ליכט אין זײַנע לײַכטער, כאָלילע, קיין פּאסלאָנעס ניט טאָן...

ער איז געשטאָרבן. שטאָט האָט אים ווי געהעריק באלייט, באקומענדיק היפּש אָפּגעשריבן אף אלערליי צדאָקע־כעוורעס מיט א פולער האנט; היפּש אָפּגעשריבן האָט, נאטירלעך, באקומען אויך זײַן טאָכטער ריווע, וועלכע ער האָט באזאָרגט מיט אלעם פארמעגלעכן, מיט א הארכאָוועדיקער שטוב און גאָרטן אף א פּאָרנעמען פלאץ, ווי אויך מיט קליי־באָיִם, בגאָדים און געלט מעזומען אין א גאנץ גענוגנדיקער מאָס; און אוואדע האָט ער באזאָרגט אויך זײַן אייִדעם — ערשטנס, מיט זײַן טאָכטער ריווע פאר א ווײַב, וועלכע האָט אים די טריט געהיט, ווי א בעניאָכיד, א טײַערוניע; און צווייטנס, מיט אלעם דעם, וואָס אזא איינער נייטיקט זיך פון קעמאך, דאָס הייסט פון מאטעריעלן אויסהאלט, וואָס אָן דעם קאָן דאָס טוירע־לערנען ניט צו שטאנד קומען. ער האָט אים אויך באזאָרגט, ווי געזאָגט, מיטן סאמע בעסטן פון זײַן פארמעג — מיט די לײַכטער צו זײַן טוירע, וואָס יעדער אייִנער, ווער נאָר ס'האָט געוואָלט, האָט זיי אלעמאָל אין אָוונט געקאָנט זען ברענען און ארויסשײַנען פון די פענצטער פון דער שטוב, וווּ ער, יאָסלס אייִדעם, זיצט און לערנט... נו, און מער האָט יענער דאָך ניט געדארפט: האָבנדיק אלץ צו זײַן אויסקומעניש, האָבנדיק אזא גרויס ווײַב ווי ריווע, א מענטש א מאשין, וואָס האָט אים נאָכגעקוקט און געקעכלט, ווי א קינד, און האָט זיך שטילערהייט גערימט מיט זײַן צערטלעכקײַט און פײַנקײַט, פאר וועלכן זי איז איר פאָטער גרויס דאנקבאר געווען... יאָ, און אויך ריווע האָט זיך מער ניט געווונטשן. כאָטש איר טראכט איז געבליבן געשלאָסן, האָט זי זיך אָבער באנוגנט אליין מיט דער בראָכע פון איר מאן, וועלכער האָט איר פארביטן א קינד — נישט איינס, נאָר פיל, וועלכע זי האָט געקאָנט געבוירן...

אינגיכן אָבער האָט זי אויך אים אָנגעווירן, צי פון וויניק עסן און פיל לערנען איז ער אין זײַן שלאפקײַט ארײַנגעפאלן, צי ער האָט עס געהאט נאָך באָכערווײַז און פון טאטע־מאמעס היים מיטגעבראכט. ער האָט אויך לאנג ניט געצויגן און איז אוועקגעשטאָרבן, איבערלאָזנדיק ריווען א יונגע אלמאָנע, א באזאָרגטע מיט אלץ, אָבער אָנעם איקער, אין וואָס א מענטש נייטיקט זיך — אָן זין פארן ווײַטערדיקן קיִעם.

— פארוואָס?

— ווײַל ווען אן אנדערע אף איר אָרט, בא איר יוגנט־שטאנד און פארמעגלעכקײַט, וואָלט, נאָך א צײַט טרויערן אפן מאן, זיך געלאָזט ריידן מיט א צווייטן, זיך צונויפגיין, און זיך אופירן, ווי גאָט האָט געבאָטן. זי אָבער — ניט. זי האָט אפילע, נאָך לאנגן טרויערן,

קיין שאַדכנס פוס אף איר שוועל נישט געלאָזט אַרופטרעטן, נישט געוואָלט הערן; און ווען מ׳האָט אף איר אַמאָל אָנגעשיקט אַ זייער בעקאָוועדיקן, וועמען זי האָט געמוזט אויסהערן און אים נישט געקאָנט אָפּטרייַבן מיט אומקאָוועד, ווי, אַשטייגער, דעם ראָוו פון שטאָט, וועמען שאַדכאָנים האָבן אייַנגערעדט, ער זאָל זיך אַרייַנמישן אין אייסעק, אי מאַכמעס מיצווע, אי מאַכמעס ער וועט באַקומען אַ טייל פון שאַדכאָנעס, — האָט זי, ריווע, אים אַוואַדע אויסגעהערט, און די גאַנצע צייַט מיט גאָרניט ניט דערווידערט; נאָר לעסאָף, אַז יענער האָט געגלייבט, אַז אָט־אָט האָט ער שוין געפּועלט, אָט־אָט באַשטייט זי, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ניין, רעבע, כ׳טו דאָס ניט.

— פאַרוואָס?

— כ׳וויל ניט... — און דעמלט האָט ריווע צום ערשטן מאָל, דאַכט זיך, געקריגן איר שטרענג־שאַרפן טאָן, וועלכער איז איר דערנאָך שוין אפן גאַנצן לעבן אייגנטימלעך געבליבן, און זי האָט זיך דערלויבט אָפּענטפערן דעם ראָוו קימאַט מיט די זעלבע ווערטער, ווי איינעם אַ טאַנעס אַ ווייַב, וועגן וועלכער זי האָט ערגעץ אין אירע ווייַבערשע ספאָרים אויסגעלייענט, אַז ווען דער באַוווּסטער רעב יעהודע האַנאָסי האָט, נאָך איר געליבטן מאַנס טויט, געשיקט צו איר און איר פאָרגעלייגט, זי זאָל פאַר אים כאַסענע האָבן, האָט געענטפערט: ניין, די קיילע, וואָס מ׳האָט גענוצט אף קוידעש, זאָל ניט אויסגענוצט ווערן אף כאָל, וואָס דאָס האָט געהייסן, אַז זי, ריווע, וועט אירן אף קיינעם ניט פאַרבייַטן, זי וועט ניט כאַסענע האָבן, און זאָל דאָס אַפילע זייַן, ווי דער ראָוו זאָגט, קעגן דין, קעגן מינהעג און קעגן וואָס ס׳ווילט זיך...

זעענדיק, אַז זי וועט איר באַשלוס ניט ברעכן, איז מען שוין צו איר מער ניט צוגעשטאַנען און איר קיין שידוכים ניט פאָרגעשלאָגן, כאָטש באַלאָנים אף איר האָבן ניט נאָר באַלד נאָך איר מאַנס טויט, נאָר אויך אַ סאַך שפּעטער אין אַ היפּשער צאָל זיך געפונען.

זי איז פאַרבליבן אַן אַלמאָנע, און זייַענדיק מיט אַלץ באַזאָרגט און ניט האָבנדיק, ווו איר צייַט און פרוויַש־מוטערלעכן געמיט אַהינצוטאָן, האָט זי זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט צדאָקע־זאַכן, ווי מיט דערציִען יעסוימעס, מיט זאַמלען נעדאָוועס אף ווויִלטעטיקע צוועקן, און שטילערהייט פלעגט זי פון צייַט צו צייַט אַ פאַרבאַהאַלטענעם קוק טאָן אף די לייַכטער, באַ וועלכע איר מאַן האָט אַלעמאָל געלערנט און זייַן מאַנצבלשע צייַט פאַרבראַכט...

אָט די לייַכטער האָבן איר געדינט אי ווי אַ דערמאָנונג אין דעם, וואָס זי האָט אָנגעווירן, אי אַ מין באַזיניקונג פאַר איר אַלטעגלעכן טאָן און טראַכטן. זי האָט זיי אויסגענוצט, ערשטנס, צום ליכטבענטשן, אָפּרוקנדיק אין אַ זייַט, אף אַ מער וואָכעדיקער מאַדרייגע, יענע, אין וועלכע זי האָט בייַם איר מאַנס לעבן געבענטשט, און

ווידער האָט זי זיי אויסגענוצט אױף א כעסעד שעל עמעס, דאָס הייסט ווען זי האָט באַדאַרפט טאָן דעם לעצטן כעסעד מיט א מעס, ביפראַט מיט אן עלנטן, קומענדיק און שטעלנדיק זיי אים צוקאָפּנס.

שטאָט האָט געוווּסט דערפון, און דערפאַר, ווען מ'פלעגט זי זען גיין מיט זיי, האָט זיך בא אַלעמען אופּדערוועקט אי דער דערעכעד־רעץ, אי דאָס מיטגעפיל פאַר איר יוגנט, וועלכע זי האָט געאָפּפערט, נישט קאָנענדיק זיך שיידן מיט דעם, וואָס וועט זיך שוין נישט אומקערן.

א יונגער דאָר איז אופּגעשטאַנען, וואָס האָט זיך שוין הינטן־ארום אמאָל דערלויבט א לייַכטזיניקן לאַך טאָן פון ריווען — פון איר יאַמשענעם שטאָק, פון איר ברייט־צעשטעלטן גאַנג, ווי בא אן עפּיס־קאָפּ, און ביכלאַל פון איר אַלטפרענקישן אָפּגעלעבטן מעהוס, אָבער דאָך האָט אפילע בא יענע נישט געקלעקט די האָזע דאָס קליין ביסל גרינגשעצונג ארויסצוווייַזן אָפן, און פאַרקערט, אפילע אָט די יוגנט־לעכע, ווען מ'האָט זי דערזען, פלעגן איר דעם וועג אָפּטרעטן, דעם גוטמאָרגן אונטערטראָגן, און ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אירער א לעוויַע, צו וועלכער זי האָט זיך באַוויזן מיט די לייַכטער, האָט קיינער אפילע פון אָט די יוגנטלעכע, צי גערן, צי ניט גערן, זיך ניט אָפּגעזאָגט פון צו איר צושטיין.

אָפּגערעדט שוין פון די עלטערע, בא וועמען ריווע איז געווען ריווע, אן אַלעמען באַוווּסטער יעש, מיט איר שטאַם און געשיכטע, וועלכע מ'האָט גוט געדענקט, אָנהייבנדיק פון איר טאַטן, דעם גרויס־ערלעכן מאַן, דעם פריצישן נעמאָן, און ענדיקנדיק מיט איר אויסגע־שפּילטן באַשערטן, וואָס איז איר נאָך קורצווייַליק באַשערט געווען, און וואָס געבליבן איז איר פון אים בלויז אָט דאָס גערעכעניש, פאַר־געשטאַלטיקט אין אָט די לייַכטער.

און שוין. און דאָ רייַסט זיך מיטאַמאָל איבער די געשיכטע פון ריווע יאָסל בונציעס און גייט איבער פון טיף־פאַרוואָרצלטן, אייַנ־געפונדעוועטן שטייגער צו נישט־פאָרויסגעזעענעם, נישט געדאַכטן בראָך...

* * *

אז די היטלעריסטן זייַנען, בייסן אָנגריף אױף פוילן, אַרייַן אינעם שטעטל, ווו ריווע יאָסל בונציעס האָט געוווינט, זייַנען זיי זיך באַגאַנ־גען, ווי אומעטום, אין אַלע פּויליש־יידישע יישוּווים. צוערשט אויס־נאַם־געזעצן און דערנידערנדיקע פאַראָרדענונגען, ווי, לעמאָשל, אז ייִדן טאָרן ניט גיין אױף די טראָטוארן, נאָר אין די מיט־גאַסן, אי דאָס מיט א געוויסן צייכן, וואָס האָט זיי אויסגעטיילט צום ערגערן פון די ניט־ייִדן; דערנאָך פאַרשיידענע רעקוויזיציעס אין דער פאָרם פון זעלבסטבאַשטייַערונגען, וואָס דער דערוף באַשטימטער ייִדן־ראַט האָט

באדארפט מיט די אייגענע הענט דורכפירן, — לעכאטכילע, קלווי־מערשט, אף צו באפרידיקן די באדערפענישן פונעם מיליטער, וואס קומט און גייט פארביי, און שפעטער אויך פאר דער הי־שטאטישער, איינגעשטעלטער מאכט, וועלכע האט זיך געבילדעט פון ארטיקע, פארעטערישע פארשוינען, אין שפיץ און אונטער דער אנפירונג פון איבער זיי שטייענדיקע באאמטע פון דער געוויסער הארדע ס. ס.

שפעטער האט מען פארטריבן די יידן אין געטא, דאס הייסט אין א קליינעם קווארטאל פאר זיי אויסגעטיילט, קעדיי זיי זאלן, ערשטנס, זיך פילן דערשטיקט, ווען מענטשן וועלן באקומען א נישטיקן טייל וווין־שעטעך פון דעם, וואס ס'פאדערט זיך געוויינלעך, און וואס אדאנק דעם מערט זיך שמוץ, אומריינקייט און אלערליי שיפלעם, — די פאלגן פון ענגשאפט; און צווייטנס, קעדיי מ'זאל האבן די געהעריקע אופזיכט איבער זיי און קאנען בעסער פירן דעם דיסקאנט פון דעם, וואס מ'קאן פון זיי ארויסקוועטשן.

מ'איז שוין אנגעקומען אין געטא האלב־באנומענע און מער פון האלב־בארויבטע, אבער דאס מויל פון דער מאכט און פון די, וואס זיינען צו איר צוגעשטאנען, איז געווען אזוי גיריק, אז וויפל מ'האט אין דעם ניט ארײַנדערלאנגט, איז געווען וויניק.

מ'האט אלעמאל אלץ אפסניי געפאדערט וועש, בעט־צייג, בגאדים, שיך; אויך עסנווארג — אזויפיל און אזויפיל פלייש, צוקער, האניק, וואס אין געטא איז עס שוין נישט געווען צו קריגן, סיידן דאס איינהאנדלען אף טײַערע פרײַזן בא דער ארומיקער פויערשער באפעלקערונג פאר געלט מעזומען, פאר גאלדענע כפייצים, פאר רינגען, זייגערס אא., וואס ווו, בא וועמען זיי האבן זיך ניט געפונען האט דער יידן־ראט געפאדערט, מ'זאל זיי ארויסציען, לעטויוועס האקלאל, אניט, כאלילע, וועט מען צאלן מיט נעפאשעס.

מ'האט זיך אויסגעבײַטלט ביז לעצט, און ביז מ'האט אפילע געלאזט ארויסטראגן דאס מעבל פון די הײַזער, וואס די בעסערע טייל דערפון איז ארײַנגעפאלן צו די מער מאכטהאבער, און דאס, וואס פון א ווינציקערן ווערט — צו שמאנטיע־דראנטיע, דאס הייסט צו א סטרוזש, אדער צו א ביליקן באאמטן פון מאגיסטראט, ווו זיי האבן זיך געשטעלט צו דינסט, וועלנדיק אפלעקן א ביינדל פונעם רײַך־רויבערישן טיש...

געגעבן האבן אלע, וועמען נאר מ'האט באשטײַערט, סײַ רײַך, סײַ ארעם, און נאטירלעך, אז אויך אזא, ווי א ריווע יאסל בונציעס, איז ניט געווען קיין אויסנאם. פארקערט: זי, וואס איר אלט־פארפונדעוועטע הארכאוועדיקע שטוב, מיט די פיל צימערן, מיטן פײַנעם גארטן, האט זיך גראד געפונען אין יענעם קווארטאל, וועלכער איז אויסגעטיילט געווארן פאר דער געטא; זי, ריווע, וואס האט צוערשט, פון עלטער, א ביסל נישט פארשטאנען, וואס דא געשעט, נישט גע־דענקענדיק אזוינס נישט פון איר צײַט און נישט הערנדיק פון ענלע־

בעם צו דעם פון אירע עלטערן; זי, ריווע, אז זי האָט אויך שפּעטער מער דערפילט, ווי פאַרשטאַנען, דעם גזאַר, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אַף די איריקע פון עפּעס א נייעם מין נעוווזאַראַדן, וועגן וועלכן זי האָט געהאַט — עמעס, אַן אַלטמאָדישע, אָדער דאָך א ריכטיקע פאָר־שטעלונג; — אַז זי האָט דאָס דערפילט, האָט זי צוערשט געטאָן, ווי א באַלעבאָסטע פון א הויז, אַף וויפל ס'איז איר געבליבן רעכט פון א באַלעבאָסטע: זי האָט אַרייַנגענומען וואָס מער און אייַנגעאָרדנט וואָס בעסער אַלע די, וועלכע זייַנען געצווונגענערהייט פון זייערע היימען אַרויסגעיאָגט געוואָרן, לאָזנדיק פאַר זיך און פאַר איר יעסור־מע נאָר א קליין ווינקל, ווי ווערדליק ס'איז איר, לויט דער פאַראָר־דענונג, געקומען. און דערנאָך, אַז ס'האָבן זיך א שאָט געטאָן די באַשטייַערונגען איינס נאָך איינס, איז אוואַדע אויך זי ניט אָפּגעשטאַנען פון צו געבן, וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט בא איר נעמען — פון כפּייצים, פון בגאָדים, פון וועש, וואָס האָט זיך בא איר, פון אומגעברויך, פון לאַנגע יאָרן, נאָך פון איר פאָטערס צייַט אויס־געפאַרהיט.

זי האָט נאָך מער געגעבן: זיך אַליין, דאָס הייסט איר אָנוועזנ־הייַט, וואָס האָט אַלעמען געדינט פאַר א טרייסט, ווי א באָבע, וואָס זי אַליין דאַרף שוין ווייניק און וואָס איר גאַנץ זעליש גוטס איז געווידמעט קינדער און אייניקלעך, און אין דעם פאַל איז דאָס געווען די גאַנצע שטאָט, וואָס האָט זיך אין דעם גענייטיקט.

ווונדערלעך, ווי נאָר ס'האָט געטראָפן, ווי נאָר די צאָרע האָט אַלעמען אין דער געטאָ־ענגעניש צוזאַמענגענומען, אַזוי האָבן אַלע, באַזונדערס פרויען, גענומען קוקן אַף ריוועגן טאַקע ווי אַף אַזא, ווי אַף א באָבען, ווי אַף א סאַמע אייגענער, פאַר וועמען מע קאָן זיך קומען קלאָגן, זיך אויסריידן.

ס'האָבן דאָס געטאָן, קומענדיק צו איר, עלטערע פרויען, יינגערע, און אַפילו גאָר יונגע, קוקנדיק אַף איר יאַמשענעם שטאָק, — אַף איר ראָק, וואָס מ'האָט פון דערעכערעץ אַף איר לייַב נאָך געלאָזט, ווי אַף א לעבעדיק־שיצנדיקער קאַמייע, ווי אַף א פאַלקס־מוטער, וואָס לעבן איר פילט מען זיך עפּעס זיכערער, געשיצטער.

זי פלעגט אויסהערן, ווען מ'האָט איר דערציילט פון פּאָליטיק, אַרויסלייענענדיק פון די צייַטונגען, ווער ס'איז דער נייַער האָמען, וואָס האָט פאַרטראַכט אַזויפיל שלעכטס אַף יידן, און אויסהערנדיק, פלעגט זי א שטילן, זיכערן ברום טאָן:

— נישקאָשע, יענעם האָט מען געהאַנגען, דעם וועט מען אויך.

— אוי, ריווע, מ'זעט נאָך אָבער דערווייַל ניט.

— וואָס כאַפּסטו? — פלעגט זי ענטפערן. — די טליע איז הויך, און ס'דאַרף כאַפּן צייַט, ביז ער וועט אהין אַרופקומען...

די רעקוויזיציעס דערווייַל האָבן אַלץ ניט אופגעהערט. מ'האָט פון געטאָ־אוילעם געצויגן די קליי, פאָדערנדיק, וואָס אַמאָל, אַלץ מער

אזוינס, וואָס אפילע די גרעסטע פּרעס איז שוין נישט אימשטאַנד געווען דאָס ארויסבאַקומען, סײַדן מ'זאָל נאָך אויסטאָן די טאַכריכים באַ די מייסים.

ס'איז שוין באַ קײנעם גאָרניט ניט געבליבן. אויך באַ ריווע יאָסל בונציעס — נישט, אויסער נאָר אירע צוויי זילבערנע לײַכטער, וועלכע זײַנען צו איר פֿון איר טאַטן און מאַן איבערגעגאַן, און מיט וועלכע זי פֿלעגט טאָן דעם געוויסן כעסעד מיט אַן עלנטן מעס, און וועלכע זי פֿלעגט ביז אַהער, ביז דאָס אָנשיקעניש איז ניט געשען, אין זיי ליכט בענטשן.

איצט — ניט. איצט האָט זי זיי אויסבאַהאַלטן... זיך מיט זיי קײנמאָל ניט ארויסבאַוויזן, און אפילע דאָס בעסטע באַהעלטעניש האָט איר אויסגעזען קאַרג און ניט־זיכער, ביז זי האָט זיי, לעסאָף, צו זיך, אַף איר עלטערלעכן, שוין שלעכט־אײַנגעאָרדנטן געטאָ־געלע־גער גענומען צום אויספּאַרהיטן פֿון אַן אײַנהאָרע... כאָטש זי האָט זיך איבער זיי קײן אָרט ניט געפֿונען, האָבנדיק זיי באַ אַ זײַט, אָדער צוקאָפּנס, ווו זיי האָבן מיט זייער האַרטקײַט איר געשטערט, גע־שטאָכן און זי ניט געלאָזט אײַנשלאָפֿן.

נו, און לעסאָף, אַז די מאַכטהאָבער האָבן געזען, אַז אין געטאָ איז שוין ניטאָ וואָס צו נעמען און אַז זי איז שוין אויסגעזויגן ביז מאַרך־ביין, האָבן די רעקוויזיציעס אופגעהערט און ס'האָט זיך אָנגע־הויבן די סעדרע „אַקציעס”, ווען מ'האָט פריִער פאַרנומען קינדער אַף דער שכיטע, דערנאָך אויך עלטערע, ווער נאָר ס'האָט ניט געהאַט קיין צײַגעניש, אַז ער איז נייטיק און אַז ער טוט נוצלעכע אַרבעט פאַר דער מאַכט.

דעמלט איז אין איינעם אַ טאָג געקומען די ריי פֿון פּרויען — עלטערע, מיטעלע, יינגערע, אומבאַשעפטיקטע, „אומנוצלעכע”, וואָס ס'האָט שוין ניט געלוינט זיי זיך לאָזן אומזיסט אומדרייען...

ס'איז געווען איינער אַ פּרײַטיק... אפילע די מערסט פרומע פרויען האָבן ניט געדענקט, וואָס פֿאַר אַ טאָג ס'איז הײַנט, מאַכמעס דער וויסטער מעהומע, וואָס איז אַנטשטאַנען בייסן לויפעניש, ליאַרעם און קלאָג, ווען אייניקע האָבן זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן אָדער זיך אַריבערכאַפּן צו די, וואָס זײַנען אויסגעטיילט געוואָרן אַף בלײַבן. און ווען די אָרדענונגס־היטער, די אָרטיקע פּאָליציי און ספּעציִעל צוליב דער אַקציע פֿון אַ גרעסערן צענטער אַראָפּגעבראַכטע, צוזאַמען מיט די איבער זיי שטייענדיקע און צו זאָגן האָבנדיקע ס. ס., האָבן מיט געוואַער און מיט הינט ניט דערלאָזט דערצו...

ס'האָט געטראָפן אַזוי, אַז דעמלט, ווען מישפּאָכעס זײַנען צע־טיילט געוואָרן — דער אַהער, דער אַהין; ווען מוטער מיט קינד, שוועסטער מיט שוועסטער האָבן זיך באַדאַרפֿט שיידן אַף מער זיך ניט צו זען, איז ווען פּאָליציי האָט זיך, סאַפּקאָלסאַף, אײַנגעגעבן אָפּצוטיילן איינס פֿון איינס, די שוין פאַרורטיילטע פֿון די, וואָס

דערווײַל נאָך ניט, און ווען מ'האָט די כאַשטימטע צום אוועקפירן אויסגעשטעלט אין א קאָלאָנע, — האָט זיך געמאַכט אזוי, אז אין שפּיץ פון דער קאָלאָנע, אין סאַמע מיט פון דער ערשטער ריי האָט מען דערזען שטײַן ריווע יאָסל בונציעס, וואָס איז פון אירע אַקסל אָן העכער געווען פון פּיל, — זי, מיט איר יעסוימע־מיידל, וואָס האָט זיך ביז דער לעצטער צײַט בא איר געהאָדעוועט, זי באַדינט און זיך בא איר געהאַלטן אַפילע אַצינד, ניט לאָזנדיק זיך מיט איר שיידן.

מ'ווייסט ניט, צי ריווע אליין האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ, צי אנדערע האָבן זי, ווי אַן עלטערע, אַרויסגערוקט אַף פאָרויס, צי די מאַכט האָט אזוי באַפוילן, זי אויסדערוויילנדיק גיין בעראָש. אזוי צי אזוי, נאָר ריווע האָט זיך מיט איר הייך, מיט איר שווערלעך־מאַסיוון גוף און מיט איר יאַמשענעם שטאָק, וועלכער איז איר איצט שוין געווען זייער נייטיק זיך אין אים אָנצושפּאַרן, מאַכמעס עלטער — זיך באַוויזן אין דער ערשטער ריי.

באַקומענדיק באַפוילן פון דער מאַכט מיטצונעמען קליינע פּעקע־לעך עסנוואַרג אַפן וועג, ביז דעם נײַעם אָרט, וווּהין מ'וועט קלוי־מערשט אַריבערגעפירט, איז ווער ס'האָט געהאַט — האָט געהאַט, ווער ניט — האָט פון אנדערע באַקומען מיטגעגעבן, און אויך ריווע האָט מיטגעהאַט א פּעקעלע, וואָס זי האָט עס פון דער האַנט ניט אַרויסגעלאָזט, ניט טרויענדיק אַפילע דער יעסוימע, וואָס האָט זי באַדינט און וואָלט דאָס גערן בא איר צוגענומען.

און אזוי — אין איין האַנט דעם יאַמשענעם שטעקן, און אין דער צווייטער דאָס פּעקעלע, וואָס האָט אויסגעזען ניט ווי בא אַלע, ניט רונדיק, נאָר לענגלעך, האַרט און מיט שטאַרע שפּיצן — האָט ריווע, בעראָש פון דער קאָלאָנע, ווי אַלע הינטער איר שטייענדיקע, אַפן באַפעל געוואַרט, מ'זאָל זיך פון אָרט רירן.

און אָט איז געקומען דער באַפעל. און אזויווי ריווע איז געגאַנגען צוערשט, און אזויווי דער גאַנג איז איר, מאַכמעס עלטער, שוין אָנגעקומען שווערלעך, האָט דערום די גאַנצע קאָלאָנע צו אירע פּאַמעלעכע טריט זיך געמוזט צופּאַסן, און אויך די אָרדענונג־היטער, די פּאָליציי, וואָס האָט דעם צוג באַגלייט פון פאָרנט, בא די זײַטן, פון הינטן, מיט געווער און מיט הינט, האָבן זיך אַלע געמוזט האַלטן בא ריוועס טראָט, ניט אונטערײַלנדיק דעם אוילעם, ווי אַן אנדערש מאָל, ווען מ'האָט פאַר זיך מער גיכער שפּאַנענדיקע.

קוקנדיק, וויאַזוי ריווע זעט זיך אַרום קימאַט מיט א גאַנצן קאָפּ העכער פון דער קאָלאָנע, האָט פּאָליציי, ניט ווילנדיק, געקוקט אַף איר, ווי אַף א מין אָנפירערן, מיט וועלכער מ'דאַרף זיך רעכענען; ביפּראַט נאָך, ווען זיי האָבן געזען, אז אַלע געפירטע באַציִען זיך צו איר, ווי צו אזעלכער, און אז ניט אומזיסט און ניט צופעליק האָט זי זיך דערוף בעראָש און אין דער ערשטער ריי געטראָפן.

מעגלעך, אַז קוקנדיק אַף איר, ווי זי שפּאַנט אַ שווײַגנדיקע, אַ געשלאָסענע, מיטן שטאָק אין האַנט, ווי אַ מאָנאַסטיר־אופֿזעערן, אַ מאָנאַשקע־מוטער, האָט אַליין דער עלטסטער, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער דער פּאָליציי, עפּעס אַ מין דערעכערעץ געקראָגן, ווי ס׳געשעט אַמאָל אַפּילע מיט אַן ערגסטן, ווען ער ווערט באַווירקט פֿון עמעצנס אַ מאַיעסטעטישקײַט.

מ׳איז געגאַנגען שטיל, נאָך דער געוויסער געזעגעניש, וועלכע האָט אַלעמען אופֿגעריסן פֿון געוויין, געשריי און לעצטע האַלדזער־רײַען... מ׳איז געווען אויסגעשעפּט, אַזוי ווי אַלעמאָל נאָך אַ גרויס־דערשיטערנדיקן אופֿבראָך, ווען ס׳קומט די שאָ פֿון שטילשטאַנד...

מ׳איז געגאַנגען ריי נאָך ריי און איינס לעבן צווייטן, שטיל, קימאַט אָן מאַכשאָוועס, וואָס האָבן זיך אויסגענומען — ערשטנס, פֿון מידקײַט, און צווייטנס, ווײַזט אויס, פֿון דעם, וואָס קוקנדיק פֿון צײַט צו צײַט צום שפּיץ פֿון דער קאָלאָנע, פֿון וועלכער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן די הויך־געשטאַלטנע, שוואַר־מאַסיוולעכע פיגור פֿון ריווע יאָסל בונציעס, האָבן אַלע זיך דערפֿילט קימאַט ווי קינדער אין דער אָנוועזנהײַט פֿון אַן עלטערן, אַף וועמען מ׳פֿאַרלאָזט זיך און וועלכע מאַכט פֿאַרשפּאָרן דענקען...

כאָטש ס׳איז קיין גרונט ניט געווען דערצו: כאָטש ריווע איז, ווי אַלע, אַליין אויך געגאַנגען געפֿאַנגען, דאָך האָט דער אוילעם מיטגעפֿירטע, אָן אַ שום פֿאַרוואָס, געקוקט אַף איר, ווי אַף אַזעלכער, וואָס אויב זי גייט, מעג מען אויך, און אַז אויב זי איז דאָ, איז אַליין, דאַכט זיך, דער ריבוינע־שעל־אוילעם מיט זיי...

מ׳האָט זיך אַוואַדע אָפּגענאַרט, ווי ס׳האָט זיך באַלד, שפּעטער אַרויסגעוויזן.

מ׳איז אַרויס פֿון שטאָט און מ׳האָט גלײַך אָפּגעקערעוועט פֿונעם שליאַך, וווּ מענטשן גייען, פֿאָרן, און מ׳האָט זיך פֿאַרנומען אין אַ זײַט, וווּ פֿונווײַטן האָט זיך געזען עפּעס אַ בערגלדיק אָרט, וואָס אַהין האָבן די פֿירער פֿון דער קאָלאָנע, די פּאָליציי מיט געווער און מיט הינט, דעם גאַנצן אוילעם באַפֿוילן זיך לאָזן.

ס׳איז געווען אַ סאָף־זומערדיקער טאָג, אַ לינדער, ניט קיין הייסער, ווען די צו מײַרעוו זיך נייגנדיקע זון האָט ווי אַ דערבאַרעמ־דיק אויג געהאַלטן וואַך איבער די צוויי פֿאָלעם פֿריי־פֿעלד, וואָס דער געפֿירטער פֿרויען־אוילעם האָט געהאַט אין זײַנע בײדע זײַטן, גייענ־דיק אין דער מיט, ניט ווויסנדיק, וווּהין און צו וואָס מ׳גייט.

מ׳האָט ניט גערעדט צווישן זיך, מ׳האָט איינער דעם צווייטן ניט געהאַט וואָס צו זאָגן, זײַענדיק פֿאַרנומען בלויז מיט די סצענעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט בײַם דער ערשט ניט לאַנג פֿאָרגעקו־מענער געזעגעניש, ווען יעדער איינער האָט זיך באַדאַרפֿט אָפּרײַסן און זיך שיידן מיט די איריקע, מיט די טײַערסטע...

ווען־ניט־ווען נאָר האָט איינע א פרוי א שטאַרק היסטערישן געשריי אָדער קוויטש אַרויסגעלאָזט, דערמאָנענדיק זיך אין א לעצטער אומאַרמונג פון א געליבטן נעפעש, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרגעסן, און ווונדערלעך, וויאַזוי די אַלע איבעריקע געפירטע, וואָס זײַנען, לויט אַלע לאַגעס, אַליין אויך ניט ווײַט געווען פון היסטעריע, האָבן אָבער דאָס מאָל די איינצלנע אויסשרײַענדיקע אָדער קוויטשענדיקע אײַנגעשטילט, גלײַך ווי עלטערע, וואָס נעמען אײַן קינדער, און גלײַך זיי אַליין וואָלטן זײַן באַהערשט פון א געהויבענעם סייכל־האַיאָשער.

צי דאָס פרײַע, צווייפאָליקע פעלד האָט אף זיי געווירקט; צי דאָס דערבאַרעמדיקע אויג פון דער זון, וואָס נייגט זיך צום פאַרגיין אין מײַרעוו; צי די שפּאַנענדיקע פּאָליציי, וואָס אויך אף איר און אף די הינט איז, קומענדיק אין פעלד, אָנגעפאַלן א שטילשווײַגעניש, גייענדיק פון פאָרנט, פון הינטן, בא דער זײַט, און האַלטנדיק אָרדע־נונג בלויז מיטן בליק; צי עפּשער האָט אף אַלעמען געווירקט טאַקע די בעראָש־גייענדיקע ריווע, וואָס איר קאָפּ מיטן אַלטמאָדישן קאַפּאָר האָט זיך אַרויסגעזען העכער איבער אַלע רייען, און מ׳האָט, קוקנדיק אף איר, זיך געהאַלטן יעדערער אף זײַן אָרט, ווי זי אף אירן — שטיל־שווײַגנדיק געשלאָסן.

און אָט איז מען צום געצילטן אָרט געקומען — צו אַן אָרט, וואָס פּאָליציי האָט, ווײַזט אויס, פריִער געוווּסט און זיך געריכט די געפירטע אַהין צו ברענגען, צו א הויכלעכן פּלאַץ, ווו הינטן האָט מען דערזען א לענגלעכע גרוב, אין וועלכער מענטשן פאָרקען זיך נאָך דאָרט און האַלטן זי אין דערגראָבן.

דעמלט האָט מען די קאָלאָנע פאַרהאַלטן. דעמלט האָבן אַלע דערזען די גרוב... און ווונדערלעך, אָנשטאָט זיך שטויסן, וואָס מ׳מיינט, און באַלד, טיקעף אַרויס מיט אומענטשלעכע, הימל־שרײַענדיקע קוילעס צו גאָט, מענטש, פעלד און פאַרגייענדיקער זון, — אָנשטאָט דעם איז מען געבליבן ווי געווען, און ווי איידער מ׳האָט די גרוב דערזען, ניט גלייבנדיק, אַפּאָנעם, אַז פון זײַן ביז ניט־זײַן איז נאָר א קליינע פּאָר שפּאַן צו מאַכן, און אַז אָט באַלד קאָן געשען דאָס, וואָס דאָס טרויעריק־דערבאַרעמדיקע אויג פון דער זון ווערט, מעגלעך, יאָ באַווײַזן צו זען אָדער, מעגלעך, שוין ניט...

מ׳איז געבליבן, ווי געווען. דעמלט האָט די פּאָליציי, ווערלנדיק, ווײַזט אויס, אָפּרוען, פון דער אָרדענונג אין די רייען נאָכגעלאָזט, אויך פון דער אָרדענונג אין דער פריִער גלײַך־אויסגעשטעלטער קאָלאָנע, ווי געבנדיק דעם צונויפגעטריבענעם אוילעם די פרײַ און מעגלעכקײַט זיך צו האַלטן, ווי ווער ס׳וויל, איידער ס׳וועט געשען און מ׳וועט פירנעמען, וואָס איז פון פאָרויס באַשטימט...

און אָט דעמלט, ווען דער אַהער געבראַכטער ווײַבער־אוילעם האָט זיך דערפילט אי טיף דערשיטערט, אָן א וואָרט אין מויל, אי אויך פריִער אופגעבונדן פון גאַנג און פון פּאָליצייִשער אופזיכט, האָט

מען דערזען, ווען מ'איז ארויס פון די רייען, ווי ריווע — די, וואָס האָט זיך געפונען בעראָש פון דער קאָלאָנע, האָט פּלוצלינג א ווענד געטאָן דעם בליק צו יענער זײַט הימל, וווּ די זון געפינט זיך; און אַז זי האָט דערזען, וווּ זי האַלט — אַז באַלד באַם פאַרגיין, — האָט זי אַ זאָג געטאָן צו די, וואָס שטייען נאָענט לעבן איר, צו אייניקע פרויען אין איר עלטער, ווי איר שטייגער, קורץ און אָפּגעהאַקט:

— ווײַבעלעך, פאַרגעסט נאָר ניט, וואָס פאַר אַ טאָג ס'איז הײַנט... ס'איז פרײַטיק...

דערבײַ האָט מען ווײַטער געזען, ווי זי האָט זיך אַ ווענד געטאָן צום פּעקעלע, וואָס זי האָט די גאַנצע צײַט אַליין געטראָגן, דאָס ניט אָנטרויענדיק אַפילו דעם יעסוימע־מיידל, וואָס איז מיט איר צוזאַ־מענגעגאַנגען און האָט זי באַדינט, און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען די פּאָר זילבערנע לײַכטער — די, וואָס זײַנען איר פון איר געליבטן מאַן דעם מיידים געבליבן; די, וואָס איר טאַטע האָט זיי יענעם בעיערושע געלאָזט; די, וואָס זי, ריווע, האָט זיי אַלע יאָרן ביז אַהער אויסגענוצט נאָר אויף ליכט־בענטשן און אויף נאָך אַ דאָווער־שעביק־דושע — צו טאָן דעם לעצטן כעסעד מיט אַ מעס.

זי האָט זיי אַרויסגענומען פונעם פּעקעלע. אויך אַ פּאָר סטעאַרי־נאָווע ליכט, וועלכע זי האָט, ווײַזט אויס, אויסגעהיט, ווי אַן עוון־טאָוו, אין געטאָ, וווּ אַזוינע זײַנען שוין דעמאָלט ניט געווען בענימצע און וווּ זי אַליין פלעגט שוין, לעצטנס, בענטשן נאָר אויף כיילעווענע...

זי האָט זיי, ווײַזט אויס, אויסבאַהאַלטן אויף גאָר אַ פײַערלעכן מאָ־מענט, מעגלעך, אויף אַ לעצטן פרײַטיק פאַר איר טויט, אויף וועלכן זי האָט זיך געוויס גערעכט, אַז הײַנט־מאָרגן, די וואָך אָדער די קומענדיקע, וועט ער זי טרעפן...

דעמאָלט האָט זי צוגערופן דאָס יעסוימע־מיידל און איר געהייסן האַלטן די לײַכטער, אין וועלכע זי האָט די ליכט אַרײַנגעטאָן. זי האָט אויך געקריגן מיט וואָס זיי אָנצוצינדן, אין זינען האָבנדיק מיטצונעמען שוועבעלעך... און דעמאָלט האָט דער גאַנצער אוילעם ווײַבער אַרום ריווען זיך צוזאַמענגעקליבן און זי ווי אין אַ רינג אַרומגענומען.

מ'האָט דערזען, ווי די הויכע ריווע האָט נאָך דעם, ווי זי האָט איר מאַנטל אויסגעטאָן און אויף דער ערד אַראָפּגעלייגט, האָט זי זיך צוערשט אויסגעגלײַכט, ווי וועלנדיק האַלטן עפּעס אַ פײַערלעך וואָרט פאַרן אוילעם, דערנאָך, אַז זי האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך דערזען אַרומגערינגלט פון אַלע אין דער קאָלאָנע גייענדיקע און אַהערגעבראַכטע, אָן אויסנאַם, אַזוי האָט זי בלויז אַ קורצן זאָג געטאָן:

— ווײַבעלעך, זאָגט מיר נאָך...

זי האָט אופגעהויבן ביידע הענט צו די אויגן, און שטייענדיק א ווײַלע גראָד, גלײַך, שווײַגנדיק און אומבאוועגט פאר די צוויי ברענענדיקע ליכט, וואָס האָבן בלאַס־געפלעמלט אין דער זומעריק־פאַרנאכטיקער, לינדער לופט, אין אָנגעזיכט פונעם גרויסן, צווייפּאָליקן פעלד פון ביידע זײַטן און אין אָנגעזיכט אויך פון דער פאַרגייענדיקער זון אין ווײַטן מײַרעוו, האָט זי אָפּ א געהעכערט קאָל, אז אלע זאָלן הערן, די בראָכע פון ליכט־בענטשן געמאכט...

דעמלט האָבן אלע זי ארומרינגלענדיקע איר נאָכגעטאָן און די הענט פאר די אויגן צוגעטראָגן, און א געוויין האָט זיך דערהערט — פריִער א שטילס, ווי ווען יעדע איינע זאָל וויינען פאר זיך, דערנאָך שוין אזוי אופגעריסן, אלגעמיין־צוזאמען און אָפּ אזוינע קוילעס, אז קיין מענטשלעכער געהער איז גאָר דאָס ניט אימשטאנד צו באנעמען...

אפילע די פּאָליציי האָט דאָס מאָל נישט געשטערט. אפילע זי און אירע הינט האָבן געשוויגן און דאָס בילד צוגעקוקט — צי בלויז פאַרכאפּט פון דער פרעמדער, רעליגיִעזער צערעמאָניע, צי עפּשער, מעגלעך, אז אויך בא זיי, ווי בא ווען אמאָל געוועזענע מענטשן, האָט זיך איצט א מענטשלעכער אָדער דערוועקט, קוקנדיק, ווי אָט די פאַרורטיילטע, אָט די באלד צו טויט גייענדיקע געזעגענען זיך מיט זייער לעצט ביסל וועלט.

ווי ס'זאָל ניט זײַן, נאָר די פּאָליציי האָט ניט געשטערט, און נאָכדעם, ווי דער גאנצער ווײַבער־אוילעם האָט מיט אופגעהויבענע הענט צו די אויגן לאנג־לאנג און וואָס אמאָל העכער און העכער זיך צעוויינט, ביז פארגעסן זיך און ביז צו לאָזן הערן אזוינע קוילעס, וואָס האָבן געקאָנט רירן טאקע א שטיין; און נאָכדעם, ווי ריווע האָט לעסאָף די הענט פון די אויגן צוגענומען און האָט דעם יעסוימע־מיידל באפוילן, זי זאָל די לײַכטער מיט די ליכט, וואָס זי האָט ביז אהער, שטייענדיק פאר איר, געהאלטן, אָפּ דער ערד אראָפּשטעלן...

אָט דעמלט האָט מיטאמאָל דער עלטסטער, וואָס האָט געהאט צו זאָגן איבער דער פּאָליציי, און וועלכער האָט זיך ביז אהער, ווי אלע זײַניקע, נישט ווילנדיק אפן בילד פארקוקט, וואָס דאָס האָט ער, לויט זײַן אמט, געוויס ניט געטאָרט דערלאָזן, ווי קליינמוט, וואָס קאָן פארעכנט ווערן, ווי פעלשן אין זײַן שליכעס, — דעמלט האָט דער פּאָליציי־עלטסטער זיך געכאפּט און ווי אופגעציטערט פון זײַן קליינמוט, און איבערגייענדיק צום הייפּעך פון דעם, בא וואָס ער האָט פריִער א מינוט געהאלטן, האָט ער מיט אן אופגעריסענער שטים, מיט אמטלעכן אייפער און ווי מיט כאראָטע פאר דער קלויַמערשט־גנעדיקער באציִונג צו די דאָ שטייענדיקע פאַרורטיילטע — אן אופגעריסענעם געשריי געטאָן:

— אָרדענונג!

— מארש! — האָט ער צום צווייטן מאָל א באפויל געלאָזט הערן, ווען דער אוילעם ווײַבער האָט זיך איבערגעשראָקן און אופּ־

דערוועקט פון זײַן ערשטן געשריי, צוריק אין די רייען און אין דער פריִער געוועזענער קאָלאָנע־אָרדענונג זיך גענומען אויסשטעלן, נאָך מיט ניט קיין אָפּגעווישטע טרערן און מיט ניט קיין אויסגעוויינטן וויי.

— גרופּעסווײַז! צו פינף! צו צען! — האָט זיך זײַן באַפֿויל צום דריטן מאָל דערהערט...

* * *

— ...נו, און שוין, און וועגן ווײַטערדיקן איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן, ווײַל ס'איז אַלעמען באַוווּסט... מ'דאַרף נאָר צוגעבן, אַז נאָכדעם, ווען לעבן יענער, פון פריִער פאַרגרייטער גרוב איז אָפּגעטאָן געוואָרן, וואָס איז פון פאָרויס באַשטימט געווען, דאָס הייסט אַז די אַלע אָקאָרשט דאָ שטייענדיקע און לעבעדיק־אָטעמענדיקע זאָלן בלײַבן טויט, אָן אַן אָטעם, און איבערגעקערט ליגן מיט די פּנעמער אַראָפּ, ריי אויף ריי אין דער גרוב, ווי פאַרשטאַרטע שײַטער העלצער אויסגעליגט; און נאָכדעם, ווי מ'האָט די גרוב פאַרשאָטן און די ערד אויסגעגלײַכט, זי זאָל אויסזען „לײַטיש"; און נאָכדעם, ווי די פּאָליציי־הינט האָבן דאָך דאָס פרישע בלוט געשפּירט און, ניסנדיק, געפרײַכט און געפּאָרסקעט; אָט דעמלט האָט מען זיך צוריק געקערט צום אָרט, וווּ די פריִער צונויפגעטריבענע האָבן זיך געפונען, און אַז מ'האָט דערזען די צוויי לײַכטער מיט די נאָך ברענענדיקע ליכט אין זיי, אַזוי האָט איינער אַ פּאָליציי־מאַן די ליכט פאַרלאָשן און זיי אָפּגעשלײַדערט און אויף די לײַכטער האָט ער זיך „מעראַכעם" געווען, — צי צוליב זײַן אייגענעם, אַליינִיקן געברויך, צי אויף צו טיילן זיך אויך מיט אַנדערע, — איז אַלציינס.

מאָסקווע, דעקאַבער 1945

מײַן באַקאַנטער

כ'האָב אים דערקענט נאָך אין מײַן יוגנט. ער האָט מיך געפֿאַנגען מיט זײַן גוטמוטיקן, קימאַט זיסן שמייכל פֿון אַ קלוגן און אַ מיוּון אַף אַלץ. אָבער אונטער אָט דעם שמייכל האָט זיך געפֿילט אַ פֿאַר־ביטערטקײַט פֿון אײנעם, וועמען ס'גייט ניט און ס'גליקט ניט אין עפּעס אַן עכטן איקער; אַ שמייכל פֿון אײנעם, וואָס, זײַענדיק נאָך יונג, טראָגט ער שוין אין זיך די עלטער, און ער זעט פֿאָרויס זײַן גאָר ניט געראָטענעם גוירל, מיט וועלכן ער וועט איצט, שפּעטער אָדער ווען־ניט־ווען זיך באַגעגענען. פֿון די אויגן האָט אים אַרויס־געקוקט אַ שטיל־געדעמפּטער טרויער, — ווײַזט אויס, פֿון צופֿיל פֿאָרויסזעונגען, און דערפֿאַר, האָט געדוכט, האָט ער זיי קעסיידער געזשמורעט, מ'זאָל ניט זען, אַז ניט ער לעבט, נאָר ער לעבט זיך איבער, און אַז יעדע מינוט און רעגע שטייט ער שוין אַ ביסל ווײַטער פֿון דער, בײַ וועלכער ער האַלט איצטער.

און אַזוי ווי ער אַליין איז עטוואָס אָפּגעלעבט און מאָדנע, אַזוי אויך האָט ער זיך מאָדנע געקליידט: מיט אַ קלײנעם הוט מיט קורצ־

לעכע ראנדן, וואָס האָט זיך קוים געהאלטן אַף זײַנע אָנגעהויפּטע, קוטשעראַווע האָר, וועלכע האָבן זיך קיינמאָל ניט געלאָזט פּארקעמען, און וואָס יעדעס מאָל, דערזעענדיק אים אין יענעם הוט, האָט מען ניט פארשטאנען, וויאַזוי ער האלט זיך און פארוואָס ער פליט ניט אראָפּ, ווען אין דרויסן איז אפילע קיין ווינט ניטאָ. דערצו האָט מען אים קעסיידער געזען אין הענג־מאנטל, אין א לופּטיק־ווינטיקער פּעלערינע, וואָס ער האָט געטראָגן קימאט א גאנץ גייענדיק יאָר, אויסער נאָר עפּשער אום ווינטער, שוין אין די גאָר גרויסע קעלטן, ווען ער האָט זי געביטן אַף א ראָק, אָבער פון א פאסאָן אויך גאָר ניט לויט דער מאָדע. מיט זײַן דאר־לענגלעכן ווּקס, עטוואָס אין דער פּלייצע געבויגן, האָט ער אלע מאָל, ביפראט ביים א ווינט, אויסגעזען אינעם הענג־מאנטל ווי א פארצײַטיקע שיף, נאָך פון קאָלומבוסעס צײַטן, וואָס רײַסט זיך און שטרענגט זיך אָן בײַצוקומען די כוואליעס פון א יאַם, אזוי האָט ער מיטן קאָפּ געשטויסן די לופט, ביים די פּאָלעס פון דער פּעלערינע האָבן זיך אים אופגעבלאָזן, ווי די זעגלען.

ער איז נאָך גאָר ניט אלט געווען — ערשט א יאָר פינף־זעקס און צוואנציק, ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אין איינער, אמאָל געוועזענער רוסישער גובערניע־שטאָט אַף דאָרעם־מײַרעוו, א געגנוג פראָווינציעלע, ניט געקוקט אַף איר בעקאָוועדיק־אמטלעכן פּארנעם; מיט שמאָלבלעכע פארשלאָפענע גאסן, פול סעדער און גערטנער, מיט שטילע בולווארן פאר אויסגעדינטע באאמטע און פענסיאָנערן מיליטערלײַט צום שפּאצירן צווישן די הויכע טאָפּאָ־ליעס, זומער — באוואקסענע, ווינטער — הוילע, זומער — מיט שטארק שרײַענדיקע קראָען־נעסטן באזעצט, און ווינטער — ליידיק.

אָט דאָרטן האָבן מיר זיך מיט אים געטראָפן. ער — שוין א באוווּסטער אין דער דעמלט זייער מעיוכעסדיקער העברעיִשער לי־טעראטור, אין וועלכער ער האָט זיך שטארק קוינע־שעם געווען, ווי נאָר ער האָט ארײַנגעשטעלט א פוס אהין. איך — נאָך א יִנגל. ער — שוין אײַנגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין דער דעמלטיקער שטארקער ראש־אָנמאכנדיקער כוידעש־שריפט, מיטן נאָמען „דאָס יאָרהונדערט", ארויסגעגעבן און רעדאקטירט פון איינעם גאָר א באוווּסטן אין יענער צײַט, אָן ערעך דעם 5־טן יאָר, שרײַבער און קריטיקער מיט א שארפער פען און מיט גאָר שטרענגע פאָדערונגען אי צו זיך, אי צו אנדערע, — און פון אים, אָט דעם רעדאקטאָר, האָט ער, מײַן באקאנטער, נאָך אזוי יונג, מיט דער ערשטער פען אין האנט, אַף זײַן ערשטער אָוועקגעשיקטער ארבעט, באקומען אן ענטפער, מיט א שטארק האָפערדיקן אנטקעגנקומענדיקן באָרעכהאבע: „די טויערן פון „יאָרהונדערט" זײַנען פאר דיר געעפנט" — מיט א צוגאָב: „דײַן נאָמען ווערט פארעכנט צווישן די געציילטע מיטארבעטער פון אונדזער שריפט..." און איך, ווי געזאָגט, א יִנגל, וואָס האָט פון אזא געהויבענעם סאָרט באגעגעניש אפילע ניט געקאָנט טרוימען,

און ווער ס׳האָט יאָ זוּכע געווען צו אַזאַ, האָט באַ מיר אוואַדע אַרויסגערופן גרויס ערע און אַכטונג, ביז צו האַלטן דעם קאָפּ צו אים פֿאַריסן.

אופגעהאַלטן האָט זיך מײַן באַקאַנטער אין יענער פּראָווינציִעלער גובערניע־שטאָט און זיך ניט אוועקגעלאָזט אַהין, ווּ זײַן, אייגנטלעך, ווױן־אָרט וואָלט באַדאַרפֿט זײַן און ווּ זײַן באַרוף האָט געפֿאָדערט — אין די גרויסע ליטעראַרישע צענטערן, ווּ אַזוינע, ווי ער, זאַמלען זיך געוויינלעך — איבער איינער אַ ליבע, וואָס האָט זיך באַ אים לאַנג געצויגן און האָט זיך געענדיקט גאָר ניט פֿויגלדיק, און וועלכע האָט געלייגט אַ שטעמפּל פֿון אַ שטיק אַסקעט אויף זײַן פּנים, האָט אים געמאַכט אויסערלעך גוטמוטיק שמייכלען און אויך צו האָבן אַ גאַליקן אונטערשלאַק אונטערן שמייכל, אי פֿייִק צו זײַן ערלעך האַלטן אַ זאַך ביז פֿאַרערונג, אי צו קאָנען וואַרפֿן אַ שטיין אין פֿאַרערטן, אי צו קליידן זיך מאָדנע, אי צו גיין — ניין, ניט גיין, נאָר לויפֿן — און צו שטויסן מיטן קאָפּ די לופֿט פֿאַר זיך און אויסזען אַזוי, ווי אַן אַלטמאָדישע שיף, נאָך פֿון קאָלומבוסעס צײַטן, מיט די צעלאָזטע פֿאָלעס פֿון זײַן אַלעמען באַקאַנטן הענג־מאַנטל.

זײַן ליבע איז געווען צו איינער אַ רײַכער סאָכרישער טאָכטער, מיט וועלכער ער האָט זיך געטראָפֿן, זײַענדיק איר לערער, אין איר איבערגאַנג־צײַט פֿון מיידל צו יונגפֿרוי, דאָס הייסט צו זעכצן־זיבעצן יאָר. זי האָט אים אין מויל געקוקט, באַווירקט און אָנגערירט פֿון זײַן באַגאַבונג און מער־ווּיסן, וואָס האָט צו איר אַרויסגעשטראָמט — ערשטנס, טאַקע ווי פֿון אַ מער־ווייסער, אַ לערער, און צווייטנס, און בעיִקער, ווי פֿון אַזאַ, וועלכער נוצט אויס דאָס מער־ווּיסן, ווי אַ געווער, געווענדט צו אַ פֿרוי, פֿון וועלכער ער איז פֿאַרכאַפּט און האָט אַ קורצן אָטעם פֿון פֿאַרכאַפּונג.

ער, זײַענדיק עלטער פֿון איר, האָט באַליבט איר יוגנט, און זי, ווי געזאָגט, — זײַן מער־ווּיסן, פֿאַר וועלכן אירע אויערן זײַנען געווען וואַך און אַזוי נײַגעריק, ביז ניט צו זען, אַז דער, וואָס דערלאַנגט דאָס איר, איז אי גאָר ניט שיין, אי ער פּאַסט זיך ניט אַרײַן אין איר פּאָטערס סוויווע מיט זײַן גאַנצן באַנעם און מיט זײַן אָפּגעפֿרעגטן באַרוף, וואָס אין דעמלטיקער סאָכרישער געזעלשאַפֿט האָט מען אַזאַ איינעם, אין בעסטן פֿאַל, נאָר געקאָנט באַדויערן, און אין ערגסטן — לאַכן אים אין פּנים, ווײַל מ׳האָט אים געהאַלטן גאָר ניט פֿאַר קיין באַל־טאַכלעס און פֿאַר אַזאַ, וואָס קאָן זיך צו עפּעס רעכטס אַרופֿשלאָגן.

איר אָבער האָט ער צו יענער צײַט אויסגעזען יאָ שיין, כאָטש זײַן פּנים דאַר און אויסגעגריבלט, כאָטש די האָר האָבן זיך אים שלעכט געלאָזט פֿאַרקעמען, און כאָטש דעם קאָפּ האָט ער קאָמיש פֿאָרויסגעשיקט אין גאַנג, ווי אַ מענטש ניט פֿון דער וועלט, און באַזונדערס ניט פֿון איר טאַטנס, דעם רײַכן סוחרס, וועלט. אויך

פון קיין טאכלעס האָט זי ניט געטראכט, מאכמעס אומדערפאַרן און האָט נאָך ניט געוווּסט, וואָס דאָס וואָרט באַדײַט.

דער פאָטער און אַלע איבעריקע אין שטוב — די מוטער, ברידער, שוועסטער און שטוב־אײַנגייער — האָבן גלײַך באַמערקט די ציִונג פון זייער אייגענער, פון דער געראָטענער, זיבעצניאָריקער יונגער טאָכטער, צו אָט דעם פאַרטראָגענעם, שלעכט־געקעמטן און אין פּלייצע געבויגענעם עלטערלעכן פאַרשוין, וואָס מיט די פולע פּאָלעס ווינט און אָנגעשטאָפּטע קעשענעס קענטעניש, — באַמערקט, אָבער ס'האָט זיי ניט אויסגעמאַכט, ניט דערלאָזנדיק דעם געדאַנק, אַז אויסער סטאַם פאַרינטערעסירטקײַט, אויסער פאַרערונג פון אַ שילערן צו אַ לערער, קאָן דאָ שטעקן נאָך עפּעס, אַ מער ערנסטס.

אַז מ'האָט אָבער סאָפּקאָלסאָף דערזען, האָט מען זי גענומען אָפּציִען פון אים, געזען אים פאַרמיִעסן, אויסלאַכן, ביז מ'האָט זיך איבערצײַגט, אַז ס'איז ווייניק, און מ'האָט באַשלאָסן איבערײַסן אינמיטן — אים פּאָשעט דעם וועג ווײַזן, און מ'האָט אים אָפּגעזאָגט פון לערערשאַפט.

מ'האָט אָבער ניט געפּויעלט: די באַציִונגען האָבן זיך ווײַטער געצויגן, און די באַגעגענישן פון פּאָרל זײַנען פאָרגעקומען אויך ווײַטער, כאָטש ביגנייווע, פאַרשטעלט און מיט גרויס שוועריקײַט, ווײַל דעם מיידל האָט מען גענומען נאָכקוקן, איר היטן די טריט, זי האַלטן ווײַט־אָפּגעשיידט פון יענעם, און געזען זי מער פאַרינטערעסירן מיט די איר־גלײַכן יוגנטלעכע פון איר שטאַנד, וואָס איז איר רײַכן טאַטנס שטוב אוואַדע מער גערן געווען זיי צו האָבן פאַר אײַנגייער, באַזוכער און צו זייער טאָכטער נאָענט.

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט זיך דאָס אײַנגעגעבן. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט זיך די יונגע געליבטע גענומען אויסניכטערן און זיך אַרויסרוקן פון דער גאָרער פאַרשלינגענדיקער האַשפּאָע פון אונדזער באַקאַנטן, דערזעענדיק אין אים שוין אָפּט דאָס, אַף וואָס אירע שטוב־אייגענע האָבן איר פריִער אָנגעוויזן און זי האָט ניט געוואָלט הערן, ניט באַנעמען. איצט האָט זי יאָ באַנומען, אַז ער, דער, אין וועמען זי האָט פריִער געזען די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס שליימעס, וואָס פון אַ מענטש און אַ מאַנצביל איז צו פאָדערן, איז אַף פיל גראַדוסן געמינערט: ער איז אי פיל עלטער, און אי גאָר ווײַט פון יענער אַלגעמיין־אָנגענומענער האַלטונג, מאַנירן און געשמאַקן, וואָס מיט איר אונטערוואַקסן און צונויפקומען זיך מיט די איר־גלײַכן יוגנטלעכע פון איר שטאַנד, זײַנען זיי אויך איר געוואָרן אַ וועזנטלעכער באַשטאַנדטייל פון איר אַליין, פון וועלכן ס'איז איר שווער געווען זיך אָפּזאָגן.

זי איז עטוואָס אָפּגעקילט געוואָרן און האָט שוין געטיילט איר צײַט־פאַרברענג צווישן אים, דעם באַקאַנטן, מיט אַנדערע, וועלכע האָבן זי פאַרכאַפּט ניט מיט איבערגעלאָדנקײַט פון וויסן און ערנסט,

װעלכע האָבן איִם געמאַכט דעם קאָפּ געבױגן, ניט לאָזנדיק איִם זען, װאָס אַרום איִם, איִן זײַן נאָענטקײַט, טוט זיך; נאָר אױך זיך צי̇ען צו זאַכן פֿון מער מאַמאָשעס, װי פֿלירט און װױלטיק, װי מער בעסער זיך קלײדן, קעדײ אױסצוזען װאָס בעסער און מער אױסנעמענדיקער.

עמעס, ס׳האָט זי נאָך אַלץ געצױגן צו יענעם, ניט קאָנענדיק פֿאַרגעסן איר ערשטע ליבע־שולד, װאָס האָט איר געמאַכט דאָס ערשטע מאָל די אױגן מיט בושע אַראָפּלאָזן און זײ צוריק װידער אױפֿהײבן, האָבנדיק איִם צו שטײן אָדער זיצן פֿאַר זיך. עמעס אױך, אַז װען ער, איר געװעזענער געליבטער, װאָלט ניט געװען ער, דאָס הײסט דער צוריקגעהאַלטענער, געצױמטער, שעמענדיקער מאַנצביל, אָט דעמלט, װען זי איז שױן אַפֿילע געהאַט געװען עטװאָס אָפּגעקילט צו איִם, װאָלט ער, אַלײן מיט דעם, װאָס ער איז פֿאָרט דאָך אױך איצט איר געװען אַמנאָענטסטער פֿון אַלע, געקאָנט זי מענעריש דערװערבן און אַרײַנבאַקומען אױף טאָמיד און אױף פֿאַרפֿאַלן, און צי טאַטע־מאַמע װיל, צי ניט, די סאָכרישע שטוב װאָלט באַשטאַנען, צי ניט, װאָלט די זאַך געװען אָפּגעטאָן אױף צוריק ניט צו כאַפּן, און, מעגלעך, אַז סאָפּקאָלסאָף װאָלט מען אױך געמוזט מיט דעם שאָלעם מאַכן, און װידער צי גערן, צי ניט — איִם פֿאַר אַן אײגענעם פֿאַרעכענען בעײן־ברײרע... איז ער אָבער יאָ געװען ער, האָט ער דערום אױך אָט די לעצט־אַנטשליסנדיקע מעגלעכקײַט אַדורכגעלאָזט, און דעם עמעס געזאָגט, האָט זי, זײַן געליבטע, אױך איִן דער זײַט זײער שלעכט אַ קוק געטאָן, זעענדיק איִן איִם עטװאָס געמינערטס.

די אָפּקילונג איז אַװעק װײַטער. דעמלט האָט אונדזער באַקאַנטער זיך גענומען מאַטערן און אומבלאָנקען באַנאַכט אונטער די פֿענצטער פֿון זײַן געליבטערס פֿאָטערס שטוב, אַרײַנקוקנדיק אַהין, װען די לאָדן זײַנען נאָך געװען אָפֿן, און װען שױן צו — האָט ער אַן אױער צוגעלײגט צו איר צימערל, אַרױסצוהערן, עפּשער זיצן איצט פֿרעמדע בײַ איר, צי לעבט מען דאָרט, צי שטיפֿט מען, אָדער עפּשער פֿאַר־ברענגט מען איִן דער שטיל, װאָס דאָס האָט איִם נאָך מער געערגערט פֿון שטיפֿן און לאַכן...

זעלטן פֿלעגט זי זיך שױן דעמלט צו איִם אַהײם אַרײַנשטעלן, אָדער ערגעץ אױף אַן אָפּגעשטעלט אָרט איִן אַ פֿאַרוקטער גאַס זיך באַגעגענען, װי פֿרי̇ער, און אױב יאָ, איז שױן אױך, װי ס׳האָט געשײַנט, מער פֿון ראַכמאָנעס און פֿון מיטלײַד. און דעמלט האָט ער, אונדזער באַקאַנטער, אױך זי גענומען מאַטערן — מיט רײד, מיט פֿאָרװורפֿן, מיט פֿאַרשעמען אַלץ, װאָס איז איר צוגעקומען פֿון הײמישע, סאָכריש־גװירישע געשמאַקן, און געזען זי דערנידעריקן מיט באַװײַזן איר, אַז זי איז גלײַך װי אַלע, פֿון װעמען ער האָט די גאַנצע צײַט זיך געמיט זי אָפּצי̇ען מיט זײַן דערצי̇ונג, מײנענדיק, אַז אירע האַסאָגעס זײַנען פֿיל העכער, װי בײַ יעניקע. דאָס האָט געװירקט, אַז איִן זײַן אָנװעזנהײַט פֿלעגט זי זיך טאַקע עטװאָס

אונטערשעמען פאַר איר געפאַלנקייט און פאַר איר ניט קאָנען ארופקומען צו מער פיינערע באַגערן; אָבער ווי נאָר זי איז אוועק פון אים, אזוי האָט זי זיך צוריק אומגעקערט צו אירע נײַ־דערוואָרבענע און צום טאַם־געקומענע געשמאַקן, פילנדיק זיך אין דער געזעלשאַפט פון אירע פרײַ־אויפגעפּראַלטע באַקאַנטע פיל בעסער, ווי אין זײַנער, וועלכע האָט זי געענגט, געדריקט, ווי אַ דריקנדיקער קאָרסעט.

ס׳איז שוין דערגאַנגען אזוי ווײַט, אַז... זאָל דאָס בלײַבן צווישן אונדז, נאָר אַז ער, פאַר וועמען, ווי געזאָגט, ס׳זײַנען שוין געווען צעעפנט די טויערן פון „יאָרהונדערט", וואָס פאַר פיל אַנדערע זײַנען זיי געווען געשלאָסן, זייער שוועל ניט אַריבערצוטרעטן; ער, וואָס זײַן יעדער דעמלט דערשינענע אַרבעט אין יענער שריפט האָט אַרויסגערופן באַ פיל לייענער פון דער פּראָווינץ, און אויך ניט פון דער פּראָווינץ, גרויס באַגײַסטערונג, עסטעטישן גענוס און פיל נאָכדענקערײַ; ער, דער, האָט אין דער זעלבער צײַט אין פּערזענלעכן לעבן זיך געפילט אזוי שאָפל און געפאַלן, אַז ער האָט געקאָנט גיין אַף אַזאַ זאַך, ווי זוכן נעקאָמע אַמאָל אין דער זאַטער, באַלעבאַטישער שטוב פון זײַן געליבטערס פאָטער, וואָס האָט אַלעמאָל אַרויסגעקוקט אין גאַס מיט גרויסע פענצטער און מיט גווירישער האַרכאָווע, — זוכן נעקאָמע אין דעם, וואָס ער האָט זיך אַמאָל דערלויבט אין איינעם אַ שיינעם אָוונט, שטילערהייט פון אַן אויסבאַהאַלטן ווינקל, אַהין אַ שטיין אַרײַנלאָזן — מיט טראַסק, מיט צעבערעכן שויבן און מיט איבערשרעקן אַליין די באַלעבאַטים, ווי אויך די געסט, וואָס האָבן זיך צופעליק דעמלט געפונען, ביז צו פאַלן אין חלאָשעס פון דערשרעק און פון אָט־אָט, שיר טאַקע ניט געשעדיקט ווערן ביז בלוט פון אַרײַנגעשלײַדערטן... מ׳האָט ניט געקאָנט דערגיין, ווער ס׳האָט דאָס געטאָן, אָבער וועמען־וועמען, נאָר אַף אים, ווי אַף אַזאַ, האָט דאָך אוודאי ניט געקאָנט קיין חשד פאַלן: געוויס אַ גאַסן־יונג, אַ כוליגאַן, אַ שיקער, אָבער בעיין־אויפן וואָלט מען זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז פון דער האַנט פון אַזאַ, ווי ער, האָט דאָס געקאָנט קומען און טרעפן. מ׳וואָלט זיך אויך ניט פאָרגעשטעלט, אַז צו יענער צײַט האָט זיך אונדזער באַקאַנטער צונויפגעקאָמפּאַניִעט מיט איינעם אַ שיקערן מאָנאַך פון היגן, שטאָטישן מאָנאַסטיר, וואָס איז אין אַ ווײַטער, אָפּגעלעגענער גאַס, צווישן סעדער, געווען פאַרוקט, און מיט אים, דעם מאָנאַך, פלעגט ער גאַנצע טעג פאַרברענגען ערגעץ הינטער אַ בוים פאַרבאַהאַלטן, און בײַם דער באַגעגעניש פלעגט ער קעסיידער מיטברענגען אונטער דער פּאָלע דאָס, וואָס יענער האָט באַגערט און נאָך וואָס יענער איז לאָהוט געווען, און צוזאַמען מיט אים אויך אַליין פיל אַרײַנכאַפּן פון יענעמס באַגערטן — פון געטראַנק.

ער האָט אַ געוויסע צײַט דעמלט זיך אויך אַרײַנגעלאָזט אין פאַרשיקערנדיקער שאָך־שפּיל מיט איינעם אַ באַוווּסטן אין יענער שטאָט גאָר מאָדנעם פאַרשוין, מיטן נאָמען ביק — אַ פאַרשוין פון זײַן

עלטער, א ווילדער מאטעמאטיקער און שאכמאטיסט, וועלכער האָט זיך מיט אָט דער שפּיל פארנומען פון קליינערהייט אָן, און וואָס איבער איר האָט ער פארלוירן א גרויסע נאכלע — א שטוב, הויזראָד און א גוט באארבעט האָפּן־פעלד, וואָס איז אים געפאלן בעירושע נאָך זײַן טאטנס טויט, זײַענדיק א בעניאָכיד, און וואָס אנדערע קלוימערשטע באלכוויועס און אינדערעמעסן שווינדלער — האָבן דאָס בא אים אוועקגענומען, אים לאָזנדיק בא גאָרניט... ער האָט זיך דערנאָך געכאפּט, אָט דער ביק, און אומגייענדיק, ווי זײַן געוווינשאפט, אין קאלאָשן אף די באָרוועסע פיס סײַ זומער, סײַ ווינטער, האָט ער אין איין יאָר דורכגעמאכט א קורס פון א גימנאזיע, און אזוי זיך אומדרייענדיק אין די זעלבע קאלאָשן — אויך אן אוניווערסיטעט, און דאָס האָט אים באוווּסט געמאכט אין שטאָט אלס דעם בעסטן אונטעריכט־געבער, פון וועלכן ער האָט געצויגן זײַן שפּור־קליינעם באדארף, ווײַל נאָך געלט און פארדינסט האָט ער זיך ניט געיאָגט, אָפּגעבנדיק אויך איצט די מערסט־בעסטע צײַט דעם שפּילן.

און אָט מיט דעם ביק איז זיך איצט צונויפגעגאנגען אונדזער באקאנטער, פארברענגענדיק מיט אים גאנצע טעג, אמאָל אויך אין די אָוונטן און אמאָל אויך אפילע איבער די נעכט אריבער... — ווו? אין ביקס עקסטערן־צימערל, ווו ס׳איז קיינמאָל ניט געווען געקערט, ניט צוגענומען פון טיש, און ווו אויך דאָס הארטע, שטאָלענע בעטל, מיטן שלעכטן, מאָגערן מאטראצל, ניט פארבעט.

ער האָט אזוי לאנג געשפּילט באטאָג, באנאכט און פארנאכט פאר א לאָמפּ־אָנצינדן, פארגעסנדיק שפּײַן מאכן, אז ער האָט אָנגעהויבן עפּעס קוקן קאָסע — א קרענק, פון וועלכער ער האָט זיך א צײַט דערנאָך געמוזט היילן, שיר אויך ניט בלינד ווערנדיק.

צו יענער צײַט האָט ער זיך באקאנט אויך מיט מיר, וואָס כ׳בין גראָד אויך אָנגעקומען פאר א לערער אין זײַן באליבטערס פּאָטערס שטוב, צום אונטעריכטן די יינגערע קינדער — ברידערלעך און שוועסטערלעך פון זײַן געליבטער. דאָס האָט אים צו מיר דערנעענטערט... דערפילנדיק אין מיר אי א פארערער, אי אויך ניט קיין קאָנקורענט (מאכמעס מײַן קליין־וויניקײַט האָט מיט זיך גאָר־גאָר א קליינע ווערט פאָרגעשטעלט), האָט ער אין מיר געפונען יענעם צוטרוילעכן, דורך וועמען ער וועט האָבן די מעגלעכקײַט צו האלטן פארבינדונג מיט דער שטוב, אז, ווען ס׳וועט אים נייטיק זײַן, זאָל ער, געהיימערהייט, דורך מיר אמאָל עפּעס קאָנען איבערגעבן, אָדער ארויסבאקומען וואָס — פון וועמען ער דארף...

ס׳איז אזוי געווען: דעמלט האָט ער אָנגעהויבן ווערן אן אָפּטער ארײַנגייער צו מיר — ניט קיין אײַנגעלאדענער, נאָר אליין געקומען, ווען נאָר ס׳האָט זיך אים פארוואָלט: באטאָג, אפדערנאכט און אמאָל אפילע גאָר שפּעט אין אָוונט, אף דער גאנצער נאכט איבערצוזיצן.

גערעדט האָט ער מיט מיר וועגן פאַרשיידנס, אָבער יעדעס מאָל פלעגט ער ארופקומען דערויף, וואָס האָט אים אמערסטן גענגט, און פון וואָרט צו וואָרט, פון זאַץ צו זאַץ פלעגט ער אויך לעסאָף נעמען אָנרופן דעם נאָמען פון דער, וועלכע האָט אים געשאפן דעם אנגסט. ער פלעגט זיך אונטערשעמען פאַר מיר, וואָס ער, אזא, צו וועלכן איך האָב נאָר געקאָנט דעם קאָפּ פאַרריסן, איז געווען געצוווּנגען זיך אראָפּלאָזן אזוי נידעריק, ביז אזש אָנצוקומען אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר מיר — נאָך א יִינגל, א האַלב לערערל, וואָס שטייט אָפּ פון אים אין אלץ, אין יאָרן, פאַרשטאַנד און אין אלעם איבעריקן, נאָר דערפאַר, וואָס אָט דאָס יִינגל, אָט דאָס האַלב־לערערל, האָט די זכיִה צו אָטעמען מיט יענער לופט, מיט וועלכער ס׳אָטעמט יענע באַשעפעניש, וואָס איז אים צו זײַן גרויסן אומגליק — אמליבסטן און אמטײַערסטן. ווײַ, צו וואָס איז ער דערגאַנגען... פון דער אנדערער זײַט אָבער, זעענדיק מײַן פאַרערונג, מײַן מיטגעפיל און מײַן מאַכן זיך קלוימערשט ניט באַמערקן זײַן לאַגע, האָט ער זײַן קאָוועד פאַרבויגן, האָט אויך דערפאַר מיך א ביסל, ווײַזט אויס, געאַכטעט און מיך גענומען רעכענען, ווי פאַר א ברודער, פאַר וועמען מע מעג זיך עפענען און אלץ אנטפּלעקן אָן בושע.

האָבנדיק אין זינען גאָר עפּעס אנדערש, איז ער, פאַרבײַלויפיק, מיר אויך מײַן לערער געוואָרן; אָנהאַלטנדיק מיט מיר באַציִונגען בלויז אַף אויסצונוצן מיך פאַר זײַנע טרויעריק־אויסבאַהאַלטענע צוועקן, האָט ער, צוליב אָנשטענדיקײַט און צוליב צודעקן עטוואָס יענע צוועקן, אין דער צווישנצײַט פון איין געשפּרעך און אנדערן וועגן איר, וועגן דער, בײַ וועמען אין די הענט ס׳איז געלעגן זײַן פאַרשטויסענער גוירל, — אויך מיך קלוימערשט אין זינען געהאַט, און פון צײַט צו צײַט האָט ער געזען זאָרגן פאַר מיר און מײַן אָפּגעשטאַנענקײַט, און צו עפענען פאַר מיר דאָס, וואָס איז פאַר מיר נאָך דעמלט געווען גאָר־גאָר ניט צוטריטלעך.

צוליב זײַן זעלבסטבאַרויִקונג און קעדיי כאָטש, ווי־ניט־ווי, זיך אמאָל באַפרײַען פון זײַן גאָר ניט צו מעקאַנע זײַענדיקן שטאַנד, פלעגט ער זיך דעמלט אָפּט פאַרנעמען מיט דער גריכיש־רוימישער קלאַסיק, דערהויפּט מיט פילאָסאָפן, וועלכע ער פלעגט קעסיידער ארומטראָגן אין קעשענע, און קומענדיק צו מיר, פאַר מיר זיי פאַרלייענען: ווי, לעמאָשל, א פּלאַטאָנס „די סודע", אָדער „פעדאָן", וועלכע ער האָט שטאַרק באַליבט, און לייענענדיק, מיר באַוויזן צוערשט, וואָס ס׳הייסט אזוינס די גאָלדענע לאָגיק, אויב מ׳קאָן אזוי זאָגן, און זאָגנדיק דערבײַ, אז יעדעס מאָל, ווען ער שטייט פאַר יענע קוואַלן, דאַכט זיך אים, אז ער געפינט זיך א שטילבאַגליקטער צושויער בײַ א זילבער־פליסנדיקן וואַסער פון א פלאַכן טײַכל, שטיל און גרין באַהאַלטן צווישן בוים און גראָזן, און ער קוקט צו, ווי אלטע

כאַכאָמים און באַרוטע לײַט פֿאַנגען גאָלדענע פֿיש אין גרויס באַרוטקייט.

יאָ, מיך האָט ער רו געלערנט, און ער אַליין איז פֿון אָט דעם אַלעם געלערנטן אַ גאָר ווייניק באַרוטער אַרויס... דעמאָלט האָט ער זיך איינמאָל אויפֿגעהויבן, און ניט זאָגנדיק גאָרניט, אָן אַ זײַ־געזונט, זיך אַוועקגעלאָזט אין יענע צענטערן, וווּהין זײַנע אינטערעסן האָבן אים גערופֿן און וואָס ביז אַהער האָט ער ניט געהאַט קיין אויער פֿאַרן רוף, און האָט זיך דאָרט געזאַמט אַזויפֿיל, אַף וויפֿל זײַן געדולד האָט אים געקלעקט צו בלײַבן ווײַט און אויסער זײַן הויפּט־אינטערעס. אָבער אויך זײַענדיק אין צענטער, האָט ער זיך אָפֿט אין מיר דערמאָנט, ניין, ניט אין מיר, נאַטירלעך, נאָר אין איר, מיט וועמען איך געפֿין זיך אין איין שטאָט און אין איר שטוב, און מיך געבעטן, איך זאָל אים מיטיילן, כאָטש וואָס־ניט־איז, כאָטש וויפֿל־ניט־איז וועגן איר, וואָס איך, פֿון מײַן זײַט, האָב דאָס אַוודע געטאָן, גרייט זײַענדיק אים צו דינען.

דער סאָף, ווי געזאָגט, איז געווען אַ שלעכטער. ער איז אָט אַוועקגעפֿאָרן, אָט צוריקגעקומען, פֿילנדיק, אַז זי, די געליבטע, גליטשט זיך וואָס ווײַטער אַלץ מער אַרויס פֿון זײַן נאָענטקייט און אױפֿווירקונג. עמעס, ס'האָט זי נאָך אַ קליין ביסל געצויגן דער אינטערעס צו אים, ווי צו אַזאַ, וואָס זײַן נאָמען איז ערגעץ, אין געוויסע קרײַזן, גרויס באַוווּסט און אָנגעזען; אָבער פֿאַרכאַפּט אינגאַנצן האָט זי דאָך שוין ניט דאָס, וואָס איז, ערשטנס, איר אַליין ניט איבעריק נאָענט, צווייטנס, מאַכמעס ווידער איר פֿאָטערס סוויווע, וואָס האָט זי געהאַלטן אין איין רײַסן אַף צוריק, וואָרענען און שרעקן, אַז ס'שטייט איר פֿאָר, אַרײַנפֿאַלנדיק צו אים, אַן אָרעם, ניט געזיכערט לעבן מיט אַ מענטשן אַ האַלב־העפֿקער, אינגאַנצן לופֿט־באַלאָן און אָן אַ פֿעסטן שטאַנד אין דער געזעלשאַפֿט, וועלכע איר פֿאָטער און זײַן אַרום האָבן געהאַלטן פֿאַר גאָר פֿעסט און שטאַנדהאַפֿטיק.

זי האָט זיך נאָך געוואַקלט... צו יענער צײַט זײַנען זײַנע באַקן געוואָרן אַלץ מער אויסגעגריבלטער, די פּלייצע געבויגענער, זײַן אײַלנדיק־אומפּליִענדיקער גאַנג אין געוויסן הענג־מאַנטל — אַלץ האַסטיקער און פֿאַרטראָגענער און זײַן אויסערלעך־אויסזעענדיקער, גוטמוטיקער שמייכל פֿון אַ כאָכעם, אַ מייוון אַף אַלץ — אַלץ באַטריבטער.

צו יענער צײַט — און דאָס איז געווען איינעם אַן אָנהייב זומער — פֿלעגט ער זיך צו מיר אַרײַנשטעלן גאָר שפּעט אין אָוונט, מיטן אויסרייד, אַז בא מיר, ווו איך האָב דעמאָלט געוווינט, אין איינער אַ שטאַרק פֿאַרוקטער סעדער־גאַס, איז אים באַנאַכט אָמאָנגענעמסטן צו זיצן אין דער שטיל און זיך אײַנהערן אינעם געזאַנג פֿונעם געוויסן פֿויגל, וואָס מיטן זילבערנעם פּלעשעלע אין גאָרגל — דעם סאָלאָוויי, וואָס, זינגענדיק אין די לעוואָנע־נעכט אין די סעדער־

דיקע אויסבאהעלטענישן, פארגייט ער זיך, אזוי פארגאפט, אז ער ווארגט זיך קימאט פון זײַנע אייגענע אומבאגרענעצטע געזאנג־מעג־לעכקײַטן און אומענדלעכער מעסיקעס.

אָט דעמלט, זיצנדיק מיט אים אױף מײַן שוועל אין דרויסן, פלעגט ער אויסזען שטארק נידערגעשלאָגן, הערנדיק, ווי יענער, דער אויס־באהאלטענער סאַד־פּאַעט, רופט זיך איבער מיט זײַן אויסדערוויילטער אױף זײַן טרעלנדיקן מאַיאָוון לאַשן, אזש ביז צו לאָזן זיך הערן אױף די ווײַטסטע גאסן ארום, און אויך הויך ארויף, ביז, דאכט זיך, אפילע צו די שטערן; און הערנדיק אים, האָט ער זיך געוויס דער־מאָנט אין דער זײַניקער, וועלכע איז איצט אזוי ווײַט פון אים — ניין, ניט ווײַט, דאפקע נאָענט, זייער נאָענט, אָט־אָט מיט דער האנט צו דערלאנגען — אין איינער א שטוב, ניט אױף קיין ווײַטער גאס, מיט א היימישן דאך אפן קאָפּ, און וואָס נאָר א קלייניקײַט גייט אָפּ, ווען נאָר א ביסעלע אנדעריש, ווען א קליין ביסעלע מער ליבע פון איר צו אים, וואָלט ער זיך, מעגלעך, אויך ווי אָט דער, וואָס מיטן פלעשעלע אין גאָרגל, צעזונגען...

ס׳האָט שוין דעמלט געהאלטן נאָר שלעכט מיט מײַן באקאנטן: ס׳האָט געהאלטן דערבײַ, אז ער זאָל אָדער פארענדיקן מיט זיך אליין, אָדער אָפּטאָן עפּעס ערגערס. ס׳איז דערגאנגען דערצו, וואָס איינמאָל (האָט ער מיר דערציילט), ווען זי, די זײַניקע, האָט אים באפוילן מיט א באזוך, אן איבערגעכאפּטן, א פארבײַלויפנדיקן, ווי ביכלאל, די לעצטע צײַט — מער פון אלטער געוווינשאפט, ווי פון אינטערעס, און מער פון מיטלײַד, און ווען זי האָט זיך געלאָזט פון אים, ווידער נאָר פון געוווינשאפט, ארומנעמען און אפילע צו קושן, — האָט ער, האָבנדיק זי נאָענט־נאָענט, און אין דער זעלבער צײַט פילנדיק זי אזוי פרעמד, פרעמד, זיך צו איר א בייג געטאָן און א זאָג געטאָן, שטיל זיך אײַנעמענדיק: „אוי, ליבסטע, בעסטע, בעסטע מײַנע...״ — „וואָס?״ — האָט זי איבערגעפרעגט, ניט אײַנהערנדיק. — „גאָרניט, גאָרניט״, — האָט ער איר געענטפערט, און אין דער זעלבער רעגע איז אים א שטארק־באגערנדיקער געדאנק אדורכגעפלויגן, זיך צו איר נאָכאמאָל א בייג געטאָן, נאָענט־נאָענט, און מיט א פול מויל און מיט אלע ציין איר דעם אויער אָפּבײַסן: אויב ניט אים, איז ניט קיי־נעם, זאָל דאָס הייסן, און זאָל זי בלײַבן מיט א מום...

ער האָט זיך דעמלט טאקע באלד אָפּגעטראָגן פון שטאָט, מוירע האָבנדיק אי פאר באגיין מיט זיך אליין עפּעס ניט גוטס, אי — פאר אָפּטאָן נאָך עפּעס ערגערס מיט איר, פילנדיק, אז ס׳דערנעענטערט זיך דער סאָף, וואָס האָט, אגעוו, טאקע ניט געזאַמט באלד אָנצוקו־מען.

ווײַל יאָ, אינגיכן איז די זײַניקע פארקנאסט געוואָרן צו אן אנ־דערן. זי האָט, עמעס, געוויינט, האָט מען געזאָגט, פון דער געוועזע־נער געדעכעניש, וואָס האָט זיך איר נאָכגעשלעפּט, און אויך פון

ווייסן, וויאַזוי ער, איר פריִערדיקער געליבטער, וועט אויסזען נאָכדעם, ווי ס'וועט אים טרעפן דער שלאַק פון איר אוועקגיין און אָפּטריניקייַט... דאָך האָט זי דאָס געטאָן און סאַפּקאָלסאָף זיך באַרויִקט.

שפּעטער א ביסל האָב איך פון צענטער, וווּהין מייַן באַקאַנטער איז אוועק, באַקומען א בריוו מיט א ביטער אויסגעשריי: „אלהי אבי יהיה בעזרי" — דאָס הייסט, אז גאָט אליין זאָל אים בייַשטיין אין זייַן צאַר, אים ניט צום איבערטראָגן.

ער האָט שוין ניט כאַסענע געהאַט און איז פאַרבליבן א באָכער. פון דעמלט אָן האָט ער, ווי טראָגנדיק טרויער נאָך זייַן פאַרגאַנגענהייַט, זיך ניט געשיידט מיט דער האַלבאַשע, וועלכע ער האָט געהאַט אַף זיך אין יענער שטאָט, פון וועלכער ער איז אַרויס הויל, נאַקעט און באַנומען, ווי א ניסרעף — ניט מיטן קאַפּעליושל מיט די קורצלעכע ראַנדן, וואָס איז אים קוים אַף די קוטשעראַווע האָר געלעגן, ווי אויך ניט מיט זייַן הענג־מאַנטל, מיט דער לופטיק־ווינטיקער פּעלערינע.

דעמלט האָט ער זיך פאַרקליבן און באַליבט איינס א צימערל אַף א הויכן עטאַזש, אָפּגעדונגען בא גאָר ניט קיין רייַכע לייַט, ווי זייַנע דעמלטיקע מיטלען וואָלטן דאָס אים דערלויבט; און האָבנדיק פאַר זייַן פענצטער עפּעס איינעם א פלאַכן דאַך פון א פרעמד הויז, וואָס האָט זיך געטוליעט צו דעם, אין וועלכן ער האָט געוווינט, האָט ער אהין אַלעמאָל געוואָרפן ברויט־ברעקלעך און אנדערע שפּייַז־שיראַיִם פאַר שמעטערלינגען און טויבן, וועלכע פלעגן קומען מאַסנווייַז, הייפּענדיק, טאַנצנדיק, מיט סוויטשעריַי און פליגל־בראָך זיי אופקלייַבן.

און אָט דאָרט האָב איך אים געטראָפן, ווען כ'האָב שפּעטער, אַן ערעך דעם 10־טן יאָר, זיך אליין אויך געלאָזט אין צענטער — שוין מיט אייגענער מעלאָכע, און מיט דער האָפענונג אליין אויך צו פאַרנעמען א געוויס אָרט צווישן פּען־לייַט. כ'האָב אים אָפּגעזוכט, און ער האָט מיך זייער פרייַנטלעך אופגענומען און באַגעגנט, רעקאָמענדירנדיק מיך, וווּהין און צו וועמען איך האָב באַדאַרפט, און ביכלאַל מיך אונטערגעהאַלטן מיט אייצעס און אָנווייַזונגען, ווי ס'טוט א גרויסשטאָטישער מיט א פּראָווינציאַל.

כ'האָב בא אים אויך סטאַנציע געהאַלטן. ער האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט: געגעסן, געטרונקען מיט מיר צוזאַמען, און אין די אָוונטן, ווען איך האָב זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט מייַנע באַשיידענע באַטאָגיקע באַשעפטיקונגען, פלעגט ער מיט מיר פאַרברענגען און מיך אויספרעגן אַף דער שטאָט, פונוואַנען איך קום און מיט וועלכער ער איז געווען אזוי באַקאַנט, ביז צו געדענקען יעדן שטיין, יעדע גאַס און געסל, ווו ער האָט אין זייַן אמאָליקער פאַרצווייפלונג אומגעבלאָנקעט און זייַן פאַרוווּנדעט האַרץ אויסגעזיפּצט.

ער האָט אויך דעמלט פון וואָרט צו וואָרט, פון זאַץ צו זאַץ, ריידנדיק, דאַכט זיך, גאָר פון עפּעס אנדערש, פאַרט לעסאָף זיך דער־

קליבן צו דעם, וואָס ער האָט ביז איצט ניט פארגעסן — וועגן איר, וואָס, ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, וועלט ער זיך אויך איצט, פון צײַט צו צײַט, צו איר מיט בריוו, אף וועלכע ער באקומט קיין ענט־פער ניט.

כ'האָב באפרידיקט זײַן באגער זיך צו דערוויסן די מינדסטע פראָ־טים פון דאָרט — ווי ס'לעבט זיך איר, ווי ס'גייט איר, און ווער איז דער פארשוין, וואָס האָט אים פארביטן, אאוו.

ער איז מיר דאנקבאר געווען. ער האָט מיר געצאָלט דערפאר מיט טרײַער נאָענטקײַט — דערמיט, וואָס ער האָט פאָרגעזעצט מיר צו זײַן מײַן מוירע־דערעך — מײַן וועגווײַזער, הייסט עס; און אוי־סער אלערליי אנדערע אייצעס, וואָס איך האָב, זײַענדיק בא אים, פון אים דעמלט באקומען — אייצעס, וואָס האָבן געהאט אן אומיטלבארע שײַכעס צו מײַן דעמלטיקן זײַן און פארברענגען אין צענטער, האָט ער מיר נאָך איינע געגעבן — אזא, וואָס ער האָט געהאלטן, ווײַזט אויס, פאר גרויס־וויכטיק און פאר א נוצלעכן איקער פאר מיר: „אנטלויף, — האָט ער געזאָגט, — פונדאנען, און זאָל דער גאָט פון דער פראָווינץ דיר זײַן דער שיצער אין דײַן אומשולד. דאָ איז קיין אָרט פאר דיר, פאר אזוינע", — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אף מיר און ווײַסנדיק, ווײַזט אויס, מײַן ווערן, וואָס קאָן דאָ צעריבן און אויס ווערן. דאָ, — האָט ער געזאָגט, — איז יאריד, ווו מ'האנדלט מיט וואסערדיקן טינט און מיט ביליקע שמאָכטעלײַען; דאָ זיצט די געדראָלענע גאדלעס מיט פאריסענע פיס אפן ליטערארישן טיש, גאָר־ניט אופשטייענדיק... דערבײַ האָט ער מיר געבראכט א בײַשפיל פון איינעם א באוווּסטן דאָרטיקן ליטעראט, „דער געניאַלער גאָנער", — ווי ער האָט אים אָנגערופן, — א פארשוין א קוויטיקער אין אלע הינ־זיכטן, ביז צו האָבן קויט אונטער די נעגל און ביז ניט אָפּצוּווישן דאָס מויל נאָכן עסן, וואָס גייט ארום מיטן זײַטלדיקן שטאָלצן בליק און מיטן שווארצן שנאָבל און קאָפּ הויך־מאיעסטעטיש פאריסן, גלײַך ער וואָלט געפלויגן ניט נאָר ביזן פלויט און פארקן, ווי אלע גענדז, נאָר ווי ער וואָלט געווען א שאָכן אין די וואָלקנס און א שמעלקע אין די שמיי־שאָמאַיִם — אין די הימלס־הימלען, הייסט עס, ער דערלאָזט ניט קיין גלײַכן צו זיך, מ'קאָן דאָס בא אים ניט פּויעלן, ניט אויסדינגען, און אז מ'רופט אים אָן א גרויס באוווּסטן וועלט־נאָמען, וואָס דערמאָנענדיק אים, לאָזן זיך אראָפּ בא אלע פונעם שרײַבערישן פאך די הענט פון פיל ערע און אנערקענונג, זאָגט ער, דער געניאַלער גאָנער: „פכע... עמעס, די מעלאָכע קאָן ער, אָבער ער האָט אויך מיטלמעסיקע ראָמאנען". און דאָס זאָגט ער, דער, יענער, וואָס האלעוויַי־האלעווײַ פארמאָגט ער כאָטש א מינדסט, א שפּיץ, אן אונציע פון אָט יענעמס קלוימערשטער מיטלמעסיקײַט.

אָט אזוי האָט מיר געזאָגט מײַן באקאנטער, און פון געזאָגטן, און דעריקער פונעם טאָן, ווי אָט דאָס געזאָגטע איז ארויסגעבראכט

געוואָרן, איז געווען צו זען, אַז ער אַליין איז שוין אויך אַ שטיק ניט קיין היגער. פונעם האָדעווען די טויבן אויפן פרעמדן דאַך, מיטן וועלן אָפּריידן מיך פון צו בלײַבן אין צענטער, וואָס דאָס איז, געוויס, געווען אַ פויעל־יויצע פון זײַן אײַנשטעלונג בענעגייע זיך אַליין, וואָס כאָטש, הייסט עס, ער אַליין געפינט זיך דאָ, איז ער דאָך ארויסגענומען, אויסגעטיילט און באַזײַטיקט פון אַלעם, — איז געווען צו זען, אַז מיט זײַן פאַרשפּילן אין ליבע איז אים אָפּגעקומען אויך אין עפּעס אַנדערש, — דאָס מיינט מען — אין כיישעק און אין דראַנג זיך צו וועלן מאַכן מער אָרט און מער נאָמען צווישן צעך־ און פאַך־לײַט, ווי ס׳איז אייגנטימלעך פאַר יעדן. ניין, — ער ניט, ער, אין דעם פּראַט, איז אויסגעלאָשן.

דערפאַר אָבער, האָב איך באַמערקט, האָט ער אין אַנדערן ווינקל ווידער אויפגעפלאַקערט. ער האָט זיך אַ קער געטאָן מיט זײַן ליבע צו אַ געביט, ווו ער איז געווען פרײַ, אומגעצוימט, אומבאַגרענעצט און אָן דער מוירע, אַז ער וועט פון צווייטן צאַד, דאָס הייסט פון יענעם וועזן, וואָס ער האָט איצט ליב געקראָגן, באַגעגענען אַ שטער, אַ ווידערשטאַנד, אַן אומווילן אָדער אַ ווידערווילן, ווי ס׳האָט אים באַגעגנט אין זײַן ערשטער. ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו דעם, צו וואָס ער האָט זיך אָפּסנײַ איבערגעגעבן מיט יענער גרויסער פאַרשלונגענקייט, אַף וועלכער אַזאַ, ווי ער, איז נאָר פייִק, מיט יענער גײַציקייט, ווי עס טרעפט אַמאָל מיט מענטשן נאָך אַ שלאָפקייט אָדער נאָך שיף־ברוך, ווען מ׳דערקלײַבט זיך צוריק צום געזונט און צו פעסטן באָדן, ווען מ׳דערפילט דעם טאַם פון כיִעס אַף דער וועלט פיל מער, איידער מ׳איז אָט־אָט, שיר־שיר ניט פאַרזונקען, אַף ניט ארויסקומען פון פאַרזונקעניש. ער האָט זיך איבערגעגעבן דעם פאָלק און זײַן אויפלעבונג, לויט ווי ער, מײַן באַקאַנטער, האָט אין זײַן צײַט, לויט זײַן דערציִונג, לויט זײַן בילדונג, סווייווע און גײַסטיק דורכגעמאַכטן וועג זי פאַרשטאַנען, די אויפלעבונג.

שוין דעמלט, זײַענדיק אין צענטער און שטייענדיק בײַ אים סטאַנציע, האָב איך באַמערקט אַף זײַן טיש אַ העפטל מיט אַן אויפגעשריבענעם נאָמען אויפן שאַרבלאַט „פּראָ עט קאָנטראַ" — פאַר און קעגן, הייסט עס, — אין וועלכן ער האָט געזאַמלט מיינונגען און ארויסזאָגונגען פון פאַרשיידענע פײַנט און פרײַנט פון פאָלק, אָנהייבנדיק, פון איין זײַט, פון די קעגנער, ווי פונעם אַלטן אַפּיאָן, און ענדיקנדיק מיט די פון אונדזער צײַט, מיט אַ דריזמאַן, טשעמבערלען און שטעקער; און פון דער צווייטער זײַט — מיינונגען און ארויסזאָגונגען פון אָפּאָלאָגעטיקער און פאַרטיידיקער פון פאָלק, ווידער אָנהייבנדיק גאָר פון אַמאָל, פון פילאָן דעם אַלעקסאַנדריִער, ביז פאַרשיידענע רוימישע פויפּסטן, עפּיסקאָפּן, הומאַניסטן, ביז אַזעלכע, לעמאָשל, ווי אַ זאָליאַ און ביז גאָר די לעצטע, וועלכע האָבן זיך דער־

פאַר אײַנגעשטעלט און אין אַן אײַס־צאָרע אונטער זייער שוץ און פליגל גענומען.

ריידנדיק מיט מיר וועגן אָט דעם מין, האָט ער שוין אָפּט דעמלט אונטערגעפלאַקערט, ווי ביים זײַן אמאָליקער ליבע, אויסזעענדיק מיט זײַן לענגלעכן, עטוואָס אײַנגעבויגענעם וווּקס, מיט די קוטשעראַווע האָר, וועלכע האָבן זיך שלעכט געלאָזט פּאַרקעמען, מיט די אויסגע־גריבלטע באַקן פון גאָר טונקעלן קאָליר, מיט די דאַרלעכע הענט, און מיטן גוטמוטיקן, אָבער צוגלײַך אויך פאַרביטערטן שמייכל, און דעריקער מיט זײַנע האַלב־געלאָשענע, אָבער אין דער זעלבער צײַט אויך אונטערגליִענדיקע פאַרזשמורעטע אויגן, — מיט דעם אַלעם האָט ער שוין דעמלט אויסגעזעען עטוואָס ענלעך, ווי אַף אַן אמאָליקן אַפּאָ־סטאָל, וואָס אי ער קאָן זיך אײַנשטעלן פאַר דעם, וואָס ער גלייבט, ביז צו גיין פרײידיקן פאַר דעם אין די מידבאָריעס, פאַר שטיינער און העלצער, אי צו וואַרפן אַ שטיין אין דעם, אין גרויס קאַנאָעס און אופגערעגטקייט.

שפּעטער אַ ביסל, שוין זײַענדיק אין דער היים, אין מײַן פראָ־ווינציִעלער שטאָט, ווּ ער, מײַן באַקאַנטער, האָט מיר מײַן אָרט אָנגע־וויזן, און ווּ, אַגעוו געזאָגט, האָב איך דאָרט לאַנג פאַרבראַכט, גע־דענקענדיק און אויספּאַלגנדיק זײַן געבאָט, און וואָס, ווידער אַגעוו, כ'האָב קיינמאָל דערוף קיין כאַראָטע ניט געהאַט, — שוין זײַענדיק אין דער היים, האָב איך שפּעטער אַ שטיקל צײַט באַקומען אַ בריוו פון אים, פון ערגעץ אַ שטאָט אָדער שטעטל אין דײַטשלאַנד, אין וועלכער ער האָט געשריבן, אַז ער מאַכט איצט דורך, מיט פּאָרווערק און צופּוס, דעם וועג פון ייִדישן גאָלעס, ווּ ער באַזוכט קייווער־אָוועס, ווי שפּײַער, וואָרמס, און פאַרשיידענע עלזאַס־שטעט, ווּ ייִדן זײַנען אין מיטלאַלטער אויסגעשטאַנען נעגישעס, שכיטעס און פאַר־פּאָלגונגען, און אַז ער דענקט זיך אַזוי־אָ רוקן, רײַזנדיק, ביז שפּאַ־ניע, ביז טאָלעדאָ, סאַראַגאָסאַ, גראַנאַדאַ און קאָרדאָוואַ, וועלכע ער וויל באַזוכן, וועלנדיק זען דאָס אָרט, ווּ ס'איז געשטאַנען דאָס גאָל־דענע וויגעלע פון אונדזערע קרוין־פּאָעטן, ווי אַ יעהודע האַלייווי, מוישע איבן עזרע, גווירל, אַווראָם איבן עזרע אאַ.

און דאָ מוזן מיר איבערײַסן דאָס ווײַטער דערציילן וועגן אונד־זער באַקאַנטן, ווײַל... דאָס לעבן האָט אונדז צעריסן. ס'איז אָנגעקו־מען די מילכאָמע פון 14־טן יאָר. מײַן באַקאַנטער איז געבליבן, ווּ ער — אין פּוילן (זאָגן מיר איצט אויס דעם נאָמען), וואָס געפינט זיך פון יענער זײַט גרענעץ, און איך, ווּ איך, פון דער זײַט.

מער האָב איך אים ניט געזען און פאַר דער צײַט גאָר ווייניק יעדיִעס פון אים באַקומען. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט, אַז איך זאָל זיך אַלע מאָל אין אים דערמאָנען, ער זאָל מיר אַלע מאָל פאַר די אויגן אופשווימען און זאָל וועקן מײַן אינטערעס צו זיך, אי ווי צו אַ מענטש, אי מיך רייצן ליטעראַריש... ווײַל יאָ, ווײַל אויב דעם

עמעס זאָגן, און אויב רעדן אַף אונדזער גראָבלעכן ליטעראַרישן פאָדלאָשן, האָב איך אים געדענקט אויך ווען־ניט־ווען „אויסנוצן" אין א געוויסער געלעגנהײַט, אין געוויסע טעמאַטישע אומשטענדן, און מיט א גאָר אַן אנדער אָנהייב און אַן אנדער סאָף, זאַמלענדיק אויך פיל מער ידיעות וועגן אים. און דעריקער וועגן די יאָרן־איבערײַס, וואָס האָבן אונדז צעשיידט, — ניט ווי איצט, ווען איך פיל, אז ס'איז ביטער קאַרג און כ'וואָלט פּראָפּעסיאָנעל ניט יויצע געווען, ווען איך וואָלט וועלן מיינען דאָ צו האָבן געשילדערט דאָס געשטאַלט פון מײַן באַקאַנטן אין דער פולער מאָס און ווי געהעריק. אַזוי האָב איך געמיינט, אָבער... אַזוי ווי דער סאָף פון מײַן באַקאַנטן איז געווען אַן אומגעריכטער און פריצײַטיקער, ווי אומגעריכט און פריצײַטיק ס'איז דער טויט פון פיל אונדזערע ברידער, וועלכע קומען איצט אום פון דער אכזאָריעסדיקער האַנט פונעם אכזאָריעסדיקן סוינע.

* * *

די לעצטע ידיעות, וואָס כ'האָב געקראָגן פון מײַן באַקאַנטן, זײַנען פאָלגנדיקע:

איינער א פּויליש־ייִדישער ליטעראַט פון פּוילן, וועמען ס'האָט אָפּגעגליקט זיך אַרויסכאַפּן פון דאָרט, אָפּזײַענדיק א געוויס שטיקל צײַט אונטער היטלער־יאָך, און פון וועמען כ'האָב זיך צוערשט פיל אָנגעהערט פון דעם פיל אויסגעשטאַנענעם פון דער גאַנצער דאָרטיקער באַפעלקערונג ביכלאַל, אוביפּראַט פון דער ייִדישער, — אָט דער ליטעראַט, אז כ'האָב זיך דערנאָך בא אים גענומען דערפרעגן איינצלהײַטן וועגן איינצלנע און האָב אים א פרעג געטאָן:

— נו, און מײַן באַקאַנטער וואָס מאַכט? ווי גייט אים? צי לעבט ער, צי ניט? — האָט ער מיט דער האַנט א מאַך געטאָן: „אָלעווהאַשאָלעם... שוין ניטאָ, געשטאָרבן, הייסט עס, און מיט א מעשונעטויט", — האָט ער צוגעגעבן.

ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אז אָט דער ליטעראַט איז געווען א שטאַרקער מעקורעוו פון אונדזער באַקאַנטן און איינער פון די, וועמען יענער האָט אויסגעטיילט צום בעסערן און צו האָבן צו אים מער צוטרוי, ווי צו אַלע אנדערע פען־לײַט, ווי אָט, לעמאָשל, אַמאָל צו מיר, ווען כ'האָב אין מײַן יוגנט געגאָסן וואַסער אַף זײַנע הענט, דאָס הייסט ווען כ'האָב אים באַדינט ווי א שילער א לערער. ער, דער ליטעראַט, האָט, זײַענדיק נאָך יונג, די לעצטע צײַט אַף יענעם אויך האַזשגאָכע געגעבן, אַף וויפל יענער האָט זיך געניטיקט, ווי אַן עלטערער און אַזאַ, וואָס איז געבליבן א באָכער; און ער, דער ליטעראַט ווידער, איז, צווישן אנדערע ווייניקע, אויך בא זײַן סאָף בײַגעווען, פון וועלכן ער האָט מיר געקאָנט גענוי באַריכטן און מיר דערציילן, וואָס מיך האָט אינטערעסירט.

ער האָט דערציילט: די לעצטע יאָרן איז יענער שוין געווען שטאַרק אָפּגעפּאָרן — אי פון עלטער, אי פון וויניק גליקן, וואָס האָבן אים געטראָפן. ער האָט נאָך אַלץ געטראָגן די אויסער־מאָדע־מאַלבושים, מיט וועלכע ער האָט זיך ניט געקאָנט שיידן — דאָס קאַפּעליושל מיט די קורצלעכע ראַנדן אַף די קוטשעראַווע האָר, וואָס האָבן איצט אי געהאַט די מאַרע פון געלאָשן אש, אי זיי זײַנען אים שטאַרק שיטערלעך געוואָרן, אַזוי אַז ער האָט זיי געהאַט נאָך בּאַ די זײַטן אָנגעקוטשעראַוועט שטייענדיקע און דער גאַנצער קאָפּ, אָנהייבנ־דיק פון שטערן ביז דער פּאָטיליצע — הוילע פּליכעוואַטע. אויך האָט ער זיך ניט געקאָנט שיידן מיטן הענג־מאַנטל, וועלכן ער האָט גע־טראָגן אין אַלע יאָר־צײַטן קימאַט און האָט געצווונגען אַלעמען, ווער ס'האָט אים באַגעגנט, זיך אויסקערעווען און אים נאָכקוקן מיט כי־דעש, און קליינוואַרג האָט אים מיט די פינגער נאָכגעטײַטלט און אַפילע אויך אין די אויגן געלאַכט.

מ'האָט שוין געלאַכט אויך פון זײַן פאַרטראַגנקײַט — פון זײַן ניט־היגן קאַלעמוטנע, מילכקאַליריקן הײַטעלע, וואָס ער האָט אַלעמאָל געהאַט איבער די אויגן אַריבערגעצויגן, ווי אַ האָן באַם אײַנ־שלאָפן — אַ סימען, אַז צווישן זיך און דער אויסער־וועלט האָט ער געלאָזט פאַלן אַ פאָרהענגל, וואָס זאָל אים אויסטיילן, אַרויסנעמען און פאַרשטעלן פון אַלעמען.

ווירקלעך: מיט דער אויסן־וועלט האָט ער שוין גאָר וויניק צו טאָן געהאַט. אַף צו האָדעווען זיך און די באָכערישע טויבן אַפּן פרעמדן דאַך האָט אים געניגט גאָר אַ קליין ביסעלע שרײַב־מעלאָכע, וועלכע ער האָט אָפּגעגעבן גאָר וויניק מי און צײַט, און וואָס, ניט געקוקט דערוף, האָבן געווויסע רעדאַקטאָרן און פאַרלעגער דאָס אַלע מאָל בּאַ אים אײַליק און גײַציק פון די הענט אַרויסגעכאַפּט, ווי דער־זעענדיק אַ זאַך פון גרויס כשיוועס, און מוירע האָבנדיק, אַז אַנדערע קאָנקורענטן זאָלן דאָס בּאַ זיי ניט אויסכאַפּן. און דעריקער צײַט, מי און פלײַס האָט ער אָפּגעגעבן איינער אַן אַרבעט, וועלכע האָט אים פאַרכאַפּט אָן איבערבלײַב, און וואָס ער איז יאָרן פון איר ניט אַרויס, אַ פאַרשלונגענער און ביז איבערן קאָפּ אַ פאַרקנעכטעטער.

דאָס איז געווען זײַן צווייטע ליבע — פון גאָר־גאָר אַ הויכן סאָרט, צוליב וועלכער ער האָט זײַנע לעצטע מאַרכן פון די ביינער אַרויסגעצויגן, ביז אַ שפּענט און ביז ניט איבערלאָזן פאַר זיך גאָר־ניט. דאָס איז געווען אַ ווערק, וואָס האָט געפאָדערט נעזירעס, דאָס הייסט צו בלײַבן אַ ווינקל־פאַרשוין, וואָס אַז ער האָט אַ קאָפּל כּיִעס, וויסן, אינטערעס און לײַדנשאַפט, זאָל ער דאָס דעם, און נאָר דעם אָפּגעבן, ניט זעענדיק פאַר זיך, כוץ דעם, קיין זין אין זײַן גאָרן קיִעם און קומען אַף דער וועלט; אַ ווערק, וואָס ער האָט דעם אַ נאָמען געגעבן: „היה, הוה ויהיה" — אַ מין לויבגעזאַנג צו אַלעם דעם, וואָס קומט אויף, קומט אָפּ — אַנטשטייט, באַשטייט, גייט דורך די

פאָרם אין אומופהערלעכן קרײַז־לויף פון ענדערונגען און שטאָף־
וועקסלערײַ, וואָס איז אומענדלעך און אייביק; א ווערק, אין וועלכן
ס'האָט זיך גערעדט פון הערן און צו קלערן: פון וועלט־אַל, פון נאַ־
טור, פון קולטור, וואָס דאָס מיינט — דאָס הויך־מענטשלעכע
שטרעבן זיך ארײַנצומישן, נעמען אָנטייל, מיטהעלפן און אליין צו
זײַן א טייל און א שוטעף צו אלעם זײַענדיקן, ווערנדיקן און שאפנ־
דיקן, אָנהייבנדיק פון גאָר־גאָר אמאָל, ווען דער מענטש איז ארומגע־
גאנגען נאקעט, מיט א פעל באוואקסן, ווי א כײַע, און קומענדיק ביז
אונדזער צײַט, מיט אירע פיל שוין אנטפלעקטע און געלייזטע סוידעס
און רעטענישן פון דער פריִער געשלאָסענער, שטומער, טויבער, האר־
בער, ספינקסישער און מוירע אָנוואַרפנדיקער נאטור; און ענדיקנדיק
מיט דער ווײַטסטער צוקונפט, וואָס איז נאָך ניט מיט קיין אויג און
קיין שפּאקטיוו ניט צו דערלאנגען, און וואָס מ'קאָן זיך פאָרשטעלן
בלויז אין ווײַטן־ווײַטן נעפּל פארבלאָזן, ווי א לופטיקן הענג־שלאָס
וווּנדערלעך־קונציק געבויט, פאר עפּעס פארהוילענע מינים ברוִים,
פון וועלכע מיר האָבן קיין אנונג, און וואָס נאָר דער איידלסטער־
איידלסטער אויער קאָן פארנעמען דעם גרויסן, פריידיקן פאנפארן־
פּאראד, מיט ערע און בסורע, וואָס דערווארט זיי, יענע ברוִים, ווען
זייער צײַט וועט קומען.

אונדזער באקאנטער האָט שוין געהאלטן ווײַט אין זײַן ווערק,
שוין געהאט גאנצע בערג באשריבן, און אין די אויגן האָבן אים
שוין פון צײַט צו צײַט אופגעבליצט פײַערלעך פון האָפענונג צו זען
דאָס פון יאָרנלאנג־געכאָוועטע, דערצויגענע און אַל־בעסטע זאפטן
דעם אָפגעגעבן — שוין פארענדיקט. ער האָט זיך אמאָל די הענט פון
האנאָע געריבן, אז אנדערשמאָל האָט אים פון טיש אופגעריסן און
אים לאנג געמאכט ארומשפאנען, קימאט ארומלויפן איבערן ציִ־
מערל, — אָט די האנאָע. דאָס אָבער ניט אָפט, ווײַל דערווײַל איז נאָך
געווען צו פרי זיך צו פרייען. דערווײַל איז ער נאָך געווען אזוי פאר־
נומען, פארכאפט און נעזיריש ארײַנגעטאָן אין זײַן ארבעט־זאך, אז
סײַ ווען ער האָט זיך מיט איר אומיטלבאר באשעפטיקט, זיצנדיק
באם טיש, ווען אלע אייוורים האָבן זיך אים געפילט דערווארעמט,
בעשאס ער האָט געצויגן דעם שעפערישן קליי פון זיך; סײַ ווען־ניט־
ווען קלוימערשט פרײַ פון איר, שפּאצירנדיק אין גאס אָדער זיצנדיק
אין א קאפע, ארומגערינגלט פון פרעמדן זשום און פון גרויס פאר־
זאמלטע מענטשן־געדיכטעניש — האָט ער זיך אויך דעמלט געפילט
אזוי פארקנעכטעט אין איר רעשוס, ביז ניט צו מערקן, ווי ער שעפּ־
טשעט אמאָל ווערטער, אמאָל זאצן און אמאָל גאנצע שטיקער פון
דער מעלאָכע, בא וועלכער ער האלט, ביים ווען אנדערע באמערקן יאָ
און — ווער מיט שפּאָט, ווער מיט כידעש — קוקט אים אין מויל
און אף די ליפּן דעמלט...

אוילעם פּען־לײַט, װעלכע האָבן געװוּסט פון זײַן אַרבעט און אַפילו דעם נאָמען, מיט װעלכן ער האָט דאָס װערק באַטיטלט, און װאָס האָבן ביכלאַל אים אַלעמאָל גרויס ערלעך געהאַלטן פאַר זײַן גרויס װיסן און פאַר זײַן שטיין װײַט און העכער פון אַלע זײערע טאָגטעגלעכע ביליקע טאַראַראַמען, האָבן זיך שוין ניט געקאָנט אײַנהאַלטן, װען־ניט־װען, אויך פון אים אָפּצוכויזעקן, קוקנדיק, װי ער זעט אויס אין זײַן אויסטערלישער האַלבאָשע, זעענדיק, װי ער האַלט זיך װײַט און אָפּגעשיידט פונעם ראָװ און רומל, און טרעפנדיק אים אָפט, בעשאַס ער גייט אין גאַס, אָדער זיצט אין קאַפע, װען ער רעדט צו זיך אַליין — און האָבן אים אַליין אויך אָנגערופן מיטן נאָמען פון זײַן װערק „היה, הוה ויהיה", מײנענדיק צו זאָגן, אַז ער איז געװען, איז און װעט בלײַבן אַ באָכער, װעמען ס'איז אי אַ ביסל צו באַדויערן און אי ס'דערלויבט זיך אַמאָל־אַמאָל אויך שפּאַס מאַכן פון אים.

אונדזער באַקאַנטן האָט דאָס ניט אויסגעמאַכט. ער האָט דאָס ניט באַמערקט, ער האָט זיך מיט קײנעם ניט אָנגעקערט, זײַענדיק פאַרנומען אי מיט זײַן אײגנטלעכער מלאָכע, װי אויך מיט די פיל ביכער, מיט װעלכע ער האָט זיך אַרומגערינגלט — אײַנגעהאַנדלטע, געקויפטע, אַנטליִענע, אַ פולן צימער אָנגעפּאַקט — אין ביכער־שאַפעס, אַפן טיש, אַפן בעט, און אַפילו אונטערן בעט, אין אָרדענונג און אין אומאָרדענונג ליגן.

ער האָט שוין געהאַלטן גאָר װײַט, אונדזער באַקאַנטער, און אָפט פלעגט ער שוין דעם קאָפּ און די אויגן אופהייבן צו דער סטעליע, װי אַ הון צום טרינקען, פון איבערגעפולטקײַט, פון איבערגעלאָדנקײַט, און אויך — כאַפּן אַ ציטער פון קעלט, װאָס איז אים דורך די ביינער אַדורך, דערמאָנענדיק זיך, צו װאָס ער דערנעענטערט זיך — אַז צו יענע צוקונפט־לײַט, צו די פאַרהוילענע און אין נעפּל־פאַרבלאָזענע ברוּים פון דעם הענגענדיקן לופט־שלאָס, װאָס פאַר זײַנע טרעפּ און פאַר זײַן צוגאַנג הערן זיך שוין די טרומייטנדיקע און שאַלנדיקע גינגאָלדענע פאַנפאַרן, װען מ'באַגעגנט זיי אָנקומען אָדער אַרויסקומען פון יענעם שלאָס.

ער האָט שוין געהאַלטן גאָר װײַט, אונדזער באַקאַנטער, און ניט האָבנדיק מיט װעמען זיך טײלן, מאַכמעס פון גרויסן ראָװ פּען־אוילעם האָט ער זיך, װי געזאָגט, געהאַלטן אָפּגעזונדערט — האָט ער דערום אויסדערװײלט און צו זיך דערנעענטערט אַמאָל אײנעם, אַמאָל אַ צװײטן פון די מער־װערטיקע פון זיי; װי אָט, לעמאָשל, דעם ליטעראַט, װעלכער האָט אונדז דערצײלט װעגן אים, — אַ מענטש אַליין מיט באַגאַבונג, אָבער נאָך מער מיט יענער פײַיִקײַט פון צו קאָנען פאַרערן יענעם, װעמען מ'האַלט פאַר עלטער און העכער פון זיך, — און פאַר אָט די אויסדערװײלטע, געצײלטע פלעגט ער פון

צײַט צו צײַט זײַן טיש־שופלאָד אופּעפענען, פון דאָרט זײַן ווערק ארויסנעמען און פאר זיי עפּעס פאָרלייענען.

פאר אלע אנדערע, ווי געזאָגט, ווידער, איז ער געווען אָפּגע־שלאָסן, ארויסגענומען און פארוקט באזעצט אין זײַן געוויסן אויבער־שטיבעלע, וואָס ער האָט אַף אלעמאָל באליבט און קיינמאָל ניט פאר־לאָזט, אפילו ווען די באלעבאטים פון וווינונג האָבן זיך פון איר ארויסגעצויגן. אזוי, אז די הויז־אייגנטימער האָבן שוין געוווּסט, אז יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן צו פארדינגען די וווינונג, דארפן זיי פריִער פארפעסטיקן די כאַזאָקע פון אונדזער באקאנטן אַף זײַן צי־מערל און אים איבערגעבן צום נײַעם שאָכן, ווי די ווענט פון וווינונג, ווי א טשוואָק אַף דער וואנט.

אָט אזוי האָט געלעבט, אזוי אויסגעזען און אזוי האָט זיך אופּ־געפירט אונדזער באקאנטער, זײַענדיק אלע יאָרן ביז איבערן קאָפּ אין זײַן ארבעט ארײַנגעטאָן און האָפנדיק, אז אָט־אָט וועט ער קומען צום געקרוינטן, צום געגארטן ברעג שוין, — ביז ס'האָט אויסגע־בראָכן די מילכאָמע פונעם 39־טן, ווען פוילן, ווי באוווּסט, האָט גע־ליטן א מאפּאָלע און אין מעשעך פון קורצע צוויי־דרײַ וואָכן איז זי צעריבן געוואָרן און מיט א מיליטעריש־געבראָכענעם רוקן געבליבן.

ווי אזוי די נײַע מאכט איז זיך דעמלט באגאנגען מיט דער גאנצער פּוילישער באפעלקערונג נאָכן זיג — איז באוווּסט, און מיט דער יידישער — אוודע און אוודע.

ווי אָט: באלד נאָך איר אָנקומען, אינעם פּוילישן שטעטל, ווו מײַן באקאנטער האָט געוווינט, ווי אין אנדערע שטעט און שטעטלעך, נאָך איידער זי האָט באוויזן דעם עמעס־ריכטיקן פּאָנעם, וואָס זי האָט שפּעטער איינגאנצן אָפּגעדעקט, איז זי אַף דערווײַל צום אָנהייב פון אלע אָנהייבן שוין ארוים מיט די געוויסע אויסנאַם־געזעצן פון אלטן מיטלאלטערלעכן קאָדעקס, אָנגעווענדט צו יידן — צוערשט מיט דער געוויסער אײַנריכטונג, מיט דער געטאָ, וווּהין אלע יידן איז באפוילן געוואָרן זיך אריבערקלײַבן פון אלע יענע ערטער און ראיאָ־נען, ווו זיי האָבן פריִער געוווינט, אין ספּעציעל באשטימטע קוואר־טאלן פאר זיי אויסגעטיילט; דערצו נאָך באשטעלט, באמויערט און ארומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט, לעבן וועלכן ס'האָבן באטאָג, בא־נאכט געוואכט סאָלדאטן מיט געווער אין האנט, עלעהיי א האָר זאָל אָפּגיין פון מיטלאלטער, ווען די טויערן פון געטאָ זײַנען באוואכט געוואָרן פון סאָלדאטן מיט אלעבארדן.

דעמלט איז פון שלימאזלדיקן ארכיוו ארויסגעצויגן געוואָרן אויך דאָס איבעריקע רומל אלטווארג, ווי: אז יידן טאָרן אָן קיין דערלויבע־ניש־שײַן ניט ארוים פון געטאָ, און ניט־יידן טאָרן ניט ארײַן אהין אָן קיין דערלויבעניש, אַף די שפּײַז־מערק, ביז די ניט־יידישע בא־פעלקערונג וועט ניט האָבן אויסגעקויפט אלץ, וואָס זי דאַרף, און ווען ס'בלײַבט שוין בלויז ברעקלעך, רעשטלעך און שיראַים; יידן טאָרן

ניט באקומען קיין מעדיצינישע הילף, קיינע מעדיקאמענטן, אפילע ניט קיין זייף, וועלכע די מאכט שפּאַרט און האלט פאר צו א גרויסן לוקסוס פאר אזוינע, וועמען זי האָט אויסגעטיילט און וויל זען פאר־מיִעסטע און פארשמוציקסטע, ביז זיי ניט צו פארגינען אפילע קיין וואסער אין דער געוונגנדיקער מאָס און לאָזט דאָס אָפּ אויך זייער און זייער שפּאָרעוודיק און באגרענעצט.

אונדזער באקאנטער האָט איצט געקראָגן א בוידעם־שטיבעלע אויף איינעם א הויכן עטאזש, אָבער שוין ניט, ווי פריִער, מיט קיין אויס־בליק אין הויף און אויף א פרעמדן דאך, נאָר אויף א ראשעדיקער טומל־דיקער גאס ארויס. ער האָט שוין ניט געהאט מיט וואָס קיין טויבן צו האָדעווען, ווייל ער האָט זיך אליין געניייטיקט און געמוזט אָנקומען נאָך הילף צו דער יִדישער קעהילע, וואָס אירע מיטלען זיינען אויך געווען ענג און באגרענעצט, מאכמעס פון אויסן האָט זי קיין שטיצע ניט באקומען און האָט זיך געמוזט שפּייזן פון אייגענע זאפטן, דאָס הייסט נעמען בא קלענערע קאפּצאָנים און אָפּגעבן צו גרעסערע...

אָבער אָט דאָס אלץ איז גאָרניט קעגן דעם, וואָס האָט אים פיל ערגערס געטראָפן ביים דער באָמבארדירונג — דאָס, וואָס א גרויסער טייל פון זיין באלד שוין אָפּגעפּארטיקט ווערק איז אים פארלוירן געגאנגען, און דאָס, וואָס אים איז געבליבן, שוין אויך קאליקעוואטע, צעשעדיקט — טייל פארנעצט, טייל צוגעברענט און פארסמאליעט.

דאָס האָט אים אינגאנצן צוגעפּלעטשט און אויס מענטש געמאכט, ניט זעענדיק קיין מעגלעכקייט זיך ווידער ווען אמאָל קאָנען נעמען פאר דעם און דאָס אופשטעלן, ניט פילנדיק אין זיך די פּייִקייט דער־צו, מאכמעס אי די יאָרן האָבן שוין ניט דערלויבט, אי ניט די באַ־דינגונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגערוקט, ווי א וויסטע כמארע.

דעמלט האָט מען אים שוין גאָר אָפּט געזען דעם קאָפּ און די אויגן צו דער סטעליע ארופגעהויבן, אָבער שוין ניט פון איבערפולט־קייט און איבערגעלאָדנקייט, ווי פריִער, נאָר פון פארלוירנקייט און פון זוכן א זין צו זיין דאָ זיין, וואָס ער האָט אים געפונען פאר איבעריק און ניט ווערט, ער זאָל צוליב אים די פיס שלעפּן. זיין פאר־טראָגנקייט, וואָס האָט אלעמאָל געמאכט זיינע אויגן זיך אריבערציִען מיט א ווייס־קאלעמוטנע, מילכיק־קאָליריק הייטעלע, האָט זיך איצט נאָך מער געשטאַרקט. אָבער ניט, ווי פריִער, פון דעם, וואָס ער האָט אלעמאָל אין דער ווייט אריבערגעקוקט און מיט א וואכן אויער געגלייבט שוין צו הערן דאָס טרומייטן און שאלן פון די פריידפולע פאנפארן, נאָר פון דעם, וואָס אלע זיינע קנופּן מיט דער וועלט שוין לויז און אופגעבונדן, און פון דעם ווידער, וואָס אויף איר ווירקלעכ־קייט איז ניט קעדיי צו קוקן.

אז ער האָט יאָ אמאָל דורכן פענצטער ארויסגעקוקט, האָט ער געזען ניט מער דאָס, וויאזוי יידן ווערן געיאָגט און געטריבן אלט און יונג, אויף דערנידערונג און שענדלעכקייט, און וויאזוי צום

פאַרגעניגן פון די פֿאָרשטייער פון דער מאכט אָדער אפילע בלויז צום
פאַרגעניגן פון פֿאָשעטע זעלנער, ווערט אמאָל אזא פֿאָרשטעלונג גע־
געבן, ווען אלע צוזאמענגעטריבענע און אין א גרויסער צאָל פאַר־
זאמלטע געטאָ־איַינוווינער ווערט באפוילן, זיי זאָלן זיך אפן גאס, אפן
טראָטואר אוועקלייגן און אזוי, זיך רוקנדיק, מיט זיך אליין און מיט
די מאלבושים זייערע פאַרקערן דעם שטויב און דאָס מיסט, ווי מיט
בעזעמער.
ער אליין איז שוין, זינט די מאכט איז אריַין, אין גאס ניט ארויס,
ניט וועלנדיק זיך באגעגענען מיט יענע, וואָס האָבן (צופעליק, וויַיזט
אויס) זיך אין אים ניט דערמאָנט, און אים דערוויַיל נאָך ניט אופגע־
פֿאָדערט; ער האָט זיך אָפּגעהאלטן פון זיך ווארפן זיי אין די אויגן
און זיך אָנצושלאָגן מיט זיי, ווויסנדיק, אז יעדער באגעגנטער געטאָ־
איַינוווינער איז אפילע אין דער ציַיט פון זייער ניט אָרנטלעכער
רישעס — א קאָשער געווינס אָדער בלויז פון אים כויזעק צו מאכן,
אָדער ערגער — אף אים אויספרוּוון די קראפט פון דער טרייפענער
האנט, ווי ווען מ׳שליַידערט א שטיין אין א טויטער ציל־ברעט.
ער איז, כוץ אייגענער געשלאָגנקיַיט, נאָך געווען געפּלעפט, דארף
מען פארשטיין, פון דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען, קוקנדיק דורכן
פענצטער, ווי אויך פון וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון באקאנטע,
וועלכע פלעגן אים באזוכן — עמעס, שיטערלעך, מאכמעס מ׳האָט
געשפּאָרט אן איבעריקן גאנג אין גאס, ווו ס׳איז אלעמאָל געווען
איַינגעשטעלט; און אויך פון וואָס ער האָט געהערט בא די באלעבאַ־
טים, בא וועמען ער האָט זיַין צימערל פארנומען, — מענטשן פון
פארשיידענעם נעכטן, פון פארשיידענעם שניט, געוווינשאפט, שטיי־
גער און ווילשטאנד, וועלכע זיַינען מיטאמאָל פון אלערליי ערטער
און שטאָט־ראיאָנען אהער, אין געטאָ, צוזאמענגעיאָגט געוואָרן;
מענטשן פון פארשיידענער דערציִונג, ווי פּויליש־ייִדישע אריסטאָק־
ראטן, האלב־ און גאנץ־ריַיכע, וועלכע האָבן זיך די ערשטע ציַיט וויַיט
געהאלטן פון דער ייִדישער גרונט־מאסע און ניט געוואָלט שאָלעם
מאכן מיטן אלגעמיינעם גוירל, וואָס האָט אלעמען פאריייניקט אין איין
צאָרע, אין איינע שמוציק־צונויפגעדריקטע וווינונג־באדינגונגען;
אָבער וואָס פאמעלעך־פּאמעלעך האָבן זיי זיך יאָ געוווינט, יאָ שאָלעם
געמאכט, און סאָפּקאָלסאָף האָבן זיך גענומען צונויפגיין, זיך פאַר־
שטענדיקן אף פארשיידענע פּריִער־אָפּגעפרעמדטע שפּראכן און זיך
קלאָגן אין איין קאָל. „צאָ טאָ בענדזשי?! צאָ טאָ בענדזשי?!״ —
האָבן זיך געקלאָגט די פּויליש־ריידנדיקע. „וויי, וויי, סארא אומגליק
אף אונדז אָנגעשיקט!״ — האָבן זיך זיי אנטקעגן געקלאָגט די אלע־
מאָל ייִדיש־ריידנדיקע ייִדן.
וויַיל יאָ, די ווירקלעכקיַיט האָט אויסגעגליַיכט, פאריייניקט און
צוזאמענגענומען אונטער איין אומגליק — דאָך, אָן קיינע מעיוכאָ־
סים, אָן קיינע אויסנאמען און אָן שום אויסגעטיילט זיַין צום בעסערן

און צו געפינען מער כיין אין די אויגן פון דער מאכט, וואָס האָט שוין איבער אַלעמענס קעפּ געלאָזט אומשוועבן דעם באַלד־אָנקומענדיקן אורטייל, וועלכן זי האָט נאָך דערווײַל אין בוזעם פאַרשטעקט געהאַלטן.

אונדזער באַקאַנטער האָט שוין געהאַלטן באַ אַזאַ שטאַנד, אַז ער האָט גאָרניט געדענקט פּירצונעמען אַף אַרויסצוקומען פון אָט דער לאַגע — ניט ווי אַנדערע, מער יִינגערע און אונטערנעמונגספּייִקע, וועלכע האָבן זיך געריסן פון דער געטאָ, מיינענדיק גאַנוועגען די מיזרעך־גרענעץ און זיך אַריבערפּעקלען אַהין, אַף דער סאָוועטישער ערד, ווו ס׳איז פאַרגעשטאַנען אַ רעטונג. ער — ניט, אי מאַכמעס שוין אַלט און לאַכלוטן ניט פּייִק אַף אַזוינס, אי דעריקער, ווײַל ס׳איז אים אַלציינס געווען: ניט — ניט, פון גלײַכגילט און גײַסטיקער אָפּגעלאָזנקײַט.

ער פלעגט שוין גאַנצע טעג ליגן אויסגעצויגן אַף זײַן בעטל, מיט די אויגן צו דער סטעליע געווענדט, ניט וואַרטנדיק אַף קיין יעשועס, וועלכע קאָנען אַמאָל אומגעריכט טרעפן, און אויך אפילע ניט אַף דער הילף פון דער קעהילע, וועלכע איז אים אָפּגעלאָזט געוואָרן זייער שפּאָרעוודיק, און וואָס מאַכמעס מאַנגל אין מיטלען פלעגט זי דערנאָך אַף פיל פאַרשפּעטיקן און ער פלעגט בלײַבן טעגווײַז אָן גאָרניט. ער האָט ניט געוואַרט, ניט אַרויסגעקוקט אַף איר, ווײַל זײַן באַדאַרף אָן אײַנגעשרומפּענער און ווײַל ביכלאַל האָט ער געטראַכט, אַז אומזיסט ווערט זי אים דערלאַנגט, די הילף, — אים, וואָס ער נעמט זי אוועק באַ אַזוינע, וואָס נייטיקן זיך אין איר מער, ווי ער, ווײַל זיי זײַנען יִינגער, געזינטער, זייערע באַדערפענישן גרעסער און דערפאַר אויך מער באַרעכטיקטער.

שוין ניט האָבנדיק אין זינען ניט זיך און קימאַט אפילע ניט דאָס ווערק, וואָס איז אים געבליבן פון מאַזל באַרויבט, האָט ער געפּויעלט באַ זיך אָט אַזוי אָפּן בעטל ליגן, אויב מ׳וועט אים ניט אַראָפּבעטן פון דעם, ביז ער וועט זיך אויסוואַרטן אָפּן געוויסן גאַסט, וואָס ער קאָן קומען אים באַפוילן אי ווי אַן אַלטן, אי ווי אַזאַ, וואָס דער אינטערעס האָט זיך אים אויסגעלאָזט צו אַלדאָס, פאַרוואָס אַנדערע קלאַמערן זיך און ווילן זיך מיט די לעצטע קויכעס אין דעם אָנהאַלטן.

און אָט אַזוי האָט ער טאַקע איינמאָל זיך אויסגעדריקט פאַר זײַנע באַקאַנטע, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, טרעפנדיק אים ליגן אין בעט: „ווען דער מאַלעך־האַמאָוועס, האָט ער געזאָגט, זאָל זיך צו אים אַרײַנשטעלן אָן פּאַראַד און אָן איבעריקע טאַראַראַמען און פאָדערן וואָס ס׳קומט אים, וואָלט ער דאָס אים גערן אַנטקעגן געטראָגן, מיט דער פולסטער האַסקאָמע און אָן אַ וואָרט צו זאָגן. פאַרקערט: אַ דאַנק... גאָט האָט געגעבן, גאָט — גענומען, און זאָל זײַן נאָמען זײַן געבענטשט פאַר די פיל טויוועס, פון וועלכע ער האָט אַף זײַן לעבן

גענאָסן: פאר די פילע שיך, וואָס ער האָט צעריסן, און פאר די קוגלען, וואָס ער האָט פארצערט".

ס'איז געווען אזא לאגע, אז זיי, זײַנע באקאנטע, אז זיי האָבן פון אים אָט די רייד פארנומען, האָבן אים מיט גאָרניט דערווידערט, ניט איבערגעשלאָגן און ניט געפרואווט אים אָפּריידן, ווי אַן אנדערשמאָל, ווען מ'הערט אזוינס פון עמעצן און ס'קלעקט מוט, אימפּעט יענעם אין זײַן פאלש צו איבערצײַגן און אים דערווײַזן, אז ער איז ארופגעטראָטן ניט אַף קיין ריכטיקן וועג. איצט — ניט. מ'איז אליין אויך ניט ווײַט געווען פון צו טראכטן אין אָט דער ריכטונג, און מ'האָט אים, שטילערהייט, ווי דעם גערעכט אָפּגעגעבן.

מ'האָט באמערקט, ווען מ'פלעגט אים צו יענער צײַט באזוכן, ווי ער ווארפט עפּעס צו אָפטע פארבאָרגענע בליקן אַף די אָפּגעבליאקעוועטע און פון צײַט פארטונקלטע בילדלעך אַף זײַן טיש, מ'פלעגט אים אויך אמאָל טרעפן בא זײַן טיש איבער עפּעס צעשויבערטס, האלב פארנעצטע, האלב פארסמאליעטע בלעטלעך זיצן, און ווען ער פלעגט דערהערן, אז מ'גייט, מ'קומט אָן צו אים, אזוי פלעגט ער זיך אופכאפּן און אפגיך זיך אָפּרײַסן פון דער מעלאָכע, גלײַך מ'וואָלט אים געכאפּט בא אַן אווירע, בא א פארבאָטענער זאך, פאר וועלכער מ'דאַרף זיך שעמען.

ער האָט אָפט דעמלט, דערציילט דער ליטעראט, שוין ניט נאָר געשעפּטשעט צו זיך אליין, נאָר גערעדט הויך אפן קאָל, ניט נאָר בלײַבנדיק אליין, נאָר אויך אין דער אָנוועזנהײַט פון באזוכער, ווען מ'פלעגט פירן אַן אלגעמיינעם געשפּרעך, און ווען ער פלעגט זיך מיטאמאָל אויסשליסן פון אלגעמיינעם און נעמען ריידן אזוינס, וואָס האָט צו אנדערע קיין שײַכעס ניט און גלײַך קיינער איז אין צימער ניטאָ און מ'הערט אים ניט.

ער האָט שוין דעמלט ביכלאל אויסגעזען, ווי א האלב־דולער, וואָס פירט אַן אייגענעם כעזשבן מיט זיך... ס'האָט זיך געפילט, אז ער ווארט אַף עפּעס זייער וויכטיקס, ווי ערעוו יאָמטעוו אַף יאָמטעוו, גרייט זײַענדיק, אפּאָנעם, אופצונעמען יענעם געוויסן גאסט, וואָס אז ער וועט אים טרעפן מיטן אויסגעצערטן גוף אויסגעצויגן אפן בעטל ליגן, וועט ער נאָר א קליינע האנט דארפן צולייגן, אז ער זאָל אים ארײַנבאקומען, א נאָכגעגעבענעם, געשטילטן און אינגאנצן א זײַניקן. מ'האָט דאָס געזען בעכוש, ווי יעדעס מאָל, ביים סאמע אינמיטן א געשפּרעך, פלעגט ער א דריי אוים טאָן דעם קאָפּ צו דער טיר — מיט אזא פארינטערעסירטן בליק, גלײַך אָט באלד דאַרף זיך פון דאָרט טאקע באווײַזן דער, וואָס איז אים איצט אמווויכטיקסטן און אים סאמע געוווּנטשנסטן.

די באלעבאטים פון דער וווינונג האָבן דערציילט, אז ווען שטובלײַט פלעגן זיך צו אים דעמלט ארײַנשטעלן, אים באהילפיק זײַן מיט וואָס נייטיק איז, אזוי פלעגן זיי אים אמאָל טרעפן זיך אָנטאָן צום

אוועקגיין, מיט אזא אויסזען, גלײַך ער װאָלט לאנג געהאט געוואָרט אַף עמעצן און, זיך ניט אויסוואַרטנדיק, זיך אים אנטקעגנגעלאָזט, פארגעסנדיק, אז יעדער גאנג אין גאס איז פארבונדן מיט סאַקאָנע, ביפראט פאר אזא, ווי ער, וואָס קאָן פון א ליאדער באַגעגעניש, פון א מינדסטן שטויס געשעדיקט ווערן. מ׳האָט דאָס אים געדארפט דער־מאָנען און אים אָפּציִען פון זײַן באשלוס, וועלכן ער האָט אָנגענומען אין גרויס פארטראָגנקײַט, ווײַזט אויס, און פון פארגעסן די נויט־לאגע, אין וועלכער מ׳געפינט זיך.

און דאָ, איידער מיר גייען איבער צו דערציילן, וואָס ס׳איז מיט אים אין גאס, מיט דער מאכט זיך טרעפנדיק, געשען, און וואָס מיר זאָגן פריִער, אז דאָס איז גול און נישטיק קעגן אלעם דעם, אַף וואָס יענע מאכט האָט זיך שפּעטער ארויסבאוויזן פּייִק.

און ס׳איז געווען, ווי נאָר ער איז ארויס פון הויז און געמאכט איניקע שפּאן, פארבײַגייענדיק נאָך א פּאָר שכיינעסדיקע הײַזער, אזוי האָט ער זיך פּלוצלינג אָנגעשלאָגן אַף א גרופּע מאכטהאָבער אין דער פּערזאָן פון פּאָשעטע זעלנער, בעראָש מיט איינעם, וואָס האָט זיך ארויסבאוויזן פאר זייערן אן עלטסטן.

ס׳איז ווײַטער געווען: אז ווי נאָר יענע האָבן אים באמערקט אין זײַן מאָדנער האלבאָשע — אינעם געווייסן קאפּעליושל מיט די קורצ־לעכע ראנדן, וואָס ער האָט עס אלע מאָל אויסגעזוכט אין די הוט־מאגאזינען פון צווישן ליגער־ און אויס־מאָדע־סכוירעס, אויך אינעם הענג־מאנטל, וואָס ער האָט אים שוין געוויס פיל מאָל געביטן פון אלט אַף נײַ, אָבער וואָס זײַן פאסאָן איז געבליבן דער זעלבער און האָט אים איצט געמאכט אויסזען ענלעך אַף אן אלטן, אָפּגעפּאָרענעם, אָפּגעריבענעם אקטיאָר; מיט די אָנגעקוטשערובעטע האָר אַף זײַנע בײדע זײַטן קאָפּ, מיט די אויסגעגריבלטע באקן — מער ביין, ווי הויט, און מיט די פארזשמורעטע אויגן, אי פון עלטער, אי פון לאנג אין שטוב זיצן און אין דרויסן זיך ניט ווײַזן, — ווי נאָר מ׳האָט אים דערזען, אזוי האָט זיך די גאנצע גרופּע זייעריקע פארהאלטן און זיך א שטעל אָפּ געטאָן, דערפילנדיק אין אים א פּארשוין, וואָס קאָן שאפן יענץ ביסל פריילעכקײַט, אין וועלכן ס׳נייטיקט זיך אזא סאָרט קאָמפּאניע, נאָך א זאט עסן אמאָל, ביים א שפּאציר, אָדער גלאט ווען מ׳איז אופגעלייגט און ס׳גלוסט זיך א שפּאס טאָן.

דעמלט איז דער עלטסטער צו אים צוגעגאנגען און, קומענדיק אים הארט פאר זײַן פּאָנעם, האָט א זאָג געטאָן:

— ווער ביסטו, דו פלעדערמויז?

— איך? — האָט אונדזער באקאנטער, דערזעענדיק, פאר וועמען ער איז שטיין געבליבן און פון וועמען פארהאלטן, פארבײַ אויער יענעמס זידלווערטער ארויסגעלאָזט און געענטפערט ערנסט, ווי אַף אן ערנסט:

— איך — א ליטעראט.

— אזוי, א שריפטשטעלער, הייסט עס, — האָט זיך דער עלטסטער, וואָס האָט דאָס וואָרט גענומען פארן גאנצן בינטל זייַניקע, זיך ארויסגעוויזן פאר א ווילקענעווודיקן, און האָט אויך דעם ווייַטערדיקן געשפּרעך געוואָלט פירן און פאָרזעצן פאר אלע. — נו, און קיין קלאָון קיינמאָל ניט געווען? אין קיין צירק ניט געדינט?

— ניין, — האָט געזאָגט אונדזער באקאנטער.

— איז זאָל ער איצט!

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, זיך איבערקוליען, זיך ברעכן און באווייַזן דאָס אופלויכטנדיקע לעמפּעלע אין זייַנע פּאיאצן־הויזן פון זייַן פונהינטן.

— וואָס מיינט דער הער אָפּיצער? — האָט אונדזער באקאנטער מיט די אקסל געקנייטשט, ניט פארשטייענדיק. — כ׳קאָן דאָס ניט, כ׳בין ניט דער מענטש...

— אָבער שנעל! און אויב ער קאָן ניט, וועט ער אים לערנען, — ווער? — דער הער אָפּיצער, וואָס גלייַך איז אים דער קאָפּ פון די אויגן אין פּאָנעם אריַין און פון דאָרט אין דער רעכטער האנט, וועלכע האָט זיך אויסגעשטרעקט און צום באקאנטנס קאָפּ זיך דערנענטערט.

ער האָט אים שטיל, פּאמעלעך אָנגענומען מיט צוויי פינגער פאר זייַן רעכטן אויער און שווייַגנדיק, אָן א וואָרט צו זאָגן, אים גענומען ציִען אראָפּ, אראָפּ, אזוי לאנג, אז דעם באקאנטנס קאָפּ און גאנצער קערפּער האָט געמוזט נאָכגעבן, זיך בייגן און נאָכציִען, געפינענדיק זיך אין קלעם און ווי אין אייַזערנע צוואנגען צווישן יענעמס פינגער.

ער האָט אים אזוי לאנג געצויגן, ביז ער האָט אים געמאכט אָנרירן מיטן מויל דעם טראָטואר, אף וועלכן ער מיט זייַן קאָמפּאניע האָבן זיך געפונען, און דעמלט האָט ער א זאָג געגעבן:

— בוק זיך פאר די נאציָאנאל־גענאָסן.

ס׳איז אים ווייניק געווען, האָט ער אים, אָט אזוי ציִענדיק, צוגעשלעפּט צום ברעג פון טראָטואר, ווו ס׳איז געשטאנען אָדער גערונען א שמוציקע גאס־ריטשקע, און אים געצוווּנגען דאָס מויל, דאָס פּאָנעם, די אויגן ביז דעם שטערן אין איר אייַנטונקען.

איז דאָס אים נאָך אלץ ווייניק, איז ווי יענער איז אזוי געבליבן אָן אָנגעבויגענער, א דערנידעריקטער און פארשעמטער, האָט דער עלטסטער, צו באקרוינען זייַן פארשעמטקייַט, דעם טייל הענג־מאנטל, וואָס אף זייַן רוקן, אים אופגעהויבן און מיט איר זייַן קאָפּ אים איבערגעדעקט, און ווענדנדיק זיך צו זייַנע מיטכאווייִרים, צו די זעלנער, וואָס זייַנען די גאנצע צייַט געשטאנען און די שפּיל צוגעקוקט, האָט א זאָג געגעבן:

— קוקט, נאציָאנאל־גענאָסן, קוקט, זאָגט: ס׳לויכט, צי ניט?

— ניין, ניט... — האָבן יענע קלוימערשט, קוקנדיק אהין, ווּוהין

ס'איז זיי אָנגעוויזן געוואָרן, אויסגעשריִען, און פון פריילעכקייט, ווי די פערד, זיך צעהירזשעט.

— ניט? באלד!..

און דאָ האָט דער עלטסטער מיט א הארבן און שארפן שטיוול־שפּיץ דערלאנגט אונדזער באקאנטן, ־ גאָרניט אין קיין גוט אָרט און גאָרניט אין קיין שיין אָרט, אזא סאָרט זעץ, אז ס'האָט זיך ווירקלעך טאקע צעלויכטן, — עמעס, ניט קיין לעמפּעלע, נאָר א גאנצער לאָמפּ, — עמעס, אויך ניט דאָרט, ווו דער עלטסטער האָט זיינע מיט־כאווײרים אָנגעוויזן, נאָר אין די אויגן פון אונדזער באקאנטן, וואָס האָבן פּלוצלינג אופגעבליצט און דערנאָך שטארק פארפינצטערט גע־וואָרן, און דעמלט האָט ער א פאל געגעבן אן אונטערגעהאקטער, א פארטויבטער, א פארבלענדטער און געווים שוין ניט בעקויעך אליין זיך אופצוהייבן.

יאָ... און אז יענע זיינען אוועק, נאָך דעם, ווי זיי האָבן אָפּגע־טאָן זייער שיין שטיקל ארבעט, וואָס אלע בייזוייענדיקע האָבן דערצו גאָרניט געקאָנט זאָגן, זיך ניט קעגנשטעלן, מוירע האָבנדיק זיך אריינצומישן און אפילע נאָענט צום אָרט צוגיין; נאָך דעם, ווי יענע זיינען אוועק, אזוי האָבן גאָס־מענטשן דעם באקאנטן פון זיין ארומגעוואלגערטקייט און כאלאָשעס אופגעהויבן און פירנדיק אים אונטער די הענט, ביז זיין הויז געבראכט, אויך אפן אייבערשטן עטאזש אופגעהויבן און דערנאָך אים אין צימער אפן בעט, א שווייגנ־דיקן, א בלאסן און א האלב־טויטן אוועקגעלייגט...

ער איז געלעגן מיט געשלאָסענע אויגן, אָן א וואָרט צו זאָגן — ניט די שטוב־לייט, וועלכע זיינען זיך אָנגעלאָפן און אים געוואָלט העלפן, ווי אויך ניט די מעקוראָווים און באקאנטע, וואָס געוויר־ווערנדיק וועגן דער מייסע, זיינען זיך צונויפגעקומען און ארום זיין בעטל זיך פארזאמלט.

ער האָט שוין קיין עסן ניט אָנגענומען ניט דעם ערשטן טאָג, אויך ניט שפּעטער, און ווען מ'האָט אים דערלאנגט, האָט ער דאָס מיט א ווונק ווי אָפּגעשארט און געהייסן פארנעמען. ער האָט קיין דאָקטער־באזוכן ניט דערלאָזט, ווידער ווינקענדיק: ניין, ס'איז איבע־ריק.

אז ער האָט איצט ווען יאָ אמאָל די אויגן געהאלטן אָפן, האָט מען באמערקט, ווי ער האלט זיי איצט ניט, ווי פריִער, צו דער טיר געווענדט, נאָר צום פענצטער, וואָס מ'ווייסט ניט פארוואָס ס'האָט אים אהין עפּעס געצויגן.

ניט דערוואַרטנדיק זיך אויך איצט אפן געגארטן גאסט, אף וועלכן ער האָט ארויסגעקוקט די ערשטע טעג נאָך דעם, ווי די אויבנדער־מאָנטע מייסע איז געשען, האָט ער, ווייזט אויס, באשלאָסן יענעם דעם וועג פארשפּאָרן.

באַלעבאַטים פון זײַן וווינונג האָבן דערציילט, אַז אַ נאַכט פריִער, איידער ער האָט זײַן באַשלוס אויסגעפירט, האָט ער זיך אַפילו פון בעטל אַראָפּגעשלעפּט און זיך לאַנג אומגעדרייט אַף עפּעס פאַרטרוימטע פיס, ווי אַ לעוואָנע־וואַנדערער, ווען אַ פרעמדער קוויעך פירט אים. ער האָט יענעם אָוונט, האָבן זיי ווײַטער דערציילט, ווידער עפּעס „געזאָגט" און באַנאַכט געזונגען.

און אינדערפרי האָט דאָס געטראָפן.

מיר זײַנען ניט געווען דערבײַ, נאָר מיר שטעלן זיך דאָס פאָר בערעך: ער האָט צוערשט געביטן וועש, וואָס דאָס איז געווען צו זען פונעם אויסגעטאָנענעם, וואָס איז דערנאָך נאָך אים אַף אַ בענקל ליגן געבליבן. ער האָט זיך אָנגעטאָן ווי צום אוועקגיין: אינעם הענג־מאַנטל. דעמלט האָט ער זיך מיטן פּאָנעם צו זײַן טישל געשטעלט, געווענדט צו די צוויי בילדלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, און זיך מיט זיי שטיל־שווײַגנדיק געזעגנט, אָדער — אָדער: אָדער אַ טרער לאָזנדיק, אָדער שטייענדיק פאַרגליווערט.

און שוין: דעמלט האָט ער פון שופלאָד דאָס נישער־ווערק אַרויסגענומען און מיט דעם צום פענצטער צוגעגאַנגען, דאָס געעפנט און גענומען צינדן איינציקע בלעטלעך און גאַנצע פּעק, און אָנגעצונדערנערהייט אין דער לופט אוועקגעלאָזן. גלײַך דעמלט האָט ער זיך אַליין אַפן שוועל פענצטער אַרופגעשטעלט און אַ קליינע ווײַלע זיך דאָרט אופגעהאַלטן. און באַלד האָבן מענטשן פון גאַס, אָדער פון אַנטקעגנערדיקן טראָטואַר דערהערט אַ געשריי, וואָס ווען מ'וואָלט דאָס דערהערט דײַטלעך, וואָלט מען, מעגלעך, פאַרנומען די ווערטער „היה, הוה ויהיה", וועלכע יענער האָט געווים, זײַענדיק צעמישט, ווי אַ מין שמאַ־יִיסראָעל פאַרן טויט פון מויל אַרויסגעלאָזט. דײַטלעך אָבער האָט מען ניט געהערט, נאָר אַ געשריי, ווי פון אַ פויגל, וואָס פאַלט אַרונטער אונטער אַ ראָד אַ צעקוועטשטער. און דעמלט ווידער, און צוזאַמען מיט אָט דעם געשריי, האָט מען פּלוצלינג פון הויכן עטאַזש און פון הויכן פענצטער פון צימער פון אונדזער באַקאַנטן דערזען, ווי צוזאַמען מיט עפּעס ברענענדיקע בלעטלעך, וואָס זײַנען זיך פון פענצטער אין די פאַרשיידענע לופט־זײַטן צעפלויגן, האָט זיך ראַפּטום־שווער און שווינדלענדיק געלאָזט פליִען ווי עפּעס אַ צעבלאָזענע זאַך מיט זעגלען — אַ זאַך, אַ מענטש, אָדער אַ פויגל, וואָס באַלד האָט מען זיך איבערצײַגט, אַז די זאַך איז קיין זאַך, דער פויגל קיין פויגל, ווײַל — באַלד האָט אַ מענטש, שוין ניט קיין מענטש, אַפן טראָטואַר אַ פּראַל געטאָן און מיט זײַן גאַנצער שווערקײַט און מיטן גאַנצן גוף צעשמעטערט... מ'האָט אַ געשריי אַרויסגעלאָזט, פאַר די קעפּ זיך געכאַפּט, זיך צעלאָפן, דערנאָך זיך צונויפגעגאַנגען און אַרום געפאַלענעם זיך פאַרזאַמלט.

דאָס איז אונדזער באַקאַנטער שוין אַ צעשפּרייטער, אַן אוועקגעוואַלגערטער, אַ טויטער אַף דער ערד געלעגן, מיט האַק־פּאַק, מיט זײַן

אָנטאָן, מיט זײַן הענג־מאַנטל, וועלכן ער האָט אַף אַלעמאָל באַליבט און אַפילע באַם טויט זיך מיט אים ניט געקאָנט שיידן.

און שוין, אַז דער ליטעראַט און אַנדערע באַקאַנטע פֿון אונדזער באַקאַנטן האָבן זיך דערפֿון דערוווּסט, און ניט באַלד, נאָר שפּעטער אין יענעם טאָג צו יענעם אָרט זיך געלאָזט, ווו דער באַקאַנטער איז אַנידערגעפֿאַלן, האָבן זיי אים שוין ניט געטראָפֿן אַפֿן אָרט, ווײַל מ׳האָט אים שוין פֿאַרנומען, ווו מ׳דאַרף, און דאָס איינציקע, וואָס זיי איז געבליבן, איז אויסצוגעפֿינען איינציקע בלעטלעך, וואָס זײַנען ברענענדיקע אין פֿאַרשיידענע זײַטן זיך צעפֿלויגן, און וואָס מערסטנס האָבן שוין אַנדערע, זײַטיקע, גאַס־מענטשן, בלויז פֿון נײַגער, צונויפֿגענומען. ווייניק האָט זיך שוין געלאָזט, גאָר ווייניק איז אַף זייער כיילעק אויסגעפֿאַלן. און דאָס, וואָס זיי איז געלונגען, האָט דער ליטעראַט, ווען ער איז צו אונדז אַריבערגעקומען, מיט זיך מיטגעבראַכט, און דאָס האָט ער מיר געוויזן, און איך האָב מײַן באַקאַנטנס קסאַוו דערקענט, און דעמלט האָב איך זיך פֿאַר דער אַרבעט גענומען, וואָס ווערט דאָ דעם לייענער דערלאַנגט. — ערע זײַן אָנדענק!

מאָסקווע, פֿעוורал 1944

אינהאלט

זײַט

מ. בעלענקי. א וואָרט וועגן דעם ניסטער 5
מײַלעך מאגנוס 17
פלאָרא 98
ווידערוווּקס 160
העשל אנשעלעס 182
מײער לאנדשאפט 197
ריווע יאָסל בונציעס 216
מײַן באקאנטער 236

Дер Нистор

ПОРОСЛЬ

М., «Советский писатель», 264 стр. Тем. план вып. 1969 г. № 210. Художник *В. В. Лакшин.* Редактор *М. С. Беленький.* Худож. редактор *Е. Ф. Капустин.* Техн. редактор *Т. С. Ступникова.* Корректор *А. Б. Стрельник.* Сдано в набор 3/I 1969 г. Подписано к печати 24/VI 1969 г. А 06837. Бумага 84×108¹/₃₂ № 1. Печ. л. 8¹/₄ (13,86). Уч.-изд. л. 15,10. Тираж 8000 экз. Заказ № 999. Цена 59 коп. Издательство «Советский писатель». Москва К-9, Б. Гнездниковский пер., 10. Московская типография № 7 Главполиграфпрома Комитета по печати при Совете Министров СССР, пер. Аксакова, 13.